STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03461

PROKIM YIDISHE GESHIKHTE

Symcha Lew

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פארלאג
שולזינגער ברידער

פרקים יידישע געשיכטע

CHAPTERS
in Jewish History

Social and National Movement among the Jews of Poland and Russia during the years 1897—1914

BY

SYMCHA LEW

SHULSINGER BROTHERS, PUBLISHERS
BROOKLYN, N. Y. 1941

שמחה לעוו

פּרקים יידישע געשיכטע

סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע
באַוועגונגען ביי יידן אין פּוילן
און רוסלאַנד פון 1897 ביז 1914

פאַרלאַג שולזינגער ברידער

ברוקלין, ניו-יאָרק
1941

Copyright 1941
by
SYMCHA LEW

געזעצט פון מחבר

PRINTED IN THE UNITED STATES OF AMERICA BY
SHULSINGER BROS. LINOTYPING & PUBLISHING CO.
1001 SUTTER AVENUE, BROOKLYN, N. Y.

פאָרוואָרט

די גאַנצע אַרבעט „פּרקים יידישע געשיכטע“ נעמט אַרום דעם פּעריאָד פון 1897 ביז 1914, און איז איינגעטיילט אין 3 ביכער. דאָס ערשטע בוך נעמט אַרום די יאָרן פון 1897 ביז 1903, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר, לויט מיין מיינונג, אַן אָפּגעשלאָסענע געשיכטלעכע גאַנצקייט.

בלויז אין די פּרקים וועגן דער „פרעסע“ און „הזמיר“ דערגיי איך ביזן יאָר 1906, ווייל אַזוי פאָדערן די באַהאַנדלטע ענינים און איך האָב ניט געוואָלט איבעררייסן זיי צוליב כראָנאָלאָגישער „אויסגעהאַלטנקייט“.

די אַרבעט איז געבויט אויף אַ גאַנצער ריי מקורים, היסטאָרישע אַרבעטן, מעמואַרן וכדו׳. די ביבליאָגראַפישע פּאַררופונגען ווערן אויפן אָרט אָנגעגעבן. איך האָב, אין אַ גרויסער מאָס, זיך באַנוצט מיט אַרכיוו־מאַטעריאַלן פון וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר, וואָס ווערן דאָ צום ערשטן מאָל פאַרעפנטלעכט.

איך האָב זיך באַמיט צו געבן די אַרכיוו־מאַטעריאַלן אין אַ פּינקט־לעכער איבערזעצונג. איך האָב געהאַלטן, אַז מען דאַרף די דאָקומענטן איבערגעבן ווי־וויט מעגלעך טריי, און איך האָב דעריבער אָפט מקריב געווען די האַרציקייט פון דער יידישער שפּראַך, כדי איינצוהאַלטן דעם כאַראַקטער פון טרוקענעם רוסישן קאַנצעלאַריע־לשון. אַלע דאָקומענטן, וואָס זיינען געבראַכט אינעם בוך, זיינען געשריבן אין רוסיש און די איבער־זעצונג אין יידיש געהערט דעם מחבר. אָפט באַנוץ איך אווע״ג, וואָס עס מיינט אַרכיוו פון וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר. דער אַרכיוו האָט זיך געפונען אין דעם פּוילישן „אַרכיוואום אַקט דאַווניך“, אויף יעזויִצקע גאַס נומער 1, אין וואַרשע. איך דריק דאָ אויס מיין דאַנק פּראָפעסאָר מ. באַלאַבאַן, וואָס האָט מיר געהאָלפן צו באַקומען די דערלויבעניש אויף אַרבעטן אין אָט־דעם אַרכיוו.

די אינפאָרמאַציע וועגן דעם, אַז כאַדאַק איז געווען אַ לערער אין זאַמאָשטש, האָב איך צו פאַרדאַנקען ד״ר י. שאַצקין.

ש. ל.

אינהאַלט:

אַרייַנפיר 13

ערשטער קאַפּיטל

די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע באַדינגונגען פאַר דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַוועגונגען 27

א) עקאָנאָמישער אויפשטייג פון רוסלאַנד, 28; ב) ווירקונג פון עקאָנאָמישן אויפשטייג אויף דער יידישער סביבה. די אַרבעט־תנאים אין יידישע פאַבריקן, 30; ג) סאָציאַלע גלידערונג פון דער יידישער באַפעלקערונג און פאַרדינסטן אין יידישע פאַכן, 33; ד) נאַציאָנאַלע שטרעמונגען צווישן דער רוסיפיצירטער יידישער אינטעליגענץ, 38; ה) דער רוסיש־יידישער אינטעליגענט אין דער נייער סביבה, 39; ו) די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג, 41; ז) די פּאָליטישע באַוועגונג — אַ רעזולטאַט פון דער עקאָנאָמישער, 42; ח) צאַרישע מעטאָדן אין קאַמף מיט דער שטרייק־באַוועגונג, 44; ט) סאָציאַלע פאָלגן פון די צאַרישע רדיפות, 45; י) רעזומע, 47.

צווייטער קאַפּיטל

די סאָציאַליסטישע באַוועגונג צווישן יידן (1897—1903) 50

1) שטרייק, אָדער קאַמף־קאַסעס, 50; 2) די פּאָליטישע טעטיקייט פון „בונד" אין די יאָרן 1897—1988, 52; 3) מעטאָדן פון „עקאָנאָמישן טעראָר", 54; 4) דער שטרייק ביי די וואַרשעווער שאַכטל־אַרבעטער, 58; 5) די אַרבעטער שיקן אַן אָנקלאַגע צום וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר, 60; 6) די פּאָליטישע ירושה, 62; 7) פּראַקטישער נאַציאָנאַליזם, אידעאישע אַסימילאַציע, 65; 8) אין געראַנגל פאַר אַ נאַציאָנאַלער פּראָגראַם, 67; 9) קריזיס־יאָר 1899, 72; 10) דער לאָזונג פון גאַסן־דעמאָנסטראַציעס, 75; 11) דער קאַמף אַרום דער נאַציאָנאַלער פראַגע, 80; 12) די נאַציאָנאַלע פראַגע אויפן פערטן צוזאַמנפאָר פון „בונד", 86; 13) גאַסן־דעמאָנסטראַציע, בערזע און דער קריזיס פון טעראָריזם אין „בונד", 89; 14) די ווילנער עקזעקוציע און אירע רעזולטאַטן, 97; 15) די פינפטע קאָנפערענץ פון „בונד" און די רעזאָלוציע וועגן אָרגאַניזירטער נקמה, 102; 16) „בונד" — אַלס זעלבסט־שטענדיקע פּאַרטיי, 104.

דריטער קאַפּיטל

ריכטונגען און עוואָלוציע פון ציוניסטישן געדאַנק אין רוסלאַנד 109

1) אחד־העמס שטעלונג צום באַזעלער קאָנגרעס, 110; 2) גייסטיקער ציוניזם, 113; 3) „אַלטע" און „נייע" ציוניסטן, 115; 4) די גרונט־שטריכן פון אחד־העמיזם, 117; 5) די שטעלונג פון די ציוניסטן צו רעליגיע, 119; 5) די ערשטע ראַיאָן־קאָנפערענץ פון די ציוניסטן אין ווילנע, 123; 6) נ. סאָקאָלאָווס פּאָזיציע אין ציוניזם, 124; 7) דער רבנים צוזאַמענפאָר, 126; 8) דער מינסקער צוזאַמענפאָר פון די רוסישע ציוניסטן, 128; 9) די „דעמאָקראַטישע פראַקציע" און איר אידייען־דעקלאַראַציע, 129.

פערטער קאַפּיטל

באַציאונג פון דער רוסישער מאַכט אין פּוילן צו דער
ציוניסטישער באַוועגונג 134

1) דער דורכגעפאַלענער קרייז „תחיה" אין יאָר 1900, 135 ; 2) די יאַסינאָווסקי־פּאַדלישעווסקי ביטע וועגן דערלויבן לעגאַל צו פּראָפּאַגאַנדירן די אידייען פון ציוניזם, 140 ; 3) די לעגאַלע עקזיסטענץ פון ציוניזם אין פּוילן, 148 ; 4) פּלעוועס געהיימער צירקוליאר וועגן דער ציוניסטישער באַוועגונג און די ראַפּאָרטן פון די גובערנאַטאָרן וועגן דער ציוניסטישער באַוועגונג אין פּוילן, 153.

פינפטער קאַפּיטל

צו דער געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע אין פּוילן 167

1) גאַלובאָווס פּראָיעקטירטע צייטונג „האמת" — „דער אמת", 171 ;
2) דוד פרישמאַנס פּראָיעקטירטע צייטונג „דער טאָג", 180 ;
3) אפרים ראַסקינס פּראָיעקטירטע צייטונג „די יידישע צייטונג", 183 ;
4) ל. ראַבינאָוויטשעס ביטע וועגן אַריבערטראָגן זיין פּעטערבורגער צייטונג „דער טאָג" קיין וואַרשע, 184 ; 5) אייזיק עליאַשעוו גרינדעט זיין „דער יוד", 189 ; 6) נחום סאָקאָלאָוו גרינדעט זיין צייטונג „דער טעלעגראַף", 191 ; 7) שריפט פון דעם צענזאָר כאַדאַק וועגן נחום סאָקאָלאָוו, 193 ; 8) צבי פּרילוצקי טראָגט איבער זיין צייטונג „דער וועג" פון פּעטערבורג קיין וואַרשע, 196 ;
9) די אידישע פּרעסע באַטייליקט זיך אין קאַמף קעגן דער צענזור אין וואַרשע, 202.

זעקסטער קאַפּיטל

די לעגאַליזאַציע פון לאָדזשער „הזמיר" 207

1) ווענדונג פון אַ גרופּע לאָדזשער אַנגעזעענע תושבים וועגן באַשטעטיקן דעם סטאַטוט פאַר אַ געזאַנג פאַראיין „הזמיר", 207 ;
2) דער גענעראַל־גובערנאַטאָר וויל ניט קיין ספּעציעלע יידישע אָרגאַניזאַציע, 208 ; דער רעוואָלוציאָנערער מאָטיוו אין רעקורס פון די „שתדלנים", 209 ; 4) דער אָפּזאָג און ווענדונג צו דער צענטראַלער מאַכט, 210 ; 5) סתירות צווישן העכערן און נידעריקן צאַרישן אַפּאַראַט אין פּוילן, 211 ; 6) ראָל פון פּאָליצמייסטער און זיין מעטאָד פון סאַבאָטאַזש, 211 ; 7) די רעוואָלוציאָנערע דעראָבערונגען ברייגגען צו דער לעגאַליזאַציע פון דעם לאָדזשער „הזמיר", 212.

ביבליאָגראַפיע 213

באַנד I

1903—1897

אַרײַנפֿיר

דאָס יאָר 1897 מערקט מיט זיך אָן איבערברוך־תקופה אין דער געשיכטע פֿון 5־6 מיליאָניקן ייִדישן קיבוץ פֿונם געוועזענעם צאַרישן רוסלאַנד. די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג אין רוסלאַנד האָט געבראַכט צו דער אויספֿאָרמירונג פֿון אַ מאָדערנעם אַרבעטער צווישן דער ייִדישער באַפֿעלקערונג און האָט גלײַכצײַטיק רואינירט דעם ייִדישן מיטלשיכט. דאָס ברענגט צו אַ סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער דערוואַכונג פֿון די ייִדישע פֿאָלקסמאַסן. די דאָזיקע דערוואַכונג דריקט זיך אויס אינם אַנטשטיין פֿון צענטראַליזירטע פּאָליטישע באַוועגונגען צווישן ייִדן. עס קומט פֿאָר אין דעם יאָר דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס אין באַזעל, עס גרינדעט זיך, אין 1897, אויף אַ געהיימען צוזאַמענפֿאָר אין ווילנע דער אַלגעמיינער ייִדישער אַרבעטער־בונד אין רוסלאַנד און פּוילן — „בונד״.

די גרינדונג פֿון אָט־די פּאַרטייען ביי ייִדן איז אַ נייער קער אין דער געשיכטע פֿון ייִדן אין רוסלאַנד: בונדיסטן און ציוניסטן האָבן זיך געשטעלט אין אַ קעגנזייטיקן אינעווייניקסטן קאַמף און האָבן אויפֿגערודערט די געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַרגליווערטקייט. שאַפֿנדיק אָפּטיילונגען אויף די ערטער, וואָס זיינען אונטערגעוואָרפֿן אַ צענטראַלער פּאַרטייאישער אָנפֿירערשאַפֿט, — האָבן זיי, ממילא, פֿאַרבונדן די פֿאַרשיידענע ייִדישע קהלות פֿון שטעט און שטעטלעך צווישן זיך און האָבן דערפֿירט צו אַ צענטראַליזירונג פֿון די ייִדישע געזעלשאַפֿטלעכע כּחות.

אָט־די צענטראַליזאַציע און אָט־די פּאָליטישע זעלבסט־אָרגאַניזאַציע איז, אפֿשר, די סאַמע וויכטיקסטע דערשיינונג אין אונזער נייער געשיכטע. צום ערשטן מאָל האָט זיך די ייִדישע באַפֿעלקערונג אין רוסלאַנד דערפֿילט ווי אַ געזעלשאַפֿטלעכער כּח, ווי אַ גרופּע, וואָס פֿאָדערט פֿאַר זיך נאַציאָנאַלע און בירגערלעכע רעכט, און האָט אָנגעהויבן צו קוקן אויף זיך, ווי אויף אַ נאַציאָנאַלער קערפּערשאַפֿט, ווי אויף אַ קולטור־געמיינשאַפֿטלעכקייט, און ניט בלויז ווי אויף אַ רעליגיעזער געמיינדע. די וועלטלעכע באַוועגונג צווישן ייִדן איז די שענסטע פּרוכט פֿון אָט־די פּאָליטישע באַוועגונגען, וואָס זיינען ערשט אויפֿגעשטאַנען צום לעבן.

אין פֿאַרלויף פֿון דורות האָבן די ייִדן געקוקט אויף זיך בלויז ווי אויף אַ רעליגיעזער געמיינשאַפֿט. רעליגיע איז געווען דער איינציקער סימן פֿון

אָנגעהעריקייט צום יידישן כלל. די יידישע רעליגיע האָט רעגלאַמענטירט דאָס יידישע לעבן ביז די סאַמע קלענסטע פּרטים. פון „געבוירן און ביזן פאַרלוירן" האָט די יידישע רעליגיע געהאַלטן דעם יידן אײַנגעקלאַמערט אין אירע צוימען. מען האָט געקאָנט מיט אַ לוח אין האַנט און אַ זייגער דערצו זאָגן, וואָס אַ ייד טוט אין געגעבענעם מאָמענט, אַפילו וואָס פאַר אַ מאכל ער עסט. מענדעלע האָט זיך דערטראַכט צו באַשטימען די טעג פון דער וואָך לויטן אָפּפאַל אין רינשטאָק ביי יידישע הייזער.

און כאָטש אין פאַרלויף פון דורות איז דאָס יידישע לעבן געוועזן אײַנ־פאַרמיק אינם לעבנסשטייגער, אין דער הלבשה, נימוסים, מנהגים און נוסח, האָט דאָך דער יידישער קיבוץ אינעם צאַרישן רוסלאַנד אין פאַרלויף פון צווייטן העלפט פון נײַנצעטן יאָרהונדערט, נאָכן אָפּשאַפן דעם „קהל", ניט געהאַט כמעט קיין פאַרבינדונג צווישן די קהלות. יעדע פון זיי האָט גע־לעבט איר אייגן לעבן, אָפּגעזונדערט פון אַלע אַנדערע. די אָפּגעזונדערט־קייט איז געווען אַזאַ, אַז עס האָבן זיך געשאַפן געוויסע אַנטאַגאָניזמען צווישן דעם ליטווישן, פּוילישן און וואָלינער יידן. די איינציקע פאַרבינדונג צווישן די פאַרשיידענע יידישע קיבוצים האָבן געבראַכט מיט זיך דער מגיד, דער משולח, די ישיבה און דער אויסערלעכער צאַרישער דרוק, מיט זײַנע אויסנאַם־געזעצן, וואָס זײַנען חל געווען אויף אַלע יידן. אַפילו די רבנים, די רעליגיעזע אויטאָריטעטן, האָבן צווישן זיך געהאַט זייער־ווייניק פאַר־בינדונגען, סיידן אפשר אין אויסנאַם־פאַלן ביי שאלות ותשובות, ביי רעליגיע־זע קאַזוסן. געאייניקט און געפורעמט דעם אײַנהייטלעכן יידן־טיפּ אין „תחום־המושב" האָט די רעליגיעזע רעגלאַמענטאַציע פונם שולחן־ערוך און יורה־דעה. די יידישע נאַציאָנאַלע אייניקייט איז געלעגן פאַרבאָרגן אינם געשריבענעם ספר, אין זײַנע נאָרמען, אין זײַן פּסק־דין. דאָס יידישע פאָלק איז געווען דורכאויס אַ רעליגיעזער קיבוץ, אַן אמונה־געמיינשאַפט.

דער ייד האָט זיך אויף אַזויפיל געפילט פאַרקניפּט און פאַרבונדן מיט זײַן רעליגיע, אַז שמד איז באַטראַכט געוואָרען ניט נאָר פאַר פאַראַט, נאָר אויך פאַר אַ פיזישן פאַרלירן דעם משפחה־מיטגליד: נאָך אַ משומד איז מען געזעסן שבעה, ווי נאָך אַ טויטן. אַ גר ווידער איז אויפגענומען געוואָרן מיט פאַרהערלעכונג, מיט באַגייסטערונג (אברהם בן אברהם גר צדק, למשל).

די גזירות און רדיפות פון דער צאַרישער מאַכט האָט ביז 1897 קיין פּאָליטיש־אָרגאַניזירטע באַוועגונגען צווישן דער יידישער באַפעלקערונג ניט אַרויסגערופן. דעם אויסערלעכן דרוק, די באַגרעניצונגען אין וואוינאָרט (תחום־המושב), די קאָלעקטיווע פאַראַנטוואָרטלעכקייט ביים צאָלן שטייערן און

ליפערן זעלנער (רעקרוטשינע) האָבן יידן אויפגענומען, ווי אַ שטראָף פון גאָט. זיי האָבן געענטפערט מיט אַ תענית־צבור, און אין בעסטן פאַל מיט שתדלנות. שתדלנות און דער שתדלן זיינען שיעור ניט געוואָרן אַ נאַציאָנאַלע אינסטיטוציע. דער געדאַנק וועגן פאָדערן רעכט, נאַציאָנאַלע צי בירגער־לעכע, איז געווען פרעמד דעם יידן. די משכילים פון אָנהויב נייַנצטן יאָרהונ־דערט האָבן אפילו גערעדט וועגן „פאַרדינען רעכט", עס איז זיי אָבער ניט איינגעפאַלן צו „פאָדערן רעכט".

די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג מאַכט אַן איבערקערעניש אין יידישן לעבן. זי רייסט איין מיט די אַלטע מנהגים און אויפפירונגען. זי עפנט פאַרן יידן די וועלט און די יידישע מאַסע ווערט דורכגעדרונגען מיטן געפיל און באַוואוסטזיין פון „מענטשלעכער ווערדע". „דער קלאַס איז ניט ווערט די פרייהייט, אויב ער קען פאַר איר ניט קעמפן" — האָט געזאָגט ל. מאַרטאָוו אויף אַ פאַרזאַמלונג פון יידישע אַרבעטער אין יאָר 1895 [1]). אָט־דער גע־דאַנק דרינגט־דורך די יידישע אַרבעטער־מאַסע אין איר פּאָליטישער טע־טיקייט, ווען זי פורעמט זיך אויס אין אַ פּאָליטיש־צענטראַליזירטער באַוועגונג.

די פּאָליטישע באַוועגונג פון די יידישע אַרבעטער איז ענג־פאַרקניפּט מיט דער עקאָנאָמישער. מעגלעך אַפילו, אַז די פּאָליטישע באַוועגונג איז געווען אַ רעזולטאַט, אַ פּועל־יוצא פון דער עקאָנאָמישער באַוועגונג. אין קאַמף פאַר די טאָג־נויטן, פאַר אַ קירצערן אַרבעטס־טאָג און העכערע לוינען, טרעפט זיך אָן דער יידישער אַרבעטער אויף אַ ווידערשטאַנד פונם באַלעבאָס, געשטיצט דורך דער רוסיש־צאַרישער אַדמיניסטראַציע. דער קאַמף פאַר אַ העכערן לעבנס־ניוואָ פאַרוואַנדלט זיך אין אַ פּאָליטישן קאַמף, אין אַ בונט קעגן צאַריזם [2]).

אמת, אַז רעוואָלוציאָנערע זעלבסטבילדונג־קרייזלעך האָבן עקזיסטירט אין רוסלאַנד נאָך אין די 70ער און 80ער יאָרן. אָבער דאָס זיינען געווען אָפּגעזונדערטע קרייזלעך, אָן צענטראַליזירטער אָנפירערשאַפט און אָן קלאָר־פאָרמולירטע פּראָגראַמען אויפן יידישן און אַלגעמיינעם לעבן. מיטן מאָמענט, וואָס די רעוואָלוציאָנער־פּאָליטישע באַוועגונג רייסט זיך אַרויס פון די פּענטעס פון קרייזל־לעבן, גייט אַריבער פון „פּראָפּאַגאַנדע צו אַגיטאַציע", ווי מען

---

1) זע ל. מאַרטאָוו־צעדערבוים, „דער ווענדע־פּונקט אין דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג", „אַרבעטער לוח", פאַרלאַג „די וועלט", וואַרשע, 1922.

2) זע ל. מאַרטאָוו, „זכרונות פון אַ סאָציאַל דעמאָקראַט", פאַרלאַג וואָסטאָק, בערלין 1923, באַנד 1 ; ב. פרומקין — „עטיודן צו דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג", אין „יעוו. סטאַרינאַ", באַנד 4 ; בוכבינדער „געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג אין רוסלאַנד", פאַרלאַג „טאָמאַר", ווילנע, 1931.

פלעגט עס רופן און ווערט אַ מאַסן־באַוועגונג, — מיט דעם מאָמענט ווערט זי אויך מער־יידישער: מען הויבט אָן צו פירן די אַרבעט אין יידיש, מען פּרוּווט זיך פאַרבינדן מיט יידישע שרייבער, מען הויבט אָן אַרויסצוגעבן יידישע ביכער און מען זוכט צו פאַרשענערן און פאַרבעסערן דאָס יידישע לשון [3].

מעגלעך, אַז די פּ. פּ. ס. (פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי) האָט פריער געמאַכט דעם פּרוּוו פון ווענדן זיך צו די יידישע אַרבעטער אין יידיש, פריער נאָך פון די יידישע קרייזלעך גופא [4]. זי האָט עס געטאָן מיט פּראַקטישע אַבזיכטן, רעדן צו די יידישע אַרבעטער אויף דער שפּראַך, וואָס זיי פאַרשטייען, אָבער ווען די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג גופא הויבט־אָן צו באַנוצן יידיש פאַר פּראַקטישע צוועקן, פאַר אַ מיטל צום ציל פון פּראָפּאַגירן סאָציאַליזם, ווערט זשאַרגאָן מיט דער צייט פאַרוואַנדלט אין יידיש, אַנטשטייט אונזער מאָדערנע קולטור און הויבט לסוף־אָן צו ווערן אַ ציל פאַר זיך אַליין. פון סאַמע לכתחילה זיינען טאַקע די יידישע אַרבעטער־טוער פּראַקטישע נאַציאָנאַליסטן ביי אַ „טעאָרעטיש־נאַאיוון קאָסמאָפּאָליטיזם", ווי אָטטאָ בויער רופט עס [5]. זיי פירן אָן אויפקלערונג־אַרבעט אין יידיש, ניט האָבנדיק דערביי קיין שום נאַציאָנאַלע כוונות. זיי שטעלן ניט אַרויס קיין שום נאַציאָנאַלע פאָדערונגען. זיי באַגנוגענען זיך בלויז מיט פּראָקלאַמירן דעם קאַמף פאַר בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג פון יידן אין רוסלאַנד. זיי האַלטן פאַר נויטיק צו גרינדן אַ ספּעציעלע אָרגאַניזאַציע פון יידישע סאָציאַל־דע־מאָקראַטן מיטן איינציקן צוועק צו דערשלאָגן זיך צו אָט־דער בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג [6]. אָבער דער עצם־געדאַנק וועגן דער נויטווענדיקייט פון אַן אַקטיוון קאַמף פאַר בירגער־רעכט האָט געהאַט אומגעהויערע פאָלגן. עס האָט געצוואונגען אַלע טיילן פונם יידישן פאָלק צו אָננעמען אַ שטעלונג, צו באַשטימען זיך זעלבסט.

די ציוניסטישע גרופּן זיינען געצוואונגען געוואָרן בולטער צו מאַכן זייער קוויעטיזם און זייער נעגאַטיווע באַציאונג צו יידיש. די יידן־פראַגע קען נישט געלייזט ווערן אין גלות, און יידן האָבן זיך ניט צו מישן אין די

3) זע א. ליטוואַק, „זשאַרגאָנאַווע קאָמיטעטן", אין „וואָס געווען" (עטיודן און זכרונות), ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין, 1925, ז"ז 69—116.

4) אַרכיוו פון וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר, נומער 93.821, ערשטע געשעפטס־פירונג, 2טער טיש, נומער 300 פון יאָר 1895.

5) אָטטאָ בויער, „די נאַציאָנאַליטעטן פראַגע און די סאָציאַל דעמאָקראַטיע", מאַרקס שטודיען, צווייטע באַנד, וויען 1924, צווייטע אויפלאַגע (דייטש).

6) ל. מאַרטאָוו — „ווענדע פּונקט אין דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג", צ"וו.

אינערלעכע ענינים פונם לאַנד, אין געגעבענעם פאַל פון רוסלאַנד. בירגערלעכע רעכט גיבן נאָך ניט קיין גאַראַנטיע פאַרן נאַציאָנאַלן אויסלעבן זיך. פאַרקערט, אָפט ווערט נאָך די בירגערלעכע באַפרייאונג אַ סכנה פאַרן פאָלק, ווייל זי טרייבט אים צו אַסימילאַציע. דער פאַל מיט די מערב־יידן דאַרף עפּעס לערנען אין דעם זין. דער זשאַרגאָן איז אַ גלות־לאַטע, פון וועלכער מען דאַרף זיך באַפרייען. דעם פּרינציפּ פון קלאַסן־קאַמף דאַרף מען קעגנשטעלן די אידייע פון נאַציאָנאַלער אַחדות פאַר דער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג (התחיה הלאומית) [7].

אין בשותפותדיקער שטריך איז פאַראַן צווישן אָט־די ביידע פּאָליטישע באַוועגונגען צווישן יידן — די נעגאַציע פון דער רעליגיע אַלס אומבאַדינקטן תנאי פאַר דער עקזיסטענץ פון דער יידישער נאַציע. עס ווערט דאָן געבוירן די וועלטלעכע באַוועגונג צווישן יידן. דער באַגריף פאָלק ווערט אַנדערש פאַרשטאַנען. פאָלק ווערט אויפגעפאַסט ווי אַ קולטור־געמיינשאַפט, אַ קולטור־איינהייט. ס'אַנטשטייט אַ באַוועגונג פאַר איבערבויען דעם יידישן דערציאונג־סיסטעם און באַרייכערן דעם קולטור־באַזיץ פונם יידישן פאָלק. עס קומט אויף די יידישע קינסטלערישע ליטעראַטור און וויסנשאַפט. עס אַנטשטייט די ניי־העברעאישע ליטעראַטור. די סאָציאַליסטן פירן אַ קולטור־אויפקלערערישע אַרבעט אין די געהיימע אַרבעטער־קרייזלעך, די ציוניסטן זוכן צו רעפאָרמירן דעם חדר, פאַרשפּרייטן היסטאָרישן וויסן, גרינדן שבת־שולן, אויפן שטייגער פון די רוסישע זונטאָג־שולן, וכדומה.

אָט־די אַרבעט ווערט געטאָן פאַר די יאָרן 1897־1903. עס קומען אָבער אָן די יאָרן 1903־1907, יאָרן פון רעוואָלוציע. איבער גאַנץ רוסלאַנד צעגיסט זיך אַ כוואַליע פון פּאָליטישע שטרייקן, גאַסן־אומרוען און רעוואָלוציאָנערע באַוואָפנטע אויפשטאַנדן. דער צאַרישער טראָן וואַקלט זיך. די גרויסע פעלקער־תפיסה, וואָס עס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דאָס צאַרישע רוסלאַנד, האַלט ביי אויפגעריסן ווערן. די באַזונדערע פעלקער פון דער רוסישער אימפּעריע רוקן אַרויס פאָדערונגען פון נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, פון אויטאָנאָמיע. אין פילן צעוואַקסט זיך אַ באַוועגונג פאַר זעלבסטשטענדיקייט, פאַר אומאָפּהענגיקייט. די נאַציאָנאַלע פראַגע רוקט זיך אַרויס אין פאָדערגרונט פונם פּאָליטישן לעבן אינם צאַרישן רוסלאַנד. עס קומען פאָר הייסע קאַמפן אַרום די פראַגן פון צענטראַליזירטן נאַציאָנאַל־שטאַט, אָדער

7) אחד־העם, „על פרשת דרכים", בהוצאת „יודישער פערלאַג", (הוצאה חדשה), בערלין, תרפ"א; ד"ר קלויזנער — „וועגן זשאַרגאָן", „השלח", באַנד 11, העפט 4, 1903, ז"ז 379־380.

דעצענטראַליזירטן נאַציאָנאַליטעטן־שטאַט, דאָס הייסט: ווי דאַרף די צו־קונפטיקע באַפרייטע רוסלאַנד געבויט ווערן, צי אויפן פרינציפּ פון אַן איינהייטלעכער מלוכה, אָנגעפירט דורך דער רוסישער מערהייט, אָדער אויפן פרינציפּ פון אויטאָנאָמע נאַציאָנאַלע געגענטן, דורך אַ פעדעראַציע פון פעלקער. יעדעס פאָלק דאַרף ווערן אויטאָנאָם טעריטאָריאַל, קולטורעל און ווירטשאַפטלעך — אַזוי האָבן געהאַלטן כמעט אַלע רעוואָלוציאָנערע און פּראָגרעסיווע פּאַרטייען און גרופּן אין רוסלאַנד. די צאַרישע אימפּעריע איז געשטעלט געוואָרן פאַר די זעלבע פּראָבלעמען, וואָס די טיפּישע פאַר־מלחמה־דיקע נאַציאָנאַליטעטן־מלוכה אין צענטראַל־אייראָפּע — די עסטרייך־אונגאַ־רישע קעניגרייך. די נאַציאָנאַלע געגענטן זיינען כמעט קיינמאָל נישט עטניש איינהייטלעך. פעלקער און קולטורן זיינען אויסגעמישט און זיצן איינע צווישן די אַנדערע. צווישן פּאָליאַקן זיצן רוטענער, טשעכן, דייטשן, יידן און אַזוי צווישן די טשעכן, וחוזר חלילה. די שפּראַכלעכע גרענעץ איז קיינמאָל און אין ערגעץ־נישט צונויפגעפאַלן מיט קיין באַשטימטער טעריטאָריאַלער גרע־נעץ. די פראַגע פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין די טעריטאָריאַל־אָפּגע־גרעניצטע אויטאָנאָמע איינסן גופא, האָט זיך געשטעלט, ווי אַן אַלגעמיינע פּראָבלעם, סיי אין צאַרישן רוסלאַנד, סיי אין עסטרייך און סיי אין גאַנץ אייראָפּע. ווי אַזוי גאַראַנטירט מען דאָס פרייע נאַציאָנאַלע אויסלעבן זיך פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין אַ מלוכה־סדר, וואָס איז געבויט אויף פּרינ־ציפּן פון פרייהייט און נישט אויפן כח פון געוואַלט־מאַכט און אונטערדריקונג — איז געווען אַ פראַגע פאַר גרוזינער, אַרמענער, לאַטווער, לאַטווער, פּאָ־ליאַקן און ווייסרוסן. די נאַציאָנאַלע פראַגע איז געווען אויסגעפאָרשט גע־וואָרן אין עסטרייך, אינם קלאַסישן לאַנד פון נאַציאָנאַלע רייבונגען און קאַמפן. נאָך אינם ערשטן העלפט פון די 90־ער יאָרן האָט די עסטרייכישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע די פראַגע דעבאַטירט און געזוכט פאַר איר אַ לייזונג. דער ברינער צוזאַמענפאָר פון דער עסטרייכישער סאָציאַלדעמאָקראַטיע (אָנהויב פון די 90־ער יאָרן) האָט אַפילו אָנגענומען אַ באַשלוס, וואָס זוכט אַ קאָמפּראָמיס צווישן די פּרינציפּן פון צענטראַליזאַציע און אויטאָנאָמיע. אין אָנהויב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט קומען שפּרינגער און בויער און פאָדערן די „אָרגאַנישע קאָנסטיטוציע". די מלוכה זאָל ווערן אַ בונד פון פעלקערשאַפטן, פון אויטאָנאָמע געביטן און אויטאָנאָמע פעלקער. יעדעס פאָלק באַקומט אַ טעריטאָריאַלע אויטאָנאָמיע, דאָרט וואו עס וואוינט אין קאָמפּאַקטע מאַסן און בילדעט אַ מערהייט אויף אַ געוויסן טעריטאָריאַלן שטח. אָבער דאָס פאָלק פאָרמירט זיך אויפן באַזיס פון דעם נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלן

פרינציפּ. אַ באַדייטנדיקע צאָל דייטשן, אָדער טשעכן, אָדער פּאָליאַקן, וואָס וואוינט צווישן אַ פרעמד־שפּראַכיקע מערהייט, ווערט באַטראַכט פאַר אַ נאַציאָנאַלער מינדערהייט און באַקומט נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע אין די ראַמען פון דער טעריטאָריאַלער אויטאָנאָמיע פון דעם מערהייט־פאָלק. דער שפּרינגער־בויער פּרינציפּ פון נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלער אויטאָנאָמיע, אומאָפּהענגיק פון טעריטאָריאַלער און שפּראַכלעכער דורכאויסיקייט, האָט געעפנט אַ טיר פאַר דער יידישער פאָדערונג פון קולטור־אויטאָנאָמיע פאַר זיך. יידן, ווי אַ מיעוטים פאָלק, אָן טעריטאָריאַלער קאָנצענטראַציע ערגעץ־וואו, קענען ניט פּרעטענדירן אויף אויטאָנאָמיע כל־זמן די אויטאָנאָמיע איז פאַרבונדן מיט אַ באַשטימטער טעריטאָריאַלער דורכאויסיקייט, אָדער מערהייט. אויב אָבער קולטור־אויטאָנאָמיע ווערט פאַרבונדן מיטן נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלן פּרינציפּ, — דעמאָלט קאָנען יידן פּרעטענדירן אויף אַ קולטור־אויטאָנאָמיע לכל־הפּחות. גרופּן פון דער יידישער סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ האָבן אפילו אַרויסגערוקט דעם לאָזונג פון נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלער אויטאָנאָמיע פאַר יידן נישט בלויז אויפן קולטור־געביט, נאָר אויך ביי די טעטיקייטן פון עקאָנאָמישער איבערבוי־אַרבעט, סאָציאַלער פאַרזאָרגונג, יורידישער הילף, עמיגראַציע־רעגולירונג און אז. וו. עס ווערן אין די יאָרן געבוירן נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען ביי יידן, ווי די פּועלי־ציון, סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן (ס. ס.) און סיימאָווצעס (יידישע סאָציאַליסטן — י. ס.). די יידישע אַזוי גערופענע בירגערלעכע פּאַרטייען קאָנען אויך ניט בלייבן אויסער אָט־דעם אַלגעמיינעם שטראָם. די ציוניסטן זאָגן זיך אָפּ פון זייער „שלילת־הגלות" און נעמען אָן אַ פּראָגראַם פון „קעגנוואַרט־אַרבעט" אויף זייער העלסינגפאָרסער צוזאַמענפאָר (פון רוסישע ציוניסטן אין 1906). די יידישע שתדלנים און שפּיצן פון דער יידישער אַסימילירטער אינטעליגענץ שאַפן דעם „פאַרבאַנד פאַר יידישער גלייכבאַרעכטיקונג", אונטער דער פירערשאַפט פון שליאָסבערג, ווינאַווער און ש. דובנאָוו (די „דער־גרייכלער") און דער היסטאָריקער ש. דובנאָוו שאַפט זיין „פאָלקס־פּאַרטיי" [8].

אין פוילן האָבן נאָך עקזיסטירט יידישע רעליגיעזע קהלות. זיי האָבן זיך געפונען אין די הענט פון די יידישע פּאָלאָניזירנדיקע „אַסימילאַטאָרן" [9]. אין גאַנץ רוסלאַנד זיינען נאָך געבליבן רעשטן פון אַמאָליקן אויטאָנאָמן

---

8) ש. דובנאָוו, „די נייעסטע געשיכטע פון יידישן פאָלק", 3טער באַנד, פאַרלאַג קולטור־ליגע, וואַרשע 1930.

9) זע וועגן דעם אין די אַרכיוו־מאַטעריאַלן, וואָס מיר ברענגען אינעם קאַפּיטל: „באַציאונג פון דער רוסישער מאַכט אין פוילן צום ציוניזם".

„קהל״, די קאַראַבקע־אָפּצאָל, אַן אומדירעקטער שטייער אויף כשר־פלייש און דער ליכט־שטייער. די אויטאָנאָמיסטישע פּאַרטייען ביי יידן האָבן גע־זוכט צו פאַרוואַנדלען אַט־די קהלה־אינסטיטוציעס אין קעמערלעך פון דער צוקונפטיקער אויטאָנאָמיע. אין 1903, ווען די ציוניסטן זיינען געגאַנגען צו די וואַלן פון דער וואַרשעווער קהלה־פאַרוואַלטונג, האָבן זיי עס געטאָן, כדי צו געווינען די יידישע עפנטלעכקייט פאַרן ציוניזם. אין די רעוואָלוציע־יאָרן האָט זיך די פראַגע געשטעלט אינגאַנצן אַנדערש. די רעוואָלוציאָנערע, די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען ביי יידן האָבן געוואָלט די קהלות פאַרוואַנדלען אין וועלטלעכע אָרגאַניזאַציעס. זיי זאָלן זיך פאַרנעמען מיט קולטור־ענינים, אויסשליסלעך מיט פאָלקס־בילדונג, לויט איינע, אויך מיט יורידישער און סאָציאַלער הילף, לויט אַנדערע. עס איז געווען אָפּהענגיק פון דעם, וואָס פאַר אַן איינשטעלונג די אָדער יענע פּאַרטיי האָט געהאַט בנוגע די קאָמפּע־טענצן פון דער יידישער אויטאָנאָמער קהלה־אָרגאַניזאַציע. אַט־די אַלע פּאַר־טייען האָבן אָבער געהאַלטן, אַז די רעליגיעזע הצטרכותן דאַרפן אויסגעשלאָסן ווערן פון דער קהלה. זיי דאַרפן אַריבערגעטראָגן ווערן אויף די פרייע פאַר־באַנדן פון די גלויביקע, אָרגאַניזירט אַרום די בתי־מדרשים. יעדע שטאָט און שטעטל זאָל האָבן איר קהלה און די קהלות זאָלן פאַרבונדן ווערן דורך אַ צענטראַל־ראָט פון קהלות־פאַרבאַנד. די קהלות דאַרפן ווערן עפנטלעך־רעכטלעכע פאַרטרעטונגען פונם יידישן פאָלק אין רוסלאַנד און דער צענטראַל־ראָט פון די יידישע קהלות זאָל זיין דער באַ־כוח פון די רוסישע יידן פאַר די מלוכהשע מאַכט־אָרגאַנען. דערביי דאַרפן די קהלות ווערן דעמאָקראַטיש געוויילט אויפן באַזיס פון דער 5־סיסטעם־וואַלן: אַלגעמיינע, געהיימע, די־רעקטע, גלייכע און פּראָפּאָרציאָנעלע וואַלן. די רעליגיעזע קהלה דאַרף אָפּגעשאַפט ווערן. עס דאַרף קומען די וועלטלעכע רעפּרעזענטאַנץ פונם יידישן פאָלק אין רוסלאַנד [10].

דערווייל האָבן זיך אָנגערוקט די יאָרן 1908־1912, יאָרן פון רעאַקציע אין רוסלאַנד. די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג איז דערשטיקט. די פּאָגראָמען און די לאַגע קייט פון צאַרישע רדיפות און באַגרענצונגען קעגן יידן לעבן־צוריק־אויף מיט באַנייטער פרישקייט. ניטאָ קיין טאָג אָן אַ נייער גזירה. עס רוקט זיך צוריק־אַרויס דער שתדלן, דער „כאַדאַטאַי״. ער רעדט אין נאָמען פון יידישן פאָלק. די לאַגע איז אָבער איצט אַן אַנדערע, ווי זי איז געווען פאַר דער רעוואָלוציע פון 1903—1906. די יידישע מאַסע האָט אַרויס־

10) מ. ב. ראַטנער, „פּראָיעקטן פאַר דער יידישער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע״, „יעוו. מיר״, יאַנואַר 1909, ז״ז 1—14.

געוויזן אין די רעוואָלוציע־יאָרן אַ סך געזעלשאַפֿטלעכע אַקטיוויטעט. דאָ און דאָרט זײַנען נאָך געבליבן אײנציקע פּראָפֿעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס, קולטור־פֿאַראײנען און וואוילטעטיקע אינסטיטוציעס. עס איז נאָך געווען אין קראַפֿט „דער נאָמענטלעכער אוקאַז צום רעגירנדיקן סענאַט פֿון 4־טן מערץ 1906 וועגן צײַטווײַליקע כללים פֿאַר געזעלשאַפֿטן און פֿאַראײנען". אָט־דער אוקאַז האָט געמאַכט מעגלעך אַן עפּימערע לעגאַלע עקזיסטענץ פֿון יידישע קולטור־ און בילדונג־אָרגאַניזאַציעס. די וואַלן צו דער דומע האָבן געצוואונגען דעם שתדלן צו זוכן אָנשפּאַר אין דער יידישער מאַסע. די „געזעץ־פּראָיעקטן" אין דער דומע וועגן רעגולירן דעם יידישן קהלה־לעבן האָבן געמאַכט אַקטועל די פֿראַגע וועגן באַקומען פֿולמאַכטן פֿאַרן שתדלן צו ריידן אין נאָמען פֿון פֿאָלק, צו באַקומען געזעלשאַפֿטלעכן אָנהאַלט אינם יידישן לעבן גופא. דער שתדלן האָט אָבער געוואָלט ליקווידירן די רעוואָלוציע אויף דער יידישער גאַס, פּונקט אַזוי ווי דער צאַריזם האָט זי ליקווידירט אויף דער אַלגעמיין־רוסלענדישער גאַס. דער שתדלן האָט באַדאַרפֿט אַ העכסט־אונטערטעניקע יידישע מאַסע. די רבנים ווידער האָבן דערפֿילט, אַז אין יידישן לעבן איז עפּעס וואָס פֿאַרגעקומען. זיי האָבן זיך אָנגעטראָפֿן פּנים־אל־פּנים מיטן אָרגאַניזירטן יידישן מאַסן־כוח, וואָס איז וועלטלעך. זיי האָבן דערזען, אַז עס גייט אַ באַוועגונג אָפּצעווישן די ממשלה פֿון רב און כלי־קודש אינם יידישן כמו־עפֿנטלעכן לעבן, באַזײַטיקן דעם חדר און ישיבה, איבערבויען דעם יידישן דערציאונג־וועזן און מאָדערניזירן דאָס יידישע לעבן. די אַזיקע באַוועגונג איז אַ צענטראַליזירטע, אָנגעפֿירט פֿון דער הויך אויפֿן יסוד פֿון פּאָליטיש־פּאַרטייאישער אָרגאַניזאַציע. די רבנים פּרוּוון קעגנשטעלן אַן אָרגאַניזירטן רבניש־קלעריקאַלן כוח. עס קומען פֿאָר די רבנים־צוזאַמענפֿאָרן אין וואַרשע און ווילנע, ווי אַ פֿאָרשפּיל און צוגרייטונג צום „צוזאַמענפֿאָר פֿון די יידישע כלל־טוער" אין קאָוונע, אין יאָר 1909.

דער קאָוונער צוזאַמענפֿאָר מערקט מיט זיך אַ רעליגיעזן רעצידיוו. די רבנים און די אינטערעסן פֿון דער יידישער רעליגיע ווערן אַרויסגערוקט אין פֿאָדערגרונט אויף אָט־דעם צוזאַמענפֿאָר. די קהלה דאַרף ווערן אַ טראַדיציאָנעלע, רעליגיעזע אינסטיטוציע און דאָס יידישע פֿאָלק אַ רעליגיעזע געמײנשאַפֿט [11]).

11) „יעווריעיסקי מיר" — נאָוועמבער—דעצעמבער 1909, „באַריכט וועגן דער באַראַטונג פֿון יידישע כלל־טוער, פֿאַרגעקומען אין קאָוונע דעם 19—22 נאָוועמבער, 1909", זײַטן 32—61.

דער קאָוונער צעזאַמענפאָר פון יידישע כלל־טוער האָט נישט געבראַכט קיין ממשותדיקע רעזולטאַטן. די רעאַקציע אין רוסלאַנד האָט זיך געשטאַרקט. די רעגירונג־איינשטעלונג איז געווען צו מאַכן נייע באַגרענצונגען און רדיפות קעגן יידן. די רעגירונג איז געווען זייער ווייט פונם געדאַנק וועגן „רע־פאָרמירן" דאָס יידישע לעבן און אָרגאַניזירן דאָס געזעלשאַפטלעך־עפנטלעכע לעבן פון די יידן אין רוסלאַנד. ממילא, איז די רעאַקציע אויף דער יידישער גאַס געבליבן ווייט־הינטערשטעליק אין פאַרגלייך מיט דער אָפיציעל־רוסישער רעגירונג־רעאַקציע. אָבער פאַר די שטימונגען אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן און פאַר די פּרואוון פון צוריקשטעלן אַ רעליגיעזע אויפפאַסונג פון דער יידישער פאָלקס־געמיינשאַפט איז דער קאָוונער צעזאַמענפאָר כאַראַקטעריס־טיש און באַלערנדיק. דער רעליגיעזער רעצידיוו איז געווען אַ פּועל־יוצא פונם דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע פון 1903־1907 אין רוסלאַנד.

דער דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד האָט געווירקט אויף דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין אַ גאַנצער ריי אַנדערע ריכטונגען:

1. גרויסע טיילן פון דער דעמאָקראַטישער יידישער אינטעליגענץ, ענטוישט אין זייערע אידעאַלן און גלויבונגען אויף אַ נאָענטן רעוואָלוציאָנערן זיג אין רוסלאַנד, זוכן פאַר זיך אַ נייַ פעלד פון טעטיקייט. זיי וואַרפן זיך אַריין אין פּובליציסטישער אַרבעט, טיילווייז אויך אין דער קינסטלערישער ליטעראַטור־שאַפונג (אַנסקי, ווייטער, ש. ניגער און די גאַנצע גרופּע פון די „מאָנאַט־שריפטן", „די יידישע וועלט" אד"ג). די גרופּע העלפט־צו צום פונאַנדערבליען זיך פון אַ שיינער ליטעראַטור אויף יידיש.

2. די יידישע אַרבעטער־מאַסע און אַ גאַר־דינער שיכט פון דער רע־וואָלוציאָנערער אינטעליגענץ האָבן געפּרואווט ראַטעווען פון דער קאַטאַס־טראָפע וואָס עס לאָזט זיך. שטייענדיק פּנים־אל־פּנים מיט דער צעבושע־וועטער רעאַקציע האָבן זיי זיך געמיט איינצוהאַלטן געזעלשאַפטלעכע „פּלאַ־צואוקעס" (פּאָזיציעס) אין דער פאָרם פון קולטור־פאַראיינען און אָוונט־קורסן פאַר אַרבעטער. זיי הויבן אויך אָן צו באַשעפטיקן זיך מיט דעם שול־פּראָב־לעם און פּרואוון צו גרינדן יידישע פאָלקס־שולן מיט יידיש אַלס אונטערריכט־שפּראַך. דידאַזיקע גרופּן באַמיען זיך צו געפינען אַן אָנהאַלט און אָנשפּאַר אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. זיי גייען צום קאָוונער צעזאַמענפאָר פון יידישע כלל־טוער (ליטוואַק, ליבער), שטעלנדיק דאָרט דעם טראָפּ אויף דעם פּרינציפּ פון וועלטלעכקייט אין דער יידישער קהלה־אָרגאַניזאַציע. און הגם זיי שפּילן אויפן קאָוונער צעזאַמענפאָר אַן אומבאַדייטנדיקע אָפּאָזי־

ציע־ראַל, דאָך דינען זיי פאַר אַ באַווייז, אַז די רעוואָלוציע אויף דער יידישער גאַס איז נאָך ניט אויפגעגעבן.

די קולטור־אַרבעט אויף יידיש איז אזוי אַרום פאַר איניקע אַ ציל פאַר זיך. עס איז אַ קולטור־טעטיקייט לשמה. פאַר אַנדערע איז עס בלויז אַ רעטונג־אינזל, אַן איבערוואַרטונג־פּונקט פאַר נייע קאַמפן און פאַר אויפהיטונג פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכער ענערגיע.

עס ווערט על־כן געבוירן דער ידישיזם אין זיין טאָפּלטער געשטאַלט: דער עסטעטיש־נאַציאָנאַלער יידישיזם, ווי אויך דער פּראָגרעסיוו־דעמאָקראַטישער, דער געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישער יידישיזם, וואָס זעט אין יידיש דעם אויפשטייג פון דער יידישער מאַסע, איר דערוואַכונג און איר זעלבסט־טעטיקייט.

3. דער דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד האָט אַרויסגערופן אַ מאַסן־עמיגראַציע. גרויסע אַקטיווע טיילן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין רוסלאַנד, די סאַמע ענערגישע, אַנפירנדיקע טוער מוזן אויסוואַנדערן, פאַרלאָזן רוסלאַנד. זייער וועג פירט דאָס רוב קיין צפון־אַמעריקע, אין די פאַראייניקטע שטאַטן. דאָס פרישע בלוט, וואָס ווערט אַרייַנגעגאָסן אינם יידישן ישוב פון די שטאַטן, רופט אַרויס אויך דאָ אַ יידישן קולטור־רענעסאַנס, אַן ענלעכן צו דעם אין רוסלאַנד. די פראַגע פון דער אַלוועלטלעכער יידישער מאַסנאייניהייט, אויפן קולטור־אָפּשניט לכל הפחות, וואָס איז ביז־איצט פאַרלייקנט געוואָרן פונם „בונד“, ווערט שאַרף געשטעלט. עס קומט אויף דער געדאַנק וועגן צענויפרופן אַן אַלוועלטלעכן יידישן צוזאַמענפאַר פאַר דער יידישער שפּראַך און פאַר יידישער קולטור־שאַפונג. עס קומט פאַר די טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ. אויך דער „בונד“ באַטייליקט זיך אין דעם צוזאַמענפאַר. דער דורכפאַל פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָט געהאַט, ווי מיר זעען אַ ווייטגייענדיקע ווירקונג, עס בילדעט זיך די צווישנלענדישע יידישע קולטור־איינהייט, עס ווערט געבוירן דאָס „יידיש־לאַנד“, ווי מיר רופן עס היינט.

4. אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקייט פאַרדינט די יידישע פּראָקלאַמאַציע, דאָס רעוואָלוציאָנערע יידישע בלעטל. די פּראָקלאַמאַציע איז אָפט, אויב ניט שטענדיק, געווען בייסיק, שניידיק, פול מיט עמאָציע און פאַסיע. זי איז געווען כמעט שטענדיק פּאָלעמיש און האָט געלייגט דעם ווינקל־שטיין פאַרן יידישן פּאָלעמישן סטיל. דעם רעוואָלוציאָנער איז שטענדיג אויסגעקומען צו פּאָלעמיזירן. ער האָט זיך אויסגעטענהט מיט די רעגירונג־דעקרעטן און אַקטן, מאַניפעסטן און צאַרישע אוקאַזן. דער רעוואָלוציאָנער

איז פריער פון אַלץ אַ פּאַרטיי־מאַן. ער מוז אויפקלערן זיין שטעלונג און באַקעמפן די תשובות און לייזונגען, וואָס ווערן געגעבן פון זיינע פּאָליטישע קעגנער. דערפאַר איז די רעוואָלוציאָנערע פּראָקלאַמאַציע שטענדיק זייער שאַרף, פול מיט סאַטירע, מיט ביטול צום קעגנער, און דער סטיל איז דורכ־געדרונגען מיט אַ פּאַרליבטקייט־געפיל און פולן גלויבן אין דער ריכטיקייט פון דער אייגענער פּאַרטיי־שטעלונג. דערפאַר אַזאַ אימפּעט, אַזאַ הייס־בלוּ־טיקייט. דערצו צווינגען די אומלעגאַלע באַדינגונגען פון שרייבן און דרוקן די פּראָקלאַמאַציע צו קורצקייט, קאָנצענטרירטקייט. דערביי ווענדט זיך דער רעוואָלוציאָנער צו די סאַמע אונטערשטע שיכטן פון דער יידישער באַ־פעלקערונג. ער מוז דעריבער זיין קלאָר און פאַרשטענדלעך, ריידן מיטן פאָלקס־לשון און מיט די סאַמע איינפאַכסטע ווערטער. איז ער טאַקע מצמצם אין רייד, זאַמלט אָן פאַקטן, זוכט צו זיין פאָלקסטימלעך, באַנוצט אַ פאָלקס־וויץ, אַ פאָלקס־חכמה, כדי צו מאַכן פאַרשטענדלעכער און לעבעדיקער דעם געדאַנק, דעם קאַמף־רוף.

אינהאַלטלעך, האָט די פּראָקלאַמאַציע אַריינגעפירט נייע מאָטיוון אין דער יידישער פּובליציסטיק. פּאָליטיק איז געוואָרן אַ לעבעדיקע זאַך, אַן ענין וואָס גייט אָן יעדן איינעם. טאָג געשעענישן, קליינע און גרויסע, זיינען געוואָרן אַ טעמע. אַ שטרייק, אַפילו אַ לאָקאַלער, איז געווען גענוג וויכטיק, אַז דער צ. ק. פון „בונד“ זאָל אַרויסלאָזן צוליב דעם אַ ספּעציעלן אויפרוף (דער מצה־שטרייק אין וואַרשע, למשל) [13]). אָפּגערעדט שוין, אַז די פּראָק־לאַמאַציע רופט זיך אָפּ אויף אַ גאַסן־דעמאָנסטראַציע, קריגס־דערקלערונג (רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה), מאָביליזאַציע, און ד. ג. די פּראָקלאַמאַציע, אָפּרופנדיק זיך אויף טאָג־פראַגן, האָט אַוועקגעשטעלט אויפן סדר־היום די פראַגע וועגן שאַפן אַ טאָג־פּרעסע אין יידיש. דערפאַר פליסן אַזוי אָפט אַריין בקשות צום וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר וועגן דערלויבן אַרויסצוגעבן אַ טאָג־צייטונג אין יידיש [14]).

די רעוואָלוציאָנערע פּראָקלאַמאַציע האָט דערצו נאָך געווירקט אין אַן אַנדער ריכטונג: זי האָט אויסגעהאָדעוועט אַ לעזער, וואָס האָט זיך גע־נויטיקט אין אַ יידישער אינפאָרמאַציע־צייטונג. ביז־איצט האָט די העברע־אישע טאָג־פּרעסע באַדינט אַ דינעם שיכט פון משכילים. די רעוואָלוציאָנערע

---

13) אַווג״ג, נומער 98.330, ערשטע געשעפטספירונג, צווייטער טיש, נומער 15 פון 1900, „וועגן פאַרשפּרייטע ביכער, בראָשורן, אויפרופן אדג״ל פאַרבאָטענע שריפטן אויפן שטח פון די גובערניעס פון ביי־ווייסל געגעגנט“, אויף 171 בויגנס, בויגן 54.

14) זע קאַפּיטל „צו דער געשיכטע פון דער אידישער טאָג־פּרעסע אין פּוילן“.

פּראָקלאַמאַציע האָט דערצויגן און אויסגעהאָדעוועט אַ מאַסנלעזער פון די אונטערשטע שיכטן פונם יידישן פאָלק. זי האָט באַשאַפן דעם געברויכער. און אַז עס איז פאַראַן די „נאָכפראַגע", פאַרשפּעטיקט נישט דער „אָנבאָט" צו קומען, ווי עקאָנאָמיסטן זאָגן.

די רעוואָלוציאָנערע פּראָקלאַמאַציע האָט, לסוף, געהאַט אַן אומדערוואַרטעטן רעזולטאַט: זי האָט געצוואונגען די צאַרישע מאַכט צו גיין אויף אַ הנחה און דערלויבן די לעגאַלע עקזיסטענץ פון אַ יידישער טאָג־פּרעסע. זי האָט, אמת, דידאָזיקע פּרעסע אונטערגעוואָרפן אַ שטרענגע צענזור, אָבער זי האָט דאָך דערלויבט אָנצוזעטיקן דעם דורשט פון יידישן מאַסנלייענער נאָך אינפאָרמאַציע און באַלויכטונג פון טאָג־געשעענישן. „ווי עס איז צו זען פון די דאָקומענטן, געפונען אין אַרכיוון פון מאָסקווער „אָכראַנקע", האָבן זיך וועגן דעם (אַרויסגעבן די ערשטע טאָג־צייטונג אין יידיש — „דער פריינד" אין פּעטערבורג, אינעם יאָר 1903 — ש. ל.) איבערגעשריבן זובאַטאָוו (שעף פון מאָסקווער זיכערהייט־אַמט — ש. ל.) מיט די „אומאָפּהענגיקע" [15]). „מינסקער יידן זובאַטאָוויאַנער האַלטן, אַז עס איז נויטיק אַרויסצוגעבן יידישע לעגאַלע ליטעראַטור, מחמת דעמאָלט וועלן די יידישע רעוואָלוציאָנערן נישט זיין די איינציקע, וואָס באַפרידיקן די קולטורעלע באַדערפענישן פון דער יידישער אַרבעטער־מאַסע" [16]).

די רעוואָלוציאָנערע פּראָקלאַמאַציע האָט דורכגעלייגט אַ וועג אין אַלגעמיינעם סך־הכל פאַר דער יידישער פּרעסע: א) דורך צוגרייטן אַ לעזער; ב) דורך איבערדערציען דעם יידישן פּובליציסט און צווינגען אים צו פאַרנעמען זיך מיט די „קליינע" טאָג־פראַגן; ג) דורך צווינגען די רוסישע צאַרישע מאַכט צו דערלויבן אַ לעגאַלע טאָג־פּרעסע אין יידיש.

דער קאָוונער „צעזאַמענפאָר פון די יידישע כלל־טוער" און די „טשערנאָוויצער קאָנפערענץ" מערקן מיט זיך די לעצטע עטאַפּן פון יידישער זעלבסטאָרגאַניזאַציע. פון 1908 ביז 1912 קומט פאָר אַ פינצטערע רעאַקציע. די אָרגאַניזאַציעס זיינען צעקלאַפּט. עס בלייבן קליינע רעשטלעך, אַן מעגלעכקייטן פאַר געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. עס באַוועגן זיך בלויז די ציוניסטן אין רוסלאַנד, אָבער אויך זייער געקרעמפּעוועט און אונטערדריקט.

---

15) אומאָפּהענגיקע אָדער זובאַטאָווצעס — אַ לעגאַלע יידישע אַרבעטער פּאַרטיי, געפּרעדיקט אַפּאָליטישקייט און עקאָנאָמיזם, געשאַפן דורך זובאַטאָוון און געאַרבעט לויט זיינע אָנווייזונגען.

16) מ. ראַפּעס — „קאַפּיטלען געשיכטע פון בונד", קאָאָפּעראַטיווער פאַרלאַג "קולטור־ליגע", קיעוו 1929, ז. 95.

ערשט אין 1912 מערקט זיך אָן אויפלעבונג. אָבער עס רוקט זיך אָן די וועלט־קאַטאַסטראָפע, די גרויסע וועלט־מלחמה און מאַכט צו־נישט אַלע אָנ־הויבן. די מלחמה האָט אויך צעשניטן אונדזער פאָלקס־קערפּער אויף אַ סך טיילן. דער איינהייטלעכער 5־6 מיליאָניקער יידישער קיבוץ אין רוסלאַנד ווערט צעבראָקלט און צעטיילט, לעבנדיק אין פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען און אפילו סאָציאַלע אָרגאַניזאַציעס און מלוכה־רעזשימען.

די געשיכטע פון פּויליש־רוסישן יידישן קיבוץ אין דער עפּאָכע פון 1897־1914 צעפאַלט זיך על־כּן אויף דריי פּעריאָדן: 1) פּעריאָד פון פּאָלי־טישער און סאָציאַלער זעלבסט־אָרגאַניזאַציע (1897־1903). אין דעם צייט־אָפּשניט פאָרמירן זיך אויס און געשטאַלטיקן זיך צוויי גרויסע באַוועגונגען ביי יידן: דער סאָציאַליזם און ציוניזם. אין דער צייט לעבט די יידישע גאַס אונטערן צייכן פון „צוויי־פּאַרטיי־סיסטעם" („בונד" און ציוניזם); 2) פּעריאָד פון רעוואָלוציאָנערן אויפברויז (1903־1907). די ציוניסטן צעשפּאַלטן זיך אויף גרופּן און פּאַרטייען. עס שפּאַלט זיך פון זיי אָפּ אַ סאָציאַליסטישער פליגל: די פּועלי־ציון, סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן (ס. ס.) און די יידישע סאָציאַליסטן־אויטאָנאָמיסטן (י. ס.). די בונדישע רייען צעטרייסלען זיך אויך, עס קומען אויף די „איסקראָווצעס", אָדער יידישע באָלשעוויקעס, די יידישע פּ. פּ. ס.„ יידישע ס. ר. און יידישע אַנאַרכיסטן. אין די יאָרן דערנעענטערן זיך די ציוניסטן צו „גלות־אַרבעט" (העלסינגפאָרס) און דער „בונד" פאָר־מולירט זיין נאַציאָנאַלע פּראָגראַם. 3) פּעריאָד פון רעאַקציע (1908־1914).

אין אונדזער איצטיקן בוך באַהאַנדלען מיר דעם ערשטן פּעריאָד, דעם פּעריאָד פון פּאָליטישער און סאָציאַלער זעלבסט־אָרגאַניזאַציע פונם יידישן קיבוץ אין פּוילן און רוסלאַנד.

ערשטער קאַפּיטל

די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע באַדינגונגען פאַר דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַוועגונגען

עס איז קיין ספק ניט, אַז דאָס יאָר 1897 מערקט מיט זיך אַן איבער־ברוך־תקופה אין דער געשיכטע פון יידן אין רוסלאַנד און פוילן. אינם יידישן לעבן גופא ברייננט דער דאָזיקער ברוך צו דעם, אַז צוויי גרויסע באַוועגונגען שטייען אויף און באַקומען אַ בולט־אויסגעפורמטן אָרגאַניזאַציאָנעלן כאַראַקטער. י. לעשטשינסקי מיינט, אַז „עס איז געוויס אַ צופאַל, וואָס אין איין און דעם זעלבן יאָר זיינען פאָרגעקומעןביידע גרינדונג־פאַרזאַמלונגען פון די צוויי באַוועגונגען, וואָס שטייען נאָך עד־היום אין צענטער פון יידישן לעבן . . .״ [1]. איז עס טאַקע „געוויס אַ צופאַל״? אויב מען זאָל זיך אַפילו אָפּזאָגן פון געבן אַן אויסשעפּנדיקן ענטפער, פאַרוואָס גראָד אין איין יאָר, איז אָבער, זיכער, ניט קיין „צופאַל״ דער פאַקט, וואָס זיי האָבן אָנגעהויבן צו ווירקן פּאַראַלעל און איינצייטיק. עס קען דאָך ניט זיין קיין „צופאַל״, וואָס סיי דאָס יידישע בירגערטום (קליינבירגערטום און דיפּלאָמירטע יידישע אינ־טעליגענץ) און סיי דער יידישער אַרבעטער־קלאַס און די רעוואָלוציאָנערע יידישע אינטעליגענץ האָבן דערוואַכט צו אַ פּאָליטישן לעבן, ווי אויך צו פּאַרטייאישער אָרגאַניזאַציע אין איין און דער זעלביקער צייט. נאָך מער, די ערשטע שפּראָצונגען פון ציוניסטישן און סאָציאַליסטישן געדאַנק צווישן יידן אין רוסלאַנד קומען אויך אויף אין איין און דער זעלבער צייט — די 70־ער און 80־ער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. האָבן געמעגט און מעגן נאָך אַט־די צוויי באַוועגונגען זיך קעגנזייטיק באַקעמפן, צעגיין זיך אין אַלע פונקטן פון אויפפאַסונג און אָפּשאַצונג פון דער יידישערווירקלעכקייט, — ערגעץ־וואו האָבן זיי דאָך אַ בשותפותדיקן אָפּשטאַם. ביידע באַוועגונגען זיינען געווען אַ פּועל־יוצא פון די געענדערטע סאָציאַלע, עקאָנאָמישע, פּאָלי־טישע, זיטלעכע און קולטור־שטייגערישע לעבנס־באַדינגונגען אין רוסלאַנד, און, ממילא, אויך צווישן די יידישע מאַסן אין דער צאַרישער אימפּעריע.

1) יעקב לעשטשינסקי — „גאַנצע גאולה, אָדער אייביקער גלות״, „אידישער קעמ־פער״, 1939, נומער 302.

דער פֿאַרמלחמהדיקער ציוניזם, פּונקט ווי דער סאָציאַליזם, דאַרפֿן באַטראַכט ווערן, ווי אַ באַוועגונג צווישן די רוסישע און פּוילישע יידן, אויב מ'לייגט דעם געוויכט אויף די מאַסן, וועלכע האָבן די באַוועגונג געטראָגן. מערב־אייראָפּע האָט געגעבן די ציוניסטישע פֿירערשאַפֿט, קיין מאַסנבאַוועגונג אין מערב אייראָפּע איז דער ציוניזם פֿאַר־דער־מלחמה ניט געווען. דער יידישער קיבוץ אין אַמעריקע האָט פֿאַר־דער־מלחמה קיין גרויסן געוויכט אינם יידישן לעבן ניט געהאַט. ניט געקוקט אויפֿן ציוניסטישן פּרינציפּ פֿון וועלט־יידנטום און אַלוועלטלעכע יידישע קאָנגרעסן — אַן אידייע אַ טראַדיציאָנעלע און פֿאַרלויפֿערישע צוזאַמען — קאָן מען און מען דאַרף דעם ציוניזם פֿון פֿאַר־דער־מלחמה אויפֿפֿאַסן, ווי אַ באַוועגונג בעיקר צווישן יידן אין רוסלאַנד און פּוילן. זיי האָבן צוגעשטעלט דעם מענטשן־מאַטעריאַל פֿאַר דער „פּאַלעסטינער זידלונג", אין זייער נאָמען האָט מען געקליבן געלט ביי די רייכע „יאַהודים", זיי האָבן געקויפֿט די „שקלים". אינם צאַרישן רוסלאַנד איז געבוירן געוואָרן דער אחד־העמיזם. דאָרט איז אויפֿגעקומען דער קעמפֿערישער העברעאיזם. די „ציוני אוגאַנדע", געשטיצט פֿון הערצלען אַליין, האָבן געליטן אַ מפּלה בלויז צוליב דעם, וואָס די רוסישע ציוניסטן זיינען געבליבן געטריי „ציוני ציון". מען קען נאָך אפֿשר באַטראַכטן פֿאַר אַ צופֿאַל דעם פֿאַקט, וואָס די ציוניסטישע אָנפֿירערשאַפֿט איז געווען אַ מערב־אייראָפּעאישע בעיקר, אָבער עס איז שוין גאָר קיין צופֿאַל ניט, וואָס דער ציוניזם און דער סאָציאַליזם ביי יידן זיינען אַנטשטאַנען אין איין־און־דער זעלביקער צייט און אין־איין־און־דעם־זעלביקן אָרט, — אין יאָר 1897 אינעם צאַרישן רוסלאַנד.

א. עקאָנאָמישער אויפֿשטייג פֿון רוסלאַנד

אין דער צווייטער העלפֿט פֿונם 19־טן יאָרהונדערט קומט־פֿאַר אַן עקאָנאָמישער איבערברוך אין רוסלאַנד. די פּויערים ווערן באַפֿרייט (1861). דער לאַנדשער אינדוסטריעלער ראַיאָן ווערט אויסגעבויט. רוסלאַנד פֿירט איין דעם בראָנפֿן־מאָנאָפּאָל (1895). יידן ווערן אַרויסגעשטופּט פֿון דעם האַנדל מיט משקאות און פֿאַרפֿאַר־הייזער (קרעטשמעס). פֿון דער צווייטער זייט, גיט דער ווירטשאַפֿטלעכער אויפֿשטייג אין רוסלאַנד מעגלעכקייטן פֿאַר יידן אַריינצודרינגען אין נייע ווירטשאַפֿט־צווייגן. פֿיל יידן זיינען רייך געוואָרן דורך פֿאַרנעמען זיך מיטן גרויסן האַנדל („פּאָדראַטן"), און עס האָבן זיך געפֿונען יידן, וועלכע האָבן אויסגעבויט נייע אונטערנעמונגען און פּראָדוציר־אַנשטאַלטן. אין יידישן תחום גופא אַנטשטייען גרעסערע ווערק־

שטאָטן (מאַנופאַקטורן), ווי, למשל, אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע (לאָדז, ביאַליסטאָק), האָר־סאָרטירונג (בערשטער), שניידעריי און שיך־פאַבריקאַציע און אַנדערע. די אייגנאַניקייט און דורכאויסיקייט פון דער יידישער באַפּעל־קערונג, ווען „גאַנץ ישראל איז איין גרויסע טאָרבע" (מענדעלע), גייט אַוועק אין דער געשיכטע. עס קומט פאַר אַ סאָציאַלע גלידערונג און דיפערענצי־רונג. דערצו טראָגט זיך די יידישע באַפעלקערונג אַריבער אין די גרעסערע שטעט, וואו זי הויבט זיך אָן צו באַשעפטיקן מיט פּראָדוקטיווער אַרבעט [2].

פאָלגנדיקע ציפערן אילוסטרירן דעם ראַשן וואוקס פון דער פּראָדוקציע אין רוסלאַנד פון די 70 ביז די 90ער יאָרן: פאַר 20 יאָר (פון 1877 ביז 1897) איז די יערלעכע פּראָדוקציע געשטיגן אין 3 מאָל, אָדער, ווי עקאָנאָ־מיסטן דריקן זיך אויס אויף 300%. אין 1877 באַטרעפט די יערלעכע פּראָדוקציע אין רוסלאַנד 541 מיליאָן רובל, אין יאָר 1897 שוין 1.816 מיליאָן רובל. באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש פאַרן אויפשטייג פון דער גרויס־אינ־דוסטריע אין רוסלאַנד איז די אויסאַרבעטונג פון שטיינקוילן, נאַפט, טשוהון, רויען אייזן. אין יאָר 1877 האָט זייער פּראָדוקציע באַטראָפן דעם ווערט פון 165 מיליאָן רובל, און אין 1898 — 1.507 מיליאָן רובל (9 מאָל אַזויפיל). אַקציע־געזעלשאַפטן וואַקסן אין אַ פּראָגרעסירנדיקן אופן: 60 מיליאָן רובל אין 1894, 256 מיליאָן רובל אין 1898, 400 מיליאָן רובל אין 1899. דער טעכנישער אַפּאַראַט פאַרבעסערט זיך. די פאַבריקן וואַקסן אין גרויס און פּראָדוקציע־פעאיקייט. די ראַציאָנאַליזאַציע פון די אַרבעט־מעטאָדן גייט פאָראויס. 233 טשוהון־זאַוואָדן שמעלצן אין יאָר 1895 — 88 מיליאָן פּוד טשוהון, אין 1898 — 145 מיליאָן פּוד, אין 1899 — 173 מיליאָן פּוד. רוי־אייזן; 1897 — 78 מיליאָן פּוד, 1898 — 116 מיליאָן פּוד, 1899 — 180 מיל. פּוד. מאַשינען־פּראָדוקציע (אויסער לאַנדווירטשאַפטלעכע און לאָקאָמאָטיוון): 1898 — 3 מיליאָן פּוד אין וואָג, 1899 — 5 מיליאָן פּוד [3]. דאָס אויסלייגן נייע באַנען אַנטוויקלט דעם וואַלד־האַנדל. עס ווערן אויסגעבויט זעג־פאַבריקן (טאַרטאַקס). אין אוקראַינע אַנטוויקלט זיך די צוקער־פּראָדוקציע. די נייע קאָמוניקאַציע מיטלען ברייטערן אויס דעם אינוועניקסטן רוסישן מאַרק. עס ווערן געבויט גוראַלניעס.

די אַנטוויקלונג פון דער גרויס־אינדוסטריע אין רוסלאַנד פאַר די 10 יאָר פון 1887 ביז 1897 זעט אויס אין ציפערן אַזוי:

2) מ. ראַפּעס — „עטיודן צו דער געשיכטע פון בונד", „מאָסקווער אַרבעטער" (רוסיש), מאָסקווע, 1923, ז"ז 3־5 און פאָלגט.

3) „דער יידישער אַרבעטער", נומער 9, יאַנואר 1909, זשענעווע, זייט 84.

יאָר	צאָל פאַבריקן	ווערט אין מיליאָנען רובל	צאָל אַרבעטער אין טויזנטער
1887	30.888	1.334,5	1.318,0
1890	32.254	1.502,6	1.424,7
1893	30.333	1.734,9	1.583,9
1896	35.827	2.590,9	1.818,4
1897	39.029	2.389,1	2.098,2

פון דער טאַבעלע [4]) איז צו זען, אַז פאַר די צען יאָר איז די צאָל פאַבריקן און זאַוואָדן געוואַקסן אויף 26,3%, די פראָדוקציע־פעאיקייט אויף — 112,5% און דער צו־וואוקס פון באַשעפטיקטע אַרבעטער בלויז אויף 59,2%. עס קומט דאָ על־כן בולט צום אויסדרוק די באַנייאונג פונם טעכנישן אַפּאַראַט און די „ראַציאָנאַליזירונג" פון דער אַרבעט: ביי מער, ווי אַ פאַרטאָפּלטער פּראָדוקציע, שטייגט די צאָל באַשעפטיקטע אויף אַ העלפט און די צאָל פאַבריקן אויף אַ פערטל.

ב. ווירקונג פונם עקאָנאָמישן אויפשטייג אויף דער יידישער סביבה. די אַרבעט־תנאים אין יידישע פאַבריקן

אין 1897 איז פאָרגעקומען אַן אַלגעמיינע פאָלקס־ציילונג אין רוסלאַנד. פון דער איבערשרייבונג פון דער באַפעלקערונג איז צו זען, אַז אין גאַנץ רוסלאַנד האָבן געוואוינט 5.189.401 יידישע נפשות. אין „תחום" האָבן געוואוינט 4.784.000, אָדער 93% פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אין רוסלאַנד. אין די 10 גובערניעס פון „ביי־ווייסל־געגנט" (פוילן) האָבן געוואוינט 1.316.576 יידישע נפשות, אויסמאַכנדיק 14,01% פון דער גאַנצער באַפעלקערונג אין פוילן. אין די 15 גובערניעס פון „תחום" — 3.558.060 נפשות, באַטרעפנדיק 10,8% פון דער גאַנצער באַפעלקערונג אין די גובערניעס. אין די שטעט און שטעטלעך האָבן געוואוינט 4.200.000 נפשות, אין די דערפער בלויז 700 טויזנט. די קאָנצענטרירטקייט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די שטעט און שטעטלעך שטאַמט פון פאַרבאָט פאַר יידן צו וואוינען אין די דערפער, צו קויפן אָדער אַרענדירן ערד. יידן זיינען מיט געוואַלד אויסגעשלאָסן געוואָרן פון ערד־אַרבעט און זיינען דעריבער בעיקר אַ שטאָטישער עלעמענט [5]).

דער אַלגעמיינער ווירטשאַפטלעכער אויפשטייג אין רוסלאַנד האָט גע־

---

4) ב. נ. פרומקין, „אַנטוויקלונג פון דער פאַבריק־אינדוסטריע אין רוסלאַנד" אין די מאַטעריאַלן־זאַמלונג וועגן דער עקאָנאָמישער לאַגע פון יידן אין רוסלאַנד, אויסגאַבע פון ייק"א, סט. פּעטערבורג, 1904, באַנד 2, זייט 2 (רוסיש).

5) מאַטעריאַלן־זאַמלונג, צ"וו, ערשטער באַנד, ז"ז 22־30.

בראַכט צו אַן אויסוואוקס פון דערווירטשאַפטלעכער טעטיקייט אין „תחום״. די נייע קאָמוניקאַציע־מיטלען האָבן מעגלעך געמאַכט צו פּראָדוצירן אין „תחום״ פאַרשיידענע סחורות און פאַרקויפן זיי אין די ווייטסטע רוסישע גובערניעס, סיביר אַריינגערעכנט. דער בולטער טיפּ איז דאָ געווען — אַרבעטן פאַרן מאַגאַזינער. דער בעל־מלאכה האָט באַקומען רוי־מאַטעריאַל, געקריגן אָנווייזונגען וואָס פאַראַ מין פּראָדוקט ער דאַרף אַרויסגעבן. ער האָט געדונגען געזעלן און האָט די סחורה פאַרטיק געמאַכט. ביאַליסטאָק — טעקסטיל־אויסאַרבעטונגען, באַזונדערס דעם ביליקן און גראָבן מין; ווילנע, מינסק — שוך־פּראָדוקציע, גאַרבאַרניעס; לאָדז — טעקסטיל און לייוונט — איידעלערע מינים; וואַרשע — הורט־האַנדל און נאָדל־פּאַך; די קליינע שטעטלעך זיינען געוואָרן קלענערע צענטרען פון קליין־פּראָדוקציע: מעזריטש, סמאַרגאָן זיינען, למשל, געווען באַרימט מיט זייערע בערשטער, זייערע האָר־סאָרטירונג־ווערקשטאַטן. דער מייסטער איז אַליין אויסגענוצט געוואָרן פונם מאַגאַזינער, פונם גרויסן סוחר דעם הורטאָווניק. דער באַלעבאָס פונם ווערקשטאַט האָט זיין מערווערט אויסגעפּרעסט פונם אַרבעטער דורך אַ טאָפּל־טער עקספּלואַטאַציע, דורך אַן אומבאַגרעניצט־לאַנגן אַרבעט־טאָג און ביז־גאָר נידעריקע לוינען [6]. אַ בילד וועגן די אַרבעט־ און לעבן־באַדינגונגען אין די יידישע ווערקשטאַטן גיט דער געהיימער בריוו פון סעדלעצער גובערנאַטאָר צום וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר פון 23־טן אָקטאָבער 1899, נומער 541 [7]. געהאַנדלט האָט זיך עס וועגן דעם, וואָס די בערשטער־אַרבעטער פון מעזריטש האָבן געוואָלט פאַרשטרייקן, פאָדערנדיק אַ לוין־הוספה און קירצערע אַרבעט־שעהן. שטרייקן זיינען אָבער געווען פאַרבאָטן אינם צאַרישן רוס־לאַנד. האָבן די באַלעבאָטים אָנגעקלאָגט די אַרבעטער, אַז זיי . . . גרינדן געהיימע אָרגאַניזאַציעס. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אויספאָרשונג. דער גובערנאַטאָר גיט פאָלגנדיקע כאַראַקטעריסטיק פון דער לאַגע אויפן מעזרי־טשער אַרבעט־מאַרק (מעזריטש האָט געהערט צו סעדלעצער גובערניע):

„ביי די האָר־הענדלער פון דער שטאָט מעזריטש, אַרבעטן ביים סאָרטירן די חזיר־האָר יוגנטלעכע, כמעט קינדער, אין ענגע און שמוציקע דירות ביי די סאַמע ערגסטע היגיענישע באַדינגונגען. עס אַרבעטן אין אָט־די אונטערנעמונגען פון 2 ביז 20 אַרבעטער אין אַן אונטערנעמונג. נאָך סוכות, ווען עס ווערן געשלאָסן די נייע אַרבעט־אָפּמאַכן האָבן די אַרבעטער, און טיילווייז זייערע עלטערן, געפאָדערט ביי די האָר־הענדלער צו פאַרבעסערן זייערע אַרבעט־באַדינגונגען און העכערן די לוינען. די גרעסערע אונטערנעמער, דאָס הייסט, די וואָס האַלטן מער ווי 14 אַרבעטער, זיינען אויף די נייע באַדינגונגען איינגעגאַנגען;

6) ב. פרומקין — „עטיודן צו דער געשיכטע פון דער ייד. אַרב. באַוועגונג״ (1885־1897), „יעוו. סטאַרינאַ״, סט׳ פּעטערבורג, 1913, באַנד 4.

7) אווג״ג, נומער 97.555, 1־2, נומער 407 פון יאָר 1899, בויגנס 1־2.

די קלענערע אונטערנעמער, ביי וועמען עס אַרבעטן פון 2 ביז 4 אַרבעטער, האָבן די פאָדערונגען אָפּגעוואָרפן".

אינם געהיימען בריוו פון 25־טן נאָוועמבער 1899, נומער 590 גיט דער גובערנאַטאָר אַ גענויערע באַשרייבונג פון דער מוראַדיקער עקספּלואַטאַציע אין די „האָר־סאָרטירנדיקע" אונטערנעמונגען. ער שרייבט:

„אין דער שטאָט מעזריטש עקזיסטירן שוין פון לאַנגע צייטן אונטערנעמונגען אויף אָפּרייניקן און סאָרטירן האָר, וועלכע געהערן צו יידן מיט אויסשליסלעך יידישע אַרבעטער. ביז 1888 זיינען אָט־די אַנשטאַלטן נישט געווען אונטערגעוואָרפן דער פאַבריק־אינספּעקציע. עס האָט געהערשט אין זיי דער פולשטענדיקער ווילקיר פון די באַלעבאַטים, וועלכע האָבן געצוואונגען די אַרבעטער צו אַרבעטן פון 7 אַזייגער פרי ביז 12 אַזייגער ביינאַכט (ד. ה. אַ 17־שעהדיקער אַרבעט־טאָג — ש. ל.). מיטן איינפירן די פאַבריק־אויפזיכט איז די אַרבעט־וואָך באַשטימט געוואָרן אויף 63 מיט אַ האַלבער שעה. צו די כללים האָבן זיך די גרעסערע אונטערנעמונגען (ד. ה., מיט 14 אַרבעטער — ש. ל.) ווי עס איז צוגעפּאַסט, הגם ניט באַלד. די קלענערע אָבער האָבן נישט געוואָלט זיך אונטערוואַרפן אָט־דעם רעגולאַמין. די אַרבעטער ווידער האָבן נישט געוואָלט אַרבעטן מערער פון דער נאָרמע" . . .

מ'איז אָבער ווי עס איז אויסגעקומען. דערווייל איז טייערער געוואָרן חזיר־האָר, וואָס עס האָט שטאַרק געווירקט אויף די קליינע סוחרים. זיי האָבן באַלד געקירצט דעם אַרבעט־לוין און גענומען פאָדערן, מען זאָל פאַר־לענגערן די אַרבעט־צייט. די אַרבעטער האָבן זיך קעגנגעשטעלט. וועלנדיק אָפּשרעקן די אַרבעטער, האָבן די באַלעבאַטים אַנגעגעבן אַנקלאַגעס צו דער מאַכט, אַז זייערע אַרבעטער גרייטן זיך צו אַ שטרייק, מאַכן געהיימע פאַר־זאַמלונגען און האָבן, ווי עס ווייזט אויס, אַ געהיימע אָרגאַניזאַציע. אָבער, גיט דער גובערנאַטאָר־צו, אַז די אויספאָרשונג האָט פעסטגעשטעלט, אַז די מעשה איז ניט אַזוי. און ער שרייבט ווייטער:

„די אַרבעטער האָבן, נאַטירלעך, נישט געקענט זיין צופרידן מיט זייערע באַלעבאַטים, וואָס שטעלן זיי אַרויס נישט קיין געזעצלעכע פאָדערונגען און דריקן זיי מיט פאַרשיידענע מיטלען: שטראָפן, נישט־פּינקטלעכן און נישט־פולן אויסצאָלן די לוינען, פאַרהאַלטן די אָפּרעכענונג־ביכלעך.

דער שלוס־זאַץ פונם ערשטן בריוו לייענט זיך:

„די האָר־סאָרטירנדיקע אונטערנעמונגען זיינען זייער ענגע, שמוציקע, פול מיט שטויב און געשטאַנק. זיי געהערן צו די סאַמע שעדלעכסטע פאַרן אַרבעטערס געזונט. די אַרבעטער פון אָט־די אונטערנעמונגען שטאַרבן אָפּט אין די יונגע יאָרן פון טובערקולאָז און שטעלן מיט זיך פאָר בכלל אויסגעדאַרטע און אויסגעקוואָרטע מענטשן, וועלכע ליידן אויף די לונגען, אויף קאָפּ־ווייטיק און אויגן־קראַנקייטן" [8].

„די האָר־פּראָדוקציע, ביי די באַדינגונגען, אין וועלכע זי געפינט זיך אין מעזריטש, און וועלכע איז ביז־איצט באַזעצט דורכאויס פון יידן (אונזער קורסיוו — ש. ל.), איז אַ לחלוטנדיקע טויט־אונטערנעמונג. די דאָזיקע אַנשטאַלטן זיינען גיכער קוסטאַר־אונטער־נעמונגען. זיי שטעלן מיט זיך פאָר אַ שווערע פאָרם פון עקספּלואַטאַציע פון יידן דורך יידן (אונזער קורסיוו — ש. ל.). דערצו נאָך זיינען די עקספּלואַטירטע דאָס רוב יוגנטלעכע" [9].

8) דאָרטן גופא, בויגנס 5־6.
9) דאָרטן גופא, בויגנס 1־2.

דעם גובערנאַטאָרס שילדערונג איז נוגע נאָר איין אינדוסטריע — די בערשטער, — אָבער אַלע איבעריקע „יידישע" פאַכן האָבן ניט אויסגעזען בעסער. ס'איז שווער צו טראַכטן, אַז דער גובערנאַטאָר האָט איבער־געטריבן, אָדער שוואַרצער געמאַכט די פאַרבן. עטלעכע פונקטן דאַרפן אָבער באַזונדערס אונטערגעשטראָכן ווערן:

1) נאַציאָנאַלער כאַראַקטער פון דער עקספּלואַטאַציע. די יידישע אַרבעטער אַרבעטן ביי יידישע אונטערנעמער, ווערן עקספּלואַטירט דורך יידן גופא.

2) יונגער עלטער פון די עקספּלואַטירטע — „דאָס רוב יוגנטלעכע, אפילו קינדער", ווי דער גובערנאַטאָר זאָגט עדות.

3) פּאָליטישער כאַראַקטער פון די עקאָנאָמישע קאַמפן. די באַלעבאַטים ווענדן זיך צו די מאַכט־אָרגאַנען, פאַרמסרן די אַרבעטער אַלס „בונטאָווּ־שטשיקעס", אַלס רעוואָלוציאָנערן, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט שאַפן געהיימע אָרגאַניזאַציעס.

4) זמנים־כאַראַקטער פון די אַרבעט־„קאָנטראַקטן". די עלטערן פאַרדינגען זייערע קינדער צו דער אַרבעט אויף אַ האַלב־יאָר, אויף אַ „זמן". פון סוכות ביז פסח און פון פסח ביז סוכות. די טערמינען ענדיקן זיך מיט די גרויסע יידישע ימים־טובים, פסח און סוכות.

ג. סאָציאַלע גלידערונג פון דער יידישער באַפעלקערונג און פאַרדינסטן אין „יידישע פאַכן"

די צאָל האַנטווערקער אין תחום האָט באַטראָפן 500.986 פּערזאָן, אָדער 13,2% פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג און 18,4% פון דער ווירטשאַפטלעך־טעטיקער יידישער באַפעלקערונג, אויסשליסנדיק קינדער אין עלטער ביז 10 יאָר. דערביי זייַנען געווען 259.396 זעלבסטשטענדיקע מייסטערס, 140.258 געהילפן (דערוואַקסענע אַרבעטער) און 101.062 לער־יינגלעך. די צאָל לערן־יינגלעך איז כמעט גלייך צו דער צאָל געהילפן. אויף אַ זעלבסטשטענדיקן בעל־מלאכה פאַלט אויס אין דורכשניט ווייניקער ווי איין געהילף, אָדער לערן־יינגל. די ציפערן פון דער ייק"א־אויספאָרשונג באַווייזן, אַז דער דורכשניטלעכער פאַרדינסט פון אַן אַרבעטער, אַ מייסטער איז געווען 5 רובל אַ וואָך ביי שניידער (33%), ביז 6 רובל אַ וואָך — 47%, מער ווי 6 רובל אַ וואָך — 20%. ביי שוסטער איז געווען דער פאַרדינסט פון 3 ביז 5 רובל אַ וואָך, ביי וועש־נייערינס — זעלטן־ווען מער פון 2 רובל אַ וואָך. אַ געהילף פלעגט באַקומען אַ העלפט וואָס אַ מייסטער. אַרבעטן פלעגט מען

ביז 16 שעה אַ טאָג [10]). יידישע שוואַרצע אַרבעטער זיינען געווען פאַר די יאָרן 1898—1899 — 105 טויזנט, אָדער 2% פון דער יידישער באַפעלקערונג. יידישע פאַבריק־אַרבעטער בלויז 2933 לויט אָפיציעלע ציפערן און 2409 לויט דער אויסרעכענונג פון ייק״א. אפילו אויף די האָלץ־זעגערייען אין „תחום״ האָבן געאַרבעט בלויז 805 יידן. די סיבות פון דער קליינער צאָל יידן אין די זעגערייען שטאַמען דערפון, וואָס די אונטערנעמונגען געפינען זיך אויסערן שטאָט, וואו יידן איז געווען פאַרבאָטן צו וואוינען. אויסער דעם איז געווען אַ שטער שבת־רו. די זעגערייען האָבן געאַרבעט שבת און גערוט זונטיק, ווי אויך ווייל עס האָט אויסגעפעלט כשר־עסן אין די געגנטן פון די זעגערייען [11]). צאַרישע באַגרענצונגען פון איין זייט, רעליגיעזע פאַראורטיילן פון דער צווייטער זייט זיינען געווען די הויפּט־סיבות פונם יידישן נישט־אַריינדרינגען אין דער גרויס־אינדוסטריע.

„יידן טרעפט מען אין ביאַליסטאָקער ראַיאָן פון טעקסטיל־אויסאַרבעטונג נאָר אַלס האַנט־וועבער. אין אַלע פאַבריקן, וואָס זיינען פאַרנומען מיט וואָל־אויסאַרבעטונגען און קרובהשע פאַכן און וואו עס זיינען איינגעפירט מעכאַנישע באַוועגער, פעלן אינגאַנצן די יידישע אַרבעטער . . . ״ דער אַרבעט־טאָג אין די האַנט־וועבערייען איז אַ לענגערער, ווי אין די מעכאַנישע וועבערייען. מען אַרבעט 11,5—12 שעה אַ טאָג, אָפט אפילו 13־14 שעה [12]). „וואָס גרעסער אַ פאַבריק איז, אַלץ ווייניקער יידישע אַרבעטער געפינען זיך דאָרט. סיבות — שבת־רו, נישט־צוגעגרייטקייט און דאָס פעלן פון טעכנישע קענטשאַפטן, ווי אויך אָפּוועזנהייט פון יידישע מייסטערס, פון וועלכע עס זאָל זיין אָפּהענגיק דאָס אָננעמען אַרבעטער אויף דער פאַבריק״. אויסער דעם האָט דער דאָרף צוגעשטעלט אַ שטענדיקן קאָנטיגענט פון לוין־אַרבעטער, וואָס האָבן געמאַכט אַ קאָנקורענץ די שטאָטישע אַרבעטער, וועמענס באַדערפענישן עס זיינען געווען העכערע. די יידישע אַרבעטער, ווי אַ שטאָט־עלעמענט האָבן, ממילא, געליטן פון אָט־דער קאָנקורענץ [13]).

די יידישע אַרבעט איז געווען בעיקר אַ האַנטווערק־אַרבעט און דער יידישער פּראָלעטאַריאַט — אַ האַנטווערקער־פּראָלעטאַריאַט.

די צווייטע גרויסע גרופּע פון באַשעפטיקונגען צווישן יידן איז געווען דער האַנדל, דאָס רוב קליין־האַנדל. לויט די אויסרעכענונגען פון יעקב לעשטשינסקי זיינען אין האַנדל געווען באַשעפטיקט 475.080 פּערזאָן. לויט אים, זיינען ביי מלאכה און אינדוסטריע געווען באַשעפטיקט 555.229 יידן [14]). פון די ציפערן קומט אויס, אַז דער הענדלער־קלאַס איז געווען עטוואָס נידע־

10) די ציפערן זיינען נוגע דעם „ביי־ווייסל־געגנט״, ד. ה. די צען גובערניעס פון קאָנגרעס־פּוילן, מאַטעריאַלן, אא״וו, ערשטער באַנד, זייט 200.

11) דאָרטן גופא, ז. 15.

12) דאָרטן גופא, זייט 171.

13) דאָרטן גופא, ז. 216.

14) יעקב לעשטשינסקי : „דאָס יידישע פאָלק אין ציפערן״, ז. 69.

ריקער, ווי דער קלאַס פון אַרבעטנדיקע יידן ביי מלאכה און אינדוסטריע. פאַרקערט ווידער, בוכבינדער גיט אָן, אַז דער הענדלער־קלאַס איז ביי יידן געווען שטאַרקער אין צאָל. לויט אים זיינען געווען באַשעפטיקט 38,65 פראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין האַנדל, 35,43 פראָצענט אין אינדוסטריע, 6,61 פראָצענט ביי שוואַרצער אַרבעט און הויז־דינערשאַפט, 5,49 פראָצענט — אָן באַשטימטער פראָפעסיע, 5,49 פראָצענט — פרייע פראָפעסיעס, 3,98 פראָצענט ביי פאַרקער (באַלעגאָלעס), 3,55 פראָצענט ביי ערד־אַרבעט (כערסאָנער קאָלאָניסטן) 1,07 פראָצענט — אין דער אַרמיי. די צאָל יידישע האַנטווערקער גיט בוכבינדער אָן — 500.896 פערזאָן. זיי מאַכן אויס אין די 25 גובערניעס פונם „תחום" פון 10 ביז 20 פראָצענט פון דער באַפעלקערונג [15]).

הגם די ציפערן פוןביידע מחברים שטימען נישט גענוי און מיר ווייסן נית, ווי אַזוי און אויף וועלכע גרונטן די רעכענונגען זיינען געמאַכט געוואָרן, זיינען אָבער די ביידע ציפערן־אָנגאַבעס נאָענט צווישן זיך. די צוויי גרויסע גרופּעס באַשעפטיקונגען צווישן יידן — מלאכה און מסחר — זיינען געווען בערך גלייך פאַרטראָטן ביי דער ווירטשאַפטלעך־אַקטיווער יידישער באַפעל־קערונג.

און פונקט ווי אין דער אינדוסטריע און האַנטווערק איז דער הערשנ־דיקער עלעמענט געווען די מלאכה און קליינער ווערקשטאַט, די קליינע אונ־טערנעמונג (ביז 20 אַרבעטער), פונקט אַזוי איז די דאָמינירנדיקע אין האַנדל געווען דער יידישער קליינהאַנדל, דער שטעטלדיקער דעטאַליסט. די לאַגע פונם יידישן קליינהאַנדל איז געוואָרן פון טאָג צו טאָג ערגער. „דער עיקר מסחר באשטייט אין קרעמעריי — שרייבט אַ קאָרעספּאָנדענט פון יענער צייט. — פאַראַן גרויסע און קליינע קלייטן. נישטאָ קיין טאָג, ווען עס זאָלן נישט צוקומען קיין נייע. אין דער מאַנופאַקטור־בראַנזשע (האַנדל מיט טוך — ש. ל.) איז זעלטן צו טרעפן אַזאַ איינעם, וואָס זאָל נישט האָבן באַנקראָטירט עטלעכע מאָל. די קאָנקורענץ אויף דעם געביט איז זייער גרויס. דער גאַנצער מסחר גייט אויף באָרג. איצט שטייען פאַר אַ צעזאַמענברוך אַסאַך משפחות, וועלכע האָבן זיך באַשעפטיקט מיט פאַרקויפן בראָנפן. די פאַרמעגלעכערע וועלן ווערן קרעמער און נאָך מער פאַרגרעסערן די קאָנקורענץ. די אָרעמע וועלן פאַרגרעסערן די המונים פרנסה־לאָזע. זיי וועלען אפילו קיין געלט נישט האָבן

15) ב. בוכבינדער: „געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג", יידיש פון ד. רויכל, פאַרלאַג „טאָמאָר", ווילנע, 1931, ז"ז 9—11.

אויסצעוואַנדערן אויף יענער זייט ים [16]). „אַ דערדריקנדיקן איינדרוק האָט די בראַנפּן־רעפאָרמע (דאָס איינפירן דעם בראַנפּן־מאָנאָפּאָל — ש. ל.) גע־מאַכט בלויז אויף די יידן, געוועזענע טראַקטיר־אייגנטימער, וועלכע, ניט באַקומענדיק מער קיין פּאַטענטן און נישט האָבנדיק קיין אַנדערע קוואַלן אויף פאַרזיכערן זיך די עקזיסטענץ, זיינען געבליבן איצט אינגאַנצן אָן פּרנסה״ — שרייבט דער סעדליצער גובערנאַטאָר אין אַ שטרענג־געהיימען פּערזענלעכן בריוו צום וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר דעם 12־טן פעברואַר 1898, אונטערן נומער 109 [17]).

אין 1897 לעבט דער יידישער קליינער מסחר איבער אַ שאַרפן קריזיס. די קאָנקורענץ ווערט שאַרפער. דער בראַנפּן־מאָנאָפּאָל שטויסט אַרויס אַסאַך יידן פון זייערע פריערדיקע באַשעפטיקונגען, איבערלאָזנדיק זיי אָן קוואַלן פון פּרנסה. דאָס יידישע קליינבירגערטום ווערט צעזאַמענגעבראָכן. טיילן מוזן אויסוואַנדערן: אָדער עמיגרירן מעבר־לים, אָדער איבערציען זיך אין די גרעסערע שטעט פונם „תחום״, וואו עס אַנטשטייען נייע פּראָדוציר־צווייגן און, ממילא, נייע פּרנסה־קוואַלן. אַזוי הויבט אָן צו וואַקסען די יידישע באַ־פעלקערונג אין די גרעסערע שטעט. 38,16 פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג האָבן געוואוינט אין שטעט פון 10 ביז 100 טויזנט איינוואוינער, 13,3 פּראָצענט אין שטעט פון העכער 100 טויזנט איינוואוינער [18]). יידן ווערן על־כן אַ שטאָטישער עלעמענט. דאָס ווירקט שטאַרק אויף דער יידישער מענטאַליטעט. די טראַדיציאָנעלע פּאַרגליווערטקייט, דער ענגער געזעל־שאַפטלעכער דרוק, די איינטאָניקייט אין הלבשה און לעבנס־שטייגער פונם אַלטן שטעטל זיינען אויפגעגעבן געוואָרן. אויב אין שטעטל האָט דער ייד גע־קענט קוקן מיט ביטול אויף דער אַרומיקער פּויערישער באַפעלקערונג, וואָס איז געווען קולטורעל אָפּגעשטאַנען, טרעפט ער זיך אין שטאָט מיט אַן אַנטוויקלטער און פאַרויסגעשריטענער נישט־יידישער סביבה. עס וואַקסט ביי יידן אַ שטרעמונג פון געבן וועלטלעכע בילדונג זייערע קינדער. די פאַרמעגלעכע יידן, ווער רעדט די גרויסע סוחרים, הויבן אָן נאָכצומאַכן די נישט־יידישע וועלט, שיקן זייערע קינדער אין גימנאַזיעס און אוניווערסיטעטן. עס וואַקסט אויס אַ היפשע דיפּלאָמירטע יידישע אינטעליגענץ. אָבער די

16) ליטאַי — „יידן און יידישקייט אין ליטע״, „השלח״, כרך ב׳, 1897, ז״ז 177—187.

17) אַרכיוו פון ווג״ג נ. 97.681, ערשטע געשעפטפירונג, צווייטער טיש, נומער 70 פון יאָר 1898. — „וועגן געשעענישן, וואָס כאַראַקטעריזירן די רוסיש־פּוילישע באַ־ציאונגען אין די גובערניעס פון פּוילישן קעניגרייך״, בויגן 13.

18) י. לעשטשינסקי צ״וו, דאָרטן גופא.

אַסימילירטע שיכטן ביי יידן האָבן אונטער אַלעקסאַנדער דעם דריטנס הער־שאַפט איבערגעלעבט ניט־וויניק אַנטוישונגען: די פּאָגראָמען פון 1881, די „צייטווייליקע כללים, וואָס באַגרעניצן די יידישע רעכט" (1882) און גירוש מאָסקווע (1891). באַזונדערס איז געווען גרויס די ווירקונג פון די אַרויסגע־טריבענע סוחרים און דיפּלאָמירטער אינטעליגענץ פון די אינעווייניקסטע רוסישע גובערניעס. אַט־די עלעמענטן זיינען געוואָרן געצוואונגען אומצו־קערן זיך אין „תחום", דער עיקר ציט זיי צו דער ניי־אויפגעקומענער שטאָט לאָדז. זיי ברענגען אַריין אין „תחום" אַ נייעם גייסט. אייניקע בלייבן ביי דער רוסיש־אַסימילאַטאָרישער טענדענץ. אַנדערע ווידער ווערן געשטימט ציוניסטיש־העברעאיסטיש. אָפּט גייעןביידע טענדענצן צוזאַמענגעפּאָרט. זיי ווילן בילדן דאָס פאָלק, כדי אים צוגרייטן, עס זאָל ווערט זיין צו באַקומען גלייכבאַרעכטיקונג [19]). די איצטיקע אַסימילאַציע־טענדענצן זיינען שוין אָבער זייער שאַרף נאַציאָנאַל באַפאַרבט. די אַסימילאַציע, ווי אַ שטרעבונג פון נאַ־ציאָנאַלער אויפלייזונג, עקזיסטירט שוין ניט מער, הגם מען קען נאָך וואו־ניט־וואו געפינען אַ שארית־הפליטה פון די פאַרגאַנגענע שטימונגען. צו אַט־דעם מין געהערט דער לייט־אַרטיקל פון לעאָן ראַבינאָוויטשעס „המליץ" פון יאָר 1897.

„ס׳איז אַ גוטער סימן פאַר אונדז, וואָס די רעגירונג האָט נישט געהאַלטן פאַר נויטיק צו געבן פאַר יידן צייל־בויגנס, געשריבן אין זשאַרגאָן, ווי זי האָט געטאָן מיט אַלע איבעריקע פעלקערשאַפטן, וועלכע וואוינען אין די ראַנד־געביטן, וואָס פאַר זיי האָט מען די פראַגע־בויגנס געדרוקט אין זייער שפּראַך. ווייל אונדזער הויכע רעגירונג ווייסט, ווי ווייט יידן האָבן אַ טראָט־געטאָן פאָראויס אין קענטשאַפט פון דער לאַנד־שפּראַך, און אַז זיי פאַרשפּרייטן דאָס רעדן די לאַנד־שפּראַך אין אַסאַך גובערניעס. דעריבער קאָנען די יידן ענטפערן אויף די פראַגע־בויגנס, געשריבן אין רוסיש. און די אַלע וואָס מיינען, אַז מיר זונדערן זיך אָפּ, וועלן זען, — די פיינע לייט מיט פרייד און אונדזערע שונאים מיט האַרצווייטיק, — ווי גרויס עס איז די צאָל יידן, וועלכע וועלן ענטפערן אויף דער פראַגע „ק" : „מוטער־שפּראַך ?" — „רוסיש", ווייל כמעט אַלע יונגע יידן רעדן רוסיש" [20]).

מען דאַרף געדענקען, אַז דער „המליץ", ווי אַ העברעאישע צייטונג, איז געווען געווענדט כלפּי־פּנים, צו די יידישע משכילים און בית־מדרשניקעס, וועלכע האָבן אָדער גאָר קיין רוסיש נישט געקענט, אָדער, אין בעסטן פאַל, קוים דורכגעקראָכן אַ רוסישע שריפט. ס׳איז אויך אינטערעסאַנט דעם מה־יפית־סטיל, דער אַלאונטערטעניקסטער טאָן, ווי אויך די נאַאיווע איינ־שטעלונג, אַז די רעגירונג וויל נאָר די „טובה פון די יידן" (וועקער אין מענדע־

---

19) זע דעם ראַפּאָרט פון אַדוו. מיכאיל קאָנס רעדע ביים עפענען די לאָדזער תלמוד־תורה אינעם קאַפּיטל : באַציאונג פון דער רוסישער מאַכט צום ציוניזם".

20) „המליץ", נומער 8, פון 10 (22) יאַנואר 1897, אַרטיקל "אמת וצדק", אָן אונ־טערשריפט, — רעדאַקציאָנעלער לייט־אַרטיקל.

לעס „טאַקסע“). די סאַמע אַנטיסעמיטישסטע רעגירונג אין רוסלאַנד — די רעגירונג פון ניקאָלאַי דעם צווייטן — פירט דורך אַ פּאָלקס־ציילונג. זי וויל האָבן פּינקטלעכע ציפערן. זי טרעט אָפּ צוליב דעם אויף אַ ווײַלע פון איר רוסיפיקאַטאָרישער פּאָליטיק און דרוקט פּראַגע־בויגנס אין די מוטער־שפּראַכן פון די פעלקער, וואָס באַוואוינען רוסלאַנד. אָבער אפילו אין דעם פאַל קליגט זיך די צאַרישע רעגירונג אַרומצוגיין די העכער 5 מיליאָניקע יידישע באַפעלקערונג. יידן מוזן ענטפערן אויף די פּראַגע־בויגנס אין רוסיש. און ראַבינאָוויטשעס „המליץ“ זעט אין דעם אַ „ספּעציעלן חסד“, וואָס די רו־סישע רעגירונג טוט מיט יידן . . .

ד) נאַציאָנאַלע שטרעמונגען צווישן דער רוסיפיצירטער יידישער אינטעליגענץ

דער באַגריף „גירוש מאָסקווע“ דאַרף פאַרשטאַנען ווערן אַסאַך ברייטער, ווי דאָס אַרויסטרייבן יידן פון מאָסקווע. אַלע באַגרענצונגען און דער שאַרפער אַנטיסעמיטישער רעגירונג־קורס, וואָס ציט זיך פון די אָנהויב אַכציקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט דאַרפן אַריינגענומען ווערן אינעם באַגריף „גירוש מאָסקווע“. צוליב אָט־דעם פאַרשאַרפטן אַנטיסעמיטישן קורס פון דער רעגירונג, האָבן זיך אין די פּוילישע שטעט אָנגעזאַמלט אַ היפּשע צאָל אַרויסגעטריבענע פון די אינעוווייניקסטע רוסישע גובערניעס. אין פּוילן טרעפן זיך די רוספיצירטע יידן מיט אַ גרופּע פּאָלאָניזירטע יידישע אינטעליגענטן, די „פּאָליאַקן פון משהס גלויבן“. די פּאָלאָניזירטע יידן האָבן איבער זיי אַן איבערוואָג מיט דעם, וואָס זיי זיינען תושבים אינם לאַנד, ווי אויך מיט דעם, וואָס די העכערע פּוילישע געזעלשאַפט האַלט זיי אונטער. די „פּאָליאַקן פון משהס גלויבן“ זיינען די באַלעבאַטים אין די יידישע קהלות און האָבן, ממילא, אַ גרויסע השפּעה אויפן עפנטלעכן יידישן לעבן.

פּולאַן דער שעף פון דער זשאַנדאַרמעריע אין פּוילן, שרייבט אין זיין געהיימען שריפט צום וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר:

„די פּאָליאַקן פון משהס גלויבן, וועלכע האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו אַסימילירן די יידן און רופן זיך דערפאַר „אַסימילאַטאָרן“ . . . האָבן לעצטנס פאַרשטאַרקט זייער טעטיקייט, כדי צוצוגרייטן די פינסטערע יידישע חסידים־מאַסן אויף איבערנעמען די פּוילישע טענדענצן מיט דער הילף פון אַ באַוואוסטער טייל פון דער פּוילישער אינטעליגענץ. אַזוי ווי די הויפּט־כוחות פון די אַסימילאַטאָרן גרופּירן זיך אַרום דער וואַרשעווער יידישער קהלה־פאַרוואַלטונג, וועלכע בשטייט הויפּטזעכלעך פון פּאָלאָניזירנדיקע יידן, און וועלכע פאַרמאָגט גרויסע מיטלען, קומענדיק פון שטייערן, דערלויבטע דורך דער רעגירונג און פאַרפליכטנדיקע פאַר די יידן, — איז די אויפמערקזאַמקייט פון די ציוניסטן איצט בעיקר געווענדט אויף דער אינסטיטוציע פון דער וואַרשעווער יידישער קהלה. די יידישע גמינע אין וואַרשע האָט נישט נאָר אַן איינפלוס אויף די ענינים פון דער יידישער באַפעלקערונג אין וואַרשע, נאָר זי גיט אויך דעם טאָן דער גאַנצער יידישער אינטעליגענץ אין געגנט (פּוילן — ש. ל.). זי לייגט אַרויף און מעסט־אויס די שטייערן, גיט־אויס די אויפגעזאַמלטע גרויסע סומען לויט איר אייגענעם איינזען, באַשטימט הילף נישט נאָר פאַר באַזונדערע

פערזאָנען, נאָר אויך פאַר פאַרשיידענע יידישע געזעלשאַפטן און שולן, פאַרוואַלטעט מיט שפּיטעלער און דאָס גלייכן. ביים פאַרטיילן די געלטער זיינען די מיטגלידער פון דער קהלה־פאַרוואַלטונג, אין זייער איצטיקן צוזאַמענשטעל, ווייט ניט אָן פּניות, און האַלטן זיך ניט ביי פילאַנטראָפּישע איבערצייגונגען, נאָר האַלטן אונטער בלויז די אינסטיטוציעס, וואו ס׳גייט מיט דערפאָלג דער פּראָצעס פון אַסימילאַציע פון יידן מיט דער אָרטיקער פוילישער באַפעלקערונג און זאָגן אָפּ אין הילף די געזעלשאַפטן און שולן מיט אַ רוסישער ריכטונג [21]).

וועגן דעם, אַז צווישן דער יידישער באַפעלקערונג איז געווען אַן אָפּאָ־זיציע־שטעלונג צו דער רוסיפיקאַטאָרישער אַרבעט פון דער רוסישער רעגי־רונג שרייבט אויך דער לובלינער גובערנאַטאָר אין זיין שטרענג־געהיימען פערזענלעכן צושריפט וועגן „געשעענישן, וואָס כאַראַקטעריזירן די רוסיש־פוילישע באַציאונגען". דער דאָקומענט האָט נישט קיין נומער און דאַטע. ער שטאַמט פון יאָר 1898. דאָס איז צו זען פונם אָנקום־שטעמפּל פון דער קאַנצעלאַריע פונעם וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר. דער לובלינער גו־בערנאַטאָר שרייבט צווישן אַנדערע:

„דער ווידערגעפיל (פון די פּאָליאַקן צו אַלדאָס רוסישע) קומט צום אויסדריק אין די סאַמע קלענסטע פאַקטן: אַזוי איז אין לובלין, לויט דער אַלגעמיינער פעסטשטעלונג פון די רוסישע מענטשן, נישט נאָר צווישן דער אינטעליגענטער פוילישער געזעלשאַפט, נאָר אפילו צווישן די סוחרים, האַנטווערקער און אפילו פּאָלאָניזירנדיקע (פּאָליאַקוויושציך) יידן (אונזער קורסיוו — ש. ל.), איז צו באַמערקן אַ שטרעבונג צו איגנאָרירן די מלוכה־שפּראַך. זיי גיבן צו פאַרשטיין די רוסן, וואָס קומען צו זיי קויפן, אַז די רוסישע שפּראַך איז זיי אומאַנגענעם און די רוסישע קויפער באַמערקן זיי קוים" [22]).

ה. דער רוסיש־יידישער אינטעליגענט אין דער נייער סביבה

דער רוסיש־יידישער אינטעליגענט, וואָס איז געקומען פון די אינעווייניקסטע רוסישע גובערניעס קיין פוילן, באַגעגנט זיך דאָ מיט אַ פּאָלאָניזירנ־דיקער יידישער העכערער געזעלשאַפט און מיט אַ קולטורעל־אָפּגעשטאַנענער, רעליגיעז־אַבערגלויבערישער חסידישער פאָלקס־מאַסע. געבראַכט האָט ער מיט־זיך אַ צוגעבונדנקייט צו דער רוסישער שפּראַך און רוסישער קולטור, אויף וועלכער ער האָט זיך דערצויגן, אויסגעהאָדעוועט און געלעבט. דערצו האָט ער געטראָגן אַ שנאה צו דער רוסישער מאַכט, וואָס האָט אים אַרויסגע־ריסן פון זיין היים און סביבה און געצוואונגען צו באַזעצן זיך אין דער פרעמד. די פוילישע געזעלשאַפט איז פאַר אים געווען פאַרשלאָסן, „פאַרריגלט אויף 7 שלעסער". די אינטעליגענטע פוילישע קרייזן האָבן אויף אים געקוקט מיט חשד, געזען אין אים דעם רוסיפיקאַטאָר. דער חשד איז אָפּט אַריבער אין

21) אַרכיוו פון ווג"ג, נומער 101.564, ערשטע געשעפטספירונג, צווייטער טיש, פון יאָר 1902, בויגנס 266—268.

22) אווג"ג, נומער 97.681, ערשטע געשעפטספירונג, צווייטער טיש, נומער 70 פון יאָר 1898, בויגנס 191—192.

אַן אָפּענער שנאה. די רוסישע געזעלשאַפט ווידער איז אין פוילן, דאָס רוב, באַשטאַנען פון ביוראָקראַטן, צאַרישע טשינאָווניקעס, וועלכע זיינען געווען שאַרף־אַנטיסעמיטיש געשטימט און האָבן אויף דעם רוסיש־אידישן אינטעליגענט געקוקט פון אויבן אַראָפּ. די יידישע געזעלשאַפט איז באַשטאַנען פון די פאָלקס־שיכטן, אויף וועלכע דער אינטעליגענט האָט געקוקט מיט ביטול, אויב ניט נאָך ערגער — מיט פאַראַכטונג. די רעליגיעזע מאַסע האָט אים אויסגעזען איגנאָראַנט, אָפּגעשטאַנען, פרעמד. די חסידישע מאַסע גופא האָט אויף אים געקוקט ווי אויף אַ „דייטש״, אַן „אפיקורס״ און האָט צו אים קיין צוטרוי ניט געהאַט. פריער, פאַר די 80 יאָרן, האָט נאָך דער אינטעליגענט געגלויבט אין זיין מיסיע פון אויפקלערן אָט־די מאַסן, פאַרשפרייטן צווישן זיי בילדונג און מאַכן די יידן „פּעאיק און ווערט צו באַקומען גלייכבאַרעכטיקונג״. איצט אָבער, נאָך די דערפאַרונגען פון „גירוש מאָסקווע״, גלויבט שוין ניט מער דער אינטעליגענט אין דער ווירקזאַמקייט פון אָט־דער אידייע. די רוסישע ווירקלעכקייט האָט אים געגעבן צופיל דערפאַרונגען און אַנטוישונגען. די פאַר־הערצלישע „חיבת־ציון״־באַוועגונג איז פאַר אים, אָט דעם אויסגעוואָרצלטן אינטעליגענט, געווען צו־מיסטיש, אומרעאַל. הערצלס פּאָליטישער ציוניזם, די אידייע פון „טשאַרטער״, גאַראַנטירט דורך די גרויס־מאַכטן, האָט צוטאָן מיט „רעאַל״־פּאָליטיק, מיט דיפּלאָמאַטיע. אין דעם גלויבט ער. די דיפּלאָמירטע יידישע אינטעליגענץ און דער רייכער סוחר, אָדער אינדוסטריעלער וואַרפן זיך אַריין מיט לייב און לעבן אין אָט־דער באַוועגונג.

„דער ציוניזם אַנטוויקלט זיך אַלץ מער און מער, באַקומענדיק אָנהענגער הויפּטזעכלעך צווישן די יידן, וואָס זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן פון די אינעווייניקסטע רוסישע גובערניעס און וואָס שטעלן מיט זיך פאָר אַן עלעמענט, וואָס איז ניט גענויגט צו פּוילישער אַסימילאַציע״ [23]).

דער ציוניזם עפנט אַ פעלד פאַר דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט פון אָט־די עלעמענטן צווישן דער יידישער מאַסע גופא. מען דאַרף אויפהויבן קולטורעל די מאַסע און שטאַרקן איר יידישן זעלבסטבאַוואוסטזיין, כדי „ראוי צו מאַכן זי פאַר דער גאולה בארץ אבות״. די ציוניסטישע באַוועגונג בייט נאָר איבער די צילן. דער כאַראַקטער פון דער אַרבעט בלייבט דערזעלביקער. פריער איז עס געווען — בילדן די יידן צוליב גלייכבאַרעכטיקונג אין רוסלאַנד. איצט איז עס אין די אינטערעסן פון דער „גאולה שלמה״. דער ציוניזם עפנט פאַרן אינטעליגענט אַ פעלד פון אַרבעט. ער גייט אַרויס פון זיין איזאָלירטקייט. ער ווערט אַ פירנדיקע פערזענלעכקייט אינם יידישן לעבן. מיט דעם דערקלערט זיך די גרויסע צאָל דיפּלאָמירטע אינטעלעגענטן אין די אָנפירנדיקע

---

23) פּולאַנס שריפט צום ווג״ג, דאָרטן גופא.

אָרגאַנען פון דער ציוניסטישער באַוועגונג: אַדוו' יאַסינאָווסקי און דער „סוחר פון דער ערשטער גילדע" א. פּאָדלישעווסקי אין וואַרשע, אינזש. מ. מ. אוסישקין — אין יעקאַטערינאָסלאַוו, ד"ר צוקער און קאַליש, ד"ר פאַלק און ד"ר ליטווין — אין לאָדז און אַזוי ווייטער [24]). דאָס איז דער סאָציאָלאָגישער און פּסיכאָלאָגישער הינטערגרונט, וועלכער האָט געבראַכט די יידישע אויבערשיכטן צום ציוניזם.

די באַדינגונגען אין רוסלאַנד גרייטן־צו אַ באָדן פאַרן ציוניזם צווישן די אונטערשטע שיכטן, צווישן יידישן קליינבירגערטום. די באַגרענצונגען אין וואוין־אָרט, דער בראָנפן־מאָנאָפּאָל, די באַנען און פאַרבעסערטע קאָמוניקאַציע־מיטלען שטופּן אַרויס דעם יידישן פאַרמיטלער, ברייגגען פּאָפּוריזאַציע און די נויטווענדיקייט איבערצעוואַנדערן. די איבערשיכטונג קומט פאַר מיט גרויסע חבלי־לידה. אין אַט־דער אויסזיכטלאָזיקייט רייסן זיך אַריין די ציוניסטישע „מטיפים" מיט הערצלס חלום אויף די ליפּן — אַ יידיש לאַנד אין „ארץ־אבות". די יידישע קליינבירגערלעכע מאַסע איז שטענדיק געווען נאָענט צום בית־מדרש מיט די משיחישע גלויבונגען. דערצו די לאַקנדיקע פּערזענלעכקייטן פון אַ ד"ר הערצל און אַ מאַקס נאָרדוי, די געקומענע פון דער פרעמד און וועלכע האָבן זיך צוריקגעקערט „צום פאָלק ישראל". אין רוסלאַנד זיינען גרייט צום יאָר 1897 די עקאָנאָמישע, סאָציאַלע און פּסיכאָלאָגישע פאַרבאַדינגונגען פאַרן אַנטשטיין פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, ווי אַ מאַסן־באַוועגונג. דער באַזעלער קאָנגרעס האָט דעריבער אין רוסלאַנד געהאַט אַ הילכיקן אָפּקלאַנג. די ציוניסטישע באַוועגונג האָט זיך אָנגענומען און זיך צעוואַקסן.

ו. די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג

אין ציוניזם האָט די אינטעליגענץ געבראַכט די אידייע, דעם „רעיון" און האָט געפונען אַ גרייטן און רייפן באָדן צווישן די ברייטע שיכטן פונעם מיטלשטאַנד. די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט זיך געפורעמט פון אונטן. איז אַנטשטאַנען פון די טאָג־נויטן און האָט שפּעטער צוגעצויגן די אינטעליגענץ. פון סאַמע אָנהויב האָבן די רעוואָלוציאָנערע פּאָליטישע קרייזלעך געזוכט צו לעבן אָפּגעזונדערט פון דער גרויסער מאַסע, נישט האָבנדיק קיין צוטרוי צו דער „פינצטערער מאַסע" [25]). אין מעזריטש, האָבן מיר געזען פון

24) אַווג"ג, נומער 101.820, 1־2, נומער 175 פון יאָר 1902, ווי אויך נומער 100.172 1־2, פון יאָר 1901.

25) ב. פרומקין — „עטיודן צו דער געשיכטע פון דער יידישער אַרב. באַוועגונג" (1885—1897), יעוו. סטאַרינאַ", צ"וו, ז. 113.

דער גבית־עדות פונם סעדלעצער גובערנאַטאָר, ווי אַזוי שטרייקן פלעגן אויס־ברעכן סטיכיש, אומאָרגאַניזירט [26]). ערשט די צוואַקסונג פון דער שטרייק־כוואַליע צווינגט די אָנפירער פון די קרייזן צו רעווידירן זייער שטעלונג צום ענין „פינצטערע מאַסע" [27]).

ז. די פּאָליטישע באַוועגונג — אַ רעזולטאַט פון דער עקאָנאָמישער

די עקאָנאָמישע קאַמפּן אין אָנהויב פון די 90ער יאָרן צווינגען צו אָרגאַניזירן הילף־קאַסעס. לכתחילה זיינען די קאַסעס קעגנזייטיקע הילף־אָרגאַניזאַציעס, זיי זיינען באַשטימט צו געבן הילף די מיטגלידער אין פאַל פון אַ קרענק, אָדער אַרבעטלאָזיקייט. די מיטגלידער צאָלן 3% פון זייער פאַרדינסט. מען קען אָנגענומען ווערן אַלס מיטגליד, נאָר ווען מ'אַרבעט אין מאָמענט פון אַריינטרעטן אין די קאַסעס. אָבער די קאַסעס גרינדן ביי זיך אָפּטיילונגען פאַר הילף אין דער צייט פון אַ שטרייק — די שטרייק־פאָנדן. דידאָזיקע שטרייק־פאָנדן זיינען כמעט אויטאָנאָמע אָרגאַניזאַציעס. אויפן שטרייק־פאָנד ווערן געמאַכט ספּעציעלע זאַמלונגען, נישט קיין אָבלי־גאַטאָרישע אָפּצאָלונגען. די קאַסע־פאָנדן טאָרן נישט באַנוצט ווערן אויף די שטרייק־פאָנדן [28]). די קאַסעס זיינען אָרגאַניזירט אויפן פּרינציפּ פון פאַך־צווייגן. יעדער פאַך האָט אַ באַזונדער קאַסע. עס עקזיסטירט אַ צענטראַלער קאַסע־ראַט, וואָס פאַרבינדט די באַזונדערע קאַסעס אין דער געגעבענער שטאָט. די קאַסעס זיינען אָפן פאַר אַלע אַרבעטער אין פאַך און זיינען אומ־אָפּהענגיק פון די געהיימע פּאָליטישע קרייזלעך. מיט דער אומאָפּהענגיקייט פון די קאַסעס איז מען אויסן געווען צו דערגרייכן אַ טאָפּלטן רעזולטאַט: 1) די אומבאַוואוסטזיניקע אַרבעטער, וועלכע שטייען ניט־צו צום פּאָליטישן קאַמף, זאָלן קענען אַריינטרעטן אין די זעלבסטהילף־אָרגאַניזאַציעס; און 2) נישט־צולאָזן די „אָפּגעשטאַנענע מאַסע" צו דער פּאָליטיש־קאָנספּיראַטי־ווער באַוועגונג, מורא האָבנדיק, אַז די צושטראָמונגען פון גרויסע מאַסן אין דער פּאָליטישער באַוועגונג זאָל נישט שטעלן אין געפאַר די קאָנספּעראַטיווע פּאָליטישע קרייזן [29]). מיט דעם אַנטשטיין פון די קאַסעס איז די באַוועגונג געוואָרן אַ מאַסן־באַוועגונג און עס האָט זיך געשטעלט די פראַגע וועגן איבער־גיין צו פירן די אַרבעט אויף יידיש, כדי צו דערגרייכן די מאַסן, וואָס פאַר־

26) זע אויבן באַריכט פון סעדלעצער גובערנאַטאָר.

27) ב. פרומקין, צ"א, דאָרטן גופא.

28) ב. פרומקין, צ"א, ז"ז 116—120.

29) צמח קאַפּלזאָן־טימאָפּעי, „די ערשטע שפּראַצונגען", „אַרבעטער לוח", וואַרשע, 1922, פאַרלאַג „די וועלט", ז. 67.

שטייען נישט קיין רוסיש. די קאַסעס ווערן פאַראייניקט, צענטראַליזירט. עס עקזיסטירט אפילו אַ צענטראַלע קאַסע" [30]).

וועגן דער עקזיסטענץ פון אַזאַ מין שטרייק־קאַסע, אין יאָר 1896, אין וואַרשע, האָבן מיר ידיעות אין אַ געהיימען בריוו פון וואַרשעווער אָבער־פּאָליצמייסטער, פון 1־טען נאָוועמבער, אַלטן סטיל 1896, אונטערן נומער 7625:

„צו זיין עקסעלענץ דעם הער שטעל־פאַרנעמער פון וואַרשעווער גענעראַל גובער־נאַטאָר.

„דעם 24־טן פאַרגאַנגענעם אָקטאָבער מאָנאַט האָט דער פּריסטאַוו (פּאָליציי־קאָ־מיסאַר — ש. ל.) פון דריטן בריק־קרייז (פּראַגע — ש. ל.) אויף אַ געהיימען אופן זיך דערוואוסט פון אַ פּערזאָן, וואָס וויל בלייבן אומפאַרעפנטלעכט, וועגן דעם, אַז צווישן יידן־אַרבעטער אויף די פאַבריקן און ווערקשטאַטן אויף אויסצואַרבעטן בייטלען האָט זיך אויסגעבילדעט אַ געהיימע געזעלשאַפט מיטן ציל צוצוגרייטן אין דער נאָענטסטער צוקונפט אַן אַלגעמיינעם שטרייק פון אַלע אַרבעטער פון דאָזיקן פאַך (אין טעקסט איז געשריבן דאָס וואָרט „צעך", וואָס איז נאָך פאַרבליבן אין דער רוסישער טערמינאָלאָגיע און אפילו אין דער פּראַקטיק, ווי ביים אַרויסגעבן פאַך־צייגענישן יידן, ביים באַקומען וואוינרעכט מחוץ לתחום — ש. ל.). לויט די ווערטער פונם דערציילער, קלייבן זיך צענויף די אָנפירער פון דער געזעלשאַפט אויף באַראַטונגען אין אַ רעסטאָראַן („אין איינעם פון די רעסטאָראַנען" — איז געשריבן אין טעקסט — ש. ל.), און אין עפּעס אַ פּריוואַטער דירה. דערביי זאָלן זיי האָבן איינגעפירט אַ ספּעציעלן בוך, אין וועלכען זיי שרייבן איין *די נדבות, וואָס קומען אַריין פון די אַרבעטער, כדי אויפצוזאַמלען אַ באַזונדער קאַפּיטאַל, פון וועלכן זיי וועלן אַרויסגעבן די אַרבעטער אונטערשטיצונג, בשעת זיי וועלן בלייבן אָן אַרבעט אין דער צייט פון שטרייק.* (דער קורסיוו אונזערער — ש. ל.)

„דורך דער איינגעשטעלטער צוליב דעם געהיימער נאָכשפּירונג, איז ביז־איצט נישט־פעסטגעשטעלט געוואָרן קיינע געגעבענע, וואָס זאָלן באַשטעטיקן די עקזיסטענץ פון דער אויבנדערמאָנטער געהיימער געזעלשאַפט, און בכלל איז צווישן די אַרבעטער פון בייטל־פאַך נישט צו באַמערקן קיין באַזונדערע באַוועגונג.

„וועגן די באַקומענע אינפאָרמאַציעס דורכן פּריסטאַוו פון בריק־קרייז (אוטשאַס־טאָק) איז געמאָלדן געוואָרן דעם זשאַנדאַרמען־פּאָלקאָווניק אוטגאָפן, וועלכער האָט איצט אַרויסגערופן דעם אינפאָרמאַטאָר, כדי אים אויסצופאָרשן."

פון אויבן אויפן בריוו איז אָנגעשריבן מיט אַ בלייפעדער אַ רעזאָלוציע: „צו קענטעניש". [31]).

דער דאָזיקער דאָקומענט איז זייער באַלערנדיק. באַזונדערס איז אינ־טערעסאַנט די רעדאַקציע וועגן דעם אופן, ווי די צאָלונגען ווערן געמאַכט אויפן שטרייק־פאָנד. עס זיינען ניט קיין מיטגליד־אָפּצאָלונגען, נאָר „נדבות", ד. ה., פרייע ספּעציעלע זאַמלונגען. נאָכדעם דער לשון: אויפצוזאַמלען „אַ באַזונדער קאַפּיטאַל" פאַרן שטרייק־פאָנד, ד. ה., אומאָפּהענגיק פון דער קאַסע. צום סוף, נעמט אַרום די קאַסע, לויט דער געהיימער אינפאָרמאַציע, בלויז איין פאַך — די בייטלמאַכער. די פּאָליצייאישע ידיעות שטימען אין

---

30) דאָרטן גופא.

31) אווג"ג נומער 95.205, 1־2, 350 פון יאָר 1896.

אַלע פּונקטן מיט דעם אופן, ווי אַזוי די קאַסעס זיינען אין דער ווירקלעכקייט אָרגאַניזירט געווען, צו יענער צייט. דערפאַר זיינען מיר גענויגט צו גלויבן, אַז אַזאַ קאַסע האָט עקזיסטירט אין וואַרשע. אויב דער פּאָליציי האָט זיך נישט איינגעגעבן זי צו אַנטדעקן, דערווייזט עס נאָר ווי גוט פאַרקאָנספּירירט די קאַסעס זיינען געווען. אגב, קען מען זיך משער זיין, אַז די מסירה האָט גע־שטאַמט פון אַ באַלעבאָס, וועלכער האָט גוט־געוואוסט דעם אופן פון דער אָרגאַניזאַציע און איר איינאָרדנונג, און האָט נישט געוואוסט, ווער און וואו די אָנפירער קומען זיך צענויף.

ח. צאַרישע מעטאָדן אין קאַמף מיט דער שטרייק־באַוועגונג

די עקאָנאָמישע באַוועגונג צווישן די אַרבעטער האָט זיך אָנגעשטויסן אויף מוראדיקע רדיפות מצד דער צאַרישער פּאָליציי. די רוסישע אַדמיניס־טראַציע האָט געהאַט אַן אייגנאַרטיקן מעטאָד: פריער אויסברענען מיט פייער יעדע אָרגאַניזירטע עקאָנאָמישע אַרויסטרעטונג פון די אַרבעטער. ערשט „נאָכן אָפּרעכענען זיך" פלעגט מען זיך נעמען נאָכצוגעבן טיילוויז די פאָדערונגען פון די אַרבעטער. די אַדמיניסטראַציע־אָרגאַנען פלעגן זיך פאַרשטענדיקן מיט די באַלעבאַטים און קומען צו אַ הסכם וועגן אונטערוואַרפן אַ פּאָר ברעקלעך אויף פאַרשטאָפּן דאָס מויל ביי די רעוואָלטירטע אַרבעטער.

אָט איז דער צירקוליאַר־בריוו פון וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר וועגן די שטרייקן אין לאָדז און פּאָגראָם, וואָס האָט דערפון געשטאַמט, אין יאָר 1892. אַרויסגעגעבן האָט דעם צירקוליאַר דער ווג"ג, גענעראַל־אַדיוטאַנט גורקאָ, צום פּעטריקאָווער גובערנאַטאָר, דעם 20טן מאַי 1892, אונטערן נומער 97. געטראָגן האָט דער צירקוליאַר דעם אויבערשריפט: „וועגן מאָסמיטלען אויסצומיידן שטרייקן און אומרועס אין דער אַרבעטער־אומגעבונג פון לאָדזשער ראַיאָן".

„צום הער פּעטריקאָווער גובערנאַטאָר. קאָפּיע. געהיים.

„צוליב די ידיעות, וואָס זיינען געבראַכט געוואָרן אין אייער ראַפּאָרט פון פאַר־גאַנגענעם 2־טן מאַי, אונטערן נומער 124, וועגן אַרבעטער־שטרייקן און אומרועס, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן דורך זיי און דורך פאַרשיידענע פאַרברעכער אין דער שטאָט לאָדז און אין אייניקע ערטער פון לאָדזער און לאַסקער אויעזדן, האָב איך געפונען פאַר נויטיק: 1) אַלע נישט־שטענדיקע איינוואוינער פון דער שטאָט לאָדז און די אויעזדן לאָדזער און לאַסקער, וועלכע האָבן זיך פריוויליק באַטייליקט אין די דערמאָנטע שטרייקן און אומרועס, וואָס זיינען געווען אַ רעזולטאַט פון דידאָזיקע שטרייקן, אַרויסצושיקן אין די שטעט פון זייער צושריפט, אָנווענדנדיק אָט־דעם מאָסמיטל צו די פון זיי, וועמען עס וועט באַשטימט ווערן אַנדערע שטראָפן, נאָכן אָפּקומען די שטראָף, און צו די איבעריקע — תיכף ומיד; 2) . . . . . ; 3) נאָכן פולשטענדיקן באַרואיקן זיך פון די געמיטער ביי די אַרבעטער, פאַרפליכטן די אָרטיקע פאַבריק־אינספּעקציע אויפצוקלייבן די סאַמע

פּינקטלעכסטע ידיעות, סיי וועגן די אַרבעט־באַדינגונגען אויף אַלע פאַבריקן און די אַרבעט־לוינען און אויפצושטעלן פאַרשלאַגן וועגן מאַסמיטלען, וועלכע זיינען צוועקמעסיק אָנצונעמען, כדי צו באַוועגן די פאַבריקאַנטן אויסצובעסערן די לעבנס־באַדינגונגען פון די אַרבעטער.

„אונטערגעשריבן: גענעראַל־אַדיוטאַנט גורקאָ. באַשטעטיקט: דער קאַנצעלאַריע־פאַרוואַלטער ק. באַזשאַנאָוסקי. ריכטיק: דער נידעריקער געשעפטספירער א. גראַציאַנסקי" [32].

אָט דאָס איז געווען דער צאַרישער מעטאָד: „אַרויסשיקן אַלע נישט־שטענדיקע איינוואוינער". אַ „נישט־שטענדיקער איינוואוינער" האָט געקאָנט הייסן אַזאַ, וואָס וואוינט שוין אין געגעבענעם אָרט פון דורות, אָבער וואָס איז געווען אַ „נכתב", אַ צוגעשריבענער צו אַן אַנדער בירגער־קאַנצעלאַריע („מעשטשאַנסקאַיאַ אופּראַוואַ"). מען רייסט אַרויס איינגעזעסענע בירגער (אונטערטאַנער, אויפן צאַרישן לשון) פון זייערע היים־נעסטן און מען הייסט זיי גיין אַהין, צו וועלכער „אופּראַווע" זיי זיינע צוגעשריבן. עס איז אַ פּערזענלעכע טראַגעדיע. עס האָט אָבער אויך סאָציאַלע פאָלגן.

ט. סאָציאַלע פאָלגן פון די צאַרישע רדיפות

צוליב די צאַרישע מעטאָדן פון אַרויסשיקן אין די „היים"־שטעט, זיינען די תחום־שטעט און שטעטלעך אָנגעפּולט געוואָרען מיט רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן [33]. די געליטענע פון דער צאַרישער רעפּרעסיע־סיסטעם פאַר דער ריין עקאָנאָמישער טעטיקייט, זיינען געקומען צום באַוואוסטזיין, אַז אַ דערפאָלגרייכער עקאָנאָמישער קאַמף איז נישט מעגלעך אָן אַ פּאָליטישן קאַמף מיטן צאַריזם. אין 1895 ווערן די שטראָפן נאָך האַרבערע. עס גייט אַ סדרה פאַרשיקונגען אין סיביר. אין תחום ווערן פאַרשיקט אויך די סטודענטן, וועלכע באַטייליקן זיך אין די סטודענטישע אומרוען אויף די אוניווערסיטעטן. די עקזיסטירנדיקע געהיימע פּאָליטישע קרייזלעך באַקומען נייע גוט־געשולטע קאַדרען פון דער רעוואָלוציאָנערער אינטעליגענץ, וועלכע זיינען געשטעלט געוואָרן אונטער „פּאָליציי־אויפזיכט אין דער שטאָט פון זייער אויסוואַל, אויסער די הויפּט־שטעט (פּעטערבורג און מאָסקווע) און די אוניווערסיטעט־שטעט" [34]. די געהיימע רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־קרייזלעך אין תחום באַקומען מיט אַמאָל אַ געשולטע און געבילדעטע אָנפירונג. די אַרויסגע־

32) אוהג"ג נומער 103.858, 1"ג, 121 פון יאָר 1905 — „מיט קאָפּיעס פון אינדוסטריע־צירקוליאַרן פאַר פאַרשיידענע יאָרן", בויגנס 24—25.

33) בוכבינדער, צ"וו, קאַפּיטל „שטרייק־באַוועגונג", ז"ז 61—72 פון דער יידישער איבערזעצונג.

34) ל. מאַרטאָוו — „זכרונות", צ"וו, ז. 40; מ. קאָסטאָף „פון אַ פאַרגאַנגענער עפּאָכע", אין „50 יאָר לעבן", ניו יאָרק, 1935; צ. קאָפּעלזאָן־טימאָפעי, צ"א, ז. 68

שיקטע סטודענטן פון די הויפט־שטעט שטעלן זיך אין דער שפּיץ פון אַט דער געהיימער באַוועגונג, ווערן אירע פירער און וואָרטזאָגער, ציען־אונטער אַ טעאָרעטישן יסוד און פּאָליטישע באַגרינדונג פאַר אָט־דער באַוועגונג. די רעוואָלוציאָנערע אינטעליגענץ דערפילט דעם נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן מהות פונם געהיימען און פאַרצווייגטן קרייזל־לעבן. זי טרייבט די פּאָליטישע קרייזלעך צו אַ דערנעענטערונג מיט דער ספּאָנטאַנער שטרייק־באַוועגונג. זי באַמיט זיך צו פאָרמולירן אַ נאַציאָנאַלע פּראָגראַם פון קאַמף פאַר גלייכבאַ־רעכטיקונג, ווי אַן אויסגאַנג־פּונקט פאַר דער נויטיקייט פון אַ ספּעציעל־יידישער פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע פאַר דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג [35]. מאַרטאָווס רעפעראַט: „די נייע עפּאָכע אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג" מערקט מיט זיך אַ קער צו זעלבסטדערקענונג. די עקזיסטענץ פון באַזונדערע יידישע רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך באַקומט אַ טעאָרעטישן יסוד פאַר איר פּאַקטישער סעפּאַראַטער עקזיסטענץ. פון אַ היסטאָרישן פאַקט (זעלבסטשטענדיקע עקזיסטענץ פון רעוואָלוציאָנערע יידישע אַרבעטער־קרייזן) ווערט געמאַכט אַ היסטאָרישע נויטווענדיקייט. „אונזער ציל באַשטייט אין דעם, מיר זאָלן ספּעציעל שאַפן אַ יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל זיין די אָנפירערין און דערציערין פון יידישן פּראָלעטאַריאַט אינם קאַמף פאַר דער עקאָנאָמישער, בירגערלעכער און פּאָליטישער באַפרייאונג", ווייל „דער יידישער אַרבעטער־קלאַס שטעלט מיט זיך פאַר אַ גענוג־געדיכטע מאַסע, כדי זייענדיק אָרגאַניזירט זאָל זי בילדן אַ גענוג שטאַרקע קראַפט". די יידישע אַרבעטער דאַרפן זיין פאַרבונדן מיט דער רוסישער און פוילישער אַרבעטער־באַוועגונג, אָבער זיך ניט פאַרלאָזן אויף זיי, ווייל „יענער קלאַס איז נישט ווערט די פרייהייט, וועלכער קען זי אַליין נישט אויסקעמפן" [36]. די דערנעענטערונג צווישן דער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער באַוועגונג, די אָנפירונג פון דער אינטעליגענץ און איר טעאָרעטישע פאָרמולירונגען עפענען דעם וועג פאַרן אַנטשטיין פון אַן אָרגאַניזירטער רעוואָלוציאָנער־פּאָליטישער פּאַרטיי צווישן די יידישע אַרבעטער.

---

35) ל. מאַרטאָוו — „ווענדע־פּונקט", צ"וו אא"ו, ווי אויך „ערשטער מאי 1892", „פיר רעדעס פון יידישע אַרבעטער", זשענעוו, דרוקעריי „סאָציאַל־דעמאָקראַטישע ביבליאָטעק", 1893, יידישע איבערזעצונג, ש. אַגורסקי — „סאָציאַליסטישע ליטעראַטור אויף יידיש", מינסק 1935, ז"ז 75—114.

36) ל. מאַרטאָוו־צעדערבוים: „דער ווענדע פּונקט אין דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג", אַרבעטער לוח, 1922, ז"ז 84—88, געדרוקט אין „יידישן אַרבעטער", זשענעוו 1909, ז"ז 9—20, אונטערן קעפּל „די נייע עפּאָכע אין דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג", נישט אָנגעגעבן דער מחבר.

י. רעזומע

אין 1897 איז פאַרענדיקט געוואָרן אַ פּראָצעס אויף דער ידישער גאַס אין פוילן און רוסלאַנד. די צאַרישע גזירות און באַגרענצונגען („צייטווייליקע כללים" פון 1882, אַרויסטרייבן יידן פון די דערפער, „גירוש מאָסקווע", בראַנפן־מאָנאָפּאָל) צווינגען יידן צו בייטן זייערע פּראָפעסיעס. אַ פּראָצעס אַ שווערער. די יידישע מיטלשיכטן בלייבן פּרנסהלאָז. די נייע פאַרקער־מיטלען שטופּן אַרויס דעם יידישן פאַרמיטלער, דער מאָנאָפּאָל — דעם יידישן שענקער און קרעטשמער. דער הורט־האַנדל שטופּט אַרויס דעם יידישן דע־טאַל־הענדלער. די צאַרישע רדיפות פאַרשטאַרקן דעם פּאַופּעריזאַציע־פּראָצעס. די פּאָגראָמען פון די 80־ער יאָרן און „גירוש מאָסקווע" צווינגען דעם יידישן אינטעליגענט איבערצוקוקן זיינע לייזונגען פאַרן יידישן פּראָבלעם דורך רו־סישער אַסימילאַציע און גלויבן אין דער רעגירונג (וועקער אין מענדעלעס „די טאַקסע"). „גירוש־מאָסקווע" ברענגט אָט־די דיפּלאָמירטע בירגערלעכע אינטעליגענץ אין יידישן „תחום", באַזונדערס אין די ניי־אויפגעקומענע פּוילישע שטעט. זיי באַגעגענען זיך פּנים־אל־פּנים מיט דער יידישער מאַסע און איר נויט. דער פּאַופּעריזירטער יידישער מיטל־שיכט זוכט צו עמיגרירן. די פּאָגראָמען האָבן אַרויסגערופן אַ חיבת־ציון־באַוועגונג. דער יידישער מיטלשיכט, עקאָנאָמיש רואינירט און פּסיכאָלאָגיש נאָענט צום בית־מדרש און זיינע משיח־אידייען, האָט זייער לייכט אויפגענומען פּינסקערס טעריטאָ־ריאַליזם [37]) און אחד־העמס גייסטיקן ציוניזם [38]). די אַסימילירטע אינטעלי־גענץ ווידער האָט געקוקט אויף אָט־דער באַוועגונג, ווי אויף אַ מיסטישן ענין, ווי אויף אַ האַלב־רעליגיעזער משיח־באַוועגונג און האָט זיך געשטעלט אָן אַ זייט. הערצלס דיפּלאָמאַטישער ציוניזם האָט אויסגעוויזן צו זיין מער רע־אַליסטיש. דערצו נאָך האָט די רוסיפיצירטע יידישע אינטעליגענץ אין פוילן ניט געהאַט פאַר זיך קיין טעטיקייט־פעלד, זייענדיק איזאָלירט פון דער פּוילישער געזעלשאַפט. זי וואַרפט זיך אַריין אין דעם ניי־אויפגעקומענעם הערצל־ציוניזם. די משיחישע שטימונגען פון יידישן מיטל־שיכט ווערן פאַרשטאַרקט דורך דער אַקטיווער אונטערשטיצונג פון דער דיפּלאָמירטער אינטעליגענץ. עס ווערט געבוירן די ציוניסטישע באַוועגונג אַלס אַ מאַסן־באַוועגונג.

---

37) לעאָ פּינסקער — „אויטאָעמאַנסיפּאַציע".

38) ש. טשערנאָוויטש (ספוג) „בני משה ותקופתם" ; ציטראָן, „תולדות חבת ציון", „אגרות אחד העם", תל־אביב, א״י, תרפ״ו, ארבעה כרכים, אחד־העם „על פרשת דרכים".

די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג אין רוסלאַנד האָט אָבער, פון דער צווייטער זייט, געבראַכט צו דער פּראָלעטאַריזירונג פון גרויסע יידישע שיכטן. די אַרבעטער־מאַסע האָט זיך קאָנצענטרירט אין די גרעסערע שטעט און געאַרבעט דאָס רוב פאַרן מאַגאַזינער. די יידישע אַרבעטער האָבן געאַרבעט דאָס רוב, אויב ניט אויסשליסלעך, ביי יידישע אונטערנעמער. זיי ווערן עקספּלואַטירט דורך יידן. עס פאַרשאַרפן זיך די קלאַסן־היפּוכים אין דער יידישער סביבה. עס ברעכן אויס ספּאָנטאַן עקאָנאָמישע אַקציעס, שטרייקן און קאַמפן. עס אַנטשטייען הילף־קאַסעס, ביי וועלכע עס ווערן אָרגאַניזירט שטרייק־פאָנדן אַלס אויטאָנאָמע קערפּערשאַפטן. איינצייטיק אַרבעטן געהיימע רעוואָלוציאָנער־פּאָליטישע זעלבסטבילדונג־קרייזן פון אַרבעטער. דער קאָנטאַקט צווישן די צוויי, איז אַ גענוג איינגער, הגם ניט קיין קאָאָרדאָנירטער. אָפּט נעמען איבער אָט־די רעוואָלוציאָנערע קרייזן די אָנפירונג מיט די שטרייק־אַקציעס. דער צאַרישער אונטערדריקונג־אַפּאַראַט טרייבט די עקאָנאָמישע אַרויסטרעטונגען צו פאַרוואַנדלען זיך אין פּאָליטישע אַקציעס. דערזעלביקער צאַרישער פאַרפאָלגונג־סיסטעם פּילט־אָן דעם „תחום" מיט אַ יידישער רעוואָלוציאָנערער אינטעליגענץ, וואָס קומען פון די אינוועניקסטע רוסישע גובערניעס. דער נאַציאָנאַלער כאַראַקטער פון דער עקספּלואַטאַציע (יידן ווערן עקספּלואַטירט דורך יידן) רופט אַרויס אַ קאָסמאָפּאָליטישע באַוועגונג צווישן די יידישע אַרבעטער, וואָס דערגייט ביז פאַרלייקענען אינגאַנצן דעם נאַציאָנאַלן מאָמענט. די צאַרישע רדיפות און פאַרפאָלגונגען אויף יידן, אַלס אַ נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע מינדערהייט וועקט נאַציאָנאַלע געפילן, טרייבט צו פאַרטראַכטן זיך אויף דער נאַציאָנאַלער יידישער פּראַגע. דער מאַסן־כאַראַקטער פון דער באַוועגונג איז אַ צווייטער נאַציאָנאַליזירנדיקער מאָמענט. מיר האָבן אין דער יידישער סיבה אַן ענלעכע דערשיינונג, ווי אויף דער פּוילישער גאַס, וואו עס האָט עקזיסטירט דער נאַציאָנאַלער סאָציאַליזם פון פּפּ"ס און דער קאָסמאָפּאָליטישער סאָציאַליזם פון סדקפּ"ל [39]). די עקאָנאָמישע באַוועגונג דערפירט צו דער אויסבילדונג פון צענטראַליזירטע עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציעס (בערשטער־בונדאון גאַרבער־בונד) [40]). עס ווערט גרייט דער באָדן פאַרן אַנטשטיין פון אַ יידיש־רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־פּאַרטיי. עס ווערט געבוירן דער „אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער־

---

39) אָטטאָ בויער — „די נאַציאָנאַליטעטן־פּראַגע און די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע", צ"וו.

40) ס. דובנאָוו־ערליך — „בערשטער בונד און גאַרבער בונד", וואַרשע, 1937.

בונד אין רוסלאַנד און פּוילן (בונד)״ אויפן ווילנער צעזאַמענפאָר אין סעפּ־טעמבער 1897.

אין דער אונטערשטער שורה: די זעלביקע עקאָנאָמיש־סאָציאַלע באַ־דינגונגען אין רוסלאַנד, ווירקנדיק אויף צוויי באַזונדערע גרונט־שיכטן ביי יידן, ברענגען צום אַנטשטיין פון אָט־די צוויי באַוועגונגען: ציוניזם און סאָציאַליזם. אין 1897 איז צייטיק געוואָרן דער באָדן פאַרן פאָרמולירן די גרונט־אידייען פון אָט־די באַוועגונגען, וועלכע האָבן געגורטעוועט אין די טיפענישן פון יידישן לעבן אין פּוילן און רוסלאַנד. סיי דער באַזעלער קאָנ־גרעס און סיי דער ווילנער צעזאַמענפאָר האָבן נישט מער, ווי אונטערגעפירט אַ סך־הכל פאַר די צייטיק־געוואָרענע באַוועגונגען. זיי שטאַמען ביידע פון די געענדערטע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע באַציאונגען אין רוסלאַנד, און פון זייער ווירקונג אויפן יידישן לעבן אין דער צאַרישער אימפּעריע.

צווייטער קאַפּיטל

די סאָציאַליסטישע באַוועגונג צווישן יידן

(1903—1897)

1) שטרייק, אָדער קאַמף־קאַסעס

די טעטיקייט פון „בונד" איז פון סאַמע לכתחילה געווען כמעט אויס־שליסלעך אַן עקאָנאָמישע טעטיקייט. עס זיינען נאָך ניט געווען קיין גרעניצן און שייד־ליניעס צווישן דער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער טעטיקייטן פון דער „יידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע". „אויף דער באַזע פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע — שרייבן די מחברים פונם באַריכט פון „בונד" צום סאָציאַ־ליסטישן אינטערנאַציאָנאַל — געפינען זיך די שטרייק־קאַסעס, די קאַמף־קאַסעס". די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס עקזיסטירן הויפּטזעכלעך צווישן די האַנטווערקער. די קליינע צאָל אַרבעטער אין אַ ווערקשטאַט באַגינסטיקט, אין באַדינגונגען פון אומלעגאַליטעט, צו אָרגאַניזירן די קאַסעס. וואָס איז שייך די פאַבריק־אַרבעטער, וואו עס אַרבעטן גרויסע צאָלן אַרבעטער אויף איין גרויסער אונטערנעמונג, איז שווערער די קאַסעס צו אָרגאַניזירן. די אומלעגאַלע קאַסעס קאָנען ניט אַרומכאַפּן די גרויסע מאַסן אַרבעטער, צוליב די פּאָליציי־באַדינגונגען, וואָס עקזיסטירן אין רוסלאַנד." אין ביאַליסטאָק — קומט אויס לויטן באַריכט — זיינען אָרגאַניזירט 20 פּראָצענט פון אַלע אַרבעטער, אין האָמעל — 40, אין ווילנע — 24, אין מינסק — 30־35.

„דער הויפּטציל פון די קאַסעס איז העלפן אויסצובעסערן די עקאָ־נאָמישע לאַגע פון די אַרבעטער . . . — די קאַסעס זיינען אָבער אויך די צענטערן, פון וואַנען די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אידייען גייען אַרויס און דרינגען אַריין אין די ברייטע אַרבעטער־מאַסן. די קאַסעס זיינען אַ גוט מיטל אויף אַנטוויקלען דעם פּאָליטישן באַוואוסטזיין פונם אַרבעטער־קלאַס. די קאַסעס געפינען זיך אין אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיט די אינסטיטוציעס, וואָס האָבן פאַר אַ ציל צו פאַרשפּרייטן צווישן די אַרבעטער די סאָציאַל־דע־מאָקראַטישע אידעען און דערציען זיי אין פּאָליטישן הינזיכט: אומלעגאַלע ביבליאָטעקן, קרייזן פאַר זעלבסטבילדונג פאַר די בעסטע מיטגלידער פון די קאַסעס און וואו מען לייגט דעם הויפּט־געוויכט, אַז די אַרבעטער זאָלן זיך דורכדרינגען מיט די הויפּט־יסודות פון סאָציאַליזם, ווי אויך „עפּנטלעכע פאַרלעזונגען" (גענדזנפיסלעך פון די מחברים — ש. ל.) פאַר אַלע קאַסע־

מיטגלידער. די לעצטע טראָגן ניט קיין סיסטעמאַטישן כאַראַקטער און זיינען זייער פאַרשיידן, פּילפּאַרביק, וואַריאירט". אַרויסגייענדיק פון די שטרייקן, פּרוּווט מען באַלויכטן טאָג־געשעענישן, אונטערשטרייכנדיק דעם קלאַסן־קאַמף, פּאָליציייאישן ווילקיר און פּאָליטישער אונטערדריקונג" [1].

די צוויי יאָר: 1897—1898 זיינען געוועז יאָרן פון עקאָנאָמישן וואויל־שטאַנד אין רוסלאַנד. אין משך פון דערדאָזיקער צייט זיינען אויסגעבויט געוואָרן באַנען אויף אַ שטח פון 9.951 רוסישע וויאָרסטן. כדאי וועט זיין צו דערמאָנען, אַז פאַר די צען יאָר, פון 1891 ביז 1899 זיינען איז רוסלאַנד אויס־געלייגט געוואָרן באַן־וועגן אויף אַ שטח פון 18.874 וויאָרסט. קומט אויס, אַז מער ווי אַ העלפט באַן־וועגן זיינען אויסגעלייגט געוואָרן אין משך פון די צוויי יאָר 1897־1898. אין דער קוילן־, אייזן־, נאַפט־ באַרג־בוי און טעקסטיל אינדוסטריען פילט זיך אויך דער אַלגעמיינער גוטער עקאָנאָמישער מצב. אַט די גוטע קאָניונקטור האָט זיך אויך אָפּגערופן אויף דער שוך־פּראָדוקציע, גאַרבערייען, בערשטער־פאַך, קליידער־אויסאַרבעטונגען, וועש־נייערייען וכדומה „יידישע פאַכן" [2].

אָט־די גוטע ווירטשאַפטלעכע לאַגע אין רוסלאַנד האָט געבראַכט דער־צו, אַז די שטרייק־אַקציעס, וואָס זיינען אונטערגענומען געוואָרן דורך די אומלעגאַל־עקזיסטירנדיקע קאַסעס, אָדער פּאָליטישע גרופּן, זאָלן זיך ענדיקן מיט אַ דערפאָלג. די אַרבעטער האָבן דאָס־רוב די קאַמפן געוואונען. די שטרייקן זיינען געפירט געוואָרן, כדי צו דערשלאָגן זיך אַ לוין־העכערונג, אָדער קירצן דעם אַרבעט־טאָג. 27.890 יידישע אַרבעטער האָבן זיך באַטיי־ליקט אין אָט־די שטרייקן פאַר די יאָרן 1897—1900. אינטערעסאַנט, בעת ביי די פאַבריק־אַרבעטער (צווישן ניט־יידן) זיינען 34,4 פּראָצענט פאַלן די שטרייקן אויסגעבראַכן צוליב לוין־העכערונג און בלויז אין 21,6 פּראָצענט פאַלן — קירצן דעם אַרבעט־טאָג, — זיינען אין די ווערקשטאַטן, ביי האַנט־ווערק („יידישע פאַכן") אין 56,6 פּראָצענט פאַלן אויסגעבראָכן שטרייקן מיט דער פאָדערונג פון קירצן דעם אַרבעט־טאָג און בלויז 31,3 פּראָצענט פאַלן צוליב לוין־העכערונג [3]. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס די פאַבריק־

---

1) באַריכט פון „בונד" צום אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין פּאַריז אין יאָר 1900, בוכבינדער — „געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג", יידישע איבערזעצונג, זייטן 162—165.

2) ל. מאַרטאָוו — „אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע און די אַרבעטער באַוועגונג אין רוסלאַנד פון 1893 ביז 1903", אין גראַנאַטס: „געשיכטע פון רוסלאַנד אין 19טן יאָרהונדערט", סט. פּעטערסבורג, ז"ז 67 און פאָלגט.

3) בוכבינדער — צ"וו, ז. 174.

אַרבעטער זיינען געשטאַנען אונטער דער אויפזיכט פון אַרבעט־אינספּעקטאָר און, ממילא, איז די אַרבעט־צייט ווי־ניט־ווי רעגולירט געוואָרן. די לוין־העכערונג איז דאָ געווען די סאַמע ברענענדיקסטע פראַגע. די קליינע ווערק־שטאַטן זיינען אָבער געווען אויסער יעדער אויפזיכט [4]). ממילא, איז דער קאַמף פאַר אַ "נאָרמאַלן" אַרבעט־טאָג געווען זייער אָנגעווייטיקט.

דער „בונד" האָט ענג־פאַרבונדן דעם פּאָליטישן קאַמף מיט דעם עקאָנאָמישן. ער האָט דערמיט געזיכערט זיך אַ מאַסן־באַזע און איז געוואָרן אַ מאַסן־פּאַרטיי אין דער אומלעגאַליטעט. אָבער דאָס גופא האָט געטראָגן אין זיך אַ געפאַר, אַז דער „עקאָנאָמיזם", ד. ה., די עקאָנאָמישע קאַמפן זאָלן ניט ווערן די עיקר־באַשטרעבונגען פון דער באַוועגונג, און דער פּאָליטישער קאַמף זאָל אָפּגערוקט ווערן אויף דער צווייטער מדרגה, אָדער זאָל בכלל פאַרוואָרפן ווערן. אָט־די שוואַכע זייט האָט טאַקע געבראַכט דערצו, וואָס זובאַטאָוון האָט זיך איינגעגעבן צו צעשפּאַלטן די בונדישע רייען און גרינדן זיין „אומאָפּהענגיקע אַרבעטער פּאַרטיי".

2) די פּאָליטישע טעטיקייט פון „בונד" אין די יאָרן 1897—1898

די רייך־פּאָליטישע טעטיקייט האָט זיך אויסגעדריקט אין אַרויסגעבן אומלעגאַלע שריפטן: פּראָקלאַמאַציעס, צייטונגען, פייערונגען פון דענק־טעג (ערשטער מאַי, דעקאַבריסטן־אויפשטאַנד און דאָס גלייכן).

דאָס אַרויסגעבן אומלעגאַלע ליטעראַטור איז געווען פאַרבונדן מיט שאַפן זיך געהיימע דרוקעריען. דאָס גופא איז געווען פאַרבונדן מיט אַ קאָמ־פּליצירטער „טעכניק". די דרוקעריי האָט געמוזט זיין לייכט, ניט רוישן און אַרומגעשטעלט אַזוי, אַז עס זאָל ניט וועקן קיין חשד. דאָס באַזאָרגן די דרוקעריי מיט שריפט איז געווען אַ צווייטע פּראָבלעם. עס איז געווען אַ צו־נויפגעקליבענער שריפט, פון דאָ און פון דאָרטן. דערמיט דערקלערט זיך, וואָס אַ געהיימע פּראָקלאַמאַציע איז דאָס רוב געווען אויסגעזעצט אַזוי, אַז איין אות איז געווען העכער פון צווייטן [5]). איינגעאָרדנט פלעגט אַזאַ דרוקעריי ווערן אויף אַ פּריוואַטער דירה, וועלכע פלעגט אָפּגעדונגען ווערן פון „אַ פּאָר פּאָלק". די איינוואוינער פון דער דירה פלעגן „פירן שטאַט", צינדן ליכט ערב שבת, היטן יידישע מנהגים, כדי ניט ציען אויף זיך די אויפמערק־זאַמקייט [6]). ווי גרויס און קאָמפּליצירט אַזאַ דרוקעריי איז געווען, באַווייזט דער דורכפאַל פון דער בונדישער דרוקעריי אין וואַרשע אין יאָר 1898, וואָס

4) זע דעם אויבנגעבראַכטן באַריכט פון סעדלעצער גובערנאַטאָר.

5) זע, למשל, דעם ערשטן נומער „אַרבעטער שטימע".

6) ב. מיכאַלעוויטש — „געהיימע דרוקערייען", אַרב. לוח, צ"וו, ז"ז 47 און פּאָלגט.

אַ זכר דערפון איז געבליבן אין די אַקטן פון וואַרשעווער גענעראַל־גובער־נאַטאָר:

עס שרייבט דער פּראָקוראָר פון דער וואַרשעווער געריכט־פּאַלאַטע:

„יוסטיץ־מיניסטעריום, פּראָקוראָר פון דער וואַרשעווער געריכטס־פּאַלאַטע, 11טער אויגוסט 1899 יאָר, נומער 791, שטאָט וואַרשע.

„דעם 15טן אָקטאָבער 1898, האָט דער אויפזעער פון די וואַרשעווער צאָל־סקלאַדן (טאַמאָזשנע) סעמענצעוו, געפינענדיק זיך אין דינסט־קאָמפּלעט אויפן פּעטערבורגער וואָק־זאַל פון דער שטאָט וואַרשע, באַמערקט צווישן די אַרויסגייענדיקע פּאַסאַזשירן פונם וואָקזאַל אַ יונגמאַן, אַ יידן, וואָס איז אָנגעקומען 8 אַזייגער אינדערפרי מיטן סט. פּעטער־בורגער צוג. דער יונגער ייד האָט געטראָגן אַ וואַליזע און אַ פּעקל. די וואַליזקע האָט עפּעס אויסגעזען פּאַרדעכטיק, ווייל זי האָט געמאַכט אַן איינדרוק פון זייער אַ שווערער. דער אויפזעער האָט חושד געווען, אַז דאָרט געפינט זיך געשמוגעלטע סחורה (קאָנטראַ־באַנדע). ער האָט דעריבער פאַרגעלייגט דעם יידן, ער זאָל עפענען די וואַליזקע, כדי דורכצוקוקן, וואָס דאָרט געפינט זיך. דער ייד האָט אָבער דערקלערט, אַז די וואַליזקע געהערט צו זיין חבר, וועלכער האָט די שליסלען ביי זיך. ער האָט איבערגעלאָזט ביי סעמאָנצאָוון זיינע זאַכן און מיט זיין דערלויבעניש, איז דער ייד אַוועק אָפּזוכן זיין חבר. אָבער מער איז ער שוין ניט צוריקגעקומען. נאָכן עפענען די זאַכן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין דער וואַליזקע זיינען געלעגן זעקלעך מיט יידישן דרוק־שריפט, פאַרשיידענע דרוק־מכשירים, 4 עקזעמפּליאַרן פון דער כאַציאַל־דעמאָקראַטישער צייטונג אויף דער יידישער שפּראַך אונטערן נאָמען „דער קלאַסן־קאַמף", פון 17־טן סעפּטעמבער 1898טן יאָר, צווי נאָטיץ־ביכלעך, אַ שטיקל פּאַפּיר מיט׳ן אונטערשריפט פּערל ק. און עטלעכע בויגנס ווייסן פּאַפּיר, און אינם פּעקל — וועש, אָנגעמערקט מיט די איניציאַלן ש. ק. (רוסישע בוכ־שטאַבן — ש. ל.) און ל. ס. (לאַטייניש׳ע בוכשטאַבן — ש. ל.) און אַ שאַכטל מיט אינ־סטרומענטן אויף צו פּאַרריכטן זייגערלעך. ביי אַ גענויער באַטראַכטונג פון די דער־מאָנטע קעגנשטאַנדן, האָט מען אין איינעם פון די נאָטיץ־ביכלעך געפונען אַ רשימה פונם וועש, אונטער וועלכן עס געפינט אַן אונטערשריפט אין דער רוסישער שפּראַך קאַצענעל־באַגען, און אויף איינעם פון די פּאַפּיר־בויגנס, אידענטיש צו די, אויף וועלכע עס איז געדרוקט „דער קלאַסן־קאַמף" אַ צושריפט פּאַסעל גורוויץ" [7]).

עס איז דאָ ניט אַזוי וויכטיק די אומדערפאַרנקייט פון די זשאַנדאַרמען, זייער ניט קענען אויפוויקלען אַ קנויל, האָבנדיק אין זייערע הענט אַלע פעדעם, אַלע פאַרבינדונגען, איניציאַלן און אַזוי ווייטער, ווי עס איז וויכטיק דער פאַקט גופא וועגן דער פרימיטיווקייט פון דערדאָזיקער „דרוקעריי", וועלכע קען אין איין וואַליזקע איבערגעפירט ווערן פון שטאָט צו שטאָט, איבערגעטראָגן ווערן פון איין שטוב אין דער צווייטער. עס וואַרפט אויך אַ שיין אויף דעם נייעם טיפ רעוואָלוציאָנערן טוער, וואָס האָלט זיך אין אויסבילדן: דיסציפּ־לינירט, רואיק, איינפעליק, גרייט אויף אַלץ, כדי צו פאַרפירן און אַרויס־גליטשן זיך פון די שונאימס הענט — דער פּאָליציי און זשאַנדאַרמעריע.

מען דאַרף באַמערקן, אַז ביזן יאָר 1900, איז אין אַרכיוו פון וואַרשע־ווער גענעראַל־גובערנאַטאָר ניט געווען צו באַמערקן קיין ידיעות וועגן „בונד".

---

7) אַרכיוו פון וואַרשעווער גענעראַל גובערנאַטאָר 97.436/1־2/280/1899

„דער קלאַסן־קאַמף", פון וועלכן דער פּראָקוראָר האָט געהאַט 4 עקזעמפּליאַרן, באַטראַכט ער, ווי אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע צייטונג אין יידיש. עס זעט אָבער אויס, אַז דער פּראָקוראָר האָט נאָך ניט קיין אַנונג וועגן דער עקזיסטענץ פון אַ באַזונדער יידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע. מיט סאָציאַליסטישע שריפטן אין יידיש איז דער פּראָקוראָר געווען באַקאַנט פון פריער. נאָך אין יאָר 1895 האָט דער וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר באַקומען אַ צושריפט פון פּראָקוראָר (בריוו פון 25/13־טן סעפּטעמבער 1895, נומער 1265) [8], אין וועלכן דער פּראָקוראָר מעלדעט דעם וואַרשעווער גע־נעראַל־גובערנאַטאָר, אַז עס איז געפונען געוואָרן אַ מאַי־אויפרוף אין פּויליש און יידיש אַרויסגעלאָזן פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (פפ"ס). אין יאָר 1896 האָט שוין דער ראַדאָמער גובערנאַטאָר (בריוו פון 22 אַפּריל 1896, נומער 3185) צוגעשטעלט אַזאַ אויפרוף אין אָריגינאַל [9]. אַזוי אַז יידישע רעוואָלוציאָנערע אויסגאַבן פון ניט־יידישע רעוואָלוציאָנערע פּאַר־טייען זיינען דער רוסישער אַדמיניסטראַציע אין פּוילן געווען זייער גוט באַקאַנט. דער פּראָקוראָר האָט דעריבער ניט געמוזט מאַכן קיין אויספיר, אַז עס עקזיסטירט אַ ספּעציעלע יידישע אָרגאַניזאַציע, אויב מען האָט געפונען אַ יידישע רעוואָלוציאָנערע שריפט. דער בריוו פון סעדלעצער גובערנאַטאָר וועגן זיין באַציאונג צום ציוניזם, אין וועלכן ער מישט צונויף „בונד" און ציוניסטן, רעדט אומצווייידייטיק וועגן דעם פולשטענדיקער אומוויסנקייט פון דער רוסישער צאַרישער אַדמיניסטראַציע וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך אויף דער יידישער גאַס [10]. עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס ביזן יאָר 1900 ווייסט נאָך ניט דער פּראָקוראָר פון דער וואַרשעווער געריכטס־פּאַלאַטע אונטערצושיידן צווישן „בונד" און אַנדערע אַלגעמיינע סאָציאַליסטישע פּאַר־טייען, וואָס אַרבעטן אויף דער טעריטאָריע פון „ביי־ווייסל־געגנט".

3) מעטאָדן פון „עקאָנאָמישן טעראָר"

די שטרייקן, וואָס די יידישע אַרבעטער האָבן געפירט, זיינען דאָס רוב געווען זייער פּאַרביסענע, דויערהאַפטע. ביידע צדדים האָבן ניט איבערגע־קליבן אין מיטלען פון קאַמף. די באַלעבאַטים פלעגן ניט נאָר באַנוצן „מסירה" אַלס אַ מיטל אין קאַמף, נאָר זיי פלעגן אויך דינגען שלעגער, „שטאַרקע", וועלכע פלעגן דאַרפן דורך „טעראָר" צווינגען די אַרבעטער אומצוקערן זיך

8) אווג"ג 93.821/1־2/300/1895.

9) אווג"ג 94.873 פון יאָר 1896.

10) אווג"ג 101.820/1־2/175/209.

צו דער אַרבעט. געשלעגן זיינען געווען אַן אָפּטע דערשיינונג, בעת אַ שטרייק. אַ בולטע שילדערונג פון אַט־דעם מין קעגנזייטיקן טעראָר־מעטאָד איגם פירן אַן עקאָנאָמישן קאַמף גיט די קאָרעספּאָנדענץ פון מינסק אין ערשטן נומער „יידישער אַרבעטער", ווי אויך די זכרונות פון בענטשע לעווין וועגן שטרייק פון די מינסקער שוסטער אין יאָר 1896. דער שטרייק איז אויסגעבראָכן צוליב דער פאָדערונג פון קירצן דעם אַרבעט־טאָג און גאַראַנטירטע אַרבעט. קאָנקרעט: 12 שעה אַרבעט אַ טאָג און קאָנטראַקטן, דאָס הייסט: ניט אַרבעטן פון פּאָר (שטיק אַרבעט), נאָר וואָכן־לוין. ביידע צדדים — די באַלעבאָטים און די אַרבעטער, — האָבן פאַרמאָגט זייערע קאַמף־קאַסעס. דערביי האָבן די באַלעבאָטים די גרעסטע טייל געלט אויסגעגעבן „אויף בראָנפן אויסצוהאַלטן צוויי סקאַנדאַליסטן, וועלכע האָבן געדאַרפט הרגנען (שלאָגן — ש. ל.) די סטאַצעצניקעס (שטרייקער — ש. ל.). די באַלעבאָטים פלעגן זיך באַנוצן נאָך מיט אַזאַ מיטל: זיי פלעגן כאַפּן די אַרבעטער און מיט געוואַלד זיי אָוועקשלעפּן אין די מייסטערסקייעס (ווערקשטאַטן — ש ל.)" . . . די אַרבעטער ווידער האָבן אָרגאַניזירט אַן איבערפאַל אויף די מייסטערס, זיי שטאַרק צושלאָגן, אַזוי אַז מען האָט אייניקע פון זיי געמוזט אָפּפירן אין שפּיטאָל [11]). די אַרבעטער האָבן געזיגט. עס איז איינגעשטעלט געוואָרן וואָכן־לוין און אַ 12 שעהדיקער אַרבעט־טאָג (פון 6 פרי ביז 6 אָוונט).

אַ ביז־גאָר פאַרביסענער שטרייק איז פאָרגעקומען אין ביאַליסטאָק אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע אין 1897. דער לאָזונג איז דאָ געווען פון 7 ביז 7. אין יוני איז אויסגעבראָכן דער שטרייק, אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט אָנדערטהאַלבן טויזנט אַרבעטער. הגם עס איז געווען אויך אַרויסגעשטעלט אַ פאָדערונג פון אַ לוין־הוספה, איז אָבער די עיקר־פאָדערונג געווען — 12 שעהדיקער אַרבעט־טאָג. די אַרבעטער פלעגן זיך זאַמלען אין אין די וועלדער הינטערן שטאָט, ביי ביאַליסטאָק. „די מונטערקייט און שטאַרקייט האָבן (די אַרבעטער) געשעפּט פון די גרויסע פאַרזאַמלונגען" — דערציילט דער ביאַליסטאָקער קאָרעספּאָנדענט פון „דעם יידישן אַרבעטער". אין דער צייט פון דעם שטרייק זיינען פאָרגעקומען צוויי אַזעלכע פאַרזאַמלונגען: איינע פון טויזנט און די צווייטע פון צוויי טויזנט מענטשן". עס האָבן זיך אין זיי באַטייליקט סיי יידן און סיי קריסטן. אויך אַט־דער שטרייק איז געוואונען געוואָרן. דער רעזולטאַט פון אַט־דער באַוועגונג איז געווען

11) „די סאָציאַליסטישע ליטעראַטור אויף יידיש" (1875—1897), פאַרלאַג פון דער ווייסרוסישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע, מינסק, 1935, ז"ז 199—200 און 214—215.

אַן אויפוואַכונג פון דער מאַסע און אַ שטאַרקע נאָכפראַגע נאָך „ליטעראַטור", סיי „פאַרבאָטענע און סיי ניט־פאַרבאָטענע" (לעגאַלע און אומלעגאַלע — ש. ל.) די דאָזיקע פאַרזאַמלונגען האָבן געמאַכט אַ רושם ניט נאָר אין ביאַליסטאָק. דער פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט האָט געמאַכט אַן אָנפראַגע וועגן דעם ביים גראָדנער גובערנאַטאָר (ביאַליסטאָק האָט געהערט צו גראָדנער גובערניע). דער גובערנאַטאָר ווידער האָט געבעטן, מען זאָל צושיקן אין זיין רשות צוויי באַטאַליאָנען זעלנער און אַ מאה (סאָטניע) קאָזאַקן (בריוו פון 24־טן יולי 1897, נומער 9404) [12]. אַזעלכע שטרייקן זיינען פאַרגעקומען אין גאַנצן יידישן ראַיאָן. אַ באַזונדער פאַרביטערטער שטרייק איז אין יאָר 1897 פאַר־געקומען אין קרינקי [13]) צווישן די יידישע גאַרבער.

די פראַגע פון שאַפן צווישן־שטאָטישע פּראָפעסיאָנעלע פאַרבאַנדן האָט זיך שוין געשטעלט פריער, נאָך פאַרן אַנטשטיין פון „בונד". די סיבה איז געווען — די פּרוּאוון פון די באַלעבאַטים צו צעברעכן דעם אַרבעטער־ווידערשטאַנד דורך ברענגען שטרייק־ברעכער פון אַנדערע שטעט. אַזעלכע פּרוּאוון זיינען געמאַכט געוואָרן אין ווילנע, קרינקי, סמאַרגאָן און אַנדערע שטעט און שטעטלעך [14]). דער „בונד", וועלכער האָט זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג און האָט איבערגענומען די אָנפירונג מיט די קאַמף־קאַסעס, ביז ניט וויסן, וואו עס הויבט זיך אָן די פּאָליטישע און וואו די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע [15]), האָט דעם דאָזיקן זאַמלונג־פּראָצעס פאַרשנעלערט און די צענטראַליזאַציע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג פאַרגיכערט.

דער קרינקער גאַרבער־שטרייק, הגם פּרטים וועגן אים איז פאַרעפנט־לעכט געוואָרן אין אַ גאַנצע ריי אויסגאַבן, באַזונדערס אין דער לעצטער צייט, פאַרדינט, אַז מען זאָל זיך אויף אים גענויער אָפּשטעלן. דער קרינקער שטרייק איז געפירט געוואָרן דורך די אַרבעטער גופא, און עס איז דאָרט געקומען צום אויסדרוק דער געמיש פון פּראָגרעסיווע אידייען מיט די פעסט־איינגעגעסענע טראַדיציעס. מען שווערט ביי תפילין און מען זינגט די שבועה, אַ ליד, וואו עס ווערט דערקלערט, אַז „הייליק איז די נאַטור" און אַז „לאָמיר

---

12) דאָרטן, זייטן 220—230.

13) זע וועגן דעם שטרייק, אויסער די פריער אָנגעוויזענע קוועלן, אויך ס. דובנאָוו־ערליך — „גאַרבער בונד און בערשטער־בונד", „קולטור־ליגע", וואַרשע, 1937, ז"ז 27—38, „סאָציאַליסטישע ליטעראַטור אויף יידיש", 2־טער באַנד, ז"ז 236—244, ווי אויך „זכרונות פון אַבע לעוו", דאָרטן גופא, ז"ז 245—246.

14) ס. דובנאָוו־ערליך, צ"וו, „סאָצ. ליט.", צ"וו, ז"ז 148—149 און פאָלגט, זען אויך די בראָשור „דער שטאָט־מגיד", דאָרטן ז"ז 134—144.

15) באַריכט פון „בונד" צום אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין פּאַריז 1900, בוכבינדער, צ"וו, ז"ז 162—165.

לייגן אויפן האַרצן די רעכטע האַנט און שווערן ביי סאָוועסט (געוויסן — ש. ל.) אַצינד". רעליגיעזע סימבאָלישקייט (שווערן ביי תפילין, אגב דאָס שווערן ביי תפילין אַליין, אָן טליתים, דערוויילט דעם יונגן עלטער פון די אַרבעטער, וועלכע זיינען נאָך ניט פאַרהייראַט), און אַפּיקורסיש־אַטעאיסטישער געזאַנג (שווערן ביים געוויסן, און ניט ביי גאָט) גייען האַנט־ביי־האַנט און וועקן ניט קיין ספקות וועגן אַ סתירה, אָן אומקאָסעקווענטקייט. כאַראַקטעריסטיש איז אויך דער קאַמף פאַרן בית־מדרש, וואָס ווערט געפירט.

דער קרינקער שטרייק איז באַשלאָסן געוואָרן אויף אַ פאַרזאַמלונג, וואָס איז פאָרגעקומען אונטערן פרייען הימל. עס איז גראָד געווען אַ רעגנדיקער טאָג און צוויי שעה איז דער עולם געשטאַנען אונטערן רעגן. אין פאַרלויף פון שטרייק האָבן זיך די שטרייקער פאַרשטענדיקט צווישן זיך בעתן דאַוונען אין גאַרבערישן בית־מדרש. ווען פאָליציי, אויף דער אויפפאָדערונג פון די באַלעבאַטים, האָט פאַרחתמעט דעם בית־מדרש, האָבן די שטרייקער פאַרכאַפּט די גרויסע שול, זיך געהייסן אויפרופן „ששי אויפן נאָמען פון קינישינסקע", דעם גרעסטן פאַבריקאַנט זעט אויס. דער רב פאַרנעמט אין שטעטל דעם אויבן־אָן. ביי אים ווערן אָפּגעשלאָסן אַלע אָפּמאַכן, אַלע געשעפטן. צו אים שיקן אָפּ די אָרטיקע מאַכט־אָרגאַנען דעם אויסגעבראָכע־נעם קאָנפליקט. דער רב מוסרט די אַרבעטער: גערעכט זיינען זיי טאַקע, אָבער ווי קומען זיי צו מאַכן אחדות, בונטעווען. ער ליפערט אויס די אָנפירער צו די באַלעבאַטים און יענע וויזן אָן דער פאָליציי, וועמען מען דאַרף אַרעסטירן. אַ גרופּע אַרבעטער ווערט פאַרהאַלטן פרייטיק נאָכמיטאָג און ווערט אָפּגעשיקט מיטן „עטאַפּ" אין דער נאָענטער אויעזדנער שטאָט, צום איספּראַווניק. אויפן וועג לייגט מען זיי פאַר אַ פור. זיי וואַקלען זיך לכתחילה, צי זיי זאָלן דעם פאָרשלאָג אָננעמען, צוליב חילול שבת. לסוף באַשליסן זיי, אַז באם „דער רב מעג מסרן, מעגן זיי פאָרן אום שבת". אַז זיי קומען אָבער צום שטעטל, גייען זיי אַראָפּ פון פור. עס פאַסט ניט, זיי זאָלן אום שבת אַריינפאָרן אין שטעטל. דער פויער, זייער באַגלייטער, גיט זיי איבער אין די הענט דעם „פּאַקעט", מיט זייערע אַרעסט־פּאַפּירן און הייסט דעם פּאַקעט איבערגעבן דעם איספּראַווניק, מיט זייערע אייגענע הענט, און אַליין קערט דער פויער אויס דעם וואָגן און פאָרט זיך אַהיים. די אַרעסטיר־טע, צוזאַמען מיטן פּאַקעט, שטעלן זיך צו צום איספּראַווניק, וועלכער וויל זיי ניט אויפנעמען. ער הייסט זיי פאָרן צוריק אַהיים, כדי מען זאָל זיי פון דאָרט ברענגען מיטן עטאַפּ. די אַרעסטירטע דראָען דאָן מיט צערייסן דעם פּאַקעט, און דער איספּראַווניק באַוויליקט זיי צו . . . אַרעסטירן. די פּאַט־

ריאַרכאַלע באַציאונגען אינם יידישן שטעטל קומען דאָ בולט צום אויסדרוק: באַציאונגען פון „מיין זאָרג, איך האָב צייט" — הערשט אומעטום. עס זעט אויס, ווי אַן אידיליע. מען שיקט אַרעסטירטע אָן אַ באַגלייטער, די אַרעס־טירטע אַנטלויפן ניט און דער איספּראַווניק לאָזט זיך בעטן . . . אָבער באַלד איז שוין פאַראַן אַן אַנדער בילד: דריי אַרבעטער לאָזן זיך אין די אַרומיקע שטעטלעך צו קלייבן געלט לטובת די שטרייקער אין קרינקי. די באַלעבאַטים זאָגן אָן, אַז אין יענעם שטעטל זיינען אָנגעקומען „בונטאָווטשיקעס". מען אַרעסטירט זיי, און אין באַגלייטונג פון אַ זשאַנדאַר, שיקט מען זיי אָפּ אין תפיסה. איינער פון די אַרעסטירטע „האָט צעהרגעט דעם זשאַנדאַר און איז אַנטלאָפן". די איבעריקע צוויי האָט מען געהאַלטן 5 וואָכן אין אַרעסט, אַרומ־געשלעפּט זיי פון איין תפיסה צו דער צווייטער. אָט־די צוויי האָבן בשום אופן ניט געוואָלט אַרויסגעבן דעם נאָמען פונם אַנטלאָפענעם, דערקלערנדיק, אַז זיי קענען אים ניט. ביז מען האָט זיי לסוף אָפּגעשיקט מיטן „עטאַפּ" אין זייער געבורטס־אָרט, אָדער, ריכטיקער, צושריפט־אָרט. דאָ האָבן מיר שוין צו טאָן מיט באַוואוסטזיניקע קעמפער, טריי דער רעוואָלוציאָנערער טראַדיציע פון ניט אַרויסגעבן קיין חבר. דער קרינקער שטרייק איז אַן איבערברוך־תקופה אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. עס ראַנגלען זיך אין אָט־דעם שטרייק טראַדיציאָנעלקייט און פריידענקערישקייט; פּאַטרי־אַרכאַלישקייט און באַוואוסטזיניקער קלאַסן־קאַמף. מיטן קרינקער שטרייק שטייען מיר ביים קוואַל גופא, ביים געבורט פון אַ נייעם מין יידישן אַרבעט־מענש, פון אַ מאָדערנעם סאָציאַליסטישן קעמפער.

מען דאַרף באַזונדער ציען די אויפמערקזאַמקייט אויפן מעטאָד פון אָפּשלאָגן זיך פון דער פּאָליציי, „צעהרגעט דעם זשאַנדאַר און אַנטלאָפן". דערוויל איז עס נאָך אַן אינדיווידועלער מעטאָד. ווער עס קען, שלאָגט זיך אָפּ אינדיווידועל, באַפרייט זיך אַליין. די איבעריקע אַרבעטער גיבן אים ניט אַרויס. און דאָס איז אַלץ. שפּעטער וועט עס ווערן אַ מעטאָד פון אָרגאַני־זירטע רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען. די אַרבייטער וועלן צוגרייטן און אָרגאַניזירן דאָס אָפּשלאָגן מיט געוואַלד זייערע פּאָליטישע חברים (1900). דער אָפּשלאָגונג־מעטאָד איז אין זיין פּרימיטיווער פאָרם און געשטאַלט שוין פאַראַן אין יאָר 1897, צווישן די קרינקער גאַרבער.

4) דער שטרייק ביי די וואַרשעווער שאַכטלאַרבעטער

(ביידע צדדים ווענדן זיך צו דער אַדמיניסטראַציע)

אַ כאַראַקטעריסטישער שטרייק קומט פאָר אין וואַרשע, אין מאי 1898

ביי די יידישע שאָכטלמאַכער. דער שטרייק איז כאַראַקטעריסטיש אי לויט דעם אופן, ווי ער איז געפירט געוואָרן, אי לויט די קאַמף-מעטאָדן, ווי אויך לויט דער צייט, אין וועלכער ער איז אויסגעבראָכען — אין מאַי־חודש. דאָס איז געווען שוין אַ מנהג אַזאַ, אָנהויבן די מאַי־פייערונג מיט אַ מאַי־שטרייק, וועלכער זאָל זיך פאַרוואַנדלען אין אַן עקאָנאָמישער אַקציע. דאָס איז אַלץ געווען אַ קאָנסעקווענץ פון דער ענגער פאַרקניפּטקייט צווישן פּאָליטישן און עקאָנאָמישן מאָמענט אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין באַגינען פון איר אַנטשטיין. מען דאַרף אויך ציען די אויפמערקזאַמקייט אויפן פאַקט, וואָס דער שטרייק איז געווען אַן אַלגעמיינער, אַ פאַך-שטרייק. די צוגרייטונגען זיינען געמאַכט געוואָרן דורך זאַמלונגען אויפן שטרייק-פאָנד און דורך פאַר־פאַרזאַמלונגען, דורכגעפירט אויף אַ קאָנספּיראַטיוון וועג. אין פאַרלויף פון שטרייק האָבן די אַרבעטער באַנוצט „טעראָר" קעגן די באַלע־באַטים, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט מסירה, ווי אויך האָבן די אַרבעטער מיט געוואַלד אַראָפּגענומען פון דער אַרבעט די שטרייק-ברעכער. לסוף, פּרואוון זיך די אַרבעטער צו ווענדן און בעטן שוץ „ביי זיין דורכלויכט, פירשט אימעריטינסקי, דעם וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר". דאָס וואָס מען דאַרף, צום סוף, אונטערשטרייכן, איז דער פאַקט, וואָס די אָנפירונג פון שטרייק ליגט אין די הענט פון דער יוגנט — 18—19 יעריקע. די פאָדערונג — אַרבעטן פון 7 ביז 7 און העכערע לוינען: אַ לאָזונג, וואָס מיר קענען שוין פון ביאַליסטאָק און קרינקי.

לאָזן מיר איצט רעדן דער וואַרשעווער „אָכראַנע":

„ראַפּאָרט פון געהילף פון וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר איבער דער פּאָליציי־אישער טייל, 16 יולי 1898, — צו זיין דורכלויכט דעם הער וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר.

„דעם 24טן מאַי ד. י. האָבן די אַרבעטער פון דאָס רוב יידישע שאָכטל־אויסאַרבע־טונג־ווערקשטאַטן פון דער שטאָט וואַרשע איבערגעריסן די אַרבעט. דערביי, לויט ווי עס דערציילן די באַלעבאַטים פונם ווערקשטאַט אויף לעשנע 24, מאיר ווײדענפעלד, זיינען די העצער צום שטרייק געווען די אַרבעטער שמעון קראַווניק, מיכאל גאַלענדער, שלמה און מענדל, ברידער עדעלסאָן, און לויט די אָנווייזונגען פון ווערקשטאַט־אייגנטימער אויף פּאַוויע 5, אהרן פעלדמאַן, האָבן זיך באַטייליקט אין אונטערהעצן די אַרבעטער צום שטרייק אין זיין ווערקשטאַט, ס׳זאָל הייסן, אויך די אַרבעטער שעיה פרידמאַן און איציק קאָנ־סטאַבלער.

„אין דעם זעלביקן טאָג, 1 בייטאָג, איז צום ווערקשטאַט־אייגנטימער גרונדמאַן, ווען ער איז געשטאַנען אויפן ראָג פון דזיקע און נאַוואָליפּקי, צוגעגאַנגען אַ גרופּע יידן און געפאָדערט פון אים, ער זאָל פאַרגרעסערן די לוינען פון זיינע אַרבעטער אויף אַ רובל אַ וואָך און קירצן דעם אַרבעט־טאָג.

„אַזוי ווי גרונדמאַן האָט אָפּגעזאָגט זיך אויסצופילן די פאָדערונג, האָט אים יאָסעק ראַשעלבאַך געמאָלדן, אַז די אַרבעטער וועלן איבעררייסן די אַרבעט, און האָט אים צוויי מאָל אַ זעץ געטאָן מיטן פויסט אין פּנים. גרונדמאַנס געשרייען האָבן געצוואונגען די

אַרבעטער צו צעלויפן זיך. פאַרהאַלטן האָט מען בלויז הענעך שמולעוויטשן, און שפּעטער אַביסל שלמה קאַטשקע. אויסער דעם, דעם זעלביקן טאָג, 6 אָוונט, האָט דער שאַכטלמאַכער יאָסקע אַמסעל געטראָפן גרונדמאַנען אויף נאַלעווקעס און פרעגנדיק אים, פאַרוואָס ער האָט געלאָזט אַרעסטירן שמולעוויטשן, האָט ער אים אָנגעהויבן צו שלאָגן מיט אַ שטעקן".

אויסרעכנענדיק אַ צעטל פון אַרעסטירטע: חיים קראַסאָוויטש (געצוואונגען די אַרבעטער צו פאַרלאָזן די אַרבעט, אָנטייל גענומען אין דער פאָר־פאַרזאַמלונג, וואו ער האָט גערופן צום שטרייק), הערשל סאָכאַטשעווסקי (אַן אַקטיווער טוער, געזאַמלט געלט אויפן קאַסע־פאָנד, באַטייליקט זיך אין דער פאָר־פרזאַמלונג), אברהם פּאָגל, בערל אונטער־מאַן, שמואל גוטהיים, איציק־מאיר רודאָוויטש, לייגט פאָר דער זשאַנדאַרמען־שעף צו באַשטראָפן זיי מיט אַרעסט פון 3 מאָנאַטן ביז 1 מאָנאַט און שטעלן זיי אונטער פּאָליציי־אויפזיכט אויף אַ יאָר יעדערן [16]).

פון דער ביטע, וואָס עס האָט דערלאַנגט אַמסעלס מומע, דבורה ניידאָ־מאַסט, איז צו זען, אַז אַמסעל איז אינגאַנצן אַלט געווען 18 יאָר, ער איז גע־ווען אַ קיילעכדיקער יתום, וואָס האָט אויסגעהאַלטן די דריי קלענערע ברידער און שוועסטער, און אַז דער שטרייק איז געפירט געוואָרן פאָר אָפּשאַפן דעם 16 שעהדיקן אַרבעט־טאָג און אַז די פאָדערונג איז געווען צו אַרבעטן פון 7 ביז 7.

דער גובערנאַטאָר באַשליסט ראָשעלדן און אַמסעלן אַרויסשיקן פון „ביי־ווייסל־געגנט" און בנוגע די איבעריקע איז ער מסכים מיטן פאָרשלאַג פון זשאַנדאַרמען־שעף. דער אינערן־מיניסטער (פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט) פאַרשיקט זיי אויף צוויי יאָר אין מאָהילעווער גובערניע, וואו זיי ווערן גע־שטעלט אונטער פּאָליציי־אויפזיכט (ביזן 20טן סעפּטעמבער 1900 [17]).

דעם 11טן יוני 1898 באַקומט די קאַנצעלאַריע פון וואַרשעווער גענע־ראַל־גובערנאַטאָר פאָלגנדיקע אָנקלאַגע, אונטערגעשריבן דורך חיים ראָף, גענשע 21, ישעיה פרידמאַן, דזיקע 32, לייוויק סלאָמקער ניזקע 53 און אברהם פריימאַן, בוגיי 8.

„צו זיין דורכלויכט דעם וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר.

אָ נ ק ל אַ ג ע

„מיר די אויבנדערמאָנטע און אַ סך אַנדערע דאַרפן זיך ווענדן צו דער שוץ פון אייער דורכלויכט, ווייל מיר זיינען זייער אונטערדריקט דורך אונדזערע מייסטערס און פאַברי־קאַנטן. מיר זיינען אַרבעטער פון קאַרטאָן־אויסאַרבעטונג, אַרבעטן פלייסיק און ערלעך, קענען אונדזער פאַך. די טעג האָבן אונדזערע מייסטערס, הויפּטזעכלעך יידן, זיך פאַר־זאַמלט אויף אַ באַראַטונג, כדי אונדז צו אונטערדריקן. אוןווירקלעך, פון אַ געוויסער צייט האָבן זיי גענומען אונדז זייער שטאַרק צו אונטערדריקן, וועלנדיק, מיר זאָלן אַרבעטן מער ווי פריער, כאָטש ביז 10 אַזייגער אָוונט, און אַנדערע ווילן אפילו — ביז 11 אָוונט. דערצו האָבן זיי פריער געגעבן הוספות און איצט ווילן זיי קירצן דעם לוין. די שכירות

---

16) אווג"ג 97.765/1־2/160/1898.

17) בריוו פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט צום ווג"ג פון 22 סעפּטעמבער 1898, נומער 8993, דאָרטן גופא.

זיינען שוין זייער קליין און ביי היינטיקע באַדינגונגען, ווען אַלץ אין וואַרשע קאָסט טייער, דירה און לעבנסמיטל, ווירקט עס אויף אונדז זייער טרויעריק. און אַ סך פון אונדז זיינען פאַרהייראַטע, האָבן קינדער. ביי אַזעלכע באַדינגונגען קען מען זיך ניט דורכלעבן. עס קומט אויס צו הונגערן. מיר ווילן די פּרייזן זאָלן בלייבן ווי פריער, און דער אַרבעטס־טאָג ווי פריער. אָבער אונדזערע באַלעבאַטים זיינען ניט מסכים. זיי האָבן זיך פאַרזאַמלט ביי גרונדמאַנען אַ מאַן דרייסיק. זיי האָבן געמאַכט אַן אָפּמאַך אונדז אומצובריינגען, אונדז צווינגען צו אַרבעטן אויף די באַדינגונגען, אויף וועלכע זיי וועט זיך פאַרגלוסטן, נידעריקע לוינען און אַרבעטן לענגער ווי געוויינלעך, אויף וואָס מיר האָבן נישט געקענט איינגיין. די מייסטער האָבן דערלאַנגט אַ מסירה, אַז מיר אַרבעטער „בונטעווען" (די גענדזנפיסלעך פון די מחברים). צי קען מען דען אָנרופן אַ בונט, אויב מיר ווילן ניט אַראָפּלאָזן פון די פּרייזן און ווילן ניט אַרבעטן ביז שפּעט ביינאַכט ? גיכער קען מען שוין זאָגן, אַז די באַלעבאַטים בונטעווען, אויב זיי האָבן אויף אַ פאַרזאַמלונג באַשלאָסן, אַז קיינער זאָל ניט צאָלן מער, ווי דעם אָפּגעמאַכטן צווישן זיי פּרייז.

„דעריבער האָבן עטלעכע אַרבעטער ניט געוואָלט מער אַרבעטן, צוליב וואָס די אומצופרידענע מייסטערס האָבן זיי געמסרט און מען האָט זיי אַרעסטירט . . .

„מיר האָבן דעם כבוד צו בעטן דעריבער אייער דורכלויכט אָפּצוגעבן אַ באַפעל אויסצופאָרשן דעם ענין און פאַרפליכטן די מייסטערס צו האַלטן זיך ביי די פריערדיקע כללים, ד. ה. צאָלן אונדז די פּרייזן, וואָס פריער און נאָרמירן דעם אַרבעטס־טאָג".

די אָנקלאַגע האָט דער וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר אָפּגעשיקט צום אָבער־פּאָליצמייסטער, וועלכער האָט געענטפערט, אַז דאָס זיינען ניט קיין פאַבריקן, נאָר ווערקשטאַטן (און ממילא פאַלן זיי ניט אונטער דעם יעקאַטערינע־געזעץ, אַזוי, מסתמא, דאַרף מען פאַרשטיין דעם רמז), די מייסטער האָבן זיך ניט פאַרזאַמלט און וועגן קירצן די לוינען האָבן זיי זיך ניט באַראַטן [18]. דערביי דערציילט ער, אַז די אַרבעטער אַרבעטן 12 שעה, מיט אַ האַלבער שעה אויף מיטאָג (פון האַלב נאָך איינס ביז 2). אַ דערוואַקסענער אַרבעטער פאַרדינט פון 4 ביז 8 רובל אַ וואָך, אַ יוגנטלעכער פון אָנדערטהאַלבן רובל ביז 2 רובל אַ וואָך.

באַקומענדיק אָט־דעם ענטפער, מעלדעט די קאַנצעלאַריע די אָנקלאָגער, אַז זייער ביטע אין דורכן „נאַטשאַלניק פון געגנט" איבערגעלאָזן געוואָרן אָן רעזולטאַטן [19].

דער שטרייק פון די שאַכטל־אַרבעטער אין וואַרשע איז אַ טיפּישער לוין־קאַמף פון סוף פון די ניינציקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. דער עיקר שטרייט־פּונקט איז די פראַגע פון 12 שעהדיקן אַרבעט־טאָג. ביידע צדדים אָרגאַניזירן זיך. די באַלעבאַטים נוצן מסירה און פּאָליציאישן טעראָר, די אַרבעטער — פיזישן געוואַלט. די אַרבעטער פּרובירן אפילו צו זוכן „יושר און גערעכטיקייט" ביים גענעראַל־גובערנאַטאָר. אָבער די מייסטער „ווייסן דעם וועג צום פּאָליצמייסטער". די פּאָליטישע מאַכט איז אויף

---

18) בריוו פון 25 יוני 1898, נומער 4495.

19) מעלדונג פון 3טן אויגוסט 1898, נומער 8993.

דער זייט פון די באַלעבאַטים. דער עקאָנאָמישער קאַמף ווערט אַ דערציאונג־שול פאַר דער פּאָליטישער רייפקייט פון די אַרבעטער. תפיסה, פּאָליציי־אויפזיכט, פאַרשיקונג, וואָס די צאַרישע מאַכט נוצט קעגן די שטרייקנדיקע, ווערט אַ פּראָפּאַגאַנדע מיטל פאַר דער פּאָליטישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין איר אויפקלערונג־אַרבעט צווישן די אַרבעטער־מאַסן.

6) די פּאָליטישע ירושה

די עקאָנאָמישע שטרייקן זיינען געוואָרן אַ פּאָליטישע שול פאַר די אַרבעטער. די שטרייק־באַוועגונג האָט אויפגערודערט די מאַסע, האָט זי אַק־טיוויזירט. דער נצחון האָט געבראַכט מער פרייע צייט. אַן אַרבעטער, וואָס איז געוואוינט געווען צו אַרבעטן 14 און 16 שעה אַ מעת־לעת, הייסט ביי אים זיין פריי גענוג, אויב ער אַרבעט איצט „נאָר" 12 שעה. מיטן עצם פאַקט, וואָס די „אָרגאַניזאַציע" (דאָס מיינט די פּאָליטיש־אָרגאַניזירטע קער־פערשאַפט) האָט אַנטייל גענומען אין אַלע לוין אַקציעס, דערמיט גופא האָט זי באַקומען אָנזען, געוועקט נייגיר און וואָך געמאַכט דעם אינטערעס פאַר געזעלשאַפטלעכע פראַגן. „אַלס אַ ריכטיקן באַוויז, ווי ווייט די מאַסע איז אויסגעוואַקסן — שרייבט דער ביאַליסטאָקער קאָרעספּאָנדענט פון „יידישן אַרבעטער" — קאָנען מיר ברייננגען די שטאַרקע נאָכפראַגע נאָך ליטעראַטור, ווי נישט פאַרבאָטענע, אַזוי אויך פאַרבאָטענע, אַזוי אויך די שטרעבונג צו בילדן זיך. ליידער, מוזן מיר מודה זיין, אַז ווי אין ערשטן אָרט אַזוי אויך אין צווייטן אָרט קענען, ביי די ביאַליסטאָקער באַדינגונגען, ניט צופרידנגע־שטעלט ווערן אפילו אַ ביסל אָט־די נאָכפראַגע און שטרעבן" [20]. פון אָט־דעם גבית־עדות איז צו זען, אַז דער קולטורעלער אויפשטייג פון די יידישע אַרבעטער איז געקומען צוזאַמען מיט דער צעוואַקסונג פון דער קאַמף־שטימונג צווישן זיי.

בירושה האָט די ניי־געגרינדעטע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע פון יידישע אַרבעטער איבערגענומען די טראַדיציע פון פייערן דעם ערשטען מאַי. די־דאָזיקע פייערונג איז באַטראַכט געוואָרן פאַרן מאָסשטאַב, מיט וועלכן מען האָט געמאָסטן דעם וואוקס און אויפשטייג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. צווישן די יידישע אַרבעטער אין רוסלאַנד האָט מען געפייערט דעם ערשטן מאַי נאָך אין יאָר 1892, ד. ה., אין דריי יאָר אַרום, ווי די מאַי־פייערונג איז דורכן פּאַריזער קאָנגרעס, אין יאָר 1889 דערקלערט געוואָרן אַלס אינטער־נאַציאָנאַלע אַרבעטער־אַרויסטרעטונג. אין 1892 יאָר זיינען אין ווילנע גע־

20) „דער יידישער אַרבעטער", נומער 4־5, „סאָצ. ליט. אויף יידיש", ז"ז 227 א"פ.

קומען 100 מענטשן „אויף דער איינלאַדונג פון די אָנפירער פון דער באַוועגונג. אין דעם דאָזיקן יום-טוב האָבן זיך באַטייליקט די אָממערסטן באַוואוסטזיניקע אַרבעטער". אין 1893, האָבן זיך באַטייליקט די זעלבע צאָל. אין 1895 — האָבן זיך שוין באַטייליקט 250 מאָן. די לאָזונגען זיינען געווען: 12 שעהדיקער אַרבעט-טאָג, העכערע לוינען און בעסערע באַציאונג. אין 1896 באַטייליקן זיך שוין 550 מאָן אין דער מאַי-פייערונג. עס ווערט שוין אַרויסגערוקט דער לאָזונג: פרייהייט פון שטרייקן, פאַרזאַמלונגען, וואָרט און פרעסע. דידאָזיקע פאַרזאַמלונגען ווערן איינגעאָרדנט אין געהיים, אין אַ וואַלד, אַרומגערינגלט דורך אַ וואַך, וואָס האָט צו וואָרענען אין פאַל פון אַ פאַרדאַכט, פון אַ סכנה. וועגן אַן עפנטלעכער דעמאָנסטראַציע וועגן אַ גאַסן-אַרויסטריט איז נאָך דעמאָלט ניט געווען קיין רייד.

אין אָקטאָבער 1897 קלייבט זיך צענויף דער ערשטער גרינדונג-צוזאַמענפאָר פון „בונד". עס פורעמט זיך אויס די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע פון דער באַוועגונג, וואָס איז אויסגעוואָקסן פון דער שטרייק-כוואַליע. כאַראַקטעריסטיש איז, אַז קיין פּראָגראַם איז ניט אָנגעוואָרפן געוואָרן. די באַטייליקטע אין צוזאַמענפאָר האָבן ניט גערעכנט אפילו, אַז זיי גרינדן אַ נייע פּאַרטיי. די נייע אָרגאַניזאַציע האָט באַקומען דעם נאָמען „אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער-בונד אין רוסלאַנד און פּוילן". די צוגאָבע „און פּוילן" איז געמאַכט געוואָרן אויפן פאַרלאַנג פון דער פּוילישער דעלעגאַציע [21]). די וואַרשעווער דעלעגאַטן האָבן געהאַט די דערפאַרונג פון דער טעטיקייט פון פפ"ס, וועלכע האָט אַרויסגערוקט אין פאָדערגרונט דעם פּרינציפּ פון דער פּוילישער זעלבסטשטענדיקייט. דערפאַר האָבן די וואַרשעווער דעלעגאַטן צום בונדישן גרינדונג-צוזאַמענפאָר געפאָדערט אויסטיילן פּוילן פונם באַגריף — רוסלאַנד. אָבער, מאַכנדיק אַן אויסנאַם פאַר פּוילן, איז די נאַציאָנאַלע פראַגע געשטעלט געוואָרן פאַרן צוזאַמענפאָר, אויב אַפילו ניט אויסדריקלעך.

דער טעריטאָריאַלער פּרינציפּ, ד. ה. דער שטאַנדפּונקט, אַז די יידישע איינהייט ענדיקט זיך דאָרט, וואו עס געפינט זיך די גרענעץ-ליניע פון דער רוסישער אימפּעריע, ליגט אויפן יסוד פון דער ניי-געגרינדעטער אָרגאַניזאַציע. די „יידישע סאָציאַל-דעמאָקראַטיע", ווי מען פלעגט זיך אויסדריקן אין יענער צייט, באַגרעניצט איר טעטיקייט-געביט מיטן שטח פון רוסלאַנד און פּוילן, און דאָס מיט דעם טייל פּוילן, וואָס געפינט זיך אין די ראַמען

21) דזשאַן מילל — „די געבורט פון בונד", „נייע פאָלקסצייטונג", יובל נומער צו 40 יאָר „בונד", פון יאָר 1937, וואַרשע, ז. 14.

פון דער רוסישער אימפּעריע. דער דאָזיקער שטאַנדפּונקט האָט באַדייט אַ טאָפּלטן ריס אין דער ביז־איצטיקער אויפפאַסונג און קוק אויפן יידישן לעבן. 1) די יידישע אַרבעטער זיינען אויסגעטיילט געוואָרן ווי אַ קלאַס, און דערמיט איז איבערגעריסן געוואָרן דער כלל־ישראלדיקער אחדות־שטאַנד־פּונקט. 2) טעאָרעטיש, זיינען די יידן אין רוסלאַנד אויסגעטיילט געוואָרן אַלס אַ באַזונדער קיבוץ, וואָס זיינע פאַרבינדונגען מיט יידן מחוץ די גרעניצן פון דער צאַרישער אימפּעריע, זיינען ביז־גאָר שוואַכע. עס ווערט פאַרלייקנט דער באַגריף וועלט־יידנטום, לכל הפּחות, אויף וויפיל עס איז נוגע דעם טאָג־טעגלעכן פּאָליטישן קאַמף אויף די ערטער. דער יידישער קיבוץ אין רוסלאַנד ווערט איינגעגלידערט, ווי אַ נאַציאָנאַלע קערפּערשאַפט, וואָס האָט געוויסע פאָדערונגען אין די ראַמען פון דער רוסישער מלוכה, און וואָס איז אָבער אין תוך אַ גליד פון דער גאַנצער באַפעלקערונג, וואָס באַוואוינט רוסלאַנד. עס איז דער טעריטאָריאַלער פּרינציפּ, אָדער, ווי די קעגנער פון „בונד״ וועלן עס שפּעטער אַ נאָמען געבן, „די גרענעץ־סלופּ־טעאָריע״.

די רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך פון די 90ער יאָרן האָבן געקוקט אויף זייער אַרבעט פונם שטאַנדפּונקט פון קאַמף מיטן צאַריזם. זיי האָבן אין תוך געהאַט איין באַשטרעבונג, וועלכע זיי האָבן געהאַלטן פאַר אַ פאַרבאַדינג פון דער אַנטוויקלונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד. דאָס איז געווען די באַשטרעבונג אומצעוואָרפן דעם צאַריזם.

אין 1893 איז דורך דער „סאָציאַל־דעמאָקראַטישער ביבליאָטעק״ אין זשענעווע אַרויסגעגעבן געוואָרן אויף רוסיש אַ בראָשור, אונטערן נאָמען: „פיר רעדעס פון יידישע אַרבעטער אויף דער ערשטער מאַי־פייערונג אין 1892 יאָר״ (אין ווילנע). די אַרויסגעבער גיבן־צו פון זייער זייט אַ הקדמה, אין וועלכער זיי שרייבן:

„אין די רעדעס, וואָס מיר גיבן אַרויס, זיינען אַ סך פאָדערונגען פון די אַרבעטער קלאָר טראַקטירט און אויספירלעך באַגרינדעט. נאָר וועגן איין פאָדערונג רעדן די אַר־בעטער צו־ווייניק, — וועגן דער פאָדערונג פון *פּאָליטישער פרייהייט, וועגן דער פאָדערונג פון פּאָליטישן קאַמף מיט דער זעלבסטהערשונג* (קורסיוו פון די מחברים). און גראָד איז דער גאַנצער ווייטערדיקער גורל פון דער רוסישער אַרבעטער־באַוועגונג אָפּהענגיק, איבער־הויפּט, פונם דערפאָלג פון דעם דאָזיקן קאַמף מיט דער זעלבסטהערשונג . . . די צאַרישע רעגירונג, די זעלבסטהערשונג איז אַ שטערונג, וועלכע דער אַרבעטער־קלאַס מוז וואָס גיכער באַזייטיקן, כדי אָפּצורייניקן זיך דעם וועג צום סאָציאַליזם. *דער וועג צום סאָציאַליזם פירט איבער די רואינען פון דער זעלבסטהערשונג* (קורסיוו פון די מחברים). די פּאָלי־טישע פרייהייט איז דער נויטיקער פאַרבאַדינג פאַר דער ענדגילטיקער עקאָנאָמישער באַ־פרייאונג פון אַרבעטער־קלאַס״.

די רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך אין ווילנע האָבן אויף זיך געקוקט, ווי אויף טיילן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד. און אַזוי ווי דער

קאַמף מיטן צאַריזם איז געווען די הויפּט־אויפגאַבע, האָט מען ממילא מיט די איבעריקע פּאָליטישע פראַגן ניט געדאַרפט פאַרנעמען זיך. דער ערשטער גרינדונג־צוזאַמענפאָר פון „בונד" איז געגאַנגען אין די טראַדיציאָנעלע וועגן פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין די 90 יאָרן. דערפאַר טאַקע האָט דער צוזאַמענפאָר זיך ניט באַשעפטיקט מיט קיין פּראָגראַם פראַגן. די באַ־שטרעבונג פון אומוואַרפן דעם צאַריזם האָט פאַרשטעלט אַלע איבעריקע פראַגן. מיט דעם לאָזט זיך אויך דערקלערן דער נאָמען „בונד". די יידישע אַרבעטער האָבן פון סאַמע לכתחילה געשאַפן אַ ראַיאָן־אָרגאַניזאַציע. דער „בונד" האָט געדאַרפט באַדינען דעם יידישן „תחום". אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנע־רער טראַדיציע, האָט דער נאָמען „בונד" עקזיסטירט: „קאַמף בונד פאַר באַפרייען דעם אַרבעטער קלאַס" אין פּעטערבורג, דער „דרומדיקער אַרבע־בעטער בונד פאַר באַפרייאונג פון אַרבעט" אין דרום־רוסלאַנד (קיעוו). אַזוי אַז כל־זמן די אַרבעטער האָבן זיך פאַראייניקט אין לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס, האָבן זיי זיך ניט גערופן סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, נאָר „בונד". די פּאַרטיי האָט זיך געדאַרפט אויסבילדן פון אַ פאַרבאַנד פון די באַזונדערע „בונד"ן. דער „אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער־בונד" איז אויך אַ רינג אין דער קייט פון די רעוואָלוציאָנערע קאַמף־בונדן, וואָס האָבן עקזיסטירט אין רוסלאַנד. מיט דעם דערקלערט זיך אויך דאָס, וואָס דער „בונד" האָט אויף זיך גענומען די איניציאַטיוו צענויפצערופן דעם ערשטן גרינדונג־צוזאַמענפאָר פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין מינסק. דאָס איז געווען אַ נאַטירלעכער פועל־יוצא פון דער גאַנצער אויפפאַסונג פון יידישן „בונד" פון זיינע אויפגאַבן און צילן. איך גלויב, אַז די השערה איז נעענטער צום אמת, ווי די אַלע אַרויסגעזאָגטע מיינונגען פון פאַרשיידענע מעמואַרן־שרייבער, וואָס האָבן, גיכער, געהאַט אין זינען אַקטועל־פּאָליטישע צילן, שרייבנדיק די מעמואַרן, ווי דעם היסטאָרישן אמת [22].

7. פּראַקטישער נאַציאָנאַליזם, אידעאישע אַסימילאַציע

אויף דער אידישער גאַס האָט דער „בונד" לכתחילה פאַרנומען אַן אַסימילאַטאָרישע פּאָזיציע. ער איז געווען פּראַקטיש נאַציאָנאַל און אידעאיש אַסימילאַטאָריש. פּראַקטיש־נאַציאָנאַל זיינען שוין געווען די אַרבעטער קרייז־לעך אין ווילנע אין יאָר 1895 [23]. מאַרטאָוו רעדע: „די נייע עפּאָכע אין דער

22) זע קאָסאָווסקי, דזשאָן און אַנדערע ציטירטע אַרטיקלען, זע אויך אַלעקסאַנדער (אַרקאַדי קרעמער) — „די גרינדונג פון „בונד", — „אַרבעטער לוח", 1922, ז"ז 95 א"פ.
23) דזשאָן מיל — ציטירטער אַרטיקל

יידישער אַרבעטער באַוועגונג" (מאי 1895), האָט שוין אַנטהאַלטן די פעסט־שטעלונג, אַז „אָוועקשטעלנדיק אין צענטער פון אונדזער פּראָגראַם די מאַסן־באַוועגונג, האָבן מיר געמוזט צופּאַסן אונזער פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע צו דער מאַסע, ד. ה„ מאַכן זיי מער יידישער"[24]). שטעלנדיק די פראַגע וועגן דער נויטיקייט פון גרינדן „אַ יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע" (באַמערקן: אָרגאַניזאַציע און ניט פּאַרטיי), צייכנט מאַרטאָוו פאַר איר אָן די אויפגאַבן פון „אָנפירן און דערציען דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט אינעם קאַמף פאַר דער עקאָנאָמישער און בירגערלעכער באַפרייאונג". די איינציקע פאָדערונג, וואָס איז אַ ריין־יידישע אין אָט־דעם פּראָגראַם איז דער פונקט וועגן בירגערלעכער באַפרייאונג. אָט־דעם פונקט וועגן קאַמף פאַר בירגערלעכע רעכט (גלייכ־באַרעכטיקונג) ווידמעט מאַרטאָוו היפש אויפמערקזאַמקייט און האַלט עס פאַר אַ גענוגנדיקן מאָטיוו און באַרעכטיקונג, כדי צו שאַפן אַ זעלבסטשטענדיקע יידישע אָרגאַניזאַציע. אינטערעסאַנט, אַז נאָך אין יאָר 1900, ד. ה. דריי יאָר נאָך דער גרינדונג פון „בונד", דערקלערט דער „יידישער אַרבעטער": „עס איז אמת, אַז אונדזער „בונד" עקזיסטירט ניט נאָר צוליב דער שפּראַך, ניט נאָר צוליב דעם, אַז מיר זאָלן קענען בעסער פירן אונדזער אָרגאַניזאַציע, אונדזער פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע. עס זיינען אויך געווען פּרינציפּיעלע אורזאַכן, וואָס האָבן אַרויסגערופן דעם „בונד" — דאָס איז די פאָדערונג פון גלייכע רעכט פאַר יידן"[25]). אין „יידישן אַרבעטער", נומער 4־5 פון יאָר 1897 ווערט געבראַכט, אויף זייט 51, אַ ידיעה, אַז „עס איז פאָרגעקומען אַ קאָנגרעס פון יידישע אַרבעטער אין סעפּטעמבער 1897, וואו עס איז געגרינ־דעט געוואָרן „דער בונד". אין נומער 6, מערץ 1899, געפינט זיך אָן אויפרוף „צו די יידישע אַרבעטער און אינטעליגענטן, וואָס וואוינען אין אויסלאַנד". אין אָט־דעם אויפרוף ווערט געגעבן אָן איבערזיכט איבער דער אַנטוויקלונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין „תחום" אין די נייַנציקער יאָרן. עס ווערט אויפגעקלערט דער איבערגאַנג פון „פּראָפּאַגאַנדע צו אַגיטאַציע", פון רוסיש צו יידיש און עס ווערט באַגרינדעט די נויטווענדיקייט פון אַ יידישער אָרגאַני־זאַציע בזה הלשון:

„אַרויסגייענדיק פון די ענגע פיר ווענט אין די לאַנגע יידישע אַרבעטער־גאַסן, באַ־קאַנט ווערנדיק מיט די דאָרטיקע אומגליקלעכע איינוואוינער, צוקוקנדיק זיך נעענטער צו זייער עלנט און נויט און ראַנגלענדיק זיך טאָג־טעגלעך פאַר זייער בלוטיק־נויטיקע לעבנס־אינטערעסן, האָט (איז — ש. ל.) די יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע דערגאַנגען, אַז אום

---

24) ל. מאַרטאָוו — „ווענדע־פונקט אין דער געשיכטע פון רער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג", אַרב. לוח, 1922, וואַרשע, ז"ז 88־84.

25) „דער יידישער אַרבעטער", זשענעוו, נומער 10, 1900, ז. 77.

איינצופירן דעם קלאַסנבאַוואוסטזיין אין דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, לאַנג און ברייט, אום בעסער צו פאַרהיטן זיינע קלאַסן־אינטערעסן, מוז מען האָבן נישט אַנדערש אַ ליטעראַטור (ליטעראַטור — האָט דאָ דעם באַטייט פון אומלעגאַלע, רעוואָלוציאָנערע שריפטן — ש. ל.) אויף אַזאַ שפּראַך, אויף וועלכער עס פאַרשטייט און רעדט די גאַנצע יידישע מאַסע, ד. ה. אויף דעם יידישן זשאַרגאָן.

„קעמפנדיק פאַר די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, האָט זיך געוויינלעך דער יידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע שטענדיק געמאַכט שרעקלעכע פּאָליטישע מניעות, וואָס האָבן געשטערט דעם קאַמף אויף יעדן טריט און ס׳האָט זיך, ממילא, פאַרפירט אויך אַ פּאָליטישע אַגיטאַציע צווישן די יידישע אַרבעטער. די יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט דייטלעך דערזען, אַז די יידישע שלעכטע פּאָליטישע לאַגע האָט זייער אַ גרויסן חלק אין דעם „נישט־גוט" פון דעם יידישן פּראָלעטאַריער. איבער דעם שרעקלעכן „גלות" ווערט ער אַליין־אָן ביי זיך דעם מהות מענטש, ווערט שטאַרק פאַראָרעמט, באַקומט זייער ווייניק באַצאָלט פאַר זיין אַרבעט, בלייבט אומגעבילדעט און פאַנאַטיש. בעת דער קריסטלעכער פּראָלעטאַריער ליידט בכלל פון די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע בלוט־זייגער, ליידט דער יידישער פּראָלעטאַריער נאָך פאַר זיין שרעקלעכן חטא, וואָס ער איז אַ ייד. פון אַלע „אויסנאַם־געזעצן", אָדער ווי דער ייד רופט עס אויף זיין גלות־לשון קורץ און שאַרף „גזירות", ליידן כמעט נאָר די פּראָלעטאַריער (די בורזשואַזיע זייער זעלטן).

„די בירגערלעכע אומגלייכהייט, די באַרימטע „טשערטאַ אָסיעדלאָסטי", די צוזאַמענגעפּרעסטע יידישע מאַסע אין די שטעט, פון די אַרויסגעטריבענע פון די דערפער און הויפן — דאָס זיינען די אורזאַכן, וואָס מאַכן אַלץ גרעסער די מחנה פון דעם לומפּן־פּראָלעטאַריאַט, מאַכן־אָן קאָנקורענץ צווישן די אַרבעטער גופא און שטערן דערמיט זיך אַליין אין זייער קאַמף מיט דער שרעקלעכער עקספּלואַטאַציע פון די יידישע קאַפּיטאַליסטן. איבער אָט־די צוויי אורזאַכן, ווייל מען האָט געמוזט איינפירן אַ מינדלעכע און שריפטלעכע אַגיטאַציע דווקא אין זשאַרגאָן און ווייל מ׳איז דערגאַנגען, ווי נויטיק עס איז צו קעמפן פאַר די ספּעציעלע יידישע רעכט, איז אַריין דער רעיון צו גרינדן אַ זעלבסטשטענדיקע אָרגאַניזאַציע פון יידישן פּראָלעטאַריאַט.

„אָט אַזוי איז (געבוירן — ש. ל.) געוואָרן „דער אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער־בונד אין רוסלאַנד און פּוילן".

„דער „בונד" — זיינען די מחברים מוסיף — דאַרף זיין אַן אויטאָנאָמע אָרגאַניזאַציע, וואָס איז זעלבסטשטענדיק אין די פראַגן, וואָס געהערן לחלוטין דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט".

די באַרעכטיקונג פאַר דער באַזונדער עקזיסטענץ פון אַ יידישער אָרגאַניזאַציע איז פון איין זייט געוועזן די רעוואָלוציאָנערע צוועקמעסיקייט (אַגיטאַציע אין יידיש), און פון דער אַנדערער זייט אַ פּרינציפּיעל־פּאָליטישע (גלייכבאַרעכטיקונג פאַר יידן אין רוסלאַנד, אָפּשאַפן אויסנאַם־געזעצן און באַגרעניצונגען אין וואוין־אָרט, רעכט פון פרייער באַשעפטיקונג אין די פאַרשיידענע פּראָדוקציע־צווייגן וכדומה). מיט דעם אייגנטלעך האָבן זיך די ספּעציעל יידישע פאָדערונגען אויסגעשעפּט ביי די גרינדער פון „אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־בונד אין רוסלאַנד און פּוילן", אין יאָר 1897.

8. אין גערעַנגל פאַר אַ נאַציאָנאַלער פּראָגראַם

ביזן יאָר 1899 שטעלט נישט דער „בונד" די נאַציאָנאַלע פראַגע אין איר גאַנצן אומפאַנג. די פאָדערונג פון בירגערלעכע רעכט פאַר יידן קאָן

בשום אופן ניט באַטראַכט ווערן, ווי דער אָנהויב פון נאַציאָנאַלע פאָדערונגען אין די רייען פון „בונד". עס זיינען דאָך פאָדערונגען פאַר יעדן יידישן יחיד באַזונדער, אָבער ניט קיין פאָדערונגען, וואָס זיינען נוגע דעם יידישן קיבוץ אין רוסלאַנד, ווי אַ געזעלשאַפטלעכע קערפּערשאַפט, ווי אַ נאַציאָנאַלער איינס. די אידייען פון אינטערנאַציאָנאַליזם האָבן געשיינט צו זיין אין פולער סתירה צום געדאַנק וועגן דער עקזיסטענץ פון אַ יידישער נאַציע און פאַר ספּעציעלע, ספּעציפישע פאָדערונגען, וואָס זאָל גאַראַנטירן אָט־דער נאַציע פרייע רעכט אויף לעבן און אַנטוויקלען זיך אַלס נאַציאָנאַלער אָרגאַניזם. אין 1899 קומט אָבער פאָר אַן איבערברוך. און אָט־דער נייער קער צווישן די יידישע סאָציאַליסטן קומט־גאָר פון דער זייט, מן הצד — פון עסטרייך. עסטרייך איז, אונטער דער הערשאַפט פון די האַבסבורגער, געווען אַ לאַנד מיט אַ טיפּישן נאַציאָנאַליטעטן־באַשטאַנד. דער נאַציאָנאַלער קאַמף האָט אויסגעפילט דאָס גאַנצע אינערלעך־פּאָליטישע לעבן אין אָט־דער נאַציאָנאַליטעטן־מלוכה: דייטשן, טשעכן, אונגאַרן, איטאַליענער, בולגאַרן, פּאָליאַקן, אוקראַאינער, יידן וכו', וכו' — דאָס איז געווען דער נאַציאָנאַלער באַשטאַנד פון דער עסטרייכישער מלוכה. ערגעץ אין אייראָפּע איז ניט געווען אַזאַ בונטער און פילפאַרביקער נאַציאָנאַליטעטן־צוזאַמענשטעל, ווי אין עסטרייך, און ערגעץ איז ניט פאָרגעקומען אַזאַ פאַרביסענער נאַציאָנאַלער קאַמף, ווי אין דער אימפּעריע פון די האַבסבורגער. די עסטרייכישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז טאַקע דערפאַר געווען די ערשטע, וועלכע האָט זיך מיט דער נאַציאָנאַלער פראַגע באַשעפטיקט און אָנגעהויבן צו זוכן וועגן אויף איינשטעלן אַרבעטער־אחדות, הגם די באַפעלקערונג איז נאַציאָנאַל זייער צוטיילט און פאַרשיידנאַרטיק. די נאַציאָנאַליטעטן פראַגע איז פאַר די עסטרייכער סאָציאַליסטן ניט געווען קיין טעאָרעטישע פראַגע, קיין „הילכתא למשיחא", נאָר אַ ברענענדיקע טאָגפראַגע, וואָס האָט געפאָדערט איר לייזונג. דער ברינער צוזאַמענפאָר פון דער עסטרייכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט אָט־דער פראַגע געשענקט איר הויפּט־אויפמערקזאַמקייט. דער ברינער צוזאַמענפאָר האָט ניט נאָר געכשרט די נאַציאָנאַלע פראַגע פון אינטערנאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישן שטאַנדפּונקט, נאָר ער איז געגאַנגען נאָך ווייטער: ער האָט פּראָקלאַמירט דעם פּרינציפּ פון נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיקונג, ד. ה.: עס דאַרפן נישט זיין קיין הערשנדיקע און אונטערדריקטע נאַציעס, נאָר אַלע נאַציעס זיינען גלייך אַלס נאַציאָנאַלע אָרגאַניזמען. די עסטרייכישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט געצויגן די געהעריקע שלוסן פון אָט־דעם פּרינציפּ. די פּאַרטיי האָט זיך איבערגעבויט אין הסכם מיט אָט־דעם נאַציאָנאַליטעטן־פּרינציפּ. דער אויסלענדישער

אָרגאַן פון בונד אין זשענעווע גיט איבער דעם תמצית פון דעם ברינער צע־זאַמענפאָר און זיינע באַשלוסן אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע מיט די ווערטער:

„אין עסטרייך, וואו עס וואוינען פאַרשיידענע פעלקער, וועלכע ריידן אויף פאַר־שיידענע שפּראַכן און זיינען היסטאָריש דערצויגן געוואָרן אין פאַרשיידענע קולטורן, מוז די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי זיין צעטיילט. זי מוז אויך זיין איינים און גאַנץ, ווי אַ פּאַרטיי פון דער עסטרייכישער מלוכה . . . אין קאַמף פאַר בעסערע געזעצן טרעט אַרויס די פּאַרטיי געאייניקט. פאַר אָרגאַניזאַציע, אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע — געטיילט אין נאַציאָנאַלע אָרגאַניזמען" [26]).

די עסטרייכישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע אָנגענומען פאָלגנדיקע רעזאָלוציע:

1. עסטרייך מוז ווערן אַ דעמאָקראַטישער בונד פון נאַציעס.

2. אָנשטאָט די היסטאָריש־אויסגעבילדעטע „לענדער" דאַרפן איינגע־פירט ווערן נאַציאָנאַלע זעלבסט־פאַרוואַלטונגען. יעדע נאַציע וועט האָבן אירע אייגענע געזעצן און איר אייגענע אַדמיניסטראַציע און נאַציאָנאַלע קאַ־מערן, וועלכע וועלן אויסגעקליבן ווערן אויפן גרונט פון אַלגעמיינעם, דירעקטן און גלייכן וואַל־רעכט (פון פּראָפּאָרציאָנעלן און געהיימען וואַל־רעכט האָט מען נאָך דעמאָלט ניט גערעדט).

3. אַלע געמיינדעס פון איין נאַציע בילדן אַ נאַציאָנאַלן בונד, וועלכער באַזאָרגט זעלבסטשטענדיק זיינע נאַציאָנאַלע ענינים.

4. אַ נאַציע, וואָס האָט אין אַ געוויסן געגענט ווייניק מיטגלידער אין דער געמיינדע, מוז אויסגעאַרבעט ווערן אַ געזעץ, וואָס וועט זיי דערמעגלעכן זעלבסטשטענדיק צו באַזאָרגן די נאַציאָנאַלע ענינים פון דער באַטרעפנדיקער נאַציע.

אין יסוד פאַר דער לייזונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע איז געלייגט געוואָרן דער טעריטאָריאַלער פּרינציפּ. עסטרייך ווערט איינגעטיילט אין באַ־זונדערע אויטאָנאָמע נאַציאָנאַלע איינסן, אויסגעבילדעט פון די נאַציאָנאַל־אַד־מיניסטראַטיווע קערפּערשאַפטן און ווערן פאַראייניקט דורך אַן אַלעסטרייכישן דעמאָקראַטישן בונדס־ראַט. אָבער דער צוזאַמענפאָר ברעכט אין אַ געוויסער מאָס דעם טעריטאָריאַלן פּריניציפּ, איינשליסנדיק אין איר רעזאָלוציע אַ פּונקט, וואָס רעדט וועגן רעכט פון קולטורעלער זעלבסט־פאַרוואַלטונג פאַר מיעוטים־פעלקער אויף „באַזאָרגן זעלבסטשטענדיק די נאַציאָנאַלע ענינים" (פּונקט 4). אַט־דער אומקלאָרער און ניט־באַשטימטער פּונקט האָט געעפנט אַ טיר פאַר דער אַוועקשטעלונג פון דער נאַציאָנאַליטעטן־פראַגע אויך ביי אַזאַ דורכאויס־מיעוטים־פאָלק, ווי יידן זיינען. נישט אומזיסט שיינקט דער „יידי־

26) „יידישער אַרבעטער", נומער 8, דעצעמבער 1899, ז"ז 25־24, ייוואָ־אַרכיוו אין ווילנע, „אַ" 1680.

שער אַרבעטער״ היפּש־אויפמערקזאַמקייט דעם ברינער צוזאַמענפאָר. די רעדאַקטאָרן האָבן דאָ געפונען אַן ענטפער אויף פראַגן, וואָס עקבערן זיי, וואָס שטייען ביי זיי אויף דער טאָג־אָרדנונג:

די „ס. ד. האָט „דערקלערט — פאַרענדיקט דער מחבר פונעם אַרטיקל: „די נאַציאָנאַלע פראַגע אויפן קאָנגרעס פון דער עסטרייכישער ס. ד. אין ברין״, — אַז די נאַציעס זיינען גלייכבאַרעכטיקט און (אַז) דער פּראָלעטאַריאַט איז פאַראינטערעסירט, אַז זיין נאַציאָנאַלע קולטור, שפּראַך און ליטעראַטור זאָלן זיך אַנטוויקלען״. און אַז „עס איז דאָ אַ חילוק צווישן לאַנד און פאָלק. דאָס פאָלק — איז זיין קולטור״. און נישט נאָר זיין לאַנד (טעריטאָריאַלער פּרינציפּ — ש. ל.). „דעריבער וואונדערט אונדז, פאַרוואָס עס איז נאָך ביז־איצט נישטאָ אַ נאַציאָנאַלע אָפּטיילונג פון יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן . . . פון גאַליציע און בוקאָווינע. מיר האָפן, אַז נאָך דעם קלאָרן ענטפער אויף דער נאַציאָנאַלער פראַגע, וועלכן די ס. ד. האָבן אויסגעדריקט אויף דעם קאָנגרעס, וועלן די יידישע אָרגאַניזירטע אַרבעטער זיך נעמען שטאַרק אויפצובויען אַן אויטאָנאָמע יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע אין עסטרייך״.

די השפּעה פונעם ברינער צוזאַמענפאָר אויף די שטימונגען אין „בונד״ שטייט אויסער יעדן צווייפל. ביז־איצט האָבן די אָנפירנדיקע קערפערשאַפטן אין „בונד״ געהאַלטן, אַז שטעלן די נאַציאָנאַלע פראַגע ביי אַן עקסטעריטאָריאַל פאָלק, איז סותר די פּרינציפּן פון אינטערנאַציאָנאַליטעט און קלאַסן־קאַמף. אין זעלביקן נומער 6 פון „יידישן אַרבעטער״, באַלד נאָכן אויפרוף: „צו די יידישע אַרבעטער און אינטעליגענטן, וואָס וואוינען אין אויסלאַנד״, גייט אַ גרויסער אַרטיקעל פון בן־אהוד (דר. חיים זשיטלאָווסקי), וואָס טראָגט דעם אויבערקעפּל: „ציוניזם און סאָציאַליזם״. אין אָט־דעם אַרטיקל שטעלט דער מחבר שאַרף די נאַציאָנאַלע פראַגע:

„די יידישע סאָציאַליסטן האָבן אויך לכתחילה מער־ניט געוואָלט, ווי נאָר העלפן די יידישע אַרבעטער נישט אַלס יידן, נאָר אַלס אַרבעטער, אַלס מענטשן בכלל. אָבער וואָס טיפער זיי האָבן גענומען צו פאַרשטיין דעם סאָציאַליזם, האָט זיי געמוזט קלאָר ווערן, אַז דער סאָציאַליזם איז גאָר־נישט אויסן אָפּצושאַפן אַלע פעלקער, צונויפצוקנעטן זיי אין איין טייג און מאַכן פון דעם טייג איין גרויסן לאַבן „מענטשהייט״. אדרבא, דער סאָציאַליזם וויל, אַז יעדעס פאָלק זאָל האָבן ביכולת אויסצעווייזן זיינע השלמות, אַלץ אין וואָס ער איז פייאיקער איידער אַלע אַנדערע. ער וויל מער נישט, אַז די פעלקער זאָלן לעבן צווישן זיך בשלום, אַז קיין פאָלק זאָל נישט קאָנען הערשן און געוועלטיקן איבער אַן אַנדער פאָלק (אין די שורות פילט זיך כמעט בייוואָרטלעך איבערגעחזרט די געדאַנקען און אידייען פון ברינער צוזאַמענפאָר און זיינע פאָראַרבעטן — ש. ל.). ביים סאָציאַליזם זיינען אַלע פעלקער גלייך. אינטערנאַציאָנאַליזם — הייסט אַלע פעלקער זיינען גלייכע ברידער און מוזן לעבן ווי ברידער צווישן זיך.

„וואָס נעענטער די יידישע סאָציאַליסטן זיינען געקומען צום יידישן פאָלק, אַלץ מער האָבן זיי געמוזט איינזען, אַז דאָס יידישע פאָלק איז אויך נישט ערגער און נישט בעסער פאַר אַלע פעלקער, אַז עס האָט אויך רעכט צו לעבן, ווי אַ פאָלק אויף דער וועלט, זיין אַ גלייכבאַרעכטיקעס מיטגליד אין דער גרויסער משפּחה פון דער מענטשהייט. אנשטאָט נאָר בירגערלעכע גלייכע רעכט, די גלייכע רעכט מיט אַלע מענטשן, וואָס די בורזשואַזיע האָט אויך געפאָדערט, האָבן די יידישע סאָציאַליסטן אויפגעשריבן אויף זייער פאָן נאַציאָנאַלע גלייכע רעכט מיט אַלע פעלקער און זיי זיינען אָנגעגרייט צו שטרייטן אָט־פאַר־דעם

העכסטן אידעאַל פון דעם יידישן פאָלק . . . וואָס שטאַרקער עס ווערן די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטס־אַרמייען, וואַקסט אַלץ מער האָפנונג פאַר דעם יידישן פאָלק".

די רעדאַקציע פון איר זייט גיט־צו, אַז זי גיט דעם אַרטיקל אויפן יסוד פון פרייער דיסקוסיע און אַז די רעדאַקציע איז נישט מסכים:

„מיר האַלטן זיך שטייף פאַר דעם פרינציפ, אַז ווי אַלע נאַציעס, אַזוי אויך די יידישע, דאַרפן האָבן גלייכע פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און נאַציאָנאַלע רעכט. מיר קעמפן פאַר דעם. אָבער צי וועט זיך די יידישע פאָלקס־שפּראַך, דער „זשאַרגאָן" אַזוי אַנטוויקלען, אַז זי וועט ווערן אַ קולטור־שפּראַך, אַ ליטעראַטור (שפּראַך — ש. ל.), אַ וויסנשאַפט (שפּראַך — ש. ל.), צי איז נויטיק צו פאַרבינדן די יידישע אַרבעטער פון פאַרשיידענע לענדער — דאָס אַלץ זיינען פראַגן, אויף וועלכע עס איז איצט שווער באַשטימט צו ענטפערן".

און הגם די „רעדאַקציע איז ניט מסכים", דערקלערט זי אָבער, אַז זי באַנוגנט זיך שוין ניט מער מיט „גלייכע פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און בירגערלעכע רעכט", נאָר זי פאָדערט שוין אויך נאַציאָנאַלע רעכט. דער ברינער צוזאַמענפאָר האָט געהאַט אַ רעוואָלוציאָניזירנדיקן איינפלוס אויף די מחות און הערצער פון דעם „אויסלענדישן קאָמיטעט פון בונד".

די איינפלוסן, וואָס זיינען געקומען פון ברין, האָבן אָבער ניט באַווירקט די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס אין רוסלאַנד גופא, וואו מען לעבט נאָך מיט די פריערדיקע באַגריפן און איינשטעלונגען און מען פאַרמשפּט יעדן אופן פון שטעלן די נאַציאָנאַלע פראַגע אַלס אויסדרוק פון איבערגעטריבענעם נאַציאָנאַליזם. די וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע פון „בונד" צעשיקט דעם נומער אין די שטעט און שטעטלעך פון איר ראַיאָן מיט דער באַמערקונג, אַז זי — די וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע, — „איז ניט איינשטימיק מיט די נאַציאָנאַליסטישע אַרטיקלען און נעמט פון זיך אַראָפּ וועלכע עס איז פאַראַנטוואָרטלעכקייט"[27].

אָבער ווען די נאַציאָנאַלע פראַגע איז שוין אויפגעהויבן געוואָרן, גייט זי שוין מער ניט אַראָפּ פון טאָג־אָרדנונג. און עס קלינגט ממש, ווי אַ פּאַראַדאָקס, וואָס גראָד דער דעלעגאַט פון דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע — דזשאָן מיל — פאַרטרעט דעם עקסטרעמען פליגל אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע אויפן דריטן צוזאַמענפאָר פון „בונד" (דעצעמבער 1899 לויט בוכבינדער, יאַנואָר 1900 לויטן „יידישן אַרבעטער" — דער אונטערשייד אין אַלטן און נייעם סטיל קלערט אפשר אויף דעם חילוק אין די דאַטן־אָנווייזונג אין ביידע ערטער). דזשאָן מיל, דער וואַרשעווער דעלעגאַט, האָט דערקלערט:

„דער יידישער פּראָלעטאַריאַט דאַרף אויסער פּאָליטישע און בירגערלעכע רעכט פאָדערן פאַר זיך אויך גלייכע נאַציאָנאַלע רעכט". פּאָליטישע פרייהייטן, פרייהייט פון פאַרזאַמלונג איז גאָרנישט ווערט, אויב עס פעלט די

---

27) זע בוכבינדער, צ"וו ז"ז 94־95, „ייד. אַרבעטער", נומער 9, 1900, ש. (ס.) אגורסקי — „סאָציאַליסטישע ליטעראַטור אויף יידיש", צ"ב, ז"ז 171־172.

פרייע רעכט פון באַנוצן די מוטער־שפּראַך אויף די פאַרזאַמלונגען. אַלס ראיה קען דינען דער פּוילישער אַרבעטער אין דייטשלאַנד, הגם ער האָט פאַרמע־לע רעכט אויף פאַרזאַמלונגען, אָבער וויבאַלד ער קען זיך אויף זיי ניט באַנוצן מיט דער פּוילישער שפּראַך, נאָר ער מוז ריידן דייטש, בלייבט ער שטום און ממילא פאַסיוו. „אָן גלייכבאַרעכטיקונג פון דער יידישער שפּראַך, איז פאַר־זאַמלונג־פרייהייט נישט מער, ווי אַ קלינגענדיקע פראַזע". אויב אפילו דער לאָזונג איז איצט נאָך־נישט אַקטועל, מוז אַ פּאַרטיי אָנמערקן וויטערדיקע צילן און אויפגאַבן פאַר דער צוקונפט. ממילא, מוז מען די פאָדערונג — נאַצי־אָנאַלע גלייכבאַרעכטיקונג שוין אָנשרייבן „אויף דער בונדישער פאָן". די מערהייט פון צעזאַמענפאָר האָט ניט מסכים געווען מיטן רעפערענט. די מער־הייט האָט געהאַלטן, אַז „היות ווי דאָס פאַלן פון צאַריזם איז דער הויפּט־ציל פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, דאַרף מען אויסמיידן יעדע ברעקלונג פון אונדזערע כוחות, אַרויסרוקנדיק נאַציאָנאַלע פאָדערונגען. מען דאַרף זיך פאַראייניקט אין קאַמף מיטן צאַריזם. דער צעזאַמענפאָר באַשליסט נישט צו ענדערן די בונדישע פּראָגראַם אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע און אַרויסשטעלן נאָר די פאָדערונג פון גלייכע בירגער־רעכט, אָבער נישט נאַציאָנאַלע רעכט".

די נאַציאָנאַלע פראַגע איז אַזוי אַרום אָפּגעשטופּט געוואָרן, אָבער איז ניט אַראָפּגענומען געוואָרן פון סדר־היום. עס איז געעפנט געוואָרן אַ דיס־קוסיע אין די אָרגאַניזאַציעס.

9. דאָס קריזיס־יאָר 1899

1899 — איז אַ קריזיס יאָר אין דער געשיכטע פון רוסלאַנד בכלל און איז אַ קריזיס יאָר אין דער געשיכטע פון „בונד". היות ווי אין 1899 איז אויסגעבראָכן אַן אַלגעמיינער עקאָנאָמישער קריזיס אין רוסלאַנד, האָט די שטרייק־באַוועגונג אין „תחום" אָנגעהויבן צו ליידן דורכפאַלן. אַחוץ דעם, האָט זובאַטאָוו אויסגעשפּרייט זיין טעטיקייט אויפן „תחום", אויפן „ראַיאָן פון בונד", ווי מען האָט עס גערופן אין די אָפיציעלע אַקטן פון דער רוסישער פּאָליציייִשער מאַכט. זובאַטאָוו טראַגט זיך אַרום מיט אַ געדאַנק צו לעגאַלי־זירן דעם „בערשטער־בונד", ווי אַ פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע און אַזוי אַרום ברייִנגען צו אַ ריס צווישן דער פּראָפעסיאָנעלער און פּאָליטישער באַוועגונגען צווישן די יידישע אַרבעטער. „נאָך אַ פולער און אַלזייטיקער אויספאָרשונג און נאָכן באַזייטיקן פון דער אָרגאַניזאַציע די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן, וואָלט געווען געוואונטשן אונטערצעוואַרפן דעם „בונד" (פון די בערשטער) אַ ספּעציעלן סטאַטוט, אויסגעאַרבעט און באַשטעטיקט פון דער מאַכט. דער־

מיט גופא וואָלט מען דעם „בונד“ (פון די בערשטער) איינגעשטעלט אין איינמאָל־פאַר־אַלע־מאָל באַשטימטע נאָרמעס, וואָס וואָלטן אומנוציק געמאַכט די קאָנספּיראַטיווע טעטיקייט — דאָס הויפּט־פעלד פאַר די אַרויסטרעטונגען פון די אַגיטאַטאָרס־רעוואָלוציאָנערן. מיטן אונטערגעוואָרפן זיין אַ סטאַטוט, ווערט די טעטיקייט פונעם „בונד“ (פון די בערשטער) אויף געוויס ווידעראַמאָל אַריינגעפּירט אין דער עקאָנאָמישער ספּערע“ [28]. לעגאַליזירן די פּראָפעסיאָנעלע, עקאָנאָמישע באַוועגונג פון די יידישע אַרבעטער, דורכפירן אַ שטרייִנגע רעפּרעסיע קעגן די „אַגיטאַטאָרן“ פון דער רעוואָלוציאָנער־פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע, ווי אויך געווינען איניקע טויער פאַר זיין אידייע פון אַ לעגאַל־עקזיסטירנדיקער עקאָנאָמישער באַוועגונג ביי אַ פּאָליטישער גלייכגילטיקייט און פּאַסיווקייט — דאָס איז געווען דער זובאַטאָוו־מעטאָד אין באַצוג צו דער אַרבעטער־באַוועגונג. בנוגע דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, ווי אַ גאַנצע, איז זובאַטאָווס מעטאָד געווען אויסשפּילן די מעסיקע עלעמענטן קעגן די רעוואָלוציאָנערע. דאָס האָט געבראַכט צו דער דערלויבעניש אויף דער ערשטער יידישער טעגלעכער צייטונג „דער פריינד“ אין פּעטערבורג, וועגן וועלכן מיר וועלן שפּעטער ריידן, ווען מיר וועלן באַהאַנדלען די פראַגע פון דער יידישער פּרעסע. די שמועסן, וואָס זובאַטאָוו האָט געפירט מיט די אַרעסטירטע, איז באַקאַנט. ער פלעגט אָנהויבן דערפון, אַז דער עקאָנאָמישער קאַמף איז באַרעכטיקט, ווייל דאָס באַצוועקט צו הויבן דעם מאַטעריעלן מצב פון די אַרבעטער, אָבער עס איז לחלוטין ניט נויטיג קיין פּאָליטישער קאַמף, ווייל דער צאַריזם איז אַן איבער־קלאַסן־אָרגאַניזאַציע און זיין ציל איז צו פאַרמיטלען צווישן די קלאַסן. פאַרקערט ווידער, די רעוואָלוציאָנערן ווילן אויסנוצן די אַרבעטער־באַוועגונג צו אַנדערע צילן, צו פּאָליטישע צוועקן און מאַכן פון די אַרבעטער אַ ווערקצייג אין קאַמף פון די רייכע און פאַרמעגלעכע שיכטן פאַר מאַכט. זובאַטאָוו האָט גערעדט מיט די רעוואָלוציאָנערן אויף זייער לשון, אַזוי צו זאָגן. די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען האָבן געשטרעבט צו אַ דעמאָקראַטישער אָרדענונג, צום אַ פּאַרלאַמענטאַרישן סיסטעם. די

---

28) זובאַטאָווס באַריכט ציטירט לויט מ. ראַפּעס: — „קאַפּיטלען געשיכטע פון „בונד“, קאָאָפּ. פאַרלאַג „קולטור־ליגע“, קיעוו 1929, ז. 49. וועגן דער זובאַטאָוו־באַוועגונג זע בוכבינדער — „געשיכטע פון דער יידישער אַרב. באַוועגונג אין רוסלאַנד“, ייד. איבערזעצונג, ווילנע 1931, טאָמאָר־פאַרלאַג. מ. ראַפּעס — „עטיודן צו דער געשיכטע פון „בונד“ (רוסיש), מאָסקווער אַרבעטער, מאָסקווע, 1923, ז. 64 און פאָלגט. וועגן עקאָנאָמישן קריזיס און זיין איינפלוס אויף דער אַרבעטער באַוועגונג אין רוסלאַנד, זע — ל. מאַרטאָוו — „אינדוסטריעלע אַנטוויקלונג אא“וו, צ“וו, ז“ז 81, 99 און פאָלגט. ראַפּעס — „עטיודן אא“וו, ז“ז 74—78, ווי אויך בוכבינדער, מיכאַילעוויטש אין די ציטירטע ווערק.

רעוואָלוציאָנערן האָבן אַלע פּאַראויסגעזעזן, אַז ביי אַט־דעם דעמאָקראַטישן סיסטעם וועט זיך די מאַכט פּאַקטיש געפינען אין די הענט פון דער בורזשואַזיע. עס קומט, ממילא, אויס, אַז די אַרבעטער, דורך זייער קאַמף, העלפן „די פאַרמעגלעכע שיכטן אין זייער שטרעבונג צו מאַכט", ווי זובאַטאָוו פלעגט עס פאָרמולירן. דערצו נאָך האָבן די רעוואָלוציאָנערן זיך אַריינגעצויגן אין דעם עקאָנאָמישן קאַמף. זיי האָבן זיך אָנגעטראָפן אויף מוראדיקע מניעות מצד דעם רעפּרעסיע־אַפּאַראַט פון דער צאַרישער אַדמיניסטראַציע. זובאַטאָוו, אַ פאַרשטייער פון אַט־דעם רעפּרעסיע־אַפּאַראַט, שלאָגט זיי פאָר צו לעגאַליזירן די עקאָנאָמישע טעטיקייט פון די אַרבעטער, לייגט זיי פאָר צו גרינדן אָפן און פריי פראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, קאַסעס פאַר זעלבסטהילף און יורידישע ביוראָען. דערדאָזיקער פאָרשלאָג איז געווען זייער אַ לאָקנדיקער. און אייניקע אַרבעטער־טוער האָבן זיך געלאָזט פאַנגען אין דער פּאַסטקע, וואָס זובאַטאָוו האָט אויף זיי פאַרלייגט.

די „אומאָפּהענגיקע יידישע אַרבעטער־פּאַרטיי" האָט אין איר פּראָגראַם אויפגעגעבן די פּאָליטישע טעטיקייט און האָט אַרויסגערוקט אין פאָדערגרונט די עקאָנאָמישע, קולטור־אויפקלערערישע און דערציערישע אַרבעט. דער בונד — האָבן געטענהט די טוער פון דער „נייער פּאַרטיי" — האָט אויסגעפּילט אַ היסטאָרישע מיסיע מיט דעם, וואָס ער האָט אַנטוויקלט „דעם גייסט פון אומצופרידנקייט צווישן די אַרבעטער מיט זייער עקאָנאָמישער לאַגע". און די פּראָגראַם דערקלערט: „די פּאַרטיי שטעלט זיך נישט קיינע פּאָליטישע צילן און פאַרנעמט זיך מיט פּאָליטישע פראַגן נאָר אין דער מאָס, וואָס זיי רירן־אָן די טאָג־טעגלעכע אינטערעסן פון די אַרבעטער".

אַזוי אַז אויסער דעם אַלגעמיינעם קריזיס, אויסער דער נאַציאָנאַלער פראַגע, וואָס איז געוואָרן אַלץ מער אַקטועלער, האָט דער „בונד" איבערגעלעבט אַ דריטן און שווערן קריזיס — די עקאָנאָמיסטישע באַוועגונג, געשטיצט פון דער צאַרישער אַדמיניסטראַציע גופא. די באַוועגונג פון די „אומאָפּהענגיקע" האָט אין „בונד" אַרויסגערופן אַ רעאַקציע אין זין פון פאַרשטאַרקן דעם פּאָליטישן מאָמענט אין דער טאַקטיק פון דער בונדישער פּאַרטיי. די דריטע קאָנפערענץ פון „בונד", וואָס קומט פאָר אין אַט־דעם יאָר, נעמט אָן אַ רעזאָלוציע, וואָס שטרייכט אונטער, אַז „דער עקאָנאָמישער קאַמף איז נאָר איינע פון די מיטלען צו פאַרשטאַרקן דעם פּאָליטישן קלאַסן באַוואוסטזיין פון דער אַרבעטער־מאַסע". מיט אַנדערע ווערטער: דער עיקר איז דער פּאָליטישער קאַמף מיט דער זעלבסטהערשונג אין רוסלאַנד. דער עקאָנאָמישער קאַמף איז נאָר אַ מיטל צו אַט־דעם ציל. ממילא, מוז מען

לייגן דעם הויפּט-געוויכט אויף פּאָליטישע אַרויסטרעטונגען און ניט פּאַרלאָזן זיך בלויז אויף דער שטרייק־באַוועגונג פון די אַרבעטער. דער „בונד״ לאָזט זיך אויפן וועג פון פּאָליטישע אַקציעס, פּאָליטישע דעמאָנסטראַציעס און פּאָליטישע עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען פון אַ מאַסן־כאַראַקטער [29].

10. גאַסן־דעמאָנסטראַציעס ווי אַ לאָזונג

עס איז געווען אַ טראַדיציע ביי די רוסישע אַרבעטער, און די יידישע רעוואָלוציאָנערע קרייזן האָבן עס איינגעפירט צווישן יידן, צו פייערן דעם ערשטן מאַי. ביז-איצט זיינען די מאַי־פייערונגען איינגעאָרדנט געוואָרן אין די וועלדער. עס האָבן זיך באַטייליקט אין זיי אַ גאָר־קליינע צאָל אַרבעטער. מען האָט געדאַרפט האָבן אַ „ספּעציעלע זכיה״ אויף באַטייליקן זיך אין די מאַי־פייערונגען. בלויז געקליבענע מיטגלידער פון די „קאַסעס״ האָבן זיך אין אָט־דער פייערונג באַטייליקט. נאָך אין 1898 איז אַ געקליבענע, אַ פאַרשמעלערטע מאַי-פייערונג פאָרגעקומען אין האָמעל. אַ באַריכט פון אָט־דער מאַי־פייערונג איז געבליבן אין די אַרכיוון פון דער צאַרישער „אָכראַנע״. אָט ווי עס שילדערט די פייערונג איינער פון אירע אָנטיילנעמער, לויט פּאָליציי־ידיעות איז דער מחבר פון דער שריפט געווען סאָלאָמאָן צייטלין.

„עס האָט זיך דערנענטערט דער ערשטער מאַי. לאָזנדיק זיך אויפן וועג פון פּאָליטישער אַגיטאַציע, האָט די גרופּע געדאַרפט אָרגאַניזירן די פייערונג פון דעם 1־טן מאַי. און דאָס איז געטאָן געוואָרן. קיין שום גלענצנדיקעס, גראַנדיעזעס איז דאָ נישט געווען, קיין דעמאָנסטראַציע האָט מען נישט דורכגעפירט, נאָר פונדעסטוועגן איז דאָ געווען אַסך פריידיקס, ליכטיקס און גוטס אין אָט־דעם באַשיידענעם פייערן פון די אַרבעטער, אין אָט־דעם ערשטן אויפבליץ פונעם שטראַל פון פּאָליטישן באַוואוסטזיין, באַוואוסטזיין פון בירגערלעכן מוט צווישן דער אַרבעטער־מאַסע. דעם ערשטן מאַי בייטאָג האָבן זיך היינטערן שטאָט, אויף אַ גרינער אָפּענער לאָנקע, אָנגעהויבן צוזאַמענקומען אַרבעטער און אַרבעטערינס, יומטובדיק אָנגעטאָן, מיט פריילעכע לויכטנדיקע פּנימער. די וואָס זיינען אָנגעקומען פריער, זיינען געלאָפן אַנטקעגן די פאַרשפּעטיקטע חברים, האָבן זיך געקושט מיט זיי. דער פּנים־אויסדרוק איז געווען אַזאַ, ווי ווען עס ווערט אָפּגעטאָן עפּעס פריילעכס, פייערלעכס. עס זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אַ מענטשן 250. די פאַרזאַמלטע האָבן געבילדט אַ לעבעדיקן קרייז, אין צענטער פון וועלכן איין אַרבעטער האָט פאַנאַדערגעוויקלט אַ רויטע פאָן, אויף וועלכער עס איז געווען אָנגעשריבן: „אַכט שעהדיקער אַרבעטס־טאָג״, „פּאָליטישע פרייהייט״, „פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט״. דער כאָר, וואָס איז געשטאַנען נישט ווייט, האָט אַ זונג געטאָן, און די מאַסע האָט אונטערגעכאַפּט די שטאַרקע קלאַנגען פון שבועה . . . עס זיינען געזונגען געוואָרן די מאַרסעליעזע און אַנדערע רעוואָלוציאָנערע לידער . . . עס זיינען געהאַלטן געוואָרן עטלעכע רעדעס, און דערמוטיקטע, אָפּגעפרישטע איז מען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען אַהיים״ [30].

---

29) זובאַטאָווס בריוו צו ראַטאַיעוון אין יאָר 1898 איז פאַרעפנטלעכט ביי בוכבינדערן, זז 204־205. די רעזאָלוציע פון דריטן צוזאַמענפאָר, בוכבינדער, ז. 97, „דער יידישער אַרבעטער״, נ. 9, זשענעווע, 1900, ז. 4.

30) ציטירט לויט אָגורסקין — „סאָציאַליסטישע ליטעראַטור אא״וו״, ז. 272.

אין אַט־דער שילדערונג קומט צום אויסדרוק אַ טיפּישע מאַי־פייערונג פון יענער־צייט. אָרגאַניזירטע מיטגלידער זיינען געווען, לויטן זעלביקן באַריכט, וואָס געפינט זיך אין אַרכיוו פון דער „אַכראַנע״, 420־430 מאַן, ווען צו דער פייערונג זיינען געקומען „אַ מענטשן 250״. על־כן אַן אויסגעקליבער עולם פון די „מער־אויסגעפּרוווטע, מער־אַקטיווערע חברים״, ווי עס דריקן זיך אויס אַסך מעמואַרן־שרייבער וועגן יענער צייט. מען דאַרף אויך ניט פאַרגעסן, אַז דער באַריכט איז געשריבן געוואָרן סוף 1899־1900, ווען די פּראַגע וועגן מאַסן־אַרויסטרעטונגען איז שוין געשטעלט געוואָרן. דאָס קלערט אפשר אויף די אַביסל סקעפּטישע און קריטישע באַמערקונג פון מחבר: „קיין דעמאָנסטראַציע האָט מען נישט דורכגעפירט״.

סוף 1899, וואַרפט דער „בונד״ דעם לאָזונג פון גאַסן־דעמאָנסטראַציעס. אין יאָר 1900 פאַרעפנטלעכט די „אַרבעטער־שטימע״ אַן אַרטיקל וועגן דער נויטווענדיקייט פון גאַסן־דעמאָנסטראַציעס:

„מיר האָבן זיך איבערצייגט, וואָס פאַר אַ מאַכט מיר באַזיצן אין אונזער אָרגאַניזאַציע, וואָס פאַר אַן אימה מיר וואַרפן אויף די באַזיצנדיקע קלאַסן און אויף דער רעגירונג, ווען מיר טרעטן אַרויס אַלע צוזאַמען מאַסנווייז . . . די רעגירונג ווענדט אָן אַלע אירע קרעפטן נישט צו דערלאָזן די אַרבעטער דעמאָנסטרירן, נישט דערלאָזן זיי זיך באַווייזן אויף די גאַסן פאַר דער גאַנצער געזעלשאַפט . . . אונזערע עפנטלעכע דעמאָנסטראַציעס זיינען זייער וויכטיק פאַר אונז אַלס אַגיטאַציע־מיטל און איינס פון די בעסטע אַגיטאַציע־מיטלען... שטרייקן אין אונזער עקאָנאָמישן קאַמף און אָרגאַניזירטע דעמאָנסטראַציעס אין פּאָליטישן — דאָס זיינען דערוויל אונדזערע שטרייט־מיטלען״.

פאַרגלייכט מען אַט־דעם אַרטיקל מיטן אויבנדערמאָנטן באַשלוס פון דריטן צוזאַמענפאָר פון „בונד״, אַז „דער עקאָנאָמישער קאַמף איז דאָס בעסטע מיטל אויף אויסצובעסערן די מאַטעריעלע לאַגע פון אַרבעטער־קלאַס, פאַר דער אַנטוויקלונג פון קלאַסן־באַוואוסטזיין איז דער עקאָנאָמישער קאַמף אַ וויכטיק מיטל, אָבער נישט דאָס איינציקע. דער „בונד״ מוז זיך באַנוצן מיט אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע, כדי צו שמידן דעם פּאָליטישן באַוואוסטזיין פון דער יידישער מאַסע״ [31], און מען קומען צום אויספיר, אַז אין יאָר 1899 קומט פאַר אַן איבערברוך אין דער אַלגעמיינער אָריענטירונג פון „בונד״ אויף פּאָליטישע אַקציעס, רעזערווירנדיק פאַר די שטרייקן אַסך אַ באַגרע־נעצטערן אָרט אין דער טעטיקייט פון דער פּאַרטיי, ווי פריער. עס ווערט שטאַרק אַקצענטירט די פּאָליטישע אַרויסטרעטונג, די פּאָליטישע דעמאָנ־סטראַציע און ניט דער עקאָנאָמישער קאַמף, דער שטרייק.

31) ציטירט לויטן אַרטיקל „דריטער צוזאַמענפאָר פון בונד״, „ייד. אַרבעטער״, נ. 9, זשענעווע 1900.

די זובאַטאָוו־באַוועגונג האָט פאַרשטאַרקט די פּאָליטישע אָריענטאַציע אין די רייען פון „בונד“.

די שאַרפע פּאָליטישע שטעלונג פון „בונד“ קומט פאָר איינצייטיק מיט דעם אומברחמנותדיקן קאַמף קעגן די זובאַטאָווצעס. אָט־די צוויי דערשיינונגען קענען ניט באַטראַכט ווערן, ווי אַ ריינע צופעליקייט, נאָר זיינען ענג־געבונדן צווישן זיך, ווי אַ סיבה צו איר פועל־יוצא. אין יולי 1900 איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער אויבנדערמאָנטער אַרטיקל וועגן דעם באַטייט פון דעמאָנסטראַציעס אַלס אַגיטאַציע־מיטל און אין אויגוסט פון זעלביקן יאָר לאָזט דער צ. ק. פון „בונד“ אַרויס פאָלגנדיקן אויפרוף:

„שוין צוויי יאָר, ווי איינער פון די נידערטרעכטיקסטע צאַרישע דינער ווענדט־אָן אַלע זיינע קרעפטן צו פאַראַליזירן און פאַרניכטן די אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד בכלל, און אונדזער יידישע באַוועגונג בפרט. צוויי יאָר דערמאָנט מען טאָג־טעגלעך דעם פאַרפלוכטן נאָמען זובאַטאָוו. צוויי יאָר זיינען אונדזערע שטעט און שטעטלעך באַלאַגערט מיט זיינע שפּיאָנען, וועלכע, ווי הונגעריקע וועלף, רייסן אַרויס פון אונדזערע רייען אונדזערע ברידער־קעמפער און וואַרפן זיי אַריין אין פינצטערע, פייכטע געפענקענישן.

„און אָט־דער מענטשן־אויסוואָרף, אָט־דער איש־נבל, וועלכער קען זיך נישט אָנזעטיקן מיט פרעמדע צרות . . . אָט־דער מענטש איז מיטאַמאָל געוואָרן אונדזער פריינט! ער האָט זיך מיטאַמאָל דערקלערט פאַר אַ פשרה־מאַכער צווישן אונדז און דער רוסישער זעלבסטהערשנדיקער רעגירונג. „די רעגירונג — זאָגט זובאַטאָוו — קלערט נאָר וועגן דעם אַרבעטערס טובה, זי האָט גאָרנישט, ווען די אַרבעטער שטרעבן זיך צו פאַרבעסערן זייער עקאָנאָמישע לאַגע“.

פאַררופנדיק זיך אויף די פילצאָליקע פאַלן פון רעגירונג־רעפּרעסיעס קעגן שטרייקנדיקע אַרבעטער און אָפּפרעגנדיק די מעגלעכקייט פון שליסן שלום מיט דער זעלבסטהערשונג, זאָגט דער אויפרוף ווייטער:

„אַן אמתער רעוואָלוציאָנער, אַ וואַרער אַרבעטער־פריינט קאָן נישט זיין דער, וועלכער גיט גערעכט זובאַטאָוון און, ממילא, דער רוסישער רעגירונג. דאָרטן, וואו עס הויבט זיך אָן זובאַטאָווס גוטפריינטשאַפט, ענדיקט זיך די רעוואָלוציאָנערע איבערגעבנקייט.

„אונדזערע אינטערעסן און די אינטערעסן פון דער רעגירונג זיינען קעגנזעצלעך. אונדזער ציל איז אינגאַנצן צו פאַרניכטן די זעלבסטהערשונג. און מיר וועלן נישט אַוועקלייגן אונדזער געווער, ביז מיר וועלן ניט דערגרייכן אונדזער ציל. און דערום זיינען גוטעפריינטשאַפט צווישן אונדז און דער רעגירונג, אָדער אירע פאַרשטייער — (וועגן דעם קען קיין רייד נישט זיין. יעדער רעוואָלוציאָנער, וועלכער טרעט אַריין אין געווויסע באַציאונגען מיט זובאַטאָוון, אָדער אים גלייכע שפּיאָנען, שאַדט די אַרבעטער־אינטערעסן און פאַרלירט דאָס רעכט צו טראָגן דעם הייליקן נאָמען „רעוואָלוציאָנער“. מיר טאָרן נישט קיין זאַך אים, זובאַטאָוון, צוזאָגן, קיין זאַך אים נישט אַנטדעקן, נישט נעמען פון אים קיין געלט, נישט שרייבן אים קיין בריוו, נישט בעטן אים אום שטיצע און דאָס גלייכן. מיט דעם אַלעם וויל ער אונדז אַריינגנעמען אין די הענט, אַריינקריכן אין אונדזער אָרגאַניזאַציע, מאַכן צווישן אונז אַ טומל, פאַרבלענדן אונדזערע אויגן, פאַרענדערן אונדזערע צילן, אונדזערע רעוואָלוציאָנערע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע צילן.

„דערום געפינען מיר, דאָס קיין מיטגליד פון אונדזער „אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־בונד פון רוסלאַנד און פוילן“ האָט קיין רעכט נישט צו האָבן פאַרבינדונגען וועלכע־עס־איז מיט זובאַטאָוון, אָדער מיט אַן אַנדערן צאַרישן שפּיאָן. ווער עס וועט דאָס נישט דערפילן, וועט ווערן באַטראַכט אַלס פאַררעטער, פּראָוואָקאַטאָר און זיין נאָמען וועט ווערן אויסגעדרוקט אין אונדזערע אָרגאַנען: „אַרבעטער־שטימע“, „דער יידישער אַרבע־

טער", „וואַרשעווער אַרבעטער", „ביאַליסטאָקער אַרבעטער", „קלאַסן־קאַמף" (איבער אַ פּע־לער האָט מען אַרויסגעלאָזט דעם „וועקער" — שרייבט די רעדאַקציע־צו אַ באַמערקונג פון איר זייט).

„אונדזערע אַרטיקע קאָמיטעטן זיינען מיט דעם פאַרפליכטעט אומפאַרזאַמט מיטצו־טיילן דעם צ. ק. פון „בונד" וועגן אַזעלכע מענטשן" [32]).

אָט־די נייע אויפפאַסונג פון דער נויטיקייט שאַרפער צו מאַכן דעם פּאָליטישן מאָמענט אין דער בונדישער אַרבעט און אָפּרוקן אויפן צווייטן פּלאַן די עקאָנאָמישע טעטיקייט, ווי אויך דער פאַרשאַרפטער קאַמף מיט „עקאָנאָ־מיזם" אויף דער יידישער גאַס, קלערט, אגב, אויף פאַרוואָס דער 4־טער צוזאַמענפאָר (1901) האָט געפאַסט אַ באַשלוס וועגן רעקאָמענדירן אָפּצוהאַלטן זיך פון אַנגרייפלעכע שטרייקן. כל־זמן דער שטרייק איז געווען אַ פּאָליטישער מיטל „אויף וועקן דעם באַוואוסטזיין ביי די אַרבעטער", איז יעדער שטרייק, אפילו אַ פאַרשפּילטער, געווען אַ געווינס, האָט דערגרייכט זיין ציל צו רעוואָ־לוציאָניזירן די יידישע אַרבעטער־גאַס. אָבער וויבאַלד דער שטרייק האָט באַקומען בלויז איין ציל, אַ ריין פּראַקטישן, פאַרבעסערן דעם אַרבעטערס לאַגע, מוז מען שוין מיטן שטרייק זיין פאָרזיכטיקער. באַנוצן דאָס מיטל נאָר דעמאָלט, ווען מען קען דעם שטרייק געווינען. און אָפּהאַלטן זיך פון אים, ווען דער שטרייק האָט אַלע שאַנסן, אַז מען זאָל אים פאַרשפּילן. אין די קריזיס־יאָרן פון 1899—1900, איז די לאַגע געווען אַזאַ, אַז יעדער שטרייק איז פון לכתחילה געווען פאַרמשפּט אויף אַ דורכפאַל און ממילא איז אַרויס־רופן אַ שטרייק געווען ניט ראַטזאַם, אין די אינטערעסן פון די יידישע אַרבע־טער און דערפאַר שיינט דער באַשלוס פון „אָפּהאַלטן זיך פון אַנגרייפלעכע שטרייקן" צו האָבן געווען אַ ריכטיקער באַשלוס. דערדאָזיקער לאָגישער אויספיר פון דער עקאָנאָמישער לאַגע אין רוסלאַנד בכלל און אין „תחום" בפרט, האָט געקענט געמאַכט ווערן נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס דער „בונד" האָט אויפגעהערט צו קוקן אויפן שטרייק, ווי אויף דעם איינציקן מיטל צו „שטאַרקן דעם קלאַסן־באַוואוסטזיין צווישן די יידישע אַרבעטער" [33]).

די זובאַטאָוו־באַוועגונג, אָדער „דער עקאָנאָמיזם" האָט אויף דער יידי־שער גאַס קיין שטאַרקע אחיזה ניט געהאַט. די יידישע אויסנאַם־לאַגע און דער אַנטיסעמיטישער קורס פון ניקאָלאַי דעם צווייטן האָט צופיל געריסן די אויגן, אַז מען זאָל קענען פאַרבלענדט ווערן פון זובאַטאָווס הבטחות. בלויז

---

32) „דער יידישער אַרבעטער", נומער 10 פון 1900 יאָר, אין דער אָפּטיילונג „פּאַרטיי־נאַכריכטן", ז"ז 75־74.

33) פּונקט אַ פאַרקערטע אויפפאַסונג ברענגט מ. ראַפעס אין זיינע „קאַפּיטלען גע־שיכטע פון „בונד", קאָאָפּ. פאַרלאַג „קולטור־ליגע", קיעוו, 1929, ז. 50.

אין צפון־מערב געגנט האָט אַ געוויסע צייט געלעבט די „אומאָפּהענגיקע יידי־שע אַרבעטער פּאַרטיי". אין ווילנע און אין פּוילן („ביי־ווייסל געגענט") האָט זיך דידאָזיקע באַוועגונג אינגאַנצן נישט אָנגענומען. אין פּוילן איז די צאַ־רישע מאַכט בכלל געווען זייער קאַרג אויף עקספּערימענטן. זי איז אגב געווען פאַרנומען מיט דער פּוילישער גאַס און האָט ניט געשענקט קיין אויפ־מערקזאַמקייט דער יידישער גאַס. די צאַרישע אַדמיניסטראַציע אין פּוילן איז אינגאַנצן געווען קאָנצענטרירט אויף דער פּוילישער נאַציאָנאַלער באַפריי־אונג־באַוועגונג. די 10 גובערנאַטאָרן פון פּוילן פלעגן דעם וואַרשעווער גע־נעראַל־גובערנאַטאָר צושטעלן חדשלעכע געהיימע באַריכטן, וועגן „געשעעניש־ן וואָס כאַראַקטעריזירן די פּויליש־רוסישע באַציאונגען". ערשט אין יאָר 1902 הויבט זיך דער וואַרשעווער געגעראַל־גובערנאַטאָר אָן צו אינטערעסירן אויך מיט די באַוועגונגען אויף דער יידישער גאַס. הײַנט אויב בנוגע די באַווע־גונגען אויף דער פּוילישער גאַס האָט די רוסישע אַדמיניסטראַציע געהאַלטן אַ שאַרפן קורס, איז דאָך שוין אָפּגערעדט, אַז זי זאָל וועלן זיך לאָזן אויף מאַכן עקספּערימענטן אויף דער יידישער גאַס. בפרט נאָך, ווען דער אַנטי־סעמיטישער קורס איז אין פּוילן געווען נאָך שאַרפער אפשר, ווי אין די צענט־ראַלע אָרגאַנען אין פּעטערבורג. אין ווילנע האָט די יידישע אַרבעטער־באַווע־וועגונג פון די 80־ער און 90־ער יאָרן געטראָגן אַ בולט פּאָליטישן כאַראַקטער. דער קאַמף מיט דער „אַרבעטער־אָפּאָזיציע" אין די פריע 90ער יאָרן האָט געפורעמט די מאַסן־באַוועגונג אין ווילנע אין זין פון אַ שאַרף־אונטערגע־שטראָכענער פּאָליטישער איינשטעלונג. שוין אין 1900־טן יאָר שלאָגט מען אָפּ פּאָליטישע אַרעסטירטע אין ווילנע, וואו עס טרעט, אגב, צום ערשטן מאָל אַרויס הירש־לעקערט. ווען די אומאָפּהענגיקע קומען אָרגאַניזירן דעם „עקאָ־נאָמיזם" אין ווילנע, איז עס שוין נאָך לעקערטס אַטענטאַט קעגן פאָן־וואַלן, נאָך דער ווילנער עקזעקוציע און עס האָט געקלונגען ווי חוזק דער געדאַנק, אַז „דער צאַריזם איז אַן איבערקלאַסן־אָרגאַניזאַציע". ממילא איז דאָ אַט־די באַוועגונג געווען פאַרמשפּט אויף אַ דורכפאַל (1902). די זובאַטאָוו־באַווע־גונג האָט אַרומגעכאַפּט נאָר אַ קליינעם קרייז פון „בונדישן ראַיאָן". אָבער איר השפעה אויף פאַרשטאַרקן דעם פּאָליטישן כאַראַקטער פון דער בונדישער באַוועגונג איז געווען אַ גאַנץ־גרויסער [34]

34) געגויער וועגן דער פראַגע פון דער באַציאונג פון דער רוסישער מאַכט אין פּוילן צו באַוועגונגען צווישן יידן זע דעם ווייטערדיקן קאַפּיטל: „באַציאונג פון דער רו־סישער מאַכט אין פּוילן צום ציוניזם", וועגן זובאַטאָוון און דער „זובאַטאָווטשינע", זע ראַפּעס און בוכבינדער, די אויבנדערמאָנטע אַרבעטן.

11. דער קאַמף אַרום דער נאַציאָנאַלער פראַגע

אין סאַמע ברען פונעם קאַמף מיט דער „זובאַטאָוו־באַוועגונג", הויבט זיך אָן אין די רייען פון „בונד" אַן אינטענסיווער אידייאישער קאַמף אַרום די פראַגן פון נאַציאָנאַלן פּראָגראַם. שוין אין יאָר 1899, ווערט די נאַציאָנאַלע פראַגע אַוועקגעשטעלט פאַרן דריטן צוזאַמענפאָר פון „בונד". און הגם אָט־דער צוזאַמענפאָר האָט די נאַציאָנאַלע פראַגע אָפּגעלייגט און האָט זיך באַגנוגנט מיט דער פאָדערונג פון בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג פאַר יידן, אָבער די דיסקוסיע, וואָס איז געעפנט געוואָרן אין די אָרגאַניזאַציעס אַרום אָט־דער פראַגע, האָט געבראַכט צום אויפטויכן פון אַ נייעם שטייגער אין דער אַרבעט, וואָס איז געווען פאָלקסטימלעכער און צוגעפּאַסטער צום יידישן לעבן.

אין יאָר 1900, אום תשעה־באב, ווערט פאַרשפרייט אויפן וואַרשעווער בית־עולם, אויף פּאָוואָנזעק, פאָלגנדיקער אויפרוף, וואָס געפינט זיך אין אַרכיוו פון וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר אין אַ רוסישער איבערזעצונג. דער אָריגינאַל פעלט. מיר שטעלן דאָ צונויף דעם טעקסט, לויט דער רוסישער איבערזעצונג:

„רוסלענדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־פּאַרטיי.
אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער־בונד אין רוסלאַנד און פּוילן.
„צו אַלע וואַרשעווער אַרבעטער.

„היינט איז תשעה באב (באַוואוינען דעם חרוב־געוואָרענעם בית־המקדש — באַמערקונג פון דעם רוסישן איבערזעצער — ש. ל.) — דער טאָג, וואָס אין משך פון קאַרגע צוויי טויזנט יאָר צוריק, האָט מען פאַרטריבן אונז יידן, אין קנעכטשאַפט. אַסך, אַסך יאָרן קרעכצן שוין די יידן אונטער אָט־דעם יאָך, בויגן אונטערטעניק זייערע פּלייצעס פאַר די קלעפּ פון זייערע פאַרפאָלגער און ענטפערן בלויז מיט שטילע קרעכצן און טרערן אין טאָג, ווען זיי דערמאָנען זיך וועגן פּראַכט און גלאַנץ פון אַמאָל־גרויסן פאָלק. עס וויינט אָבער דער ייד אויך אַ גאַנץ יאָר, אָבער עס איז אַן אַנדער מין געוויין. ווי די צרות זיינען ניט די זעלביקע, אַזוי זיינען טרערן צו טרערן נישט גלייך.

„ווען פון די גרויסע פאַבריקן און ווערקשטאַטן איז נאָך קיין זכר נישט געווען, ווען יעדערער האָט געאַרבעט בלויז פאַר זיך, און נישט פאַרן צווייטן, זיינען די יידן גערודפט געוואָרן בלויז דערפאַר, ווייל זיי האָבן געוואוינט צווישן פרעמדע פעלקער, וועלכע האָבן זיי פאַרפאָלגט מיט אַזעלכע מיטלען, וואָס וואָלטן געוויס נישט פאָרגעקומען, ווען יידן וואָלטן געהאַט זייער אייגן פאָטערלאַנד. דעריבער האָבן יידן געוויינט און געבעטן דעם אַלמעכטיקן, אַז ער זאָל זיי אומקערן דאָס לאַנד פון זייערע עלטערן, וואו זיי וועלן באַפרייט ווערן פון פּיין און קנעכטשאַפט. היינט איז אָבער די צייט אַריבער, ווען די אייגענע זיינען אומשטאַנד צו פאַרזיכערן דאָס פאָלק אַ רואיק און גליקליך לעבן. אומעטום, אין אַלע לענדער, קומט איצט פאַר אַ פאַרביסענער קאַמף צווישן די רייכע און אָרעמע, שטאַרקע און שוואַכע, גליקלעכע און אומגליקלעכע. אומעטום פירט דאָס אונטערדריקטע פאָלק אַ קאַמף קעגן די באַדריקער פון זיין אייגן לאַנד, אומעטום קעמפט דער פאַראייניקטער פּראָלעטאַריאַט מיט זיינע הערשער — די בלוט־זויגער, אָן אונטערשייד פון נאַציע און רעליגיע. מיר יידן, גלייך מיט אַלע אַנדערע נאַציעס, האָבן זיך אויך צושפּאָלטן אויף צוויי פיינטלעכע פּאַרטייען. דאָס יידישע פאָלק, ווען די פיינט ניקונגען, דער יאָך און די רדיפות פון די פרעמדע פעלקער האָבן ווען־ס׳איז פאַראייניקט אין איין אומצעשיידבאַרע

גאַנצקייט, אַזוי צו זאָגן אין איין קערפער, איז זיך איצט פאַנאַנדערגעפאַלן אויף קאַפיטאַליסטן און אַרבעטער, באַדריקער און באַדריקטע. דער פאַבריקאַנט, דער ייד, האָט פאַרגעסן זיין בלוט־נאָענטקייט מיט די אָרעמע אַרבעטער און, לויטן ביישפיל פון די פאַבריקאַנטן פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, זויגט ער אויס דאָס בלוט פון זיין אָרעמען אַרבעטער, בויט זיין אייגן גליק אויפן אומגליק פון דעם אָרעמאַן. ווען אָבער דער לעצטער האָט די העזה אַרויסצעווייזן זיין אומצופרידנקייט, שעמט זיך נישט דער יידישער פאַבריקאַנט צו בעטן הילף ביים גרעסטן שונא־ישראל — ביי דער רוסישער רעגירונג. מיר וואַרשעווער אַרבעטער האָבן שוין געזען, ווי אונדזערע טייז פאַרגעסן זייער אָפשטאַם, ווען עס דערגייט צו זייער קעשענע, ווען זיי דאַרפן העכערן די אַרבעטסלוינען, אָדער קירצן דעם אַרבעטסטאָג. מיר זיינען אויך געווען עדות פון דעם, ווי די רוסישע רעגירונג שיצט די אינטערעסן פון די יידישע קאַפיטאַליסטן. צום סוף האָבן מיר זיך איבערצייגט, אַז אין אירע רדיפות מאַכט די רעגירונג נישט קיין אונטערשייד צווישן יידישע און קריסטלעכע אַרבעטער.

„פאַראַיאָרן, ווען די וואַרשעווער אַרבעטער האָבן דורך שטרייקן געוואָלט אויסבעסערן זייער ביטערן גורל, האָט די צעווילדעוועטע פאָליציי געשלעפט אַלעמען אין „קאָזע", נישט פרעגנדיק, צי עס איז אַ ייד, אָדער אַ קריסט. דער „פאַוויאַק" און די ציטאַדעל (צוויי באַרימטע תפיסות אין וואַרשע — ש. ל.) זיינען פול געוואָרן מיט די בעסטע בלומען פון אונדזערע ברידער, יידן און קריסטן, פון וועמען די זשאַנדאַרמען האָבן אויפן זעלביקן אופן נקמה גענומען.

„אמת, אַז מיר יידישע אַרבעטער, ליידן נאָך אויך דערפון, וואָס די רוסישע זעלבסטהערשונג האָט אַרויסגעגעבן אויסנאַם־געזעצן פאַר יידן, מיט וועלכע זי רודפט זיי אויף יעדן שריט. פונדעסטוועגן קען מען זיך פון די צרות נישט אויסקויפן נישט מיטן געלט, וואָס מען קלייבט אויפן יידישן נאַציאָנאַל־באַנק, און נישט מיט קלאָגן און וויינען אין „תשעה־באב". אונדזער ישועה איז נאָר אין דעם, וואָס מיר, וואַרשעווער אַרבעטער, צוגלייך מיט אַלע אַנדערע, וועלן קעמפן פאַר דער אַלגעמיינער פרייהייט, און זי באַשטייט אין דער פולער גלייכבאַרעכטיקונג פאַר אַלע בירגער, וואָס באַוואוינען רוסלאַנד, יידן און נישט־יידן.

„ברידער און שוועסטער!

„תשעה־באב איז דער טאָג, ווען יידן האָבן צום לעצטן מאָל געקעמפט מיטן שונא. אין דעם טאָג האָבן זיי אויפגעהערט זייער בלוטיקן קאַמף און מיט אַראָפגעלאָזטע קעפ האָבן זיי אין משך פון צוויי טויזנט יאָר געלאָזט מיט זיך טאָן, וואָס וועמען עס האָט זיך פאַרגלוסט. ווער וואָלט זיך געקאָנט פאָרשטעלן, אַז יידן וועלן ווען־ס'איז נאָך קעמפן, אַז זיי וועלן ווען־ס'איז נאָך פאָדערן פאַר זיך מענטשלעכע רעכט. און אָט־דעם וואונדער זעען מיר איצט. דער יידישער אַרבעטער־קלאַס האָט אויפגעהויבן זיין אַראָפגעלאָזטן קאָפ, באַלד שוין צוויי טויזנט יאָר.

„איצט קעמפן שוין נישט די יידן פאַר זייער פאָטערלאַנד. דער יידישער אַרבעטער דאַרף ברויט און דאָס קען ער האָבן בלויז דאַן, ווען ער וועט צוזאַמען מיט אַלע אַרבעטער פון אַנדערע פעלקער פאַראייניקן זיך, כדי צו קעמפן מיט זיינע באַלעבאַטים. דער יידישער אַרבעטער, ווי אַלע אַנדערע אַרבעטער, דאַרף האָבן רעכט צו קעמפן פאַר אַ בעסער לעבן און דידאָזיקע רעכט וועט ער זיך דערשלאָגן, ווען ער וועט זיך פאַראייניקן מיט אַלע אַרבעטער, וואָס ליידן פון די זעלביקע אונטערדריקונגען, און אין אַלגעמיינעם קאַמף וועלן מיר זיך דערשלאָגן צו פאָליטישער פרייהייט: רעכט אויף שטרייקן, פאַרזאַמלונגען, פרייהייט פון געדאַנק און פרעסע" [35]).

35) דער אויפרוף פאַרענדיקט זיך מיטן לאָזונג: „זאָל לעבן די אחדות, זאָל לעבן דער שטרייק!" אונטערגעשריבן איז דער אויפרוף: „דער וואַרשעווער יידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער קאָמיטעט", דרוקעריי „דער וואַרשעווער אַרבעטער". אויף דער איבערזעצונג — אַ באַמערקונג: „מיטן אָריגינאַל ריכטיק" און עס איז אונטערגעשריבן דער איבערזעצער אין רוסיש. צוגעשיקט דעם אויפרוף האָט דער געהילף פון דעם וואַרשעווער

אַט־דער אויפרוף איז אַ באַווייז ווי ווייט די וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע האָט זיך געשטעלט „מיטן פּנים צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע". אַט־די זעל־ביקע אָרגאַניזאַציע, וואָס איז מיט אַ צוויי יאָר פריער געווען אַזוי אויסגע־שפּראָכן קעגן די „נאַציאָנאַליסטישע אַרטיקלען" אין „יידישן אַרבעטער", נעמט איצט דעם תשעה־באב־טאָג אַלס אויסגאַנג פאַר אַן אויפקלערונגס־אַק־ציע. אגב, שיינט, אַז די תשעה־באב־אַגיטאַציע איז אָנגעפירט געוואָרן דורכן צענטראַל־קאָמיטעט. עס איז אָבער איבערגעלאָזן געוואָרן די אָרטיקע אָרגאַ־ניזאַציעס פרייע הענט, ווי אַזוי די אַקציע דורכצופירן, צוגעפּאַסט צו די אָר־טיקע באַדינגונגען. אַ ראיה דערצו איז, וואָס אויך אין לאָדז איז צו דעם טאָג אַרויסגעגעבן געוואָרן אַן אויפרוף, וואָס שיידט זיך גרינטלעך אונטער פון דעם וואַרשעווער אויפרוף.

דער וואַרשעווער תשעה־באב־אויפרוף פאַרדינט אַ באַזונדער אויפ־מערקזאַמקייט. עס ווערט אין דעם אויפרוף איבערגעוואָרפן אַ בריק צווישן ווייטן עבר און דעם אַקטועלן טאָג־קאַמף. די בר־כוכבא־קאַמפן און דער אַרבעטער־קאַמף ווערן געשטעלט אויף איין הויך. עס איז זינט 1892 אַזאַ פּרוּוו ניט געמאַכט געוואָרן אָנצושפּאַרן דעם אַרבעטער קאַמף אויף די טראַ־דיציעס פון דער יידישער היסטאָרישער פאַרגאַנגענהייט. און אַפילו אין יאָר 1892, איז דאָס פאַררופן זיך אויף טראַדיציע געווען בלויז אין אַבסטראַקט, ניט אָנווייזנדיק קיין קאָנקרעטע ביישפּילן אויף נאָכצוטאָן. די רעדע, וואָס אַ ווילנער יידישער אַרבעטער האָט געהאַלטן האָט געקלונגען אַזוי: „מיר, יידן, דאַרפן נישט אַראָפּפאַלן און שעמען זיך, וואָס מיר געהערן צו דער „שענד־לעכער" יידישער ראַסע. די געשיכטע פון יידן גיט אונדז דאָס רעכט אויף דעם. זי האָט אויך אירע גלענצנדיקע זייטלעך. עס איז נאָך נישט געווען אויף דער וועלט אַזאַ נאַציע, וואָס זאָל קענען אַזוי העלדיש שטאַרבן פאַר איר גלויבן, ווי די יידישע. לאָמיר זשע אויך, דער יונגער דור, נעמען אַ ביישפּיל פון אונדזערע זיידעס און ווייזן אונדזער העלדנמוט אין קאַמף פאַר דער באַ־פרייאונג פון דער מענטשהייט" [36]). דער בונדישער מאַי־אויפרוף רעדט אָבער בפירוש וועגן דעם, אַז די יידישע אַרבעטער האָבן באַנייט די קאַמף־טראַדי־ציעס פון אַ בר־כוכבא.

גענעראַל־גובערנאַטאָר איבערן דעם פּאָליציייאישן אָפּטייל, אין זיין צושריפט פון 25 יולי 1900, און איז אַריין אין די אַקטן פון „פאַרבאָטענע אויסגאַבן, וואָס זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן אין די גובערניעס פון ביי־ווייסל־געגנט, אויף 171 בויגנס, דער אויפרוף געפינט זיך אויף בויגן 101—103, אווג"ג, אַלגעמיינער נומער 98.300 פון צווייטן טיש, ער־שטער געשעפטספירונג, נומער 15 פון יאָר 1900.

36) „4 רעדעס פון יידישע אַרבעטער אויף דער מאַי־פייערונג אין ווילנע אין 1892", „סאָציאַליסטישע ליטעראַטור אויף יידיש", זייט 114.

מען דאַרף פאַרבינדן, לויט אונדזער מיינונג, אָט־די ווערטער וועגן בר־כוכבא מיטן פאַרשאַרפטן קאַמף, וואָס דער בונד פירט מיטן ציוניזם. דער אויפרוף רעדט אָפן וועגן דעם, אַז מען קען ניט אויסגעלייזט ווערן פון די צרות דורך זאַמלען געלט אויף דעם נאַציאָנאַל־פאָנד און וואַרפט אָפּ דעם געדאַנק וועגן אומקערן זיך אין ארץ־ישראל, ווי אַ ישועה פאַר אידן אין רוסלאַנד. עס איז ווי דער אויפרוף וואָלט געזאָגט, די אמתע יורשים פון בר־כוכבא זיינען מיר און ניט די ציוניסטן. דער אויפרוף רעדט וועגן דער צעשפּאָלטנקייט פון דער יידישער נאַציע און פאַררופט זיך אויפן עקאָנאָמישן קאַמף, ווי אויף אַן איבערצייגנדיקן אַרגומענט, אַז עס עקזיסטירט ניט מער קיין אייניקייט אין יידישן פאָלק. עס לעבט נאָך אין דאָקומענט דער „עקאָנאָמיזם", ווי אַ דאָמי־נירנדיקער פאַקטאָר אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. אַזוי אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ דאָקומענט, וואָס מערקט אָן איבערגאַנג־תקופה אין דער געשיכטע פון „בונד".

לאָמיר, אגב, אויפמערקזאַם מאַכן אויף אַ כאַראַקטעריסטישער דער־שיינונג: דער תשעה־באב־אויפרוף, וואָס אַנטהאַלט אַ פּאָליטישע דעקלאַראַ־ציע אין דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער פראַגע ביי יידן, איז אונטערגעשריבן דורכן אָרטיקן וואַרשעווער קאָמיטעט, ווען אויפרופן פון אַ סך אַ קלענערער וויכטיקייט, ווי רופן צום שטרייק, למשל, די אַרבעטער און אַרבעטערינס אין די מצה־בעקערייען אין וואַרשע פאַר די פאָדערונגען פון רוען און ניט אַרבעטן שבת־צו־נאַכט, ניט אַרבעטן דאָנערשטיק אַ גאַנצע נאַכט, העכערן די לוינען און אויסצאָלן פּינקטלעך יעדע וואָך דעם לוין, זיינען אונטערגעשריבן דורך דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד [37]. דאָס דערוויזט אַן איבעריקן מאָל, ווי ווייט איינגעגעסן דער „עקאָנאָמיזם" איז געווען אין די בונדישע רייען.

דער לאָדזער אויפרוף טראָגט גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער. תשעה־באב איז אין דעם אויפרוף אינגאַנצן ניט דערמאָנט. ער איז אָבער, פּונקט ווי דער וואַרשעווער אויפרוף געפונען געוואָרן צווישן די קברים אין דעם זעלביקן יאָר 1900. דאָס איז אייגנטלעך דערפאַר, וואָס מען דאַרף אים צורעכענען צו די תשעה־באב אויפרופן. דער אויפרוף האָט געהאַט אַן אויבערשריפט: „געֿ־

37) דידאָזיקע אויפרופן טראָגן דעם אויבערקעפּל: „צו אַלע אַרבעטאָרקעס און אַרבעטער אין די פּעקאַרניעס פון מצה", און „צו אַלע אַרבעטער און אַרבעטערינס אין וואַרשע". די דאַטע אויףביידע אויפרופן: מאַרט 1900. די אויפרופן זיינען צוגעשיקט געוואָרן דורכן וואַרשעווער גובערנאַטאָר, דעם 15 אַפּריל 1900, און זיינען בייגלייט געוואָרן מיט אַ צושריפט, וואָס טראָגט דעם נומער 4915, זיי געפינען זיך אין דעם אַקט נומער 98.300, אויף די בויגנס 47 און 54.

דאַנק־געגנאַסן, דאָס בלעטל פאַרשפּרייט צווישן אַלע אַרבעטער". נאָכדעם גייט דער אויבערקעפּל: „אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער־בונד אין רוסלאַנד און פּוילן" און ווענדט זיך: „צו אַלע לאָדזער אַרבעטער און אַרבעטערינס".

„לאַנג און אָן אַ סוף, האָבן מיר געליטן צרות, נישט פאַרשטייענדיק פון וואַנען זיי נעמען זיך. אָבער דאָס, וואָס עס איז פאָרגעקומען ביי אונז אין פאַרגאַנגענעם יאָר, האָט אונדז אויפגעעפנט די אויגן. מיר האָבן זיך דערוואוסט, ווער עס זיינען אונדזערע שונאים און וועלכע מיטלען מיר דאַרפן קעגן זיי געברויכן. מיר האָבן זיך פולשטענדיק איבער־צייגט, אַז נאָר אין אונדז אַליין, אין אונדזער אייניקייט, אין אונדזער קאַמף געפינט זיך אונדזער ישועה. מיר האָבן געזען, אַז נאָר מיט אַ געמיינזאַמער אַרויסטרעטונג קאָנען מיר צווינגען די פאַבריקאַנטן און די מייסטער צו הנחות און נאָכצוגעבן אונדזערע פאָדערונגען.

„יעדערן פון אונדז איז באַוואוסט, ווי אונדז, לאָדזער אַרבעטער, לעבט זיך שלעכט. מיר פאַרלירן אונדזערע כחות ביי דער אַרבעט. דער אַרבעטס־טאָג איז אויסערגעוויינלעך לאַנג. 13־15 שעה און אַמאָל אפילו 17 שעה אַ טאָג. און ביי די, וואָס אַרבעטן האַלב־יערלעך, איז די אַרבעטס־צייט אינגאַנצן אומבאַשטימט. געפינענדיק זיך אויף דירה ביי די מייסטערס, פילן מיר שטענדיק דעם יאָך פונעם מייסטער. אָט־די אַרבעטער אַרבעטן מער פון אַלע און אין סעזאָן־צייט צווינגט מען זיי אַרבעטן גאַנצע נעכט, באַפרייענדיק זיי אויף עטלעכע שעה אָפּצורוען זיך. נאָר וואָס פאַר אַן אָפּרו קען עס זיין, ווען דער שמוציקער דיל און דאָס האַרטע בענקל איז זייער בעט.

„די לאַנגע און שווערע אַרבעט, נישט געקוקט אויף איר פאַרניכטנדיקער ווירקונג אויף אונדזער געזונט, וועלכע ברענגט אונדז פאַרשיידענע קריינק, פאַרקירצט אונדזערע יאָרן, דערפירט דערצו, אַז די פאַבריקאַנטן און מייסטערס נויטיקן זיך ווייניקער אין אַרבעטס־הענט און אַסך פון אונדז בלייבן אָן אַרבעט. אָבער אַזוי־ווי מיר מוזן אַרבעטן, דער הונגער צווינגט אונדז צו שטעלן זיך צו דער אַרבעט פאַר נידעריקערע לוינען, פאַרקלענערן זיי אונדזער פאַרדינסט, וועלכער איז אַזוי אויך נישטיק־קליין. וואָלט מען אונדז כאָטש אויסגע־צאָלט אונדזער לוין צו דער צייט, איז אפילו דאָס אויך נישט. אויף די פאַבריקעס און אין אייניקע ווערקשטאַטן צאָלט מען נאָך אויס וועכנטלעך, אַסך מייסטערס אָבער פאַר־האַלטן אונדזערע שכירות אויף אַ גאַנצן האַלבן יאָר, באַזונדערס די מייסטערס, ביי וועלכע מען אַרבעט אויף אויסהאַלטונג און צוליב דעם געפינען מיר זיך נאָך מער אין די הענט פון די מייסטערס, וואָס עס איז אַ שטערונג אין אונדזער קאַמף.

„אונדז איז שטענדיק שלעכט, איצט איז אונדז נאָך ערגער. פון אָנהויב ווינטער דויערט ביי אונדז אַ „קריזיס". איין פאַבריק נאָך דער אַנדערער שטעלט זיך אָפּ און וואַרפן אַרויס הונדערטער מענטשן אויפן גאַס. איז פאַראַן אַרבעט — אַרבעט, פאַרניכט דיין גע־זונט, זוך רייכקייט, אָבער נישט פאַר זיך; איז אָבער קיין אַרבעט נישטאָ — גיי זיך, שטאַרב פון הונגער. דער פאַבריקאַנט וועט קיין רחמנות נישט האָבן. ער וועט דיר צו־וואַרפן אַ נדבה — דיר, אַרבעטער, וועלכער האָט אים געבראַכט רייכטום, וועלכער האָט אים אויסגעבויט פּאַלאַצן און האָט אים אויסגעקליידט. אָבער די מייסטערס זיינען אויך ניט בעסער.

„אמת, זיי זיינען נישט אַזוי רייך, ווי די פאַבריקאַנטן. אָבער איז אונדז דען נישט אַלצאיינס, צי אַ קליינע, אָדער אַ גרויסע פּיאַווקע זויגט אויס אונדזער בלוט. וואָס דאַרפן מיר טאָן, כדי אויסצעבעסערן זיך דאָס לעבן? פאַראַן איין מיטל, וואָס רופט זיך „אחדות און קאַמף".

„די ערשטע זיינען ביי אונדז אַרויסגעטראָטן די וועבער (צוזאַמען אַ זעקס הונדערט מאַן) אין אַן אָפענעם קאַמף מיט זייערע בלוט־זויגער. זיי זיינען געווען די ערשטע דער־פאַר, ווייל זייער לאַגע איז אַסך ערגער פון אונדזער אַלעמענס. די ביטערע נויט האָט זיי געלערנט צו פאַראייניקן זיך, אויסבילדן „אחדות" און צוזאַמען קעמפן קעגן די פאַברי־קאַנטן און לוין־וועבער. און אונדז אַלעמען איז באַוואוסט, ווי זיי האָבן געקעמפט. די

גאַנצע שטאָט האָט דערמיט געקלונגען און אַלע קליינע און גרויסע בלוטזויגער האָבן אויפ־געהויבן אַ געשריי, ווייל זיי האָבן געמיינט, אַז צו זייער הערשאַפט וועט קיינמאָל נישט נעמען קיין סוף. אָבער זייערע קנעכט זיינען תיכף אַרויסגעטראָטן קעגן זיי. עס איז, געוויס, פאַראַן צוליב וואָס צו שרייען.

„מיר האָבן געזען, ווי אונדזערע ברידער, די וועבער, האָבן מוטיק זיך קעגנגעשטעלט און זיי האָבן געוואונען. מען דאַרף זיך האַלטן פעסט, און מיר וועלן שטענדיק זיגן. מיר דאַרפן איינער דעם אַנדערן אונטערהאַלטן, נישט וואַרטנדיק אויף קיין זייטיקער הילף. דער־ביי דאַרף מען נישט טראַכטן, אַז מען דאַרף אין איין טאָג מאַכן אַ שטרייק. מען דאַרף זיין געדולדיק (מ'טאָר נישט פאַרנעמען דעם אָרט פון די שטרייקער), וועלן מיר שטענדיק זיגן. מיר האָבן געזען, אַז אינעם שטרייק, ביי וועלכן די וועבער האָבן זיך אַזוי געהאַלטן, האָבן זיי אַלץ אויסגעפירט.

„די בעקער האָבן אויך געהאַט אַ שטרייק. אַזוי־ווי די וועבער, האָבן זיי זיך אויך דערשלאָגן העכערע שכירות און אַביסל אַ קירצערן אַרבעטס־טאָג. דאָס זעלביקע דאַרפן טאָן אויך מיר שוסטער, שניידער, מאַלער, שליאָסער, זאָקן־מאַכער, איינבינדער, היטל־מאַכער און אַנדערע, אויב מיר ווילן אויך אויסבעסערן אונדזער לאַגע. מיר דאַרפן זיך אויך פאַר־איייניקן און צוזאַמענהעפטן. אויב אַזעלכע קאַפּיטאַליסטן, ווי פערשיץ און טיקאָצינער האָבן זיך אונטערגעגעבן, וועלן אונדזערע מייסטער אַוודאי זיך מוזן אונטערגעבן. נאָר שטאַרק האַלטן זיך, מוטיק קעמפן און נישט מורא האָבן פאַר דראָאונגען און פאַר די פּאָליצייאישע אַרעסט־הייזער. עס איז נישטאָ קיין קראַפט, וואָס זאָל קאָנען ביישטיין קעגן דער קראַפט פון די פאַראייניקטע אַרבעטער.

„אַזוי ברידער און שוועסטער! לאָמיר זיך געבן די הענט איינע די אַנדערע, לאָמיר זיך פאַראייניקן און יעדערער, לויט זיין פאַך, זאָל אַרויסטרעטן, ווי איין מענטש, און זאָל פאָדערן: 12 שעהדיקן אַרבעטס־טאָג, העכערע שכירות, בעסערע באַהאַנדלונג און פּינקט־לעכע אויסצאָלונג פון די שכירות וועכנטלעך" [38]).

אַז מען פאַרגלייכט ביידע תשעה־באב־אויפרופן (פון לאָדז און וואַרשע), זעט מען דעם גרויסן מהלך צווישן זיי. דער וואַרשעווער קאָמיטעט לייגט דעם שווער־געוויכט אויף דער פּאָליטישער אויפקלערונג. דער אויפרוף באַ־מיט זיך צו אונטערשטרייכן די קלאַסן־צעטיילונג אין דער יידישער סביבה, פאַררופנדיק זיך אויף דער שטרייק־באַוועגונג, ווי אויף אַן אילוסטראַציע צו אָט־דעם גרונט־געדאַנק, צו אָט־דער אויפפאַסונג פונעם יידישן לעבן. לאָדז איז בראשה ורובה אַריינגעטאָן אין שטרייק. אמת, אין לאָדז איז עס געווען פונקט נאָכן וועבער־שטרייק, אָבער, פאַרשכורט פון זיג, דערמאָנט אפילו ניט דער לאָדזער אויפרוף דעם פּאָליטישן קאַמף, לאָזט אים אינגאַנצן אַרויס פון אויג. אפילו דער טראַדיציאָנעלער לאָזונג נידער מיט דער זעלבסטהער־שונג פעלט אינעם אויפרוף. די צאַרישע תפיסות ווערן דערמאָנט נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפל זיי שטייען אין פאַרבינדונג מיט דעם עקאָנאָמישן

38) דער אויפרוף ענדיקט זיך מיטן לאָזונג: „זאָל לעבן די אַרבעטער־אחדות! זאָל לעבן דער אַרבעטער קאַמף" אונטערגעשריבן „לאָדזער יידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער קאָמיטעט". „דרוקעריי: אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער בונד אין רוסלאַנד און פּוילן". דער איבערזעצער מאַכט אַ באַמערקונג, אַז עס שטימט מיטן אָריגינאַל און שרייבט זיך אונטער. דער אויפרוף געפינט זיך אין זעלביקן באַנד, וואָס דער וואַרשעווער און פאַר־געמט די בויגנס 105־106.

קאַמף. לאַדז איז נאָך דורכאויס „עקאָנאָמיסטיש״. ממילא, איז קיין וואונדער ניט, וואָס די נאַציאָנאַלע פראַגע איז אינגאַנצן פאַרשוויגן געוואָרן אין אָט-דעם אויפרוף. דער לאַדזער אויפרוף האָט אָבער דערפאַר די מעלה, וואָס ער גיט אַ גענויע שילדערונג פון די לעבנס־ און אַרבעטס־באַדינגונגען אין לאַדז אין דעם באַגינען פון אונדזער יאָרהונדערט.

12. די נאַציאָנאַלע פראַגע אויפן פערטן צוזאַמענפאָר פון „בונד״

דער וואַרשעווער תשעה-באב־אויפרוף און זיין פאַררופן זיך אויף דעם בר־כוכבא־אויפשטאַנד גיט דורכאויס איבער די שטימונגען אין די בונדישע אָרגאַניזאַציעס ערב דעם פערטן צוזאַמענפאָר פון אָט־דער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע אין ביאַליסטאָק (מאַי 1900). אויף אָט־דעם צעזאַמענפאָר האָט די נאַציאָנאַלע פראַגע פאַרנומען דעם אויבנאָן. עס האָבן זיך אַרום דער נאַציאָנאַלער פראַגע אויסגעבילדעט דריי פראַקציעס. ליבערס גרופּע, די סאַמע נאַציאָנאַליסטישע אויפן צוזאַמענפאָר, האָט זיך דורכאויס געשטיצט אויף די רעזאָלוציעס פון ברינער צעזאַמענפאָר פון די עסטרייכישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן. ליבערס שטעלונג איז געווען אַזאַ: רוסלאַנד, ווי אַ נאַציאָנאַליטעטן־שטאַט, דאַרף ווערן אַ פעדעראַציע פון פעלקער, וואָס באַוואוינען דאָס לאַנד, מיט פאָלשטענדיקער אויטאָנאָמיע פאַר יעדן פון זיי אין פראַגן, וואָס האָבן אַ שייכות צו זייער נאַציע, ווי שפּראַך, בילדונג, קונסט, קולטור בכלל. און, ממילא, וואָס איז נוגע יידן, איז ניט גענוג צו פאָדערן בירגערלעכע רעכט, נאָר מען דאַרף פאָדערן נאַציאָנאַלע רעכט, נאַציאָנאַלע קולטור־אויטאָנאָמיע. מען דאַרף דעריבער דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט צוגרייטן צו דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע דורך אַנטוויקלען ביי אים דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין. דער „בונד״ דאַרף מונדלעך און שריפטלעך אונטערשטרייכן און בולט מאַכן די אויסערגעוויינלעך-אונטערדריקטע לאַגע פונעם יידישן פאָלק, הויך פּראָטעס־טירן קעגן אָט־דער אונטערדריקונג. מען דאַרף איינצייטיק מיט דער אַגיטאַציע אויפן פּאָליטישן און עקאָנאָמישן געביט, אויך פירן אַ ברייטע אויפקלערונגס־אַרבעט אויפן נאַציאָנאַלן געביט. אויף דער לינקער זייט איז געשטאַנען די גרופּע ראָזענטאַל-לעווין, וועלכע האָט געלייקנט אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע און אין איר אַקטועלקייט. זי האָט דערקלערט, אַז דער נאַציאָנאַליזם איז פרעמד דעם יידישן אַרבעטער און איז אַן „אימפּאָרט־אַרטיקל״, וואָס איז „צו אונדז געקומען פונדרויסן״. דער צענטער פון ווינשטיין־זאַק האָט געהאַלטן, אַז מען קען ניט פאַרמאַכן די אויגן אויפן פאַקט, וואָס דער יידישער אַרבעטער טראָגט אַ טאָפּלטן יאָך. ער ליידט אַלס אַרבעטער און אַלס ייד, ד. ה. אַלס אַזעלכער, וואָס געהערט צו אַן אונטערדריקטער נאַציע אין רוסלאַנד. דעריי־

בער דאַרף מען אַנטוויקלען ביי אים דעם באַוואוסטזיין פון אָט־דער נאַציאָנאַ־לער אונטערדריקונג, כדי ער זאָל שטרעבן און זוכן צו באַפרייען זיך פון אָט־דער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג און זאָל קעמפן פאַר פּאָליטישע רעכט פאַרן יידישן פּראָלעטאַריאַט. „קעמפנדיק און פאַרשפּרייטנדיק די סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישע אידייען, פּראָטעסטירנדיק קעגן נאַציאָנאַלן דרוק, ווי אַ פּועל־יוצא פון דער אונטערדריקונגס־סיסטעם פון דעם איצטיקן קאַפּיטאַליסטישן רע־זשים, וועקט מען, ממילא, דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין ביים יידישן אַרבע־טער". די רעזאָלוציע, וואָס איז אין דער פראַגע אָנגענומען געוואָרן, איז אַ קאָמפּראָמיס צווישן די „עקסטרעמע נאַציאָנאַליסטן" און דעם צענטער. די רעזאָלוציע אַנטהאַלט אַ דעקלאַראַטיוון טייל. עס ווערט פּראָקלאַמירט, אַז „ס'קען נישט געדולדעט ווערען קיין שום מין אונטערדריקונג, נישט פון קלאַס איבער קלאַס, נישט פון דער רעגירונג איבער די בירגער, ווי אויך ניט פון איין נאַציע איבער דער צווייטער". די צווייטע טייל פון דער רעזאָלוציע פאָ־דערט, אַז רוסלאַנד זאָל איבערגעבויט ווערן אויף פעדעראַטיווע יסודות און ווערן אַ פאַרבאַנד פון אויטאָנאָמע פעלקער (דאָס איז אַ קאָפּיע פון ברינער צוזאַמענפאַר פון דער עסטרייכעשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע). דערצו נאָך פאָדערט די רעזאָלוציע „נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע פאַר יעדן פאָלק, וואָס באַ־וואוינט רוסלאַנד, אומאָפּהענגיק פון דער טעריטאָריע, אויף וועלכער זי וואוינט". אומדירעקט ווערט אָפּגעוואָרפן דער טעריטאָריאַלער פּרינציפּ און עס ווערט איינגעשטעלט דער נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלער, עקסטעריטאָריאַלער פּרינציפּ. נישט די טעריטאָריע באַשטימט די נאַציע, נאָר דער קולטור־שפּראַכלעכער מאָמענט איז דער סימן־מובהק פון דער נאַציע. און ממילא קומט די רעזאָלוציע צום אויספיר: „דער צוזאַמענפאַר אנערקענט, אַז דער באַגריף נאַציע איז אָנווענדבאַר צום יידישן פאָלק".

און הגם עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די פאָדערונג פון אויטאָנאָמיע פאַר אַלע פעלקער, האַלט אָבער דער צוזאַמענפאַר, אַז עס איז נאָך „צו־פרי, אין די איצטיקע באַדינגונגען, צו שטעלן די פראַגע פון אויטאָנאָמיע פאַר יידן" און אַז עס איז גענוג דערוויל „צו באַקעמפן די געזעצן, וואָס באַגרענעצן די יידישע רעכט, אָנווייזן און פּראָטעסטירן קעגן דער אונטערדריקונג פון דער יידישער נאַציע, אויסמיידנדיק דערביי צו פאַרנאַנדערבלאָזן דעם נאַציאָנאַלן געפיל, וואָס איז עלול צו פאַרפינצטערן דעם קלאַסן־באַוואוסטזיין ביים יידישן אַרבעטער־קלאַס און אים דערפירן צו שאָוויניזם" [39].

---

39) פאַרגלייך רודאָלף שפּרינגער — „דער קאַמף פון די עסטרייכישע פעלקער איבער דער מלוכה", ווין 1902.

פּראַקטיש, האָט דער פערטער צוזאַמענפאָר געלאָזן דעם אַלטן לאָזונג פון פאָדערן בירגערלעכע גלייכבארעכטיקונג פאַר יידן. טעאָרעטיש, האָט זיך דער „בונד" אַ רוק געטאָן פאָראויס אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע. און מיט אַמאָל האָט די עקזיסטענץ פון אַן אָפּגעזונדערטער „יידישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע" באַקומען איר טעאָרעטישע באַגרינדונג. רוסלאַנד דאַרף ווערן אַ פעדעראַלע מלוכה, אַ פאַרבאַנד פון פעלקער. די פּאַרטיי, וואָס גרייט די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, די רסדאַ"פּ דאַרף שוין אָננעמען די פאָרם פון דעם צוקונפטיקן געבוי פון דער רוסישער מלוכה, דאַרף זיך שטיצן אויף דעם פעדעראַטיוון פּרינציפּ און אַליין ווערן אַ פעדעראַציע פון נאַציאָנאַלע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטייען.

מען דאַרף נאָך באַמערקן, אַז אין דער זעלביקער מאָס, וואָס דער „בונד" דערנעענטערט זיך צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע, אַלץ מער פאַרשאַרפט ער דעם קאַמף מיט די ציוניסטן. דער פערטער צוזאַמענפאָר האָט געפאַסט אַ באַשלוס, אַז „דער ענד-ציל פונעם פּאָליטישן ציוניזם איז אַן אוטאָפּיע" און ציוניסטישע אַרבעטער קענען ניט געהערן צו די בונדישע אָרגאַניזאַציעס.

די רעזאָלוציע וועגן פעדעראַלן געבוי פון דער צוקונפטיקער פרייער רוסישער מלוכה האָט געווירקט אויף דעם, אַז דער „בונד" זאָל זיך משנה-שם זיין: „אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער-בונד אין ליטע, פּוילן און רוסלאַנד". פאַרן „בונד" עקזיסטירט נישט מער קיין איינהייטלעכע רוסלאַנד. דער יידישער „תחום המושב" ליגט צעוואָרפן איבער דריי „לענדער": ליטע (וואָס האָט געהייסן: די אייגנטלעכע ליטע און ווייס-רוסלאַנד), פּוילן און רוסלאַנד, וועלכע גייען אַריין אין דער פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע פון דער רוסישער אימפּעריע. דערפאַר מוז דער „בונד" טראָגן דעם נאָמען פון די קומענדיקע אויטאָנאָמע געגענטן פון דער צוקונפטיקער פעדעראַלער רוסישער מלוכה.

דער פערטער צוזאַמענפאָר פון „בונד" איז געווען „איינער פון די וויכטיקסטע" אין דער געשיכטע פון „בונד" (וו. מעדעמס אויסדרוק). דער „בונד" האָט אין אים פאָרמולירט, הגם ניט דעצידירט און ניט דערזאָגט, זיין „גלות-נאַציאָנאַליזם" און געשטעלט זיך אויף דעם נאַציאָנאַל-פּערסאָנאַלן פּרינציפּ. דער קאַמף פאַרן אויטאָנאָמע רעכט אין די ראַמען פון דער רוסישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי קריגט אַ פּאַרטיפּטע טעאָרעטישע באַגרינדונג. ניט בלויז דערפאַר עקזיסטירט דער „בונד", ווייל מען דאַרף אויסקעמפן בירגערלעכע רעכט פאַר יידן, נאָר דערפאַר, וואָס „יידן זיינען אַ נאַציע", זיי פאָדערן פאַר זיך אויטאָנאָמע רעכט אין די ראַמען פון דער מלוכה, און ממילא אַן אויטאָנאָמע עקזיסטענץ אין די ראַמען פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

13. גאַסן־דעמאָנסטראַציע, בערזע און דער קריזיס פון טעראָריזם אין „בונד"

אין 1901 ווינדט דער „בונד" איבער דעם קריזיס אַרום דער נאַציאָנאַלער פראַגע. דער „בונד" פורעמט זיך אויס אין אַ רעוואָלוציאָנער יידישער אַרבעטער־פּאַרטיי און באַקומט די אַמביציע צו פאַרטרעטן די יידישע אַרבעטער אין דער אַלגעמיין־רוסישער אַרבעטער־באַוועגונג אַלס פאַרשטייער פון „יידישן פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז ניט באַגרענעצט מיט ראַיאָנע ראַמען". אין 1901 צעוואַקסט זיך די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין רוסלאַנד בכלל. אין די אוניווערסיטעטן הייבן זיך אָן די „סטודענטן־אומרוען". די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג גייט אַרויס פון די געהיימע קרייזן און פּראָוווט „פאַרכאַפּן די גאַס". עס הייבן אָן פאָרקומען גאַסן־דעמאָנסטראַציעס. עס ווערט געבוירן די בונדישע „בערזע". די פּאָליציי מאַכט אָנפאַלן אויף די בערזעס, אַרעסטירט אירע אָנטיילנעמער, פאַרשיקט זיי אויף לאַנגע יאָרן קיין סיביר (פון 3 ביז 4 יאָר), אָבער זי האָט שוין מורא פאַר די רעוואָלוציאָנערן. דאָס מיניסטעריום פאַר אינערלעכע ענינים לייגט פאַר דעם וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר אַרויסצושיקן די פאַרהאַלטענע רעוואָלוציאָנערן פּאַרטיעס־וויַיז, הייפלעכוויַיז, ווייל „דאָס איינצייטיקע אָפּשיקן לויט די באַשטים־ערטער די פערזאָנען, אַרויסגעשיקטע אין דעם ענין (פון איבערפאַל אויף דער דער בונדישער בערזע פון „פּאָטאָצקא קעמפּאַ") אונטער עפנטלעכן פּאָליציי־אויפזיכט, צוליב דער באַדייטנדיקער צאָל פון די אַרויסגעשיקטע, וואָלט געקענט געבן דער יידישער באַפעלקערונג אָן אויסרייד צו מאַכן אומרוען, איז כדאי עס אויסצעמיידן, און עס וואָלט געווען גלייכער, אַז מען זאָל די פאַרמשפּטע צו פאַרשיקונג איינטיילן אין גרופּן, צו עטלעכע מאָן, און אָננעמען אַלע מעגלעכע מיטלען, כדי נישט צו דערלאָזן צו וועלכע עס איז דעמאָנסטראַטיווע אַרויסטרעטונגען מצד דער יידישער באַפעלקערונג" [40]).

די „בירזשע" איז געווען אַ באַשטימטע גאַס, וואו די פּאַרטיי־מיטגלידער פלעגן זיך צונויפקלייבן און פאַרלעכוויַיז, אָדער זאַלבעדריט אַרומריידן די פראַגן, וואָס די פּאַרטיי שטעלט פאַר אירע מיטגלידער. ראַפּעס מיינט, אַז די פּאָליטישע בירזשע איז געבוירן געוואָרן פון דער עקאָנאָמישער. זינט יאָרן האָט יעדער פאַך געהאַט באַשטימטע גאַסן, וועלכע זיינען געווען אַ מין

40) אונטערגעשריבן : דער אינערן־מיניסטער און דער דירעקטאָר פון דעם פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט, בריוו פון 26טן יאַנואַר 1902, נומער 1264, אווג"ג, נומער 100.154, צווייטער טיש, ערשטע געשעפטספירונג, נומער 206 פון 1901.

ערזאַץ פאַר אַן אַרבעט־פאַרמיטלונג־ביוראָ. די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג האָט אויסגענוצט אָט־די פרימיטיווע פאָרם פון אַרבעט־פאַרמיטלונג און האָט פאַרוואַנדלט די עקאָנאָמישע בירזשע אין אַ שטענדיקער פּאָליטישער אַרענע. „די בירזשע שטאַמט פון די צעכן" — דערקלערט מ. ראַפעס. מען קען זיך אויך משער זיין אַן אַנדער אופן פון איר אַנטשטיין. די נויטווענדיקייט פון צונויפטרעפן זיך איז געווען אַ שאַרפע, וויבאַלד די באַוועגונג האָט זיך צע־וואַקסן. באַגעגענען זיך אין אַ שטוב איז געוואָרן אוממעגלעך, סיי צוליב די פּאָליצייאישע רדיפות, סיי צוליב דער גרויסער צאָל פון די מיטגלידער. די גאַס, דער שפּאַציר האָט זיך געקענט אַרויסרוקן פון זיך אַליין, ווי אַ נויטיקער מעטאָד פון אָנקניפּן באַציאונגען און פּערזענלעכן קאָנטאַקט.

די פּאָליציי האָט ניט־זעלטן געמאַכט באַזוכן אין די בירזשעס. זי פלעגט אָדער אַליין צעטרייבן די פאַרזאַמלטע, אָדער אָנרייצן גאַסן־יונגען, זיי זאָלן באַפאַלן און שלאָגן די שפּאַצירנדיקע אַרבעטער. עס פלעגן פאַר־קומען פאַרביטערטע גאַסן־געשלעגן, און מען פלעגט זיך אַפילו שטעכן מיט מעסערס . . .

וועגן די מעטאָדן, וואָס די פּאָליציי האָט באַנוצט קעגן די „בירזשעס" דערציילט אַן אויפרוף פון דער סדקפּ"ל (סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פון קעניגרייך פוילן און ליטע):

„חברים און חברטעס!

„די גוואַלט־טאַטן פון דער לאָדזשער פּאָליציי אין די צוזאַמענשטויסן מיט די חברים־יידן האָבן אין דער לעצטער צייט איבערגעשטיגן יעדע מאָס. גענוג צו דערמאָנען פאָלגנ־דיקן פאַקט, וועלכער האָט נישט קיין פאַרגלייך אין דער געשיכטע פון פּראָלעטאַרישן קאַמף מיטן קאַפּיטאַל.

„די לוין־וועבער (לוינקעטניקעס — נעמען אַרויס אַרבעט אויסצופאַרטיקן אין שטוב אויף אייגענע וועב־שטולן און דינגען אַרבעטער פון זייער האַנט — ש. ל.) האָבן אָנגע־דונגען גאַסן־יונגען, כדי צו פאַרפירן געשלעגן אויף דער גאַס מיט די אַרבעטער, וועלכע קערן זיך אום רואיק אַהיים פון דער אַרבעט, אָבער וועלכע זיי האַלטן פאַר סאָציאַליסטן. אויף אַזאַ אופן האָבן דידאָזיקע הערן געוואָלט צווינגען אונזערע חברים צו אַ צעזאַמענשטויס מיט דער פּאָליציי. די פּאָליציי פאַרהאַלט זיך אין באַצוג צו די געשלעגן אינגאַנצן פּאַסיוו, אָדער רייצט נאָך אָן די אָנפאַלנדיקע און באַמוטיקט זיי, אַז זיי זאָלן פייניקן זייערע קרבנות. גאַנץ אָפט ווערן אפילו מעסער געלאָזן אין גאַנג.

„אַזוי האָט עס געדויערט אַכט טעג. לסוף, האָט דער קאָמיטעט פון דעם „אַלגע־מיינעם יידישן אַרבעטער־בונד פון פוילן, ליטע און רוסלאַנד" באַשלאָסן איינצואָרדנען אַ שטרייק, כדי אויף אַזאַ אופן אויסצודריקן אַ פּראָטעסט קעגן די גוואַלט־טאַטן און אומ־געזעצלעכקייטן, וואָס די פּאָליציי טאָלערירט.

„דער שטרייק איז פאָרגעקומען דעם 10־טן ד. ח. (ד. ה„ סעפּטעמבער 1901 — ש. ל.). ביי 1000 מענטשן האָבן געוואָרפן די אַרבעט. אין זעלביקן אָוונט האָבן 700 שטרייקער איינגעאָרדנט אַ מאַניפעסטאַציע אינמיטן שטאָט, וואו זיי האָבן מוטיק אַרויס־געזוקט זייערע פאָדערונגען דעם פאַרטרעטער פון פּאָליצמייסטער (דער פּאָליצמייסטער איז צו יענער צייט נישט געווען אין לאָדז). עס איז אַרויסגערוקט געוואָרן די פאָדערונג

וועגן איבעררייסן די פאַסיווקייט און ווילקיר פון דער פאָליציי. קיינער איז נישט אַרעסטירט געוואָרן. אויף מאָרגן האָט מען דעם שטרייק איבערגעריסן, ווייל דער פאָליצמייסטער האָט פאַרזיכערט, אַז אַזעלכע גאַסן־איבערפאַלן וועלן זיך שוין אין דער צוקונפט נישט איבערחזרן. דעמדאָזיקן פראָטעסט מצד די יידישע חברים באַגריסן מיר מיט גרויס פרייד.

„מיר געהערן צו פאַרשיידענע פאַרטייען, אָבער מיר האָבן אַ געמיינזאַמען שונא און צו איין ציל שטרעבן מיר! מיר דאַרפן געדענקען, חברים, וועגן דעם, אַז נאָר אין איינהייט פון אַלע, אומאָפּהענגיק פון די שפּראַך־אונטערשיידן, קליידונג, אָדער רעליגיע, וועלן מיר זיין שטאַרק. דעם זיג־מאָמענט קען דערנעענטערן נאָר די געשלאָסנקייט פון די אַרבעטער פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן.

„מיר דאַרפן געדענקען די ווערטער, וואָס זיינען אויסגעקריצט אויף אונדזער פאָן: „פראָלעטאַריער פון אַלע לענדער און פעלקער, פאַראייניקט זיך!” אויף דער מאַניפעסטאַציע פון די יידישע חברים דאַרפן מיר נישט קוקן גלייכגילטיק, נישט אָפּפּטרן עס מיטן תירוץ, אַז אונדז פערזענלעך גייט עס נישט אָן.

„זאָל די מאַניפעסטאַציע פון די יידישע אַרבעטער, וועלכע זיינען נישט־לאַנג אַרויסגעטראָטן אויף דער קאַמף־אַרענע אַזוי ענערגיש און פירן אים מיט אַזאַ אויסגעהאַלטנקייט, אונדז אויפוועקן פון דער צייטווייליקער שטילקייט און איבערגיין צום קאַמף פאַר אונדזערע אַרבעטער־רעכט מיט די פאַבריקאַנטן און דער רעגירונג; אַ קאַמף, אין וועלכן מיר האָבן שוין אַזויפיל קרבנות געטראָגן. זאָל די מאַניפעסטאַציע פון די יידישע אַרבעטער פאַרשטאַרקן די ברודער־בענד און סאָלידאַריטעט־געפילן, וועלכע אייניקן דעם פוילישן און יידישן פראָלעטאַריאַט.

„צום קאַמף, חברים!” [41]).

דערדאָזיקער אויפרוף, וואָס איז דאָ געבראַכט געוואָרן אינגאַנצן, אין זיין פולן טעקסט, איז זייער באַלערנדיק. אַחוץ דעם, וואָס ער גיט אַ פאַרשטעלונג וועגן די פאָליצייאישע מעטאָדן און די גאַסן־קאַמפן, דערציילט אויך דער אויפרוף וועגן פאָרמעלע אונטערהאַנדלונגען צווישן דער פאָליצייאישער מאַכט מיט די פאָרשטייער פון די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס. דאָס איז בלי שום ספק אַ באַווייז, אַז די באַוועגונג איז אויסגעוואָקסן און איר אָנזען איז געשטיגען. וויכטיקער איז, וואָס אין דעם אויפרוף איז פאַראַן אַן אָנדייט אויף אַ שטרעבונג פון דער סדקפ״ל אָנצוקניפן פריינטלעכע באַציאונגען מיטן „בונד”, און מיר טרעפן שוין דאָ די פאָרמולע: „פראָלעטאַריער פון אַלע לענדער און פעלקער, פאַראייניקט זיך!” — אַ פאָרמולע, וואָס וועט ווערן אַ שטרייט פונקט צווישן די יידישע סאָציאַליסטישע פאַרטייען אַביסל שפעטער. נאַטירלעך, אַז דער וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט זיך פאַר־

41) אונטערגעשריבן איז דער אויפרוף דורך דעם „לאָדזער קאָמיטעט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פון קעניגרייך פוילן און ליטע”, דאַטירט, „וואַרשע, 29 סעפטעמבער 1901”. דער פוילישער טעקסט איז אין די אַקטן ניטאָ. מיר מאַכן די יידישע איבערזעצונג אויפן סמך פון דער רוסישער אָפיציעלער איבערזעצונג פון דעם פוילישן טעקסט. די רוסישע איבערזעצונג איז צוגעשטעלט געוואָרן דורך דעם „געהילף פון ווג״ג איבער דער פאָליצייאישער טייל” און געפינט זיך אין די אַקטן, נומער 99.962, צווייטער טיש, ערשטע געשעפטספירונג, נומער 9 פון 1901, בויגנס 79־80.

אינטערעסירט מיט דעם ענין. די אָפיציעלע אונטערהאַנדלונגען מיט אַ רעוואָלוציאָנערער פאַרטיי האָבן ניט געקענט אַריינגיין אין זיין חשבון. ער פרעגט דעריבער אָן דעם פעטריקאָווער גובערנאַטאָר וועגן די געשעענישן אין לאָדז (לאָדז האָט געהערט צו פעטריקאָווער גובערניע).

דער פעטריקאָווער גובערנאַטאָר „לייקנט שטיין און ביין", דאָך איז ער אַ „מודה במקצת". ער שרייבט:

„די פאַקטן, וועגן וועלכע עס רעדט זיך אין דער פראָקלאַמאַציע, שטימען לחלוטין נישט מיט דער ווירקלעכקייט. און, הגם אין דער צווייטער העלפט אויגוסט חודש, איז אין דער שטאָט לאָדז פאָרגעקומען רייבונגען צווישן די פאַבריקאַנטן און די אַרבעטער־יידן, האָט זיך עס אָבער אין פאַקט באַגרענעצט מיט אָנקלאַגעס פון די באַלעבאַטים וועגן דעם, אַז די אַרבעטער האָבן אָנגעהויבן נישט פינקטלעך קומען צו דער אַרבעט און אַז אייניקע אַרבעטער יידן־אָן די צווייטע אַרויסצוגיין אין אַ שטרייק. אויף דער דורכגעפירטער אויספאָרשונג האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז קיין שטרייק עקזיסטירט נישט און אַז עס איז ניטאָ קיין גרונטן אויף צוציען ווען־ס'איז צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר איינאָרדנען די שטרייקן. דערביי האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פון דער אַלגעמיינער צאָל אַרבעטער, זיינען פאַר דער לעצטער צייט אין פאַרשיידענע טעג נישט געקומען צו דער אַרבעט אַן ערך אַ הונדערט יידישע וועבער, נישט מער. פונדעסטוועגן האָבן פּאָליציי־אַגענטן און זשאַנדאַרמען געבראַכט ידיעות, אַז די יידן־וועבער וועלן זיך אין אָוונט זאַמלען אויף פראָמינאַדגאַס, כדי צו באַטראַכטן די פראַגע וועגן שטרייק. צוליב דעם האָט די פּאָליציי אָנגענומען צוואַנג־מיטלען, און דעם נאָענטסטן אָוונט האָבן רייטער־פּאָליציי, אין דער אָנוועזנקייט פון שטעל־פאַרנעמער פון לאָדזער פּאָליצמייסטער, פאַנאַדערגעטריבן נישט קיין גרויסן עולם יידן, הויפּטזעכלעך יוגנטלעכע, וועלכע האָבן זיך אַרומגעדרייט איבערן טראָטואַר, מיט וואָס דער ענין האָט זיך פאַרענדיקט. דערביי האָט דער שטעל־פאַרטרעטער פון פּאָליצמייסטער די גאַנצע צייט געהאַנדלט אין הסכם מיטן שעף פון דער זשאַנדאַרמען־פאַרוואַלטונג פון לאָדזער און לאַסקער אויעזדן"[42]).

עס לאָזט זיך גלויבן, אַז גערעכט זיינען די מחברים פון אויפרוף און נישט דער גובערנאַטאָר. דינגען שלעגער איז געווען אַן אויסגעפּרוּאווטער מעטאָד אין עקאָנאָמישע קאַמפן. מיר האָבן דאָס געזען אין מינסק און אויך אין וואַרשע. וועגן אַ צעטריבענער מאַניפעסטאַציע דערציילט אויך דער גובערנאַטאָר. וועגן אַ שטרייק־באַוועגונג דערציילט ער אויך. ס'שטימט אגב אַ קליינער פּרט, אַז אין סעפּטעמבער איז אין לאָדז געווען אַ שטעל־פאַרטרעטער פון פּאָליצמייסטער, און אַז דער פּאָליצמייסטער איז געווען אָפּוועזנדיק פון שטאָט. דערביי דאַרף מען אויך נעמען אין באַטראַכט, אַז די לאָדזער פּראָקלאַמאַציע איז געשריבן געוואָרן אין אַ פּאָר וואָכן אַרום נאָך דער געשעעניש און עס לאָזט זיך קוים גלויבן, אַז די מחברים זאָלן שוין גלייך פאַרדרייען די פאַקטן, ווען זיי שרייבן פאַר דער לאָדזער באַפעלקערונג גופא. און אפילו אַז מען זאָל אָננעמען, אַז דער געבראַכטער אויפרוף טרייבט אַביסל איבער,

42) דאָרטן גופא.

אפילו דעמאָלט באַוויזט עס, ווי ווייט די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג צווישן די יידישע אַרבעטער אין לאָדז, איז אַרויס פון די קעלערס, פון די געהיימע־נישן, אויף דער ליכטיקער שיין.

דער פריינטלעכער און אפילו וואַרעמער טאָן פונעם אויפרוף פון דער סדקפ״ל אין באַצוג צו אַ בונדישער אַרויסטרעטונג איז געווען נאָרמאַל און נאַטירלעך אין יענע יאָרן. ביזן 2טן צוזאַמענפאָר פון דער רסדא״פ (רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער פּאַרטיי), ביזן יאָר 1903, זיינען די באַצי־אונגען צווישן „בונד" אין פוילן און דער סדקפ״ל געווען פריינטלעכע.

סוף יאָר 1901 (28, 29 נאָוועמבער) — און עס קען זיין, אַז אָט־דער צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען שפּעטער — האָט דער 4־טער (3־טער) צו־זאַמענפאָר פון סדקפ״ל אָנגענומען פאָלגנדיקע רעזאָלוציע וועגן איר באַ־ציאונג צום „בונד" אין פוילן:

„האַלטנדיק, אַז דער „אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער בונד" איז אין זיין טעטיקייט סאָלידאַר מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין דער גאַנצער רוסישער מלוכה און שטעלט מיט זיך פאָר די איינציקע קלאַסן־אָרגאַניזאַציע פון יידישן פּראָלעטאַריאַט, האַלט אים דאָך דער צוזאַמענפאָר, נישט געקוקט, וואָס ער איז נישט מסכים מיטן קוק פון „בונד" אויף דער יידן־פּראַגע, פאַר אַ זעלבסטשטענדיקער ברודער־אָרגאַניזאַציע"

אינטערעסאַנט איז נאָך־מער די האַנטשריפטלעכע רעזאָלוציע פון זאַ־לעווסקי:

„האַלטנדיק, אַז די יידישע פּאַרטיי איז אין איר טעטיקייט סאָלידאַר מיט דער ס. ד. אין דער גאַנצער רוסלענדישער מלוכה און שטעלט מיט זיך פאָר אַ קלאַסן־אָרגאַניזאַציע פון יידישן פּראָלעטאַריאַט, גיט איר דער צוזאַמענפאָר דאָס רעכט אויף זעלבסטשטענדיקער עקזיסטענץ"

אגב, איז דאָ אַ גרונט צו רעכענען, אַז דער צוזאַמענפאָר פון דער סדקפ״ל איז פאָרגעקומען נישט אין יאָר 1901, נאָר אין יאָר 1902, ווייל די צווייטע העלפט פון זאַלעווסקיס רעזאָלוציע קלינגט אַזוי:

„באַטראַכטנדיק די רעזאָלוציעס פון 4־טן צוזאַמענפאָר (פון „בונד" — ש. ל.) לייגט פאָר דער צוזאַמענפאָר דעם הויפּט־קאָמיטעט אויפצוהייבן אויפן צוזאַמענפאָר פון דער אַלרוסלענדישער ס. ד. די פּראַגע וועגן דער רעזאָלוציע פון בונדישן צוזאַמענפאָר, וועלכע רעקאָמענדירט נקמה, ווי אַ מיטל פון קאַמף מיט פּאָליצייאישער געוואַלט און באַמיען זיך וועגן איר אָפּשאַפונג און באַזייטיקונג פון בונדישן פּראָגראַם" [43].

די רעזאָלוציע וועגן „אָרגאַניזירטער נקמה" איז אָנגענומען געוואָרן אויף דער 5־טער קאָנפערענץ פון „בונד", נאָכן הירש־לעקערט־אַטענטאַט, ד. ה. אין יאָר 1902. דערביי איז צו באַמערקן, אַז אָט־דער צוזאַמענפאָר פון דער סדקפ״ל גרייט זיך שוין צום אַלרוסלענדישן צוזאַמענפאָר. ממילא איז

---

43) „מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין פוילן", אונטער דער רעדאַקציע פון קראַסני, ערשטער באַנד, פעלקער־פאַרלאַג, מאָסקווע 1927, ז. 145 (פויליש).

די דאַטע פון 1901, וואָס די „מאַטעריאַלן" גיבן אָן בשום אופן ניט קיין פּינקט־לעכע. אַזוי אויך זיינען ניט ריכטיק די ווערטער „פון 4טן צוזאַמענפאָר פון בונד" אין דער רעזאָלוציע. פאַרן פערטן בונדישן צוזאַמענפאָר איז די פראַגע פון נקמה אויפן טאָג־אָרדנונג ניט אַרויף. דער אויפרוף פון דער סדקפּ"ל אין לאָדז און זייער וואַרעמע באַציאונג צום בונד, איז אין פולן הסכם מיט דער אַלגעמיינער שטעלונג פון דער סדקפּ"ל צום פּוילישן „בונד" אין יענע יאָרן.

ניט־נאָר איז די פראַגע וועגן טעראָר אַלס מיטל פון קאַמף ניט אַרויפ־געשטעלט געוואָרן אויפן טאָג־אָרדנונג, נאָר דער „בונד" איז אין 1901 עפנט־לעך אַרויסגעטראָטן קעגן טעראָר, אַפילו קעגן דערהרגענען שפּיאָנען. אין דעם יאָר זיינען פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט דריי פּוילישע אַרבעטער דערפאַר, וואָס זיי האָבן „אָוועקגעלייגט" דריי שפּיאָנען־פּראָוואָקאַטאָרן. דער „בונד" האָט אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף וועגן דעם ענין. דערדאָזיקער אויפרוף גיט אַן אַנאַליז פון פּראָוואָקאַציע אַלס מיטל פון קאַמף מצד דער צאַרישער זעלבסט־הערשונג, און פאַרענטפערנדיק דעם טאַט, שטרייכט אָבער דער בונדישער אויפרוף אונטער, אַז דער „בונד" נעמט נישט אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכ־קייט פאַר זייער טאַט. דער „בונד" פּראָטעסטירט נאָר קעגן אַדמיניסטראַטיווע שטראָפן פאַר רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער און קעגן מיליטערישע געריכטן [44].

אין 1901 ווערט געמאַכט אַ פּרוּוו פון אַ גאַסן־דעמאָנסטראַציע אין וואַרשע לכבוד דעם ערשטן מאַי. די דעמאָנסטראַציע איז פאָרגעקומען אויף מאַרשאַלקאָווסקע־גאַס. צווישן די פאַרהאַלטענע האָט זיך געפונען דער 15 יעריקער בירנבוים. ביי אים האָט מען געפונען אַ העפט מיט רעוואָלוציאָנערע לידער. דאָס העפט איז פאַרשמירט, אויסגעקנייטשט. דער כתב־יד — „קאַטשערעס מיט לאַפּעטעס", קוים לעזבאַר. די אָרטאָגראַפיע — אַ פאָנעטי־שע, מיטן פּוילישן אַקצענט. די העברעאישע ווערטער נאַטוראַליזירט. מיר וועלן דאָ פאַרעפנטלעכן עטלעכע אויסצוגן פונעם העפט. די לידער זיינען אינטערעסאַנט, אויף וויפל זיי גיבן אַ פאַרשטעלונג וועגן קאַמף־גייסט אין זיינע ברוטאַלסטע פאָרמען, וואָס עס האָט געהערשט אין די אַרבעטער־רייען אין סאַמע־אָנהויב פון אונדזער יאָרהונדערט. דאָס רוב לידער זיינען איינסטראָ־פיקע. עס הערשט אין זיי דער „גראַם־שטראַם", אָבער דערפאַר זיינען זיי זייער עקספּרעסיוו, ביז ברוטאַלקייט. מיר גיבן זיי אין אונדזער אָרטאָגראַפיע.

---

44) אוג"ג, אקט נומער 99.962, 1־2, נומער 9 פון 1901, בויגן 33.

I

צו די שטאָלצע מענער
דאַרף מען האָבן כוחות
מען דאַרף זיין אַ קענער
זיי צו שפּאַלטן די מוחות

II

נידער מיט די רייכע,
נידער מיט די הינט
פאָרט מיט די גערויבטע בייכער,
וועלכע דערציען אַזוי שטאָלץ זייער קינד.
פאָרט מיט זיי, פאָרט!

III

אַלע אַרבעטער, וואָס האָבן נאָר פאַרשטאַנד,
דאַרפן צו גוטעס שטרעבן.
זיי דאַרפן העלפן דעם פאָלק, וואָס גייט צום שטרייט,
אַלע אין קאַמף צו אַ בעסער לעבן.

עס גייט אונטער די מכה פון שקלאַפן,
עס גייט אונטער די מכה פון קנעכט.
לאָדנט אַלע אייער וואָפן,
קעמפט פאַר דעם מענטשלעכן רעכט.

IV

מאַרשירט אַלע אין די גאַסן,
מאַרשירט אַלע מיט מאַכט,
גייט זעט, ווי די רייכע נאַשן,
און מיט אייך האָרעוועט מען טאָג און נאַכט.

וואַרפט די אַרבעט, מענער און פרויען,
מ'האָט קיין פורכט פאַר דעם טיראַן,
האַלט אייך אָן אונדזער פאַרטרויען,
זייט נישט זיין אונטערטאַן.

איר אַרבעט אַלע שווער
און פאַרדינט אַלע קיין ברויט.
צי האָט מען אַזעלכעס ווען געהערט,
אַז אַרבעטער זאָלן ליידן נויט.

מיט ביקסן און שווערדן שטרייטן,
מיר האָבן אַלע מוט,
מיר זעמער מוטיקע לייט,
מיר וועלן קעמפן ביזן בלוט.

V

עס לעבט, הורא, די פרייהייט,
עס לעבט, הוראַ, די גלייכהייט,
פאַר וועלכע מיר ווילן שטרעבן,
גלייך מיט די רייכע ווילן מיר לעבן.

צי זייט איר דען קיין געלערנטע סאָלדאַטן,
וואָס האָט איר פאַר דעם טיראַן מורא?
צי קענט איר נישט שיסן מיט קיין האַרמאַטן,
ווען מען אַרעסטירט אייך פאַר פאַרבאָטענע סחורה?

מיר הערן די ציטאַנגגן,
וועלכע רופן צום קאַמף.
מיר זעמער אין די ווירקלעכקייט,
ווער עס איז דער טיראַן [45]).

45) דאָס וואָרט „זעמער" האָט איינמאָל דעם באַטייט פון זעען מיר, דאָס צווייטע מאָל — זיינען מיר, פאַרן וואָרט מורא האָט מען נאָך געגוצט דאָס וואָרט פורכט, פון טייטש־חומש אַרויס, „פאָרט" — האָט די באַטייטונג פון נידער, אַוועק! אַווג"ג, 100.060, 1־2, 108 פון יאָר 1910, בויגנס 120־123.

אין דעמדאָזיקן העפט געפינען זיך נאָך לידער, וואָס באַקלאָגן דעם אַרבעטערס נויט און זיין עלנט לעבן, ווי „די טאָקסע“, „די פלי־מאַשין“, „פון חופה צום קבר“. אונדז אינטערעסירט דאָ די קאַמף־שטימונג פון יאָר 1901. און אָט־די לידער גיבן די שטימונג אינגאַנצן איבער. עס פילט זיך אין זיי דער רוף צום באַוואָפנטן אויפשטאַנד, צום שטרייק און דירעקטן קאַמף. עס רייסט זיך אין זיי אַדורך דער געדאַנק, אַז מען קעמפט פאַר אַ גערעכטער זאַך, וואָס קען דערגרייכט ווערן מיט געמיינזאַמער אָנשטרענגונג.

„אַלע אַרבעטער דאַרפן צו גוטס שטרעבן“, „העלפן דעם פאָלק אין זיין קאַמף“ און „מוטיק שטרייטן מיט ביקסן און שווערדן“. עס זיינען אין אָט־די שורות פאַראַן אַ גאַנצער פּראָגראַם. דיכטעריש זיינען עס, געוויס, שלעכטע שורות. פּאָליטיש און סאָציאַל דערציילן אָט־די לידער זייער אַסך. דאָס איז אַ פּאָליטישער דאָקומענט. עס ווייזט דעם איבערברוך אין דער יידישער מאַסן־באַוועגונג.

אין אָנהויב 1902 האָט דער „בונד“ געהאַט איבערגעוואַנדן דעם „עקאָ־נאָמיזם“. ביסלעכווייז אויך אויסגעלעבט דעם קאָמספּאָליטיזם אין זין פון נעגירן די נאַציאָנאַלע פראַגע. אין פּרינציפּ איז פאָרמולירט געוואָרן אַ גלות־נאַציאָנאַליזם און עס איז אויפגעקומען די פאָדערונג פון אַ פעדעראַלן איבער־בוי פון דער רוסישער מלוכה. די אויטאָנאָמע עקזיסטענץ פון „בונד“ אין די ראַמען פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי איז געוואָרן ענג פאַר־בונדן מיט אָט־דער אויפפאַסונג פון דער קומענדיקער מלוכהשער אָרגאַניזאַ־ציע פון דער פרייער רוסישער אימפּעריע.

די פאַרשאַרפונג פון דער פּאָליטישער טעטיקייט דורך אַריבערגיין צו דעמאָנסטראַציעס און אָפענע גאַסן־אַרויסטרעטונגען, דערפירט צו אַ נייעם קריזיס אין די רייען פון „בונד“, צו דעם אַזוי גערופענעם „טעראָריזם“. די פאָרמולירונג פון דעם נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלן פּרינציפּ און פון דער פאָדערונג איבערצובויען די רוסלענדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, געבנדיק אויטאָנאָמע רעכט פאַרן „בונד“ אין די ראַמען פון „דער פּאַרטיי“, ווי מען פלעגט עס דעמאָלט רופן, ברענגט צו אַ שאַרפן קאַמף צווישן „בונד“ און דער סדא״פּ; אַ קאַמף, וואָס פאַרענדיקט זיך דערמיט, וואָס דער „בונד“ הערט אויף „איפּסאָ פאַקטאָ“ צו זיין אַן אָרגאַניזאַציע און ווערט אַ זעלבסטשטענדי־קע פּאַרטיי.

14. די ווילנער עקזעקוציע און אירע רעזולטאַטן

די אַלגעמיינע פאַרשטאַרקונג פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד אין יאָר 1901, פילט זיך באַזונדערס שטאַרק אין לאָדזער פאַבריק־ראַיאָן. די באַפעלקערונג איז דאָ בעיקר אַ יידישע און פוילישע און איר מערהייט אַן אַרבעטנדיקע באַפעלקערונג. די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג איז דאָ פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר (פון 1897 ביז 1901) זייער אויסגעוואַקסן. „די שטאָט לאָדז באַקומט וואָס ווייטער אַלץ אַ גרעסערע באַדייטונג אַלס אַ געפערלעכער ווינקל, פון וואַנען עס פאַרשפּרייטן זיך פאַרשיידענע רעוואָלוציאָנערע שטרעמונגען" — אַזוי קלאָגט זיך דער פּעטריקאָווער גובערנאַטאָר פאַרן וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר. דערביי גיט ער אָן אַ סטאַטיסטיק, וואָס איז אַליין פאַר זיך זייער באַלערנדיק: אין פאַרלויף פון יאָר 1901 האָט מען אין דער שטאָט לאָדז בלויז, ניט אַריינרעכענענדיק דעם לאָדזער אינדוסטריעלן ראַיאָן, פאַרהאַלטן 1667 עקזעמפּליאַרן פון אַנטי־רעגירונג־אויסגאַבן. עס זיינען דורכגעפירט געוואָרן 162 הויז־זוכונגען פון פאַרדעכטיקע אין „פּאָליטישער נישט־כשרות" און עס זיינען אַרעסטירט געוואָרן 99 פּערזאָן. עס זיינען געשעטלט געוואָרן אונטער פּאָליציי־אויפזיכט: צו אַ ספּעציעלער — 31 פּערזאָן, עפנטלעכער — 15, און געהיימער — 21 [46]).

די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פאַר דעם ערשטן האַלבן יאָר פון 1902, כאַראַקטעריזירט דער שעף פון דער זשאַנדאַרמעריע אין פוילן אויף אַזאַ אופן:

„דער אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער־בונד אין פוילן, ליטע און רוסלאַנד („בונד"), וועמענס צענטער עס געפינט זיך אין צפון־מערב־געגנט (ליטע און ווייסרוסלאַנד — ש. ל.), פירט אַן אַגיטאַציע אויך צווישן דעם אַרטיקן יידנטום, באַזונדערס אין וואַרשע און לאָדז. פאַרן באַריכט־פּעריאָד (ערשטע העלפט פון יאָר 1902 — ש. ל.), איז דורכן בונד אַרויסגעגעבן געוואָרן פּראָקלאַמאַציעס אין דער יידישער שפּראַך, וועלכע רופן צום קאַמף מיט דער זעלבסטהערשונג. דער יידישער האַנטווערקערישער המון, באַזונדערס אין אַזעלכע באַדייטנדיקע צענטערן, ווי וואַרשע און לאָדז, שטעלן מיט זיך פאַר אַ זייער פרוכטבאַרן באָדן פאַר אָט־דער אַגיטאַציע, מיט וואָס עס דערקלערט זיך טאַקע די גרויסע צאָל פון יידישע אַרבעטער און האַנטווערקער, וועלכע ווערן צוגעצויגן צו פּאָליטישע אויספאָרשונגס־ענינים" [47]).

אין ווילנע איז אין יאָר 1902 פאָרגעקומען אַ גאַסן־דעמאָנסטראַציע לכבוד דעם ערשטן מאַי. אָט־די דעמאָנסטראַציע האָט געבראַכט צו פאָן־וואָלס

46) אַוו"ג נומער 101,667, 1־2, נומער 21 פון יאָר 1902, בויגן 58.

47) „טעטיקייט פון רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען" אינעם „איבערזיכט פון פאַקטן פון פּאָליטישער און געזעלשאַפטלעכער באַטייטונג, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין פאַרלויף פון דער ערשטער העלפט פונעם לויפנדיקן יאָר 1902, אין די גובערניעס פון ביי־ווייסל־געגנט", פון 24 יולי 1902, נומער 321, אַוו"ג 101,564, 1־2, 8, 1902, בויגן 256.

אָפּרעכענען זיך מיט די יידישע דעמאָנסטראַנטן דורך שמייסן די פאַרהאַלטענע. דער שוסטער־אַרבעטער הירש לעקערט האָט געמאַכט אַן איבערפאַל אויפן שולדיקן אין דער עקזעקוציע, אויף פאָן־וואַלן. הירש לעקערט איז פאַר זיין טאַט פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט דורך הייגנען. דער טויט־אורטייל איז אויסגעפירט געוואָרן. פאָן־וואַלס עקזעקוציע האָט אויפגערודערט דאָס לאַנד. דער בונדישער צענטראַל־קאָמיטעט האָט אַרויסגעלאָזן אַ פּוילישן אויפרוף, ספּעציעל פאַר די פּוילישע אַרבעטער מיט פאָלגנדיקן אינהאַלט:

„אויפרוף. צו די פּוילישע חברים אַרבעטער! חברים!

„צום ערשטן מאָל ווענדן מיר זיך, מיר יידישע אָרגאַניזירטע אַרבעטער סאָציאַל־דעמאָקראַטן, צו אייך מיט אַן אויפרוף אין נאָמען פון אונדזער בונד („זוויאָנזעק"). עס איז ביי אונדז נישט קיין געוויינלעכע געשעעניש. אָבער נישט־געוויינלעך איז אויך דער פאַקט, וואָס צווינגט אונדז דערצו.

„איר אַלע, חברים, ווייסט אויסגעצייכנט, ווי שווידערלעך דער רוסישער צאַר באַגייט זיך מיט אונדז רעוואָלוציאָנערן, מיט אַלע די, וועלכע, וועלנדיק זיין מענטשן, זיינען אַרויסגעטראָטן אין קאַמף פאַר זייערע מענטשלעכע רעכט אויף פּאָליטישער פרייהייט, אין קאַמף מיטן אויסבויטערישן קאַפּיטאַל און מיט יעדן מין אומרעכט. תפיסות, פאַרשיקונגען, נאַהייקעס, קוילן, אַ דורכאויסיקע פאַרניכטונג — דאָס איז דער ענטפער, וואָס די צאַרישע רעגירונג גיט אונדז. וועגן דעם אַלץ, חברים, ווייסט איר זייער גוט, ווייל אויף דעם אַלץ זיינט איר אויך אויסגעשטעלט, צוזאַמען מיט אונדז, יידישע אַרבעטער, ווי־נאָר איר הויבט אָן קעמפן פאַר אַ בעסער לעבן.

„אָבער מיר, יידן און פּאָליאַקן, זיינען נאָך אויסגעשטעלט אויף אַזעלכע פאַרפאָלגונגען, וועגן וועלכע עס האָבן קיין אַנונג נישט אונדזערע רוסישע חברים. מיר, פּונקט ווי איר, געהערן צו אַ נאַציאָנאַליטעט, וועלכע איז באַזונדערס פאַרהאַסט ביי דער רוסישער רעגירונג און זי שטיקט אונדז און אונטערדריקט אונדז צווייפאַכיק, דערנידעריקט און באַליידיקט אונדז. און אויף אַזויפיל איז שטאַרקער אונדזער הייסער פאַרלאַנג און אונדזער שטרעבונג צו באַפרייען זיך פון אָט־דער רעגירונג און מאַכן אַן אָרט פאַר אַ פרייער רעפּובליק, אין וועלכער אַלע פעלקער וועלן געניסן פון די זעלביקע רעכט. אָבער אויך אַלץ פאַרביסענער וואַרפן זיך אויף אונדז די צאַרישע אויסוואָרפן, וועלנדיק אַפּטויטן אין אונדז דעם ווידערשטאַנד־גייסט, וועלנדיק אויסראָטן ביי אונדז יעדע שטרעבונג נאָך פרייהייט. עס האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר נישט־גענוגנדיק פאַר אונדז געוויינלעכע שטראָפן פון דער רוסישער פּאָליציייאישער אינקוויזיציע, און אָט האָט מען נאָך אָנגעהויבן באַנוצן, צו אונדז, יידן און פּאָליאַקן, עפּעס נייעס, אומגעווינלעכעס, וואָס גייט אַרויס פון די ראַמען פון טאָג־טעגלעכקייט, עפּעס אומדערהערטעס און אַזוי ווייט שרעקלעכעס און דערנידעריקנדיקס, וואָס אפילו פון דער רוסישער רעגירונג, דער ווילדסטער אין אייראָפּע, איז שווער געווען צו דערוואַרטן: אונדז, אַרבעטער־רעוואָלוציאָנערן, האָט מען אונטערגעוואָרפן אַ לייב־שטראָף, דעם דערנידעריקנדיקן שמייסן מיט ריטער (קורסיוו אין טעקסט).

„נישט דעם ערשטן מאָל פייערן מיר ביי אונדז דעם אַלוועלטלעכן אַלגעמיינעם פראַלעטאַרישן יום־טוב אין טאָג פון דעם ערשטן מאַי. נישט צום ערשטן מאָל גייען מיר אַרויס אין דעם טאָג אויפן גאַס, כדי צו פאַראייניקן אונדזער שטימע צום אַלגעמיינעם כאָר פון אַלרוסלענדישן פּראָלעטאַריאַט, וועלכער פאָדערט אין אָט־דעם טאָג פּאָליטישע פרייהייט און אומוואָרפן די זעלבסטהערשונג. ווען אין דעם יאָר, ווי אין די פאַרגאַנגענע יאָרן, האָבן אונדזערע חברים אין ווילנע, יידן און פּאָליאַקן, געטראָגן אַ רויטע פאָן און געשריען: „נידער מיט דער זעלבסטהערשונג", האָבן זיך אויף זיי מיט פאַרביסנקייט געוואָרפן פּאָליציי, סטראַזשניקעס, קאָזאַקן, שרעקלעך זיי געשלאָגן, אָן רחמנות. אָבער מיט אַ באַזונדער אכזריות האָבן זיך די קאָזאַקן אָפּגערעכנט מיטן פאָנען־טרעגער, ווען זיי האָבן געשלאָגן

מיט די נאַהייקעס, אפילו ווען ער איז שוין געלעגן אויף דער ערד, אָן באַוואוסטזיין. די באַרבאַרן האָט דער עיקר אַריינגעבראַכט אין גרימצאָרן דאָס, וואָס ער האָט די גאַנצע צייט נישט אַרויסגעלאָזן פון האַנט די רויטע פאָן און האָט נישט אויפגעהערט צו שרייען: „נידער מיט דער זעלבסטהערשונג!״ די צעשלאָגענע, פאַרוואונדעטע חברים האָט מען אָפּגעפירט אין פאָליציי־צירקל, וואו עס האָט אויף זיי געוואַרט נאָך אַ שרעקלעכערע שטראָף, וועגן וועלכער, אַז מיר דערמאָנען זיך נאָר, — ווערט דאָס בלוט פאַרגליווערט אין די אָדערן און דער פויסט דריקט זיך צונויף. אויף מאָרגן האָט מען אונדזערע חברים אונטערגעוואָרפן דער דערנידערנדיקער, פיינלעכער מאַטערניש. זייער פערזאָן, זייער ערע און דרייסטקייט געטראָטן מיט די פיס. אין דער אָנוועזנדיקייט פונעם גובערנאַטאָר, פאָן־וואַל, פאָליצמייס־טער נאַזימאָוו, דאָקטער מיכאַילאָוו, פאָליציי און קאָזאַקן איז פאָרגעקומען די באַליידיקנדיקע עקזעקוציע. דערביי האָט דער גובערנאַטאָר אַליין, פאָן־וואַל, ברוטאַל אָפּגעלאַכט פון אונדזערע אומגליקלעכע ברידער, זאָגנדיק ליגן אויפן סאַמע נידעריקסטן אופן, און אויף פאַרגרעסערן זייערע ליידן, האָט ער געהייסן שמייסן לאַנגזאַם. אַנדערע האָט ער אונטער־געוואָרפן אונטער ראַפינירטע מאָראַלע טאָרטורן — די האָט מען נישט געשלאָגן, אָבער מען האָט זיי געצוואונגען קוקן, ווי מען שמייסט זייערע חברים (קורסיוו אומעטום פון די מחברים — ש. ל.). געשמיסן האָבן קאָזאַקן, און געשמיסן אָן רחמנות. נאָך 10 שמיץ מיט ריטער איז געבליבן אַ בלוטיקע מאַסע. מען האָט געגעבן צו 25 און 30 שמיץ. אַסך האָבן פאַרלוירן דעם באַוואוסטזיין, אָבער מען האָט זיי געמונטערט און ווייטער געשמיסן.

„חברים! מיר האָבן קיינמאָל נישט געצווייפלט אין אייערע ברידערלעכע געפילן צו אונדז, ווי צו יעדן פראָלעטאַריער, וועלכע קעמפן אונטער אונדזער געמיינזאַמער רעוואָ־לוציאָנערער רויטער פאָן. מער ווי ווען עס איז אַנדערש, דאַרפן מיר איצט אַרויסטרעטן סאָלידאַר און פאַראייניקט, ווען די רעגירונג הויבט אָן אָנצעווענדן צו אונדז אַזעלכע אומ־דערהערטע רעפּרעסיעס. נאָר מיט געמיינזאַמען אָנגריף פון אַלעמען קעגן שונא אונדזערן, וועט זיך אונדז איינגעבן צו פאַרניכטן זיין מאַכט פון דער נאַהייקע און ריטער. מיר רופן אייך, חברים, אויסצודריקן אייער פראָטעסט קעגן אָט־דעם ברוטאַלן געוואַלט, וועלכער איז בונגע אונדז אָנגעווענדט געוואָרן״[48]).

דערדאָזיקער אויפרוף איז באַלערנדיק סיי אין דעם זין, וואָס דער „בונד״ לייגט אַסך אַכט און שטרייכט שטאַרק אונטער דעם נאַציאָנאַלן מאָמענט אין דער צאַרישער אונטערדריקונג, ווי אויך אין דעם זין, וואָס עס איז מיט קיין איין וואָרט אין דעם אויפרוף נישט דערמאָנט וועגן „אָרגאַניזירטער נקמה״. דער אויסדרוק וועגן דעם, „אַז די פויסטן ביילן זיך צענויף״ קען בשום־אופן ניט באַטראַכט ווערן פאַר אַן אָנדייטונג אויף טעראָריזם. באַזונדער ווערט עס קלאָר ווען מען פאַרגלייכט דעם בונדישן אויפרוף, מיטן פפ״סישן אויפרוף, וואָס איז אַרויסגעלאָזן געוואָרן וועגן דעמזעלביקן ענין „ווילנער עקזעקוציע״.

דער פפ״סישער אויפרוף זאָגט:

„עס עקזיסטירן פאַרברעכנס אַזעלכע מיאוסע, אַז עס פעלן ווערטער, כדי זיי צו פאַראורטיילן. עס זיינען פאַראַן אַזעלכע בלוטיקע בעסטיעס, אַזעלכע נידערטרעכטיקע שלאַנגען, וועמענס עקזיסטענץ בלויז איז אַ חרפה פאַר דער מענטשהייט.

---

48) דער אויפרוף ענדיקט זיך מיט די לאָזונגען: „זאָל לעבן די אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט!, נידער מיט געוואַלט״, און איז דאַטירט „מאַי 1902״. די איבערזעצונג איז געמאַכט פון פוילישן אָריגינאַל, וואָס געפינט זיך אין אווג״ג, נומער 101,654, 1־2, 8, 1902. דער אויפרוף איז צוגעשטעלט געוואָרן דעם 15־טן יוני 1902 דורכן געהילף פון ווג״ג איבער דער פאָליצייאישער טייל.

„דער מאָסקווער צאַריזם איז באַגאַנגען אַזאַ נידערטרעכטיקן פאַרברעכן און אַזעלכע בלוטדאָרשטיקע חיות רעגירן עס מיט אונדז.

„דער נידערטרעכטיקער הענקער וואַל האָט געשמיסן אַרבעטער, וועלכע זיינען אַרעס־טירט געוואָרן פאַר באַטייליקן זיך אין אַ דעמאָנסטראַציע. אין דעם אויסוואָרף האָבן זיך אָפּגערופן די טראַדיציעס פון דער מאָנגאָלישער פּאָליטיק מיט אַ געשלעכטלעכער אומנאָר־מאַלקייט פון אַן אויסגעלאַסענעם אידיאָט. נאָך פאַר דער מאַניפעסטאַציע האָט ער באַפוילן, מ'זאָל צוגרייטן ריטער און האָט פּערזענלעך אָנגעפירט מיט דער עקזעקוציע. די אויגן האָבן אים געגלאַנצט פון גיריקן פאַרגעניגן, ווען ער האָט געקוקט אויף די פאַרבלוטיקטע, ציטערנדיקע מענטשלעכע לייבער.

„שרעקלעך אַ טראַכט צו טאָן, אַז פונעם ווילן פון אַזעלכע מערדער הייגט אָפּ אונדזער פרייהייט, אונדזער ערע און אונדזער לעבן.

„מיליאָנען מענטשן זיינען אויסגעשטעלט אויפן חסד און אומגענאָד פון אַ משוגענעם רוצח.

„דער צאַריזם בויט זיין עקזיסטענץ אויף פאַרברעכן, לעבט נאָר מיט זיי און גיט די מאַכט איבער אין די הענט פון פאַרברעכער. די רוצחים טרעטן מיט די פיס יעדעס מענטשלעכע רעכט, זיי לייגן נישט קיין שום אַכט אַפילו אויף די אייגענע געזעצן, ווען עס איז נויטיק אויסצעלאַכן זיך פון זיי. מיר זיינען אויסגעשטעלט אויפן ווילקיר פון זייער גרויזאַמקייט, זייערע חיהשע אינסטינקטן.

„ליטע איז שוין אַדורך פיל פּרוואון. דער הענקער (דאָס מיינט מען מוראַוויאָוון — ש. ל.) האָט געהאַט פאַרדינטע נאָכפאָלגער. און איצט איז ביי אונדז דער שמייסער — פאָן־וואַל.

„חברים! פאַרטיידיקט זיך! זאָל דער רוף פון פּראָטעסט אומעטום אָפּקלינגען. זאָלן די חיהשע מעשים פון פאָן־וואַל אַרויסרופן אין אַלע הערצער אַ דורשט נאָך נקמה. זאָל אונטערן איינפלוס פון דער באַליידיקונג דער רעוואָלוציאָנערער גייסט, וואָס שנעלער זיך פאַרנאַנדערברענען, און דער קאַמף מיטן דעספּאָטיזם און דער רעגירונג זאָל פאַרשנע־לערט ווערן. צוליב די גרוילטאַטן פון דער רעגירונג, זאָלן מיר זיך אַרויסווייזן אַלס קעמפער, וועלכע קענען שטעלן אַ ווידערשטאַנד און אויף געוואַלט־טאַטן ענטפערן מיט געוואַלט־טאַטן" [49]).

דער פּפּ"ס־ישער אויפרוף איז טאַקע דורכאויס אַ רוף צו טעראָר־אַקטן. אין בונדישן אויפרוף איז דאָ נאָר אַ רוף צו אַ פּראָטעסט־אַקציע. וועגן טעראָר־אַקטן ווערט דאָרט ניט דערמאָנט, ניט דירעקט און ניט אומדירעקט. ראַפּעס ברייננגט אַן אויפרוף, וואו עס רעדט זיך יע וועגן „זיין גרייט צו באַשיצן אונדזער מענטשלעכע ווערדע און ענטפערן מיט געוואַלט אויף געוואַלט", אָבער ער ברייננגט ניט ניט די דאַטע און ניט דעם מקור, פונוואַנען ער האָט דעם אויסצוג געבראַכט. אגב, פלעגן די אויפרופן דאַטירט ווערן מיטן חודש, ווען באמת איז דער איבערברוך אין דער מאַסן־שטימונג אין פאַרבינדונג מיט דער „ווילנער עקזעקוציע" פאָרגעקומען אין פאַרלויף פון טעג. לאָמיר דאָ

---

49) דער אויפרוף הויבט זיך אָן מיט דער ווענדונג „חברים" און שליסט זיך מיט די לאָזונגען: „נידער מיט וואָלן!, נידער מיטן צאַריזם!". אונטערגעשריבן איז דער אויפרוף דורך דעם „ווילנער אַרבעטער־קאָמיטעט פון פּפּ"ס", דאַטירט, „ווילנע, מאַי 1902". די יידישע איבערזעצונג איז געמאַכט געוואָרן לויט דער אָפיציעלער איבערזעצונג אין רוסיש. דער פּוילישער אָריגינאַל פעלט אין די אַקטן. צוגעשטעלט האָט דעם אויפרוף דער געהילף פון ווג"ג און אַז"ו, דעם 10טן מאַי 1902, דאָרטן גופא, בויגנס 16 און 17.

דערמאָנען עטלעכע דאַטן. דעם ערשטן מאַי קומט פאָר די מאַניפעסטאַציע, דעם צווייטן מאַי — די עקזעקוציע, דעם 18־טן מאַי — אויסגעפירט דער טויט־אורטייל איבער הירש לעקערט. פון דער עקזעקוציע איבער די מאַני־פעסטאַנטן ביז לעקערטס אַטענטאַט און דעם אורטייל איבער אים האָט גע־דויערט בסך־הכל אַ 30 טעג, נעמענדיק אין באַטראַכט די אונטערשיידן פון אַלטן און נייעם סטיל. לויט דער מונדלעכער גבית־עדות פון לעוויט, אַ יידישער זעצער אין דער וואַרשעווער פויליש־יידישער צייטונג „נאַש פשעגלאָנד", וועלכער האָט זיך באַטייליקט אין דער גרופּע, וואָס האָט צוגעגרייט דעם אַטענטאַט אויף פאָן־וואַלן, האָט דער „בונד" לכתחילה פאַרבאָטן זיינע מיטגלידער צו באַטייליקן זיך אין דער קאָנספּיראַציע פון הירש לעקערט. לעוויט איז אויסגעשלאָסן געוואָרן פון „בונד" פאַר מיטהעלפן צוגרייטן דעם אַטענטאַט. לויט ווי עס גיט איבער לעוויט, האָט לעקערט קיינמאָל ניט גע־הערט צום „בונד". דער „בונד" האָט נאָכגעגעבן די נקמה־שטימונגען, ערשט דעמאָלט, ווען דער אַטענטאַט איז שוין געווען צוגעגרייט. פון פוילישן אויפ־רוף ביזן יידישן אויפרוף, וואָס ראַפּעס ברייגנגט, זיינען אָפּגעלאָפן עטלעכע וואָכן, און דאָס קלערט אויף דעם אונטערשייד אין דער בונדישער שטעלונג.

לעקערטס שאָס, הגם פאָן־וואַל איז בלויז פאַרוואונדעט געוואָרן און ניט דערהרגעט געוואָרן, האָט אַרויסגערופן אַן אַלגעמיינע באַפרידיקונג און אַפילו באַגייסטערונג. עס איז דורך אַט־דעם אַקט צוריקגעשטעלט געוואָרן די „ווירדע פון קעמפנדיקן יידישן אַרבעטער־קלאַס". לעקערטס מוטיקע האַל־טונג, סיי בעת ער איז געשטאַנען פאַרן מיליטער־געריכט און סיי בעתן גיין צו דער תליה, האָט אים געמאַכט פאַרן שליח־צבור פון דער באַליידיקטער יידישער מאַסע. דידאָזיקע באַגייסטערונג האָט געדריקט אויפן „בונד" און האָט דערפירט צו דער רעזאָלוציע פון דער 5־טער קאָנפערענץ וועגן „אָרגאַ־ניזירטער נקמה".

די יידישע מאַסע האָט זיך נאָך ניט באַוויזן אויסטשוכען פון דער מעשה פאָן־וואַל, ווי עס איז אָנגעקומען דער טשענסטאָכאָווער רויב־פּאָגראָם, וואָס האָט אויפגעטרייסלט די יידישע עפנטלעכקייט אין „תחום" און אויסערן „תחום". דער פּאָגראָם אין טשענסטאָכאָוו איז פאָרגעקומען דעם 29 אויגוסט 1902. אַ פּאָגראָם־שטימונג האָט מען זיך באַמיט צו שאַפן אויך אין וולאָצלאַ־וועק. יידישע סטאָלער און מאָלער פלעגן קומען צו פאָרן פון וואַרשע און לאָדז אויף בוי־אַרבעט קיין וולאָצלאַוועק. די אָרטיקע בוי־אַרבעטער זיינען דערמיט געווען אומצופרידן. פינצטערע עלעמענטן האָבן געפּרוּווט אויסנוצן אַט־די אומצופרידנקייט. זיי האָבן צעקלעפּט בלעטלעך מיט אַ רוף צו שלאָגן

יידן. אָבער ווי עס זאָגט עדות דער שעף פון דער זשאַנדאַרמעריע אין פוילן, פּולאָן, איז „נישט געווען צו באַמערקן קיין אַנטי־יידישע שטימונגען". אויף די טשענסטאָכאָווער געשעענישן האָט זיך אָפּגערופן די פּפּ"ס. דער פּפּ"ס אויפרוף „פאַראורטיילט די אַנטי־יידישע אומרוען" און ראָט די באַוואוסטזיניקע אַרבעטער, אין פאַל ווען אַזעלכע געשעענישן זאָלן זיך איבערחזרן, אויסצונוצן זיי אין די אינטערעסן פון דער אַרבעטער־זאַך. עס איז נויטיק אין אַזאַ מאָ־מענט צו פאַרוואַנדלען די אומזיניקע אַנטי־יידישע אומרוען אין אַ דורכגע־טראַכטער דעמאָנסטראַציע קעגן עקספּלואַטאַציע און אונטערדריקונג [50].

15. די פינפטע קאָנפערענץ פון „בונד"
און די רעזאָלוציע וועגן „אָרגאַניזירטער נקמה"

אַט־אין־דעם יאָר 1902 איז זיך צענויפגעקומען די 5־טע קאָנפערענץ פון „בונד".

עס וועט אפשר זיין ניט איבעריק דאָ אויפצוקלערן אַ „קאָנסטיטוציאָ־נעלע" פראַגע אין דער אָרגאַניזירונג פון די בונדישע צוזאַמענפאָרן און קאָנ־פערענצן אין דער „אונטערערדישער טעטיקייט". קיין דירעקטע וואַלן, ד. ה., די מיטגלידער זאָלן אויסקלייבן זייערע פאַרטרעטער, איז געווען אוממעגלעך דורכצופירן. עס וואָלט באַדראָט די עקזיסטענץ פון דער „געהיימער אָרגאַ־ניזאַציע". קלייבן די דעלעגאַטן פלעגן נאָר די אָרטיקע קאָמיטעטן. אויב די קאָמיטעטן האָבן געשיקט זייערע פאָרשטייער, געוויילט דורך זיי, האָט דער צענויפקום געטראָגן דעם נאָמען צוזאַמענפאָר און זיינע באַשלוסן זיינען געווען פאַרפליכטנדיקע פאַר אַלע אָרגאַניזאַציעס. אַ קאָנפערענץ פלעגט צו־נויפגערופן ווערן דורכן צ. ק. און אויף זיינע איינלאַדונגען. עס איז געווען אַ פאַרברייטערטע זיצונג פון צ. ק. די קאָמפּעטענצן פון אַ קאָנפערעץ זיינען דעריבער געווען קלענערע. די באַשלוסן פון דער קאָנפערענץ פלעגן צוגע־שטעלט ווערן צו דער אַקצעפּטירונג פון די אָרטיקע קאָמיטעטן. מען האָט עס גערופן „רעפערענדום ביי די קאָמיטעטן" [51].

די וויכטיקסטע באַשלוסן פון דער פינפטער קאָנפערענץ זיינען געווען נוגע די פראַגן וועגן דער זעלבסטשטענדיקייט און אומאָפּהענגיקייט פון „בונד" אין באַצוג צו דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג; וועגן דעמאָנסטראַציע און

50) מיר האָבן ניט אין אונדזער רשות דעם אויפרוף. זיין אינהאַלט גיבן מיר אי־בער לויט דער רעזומע, וואָס פולאָן האָט דערלאַנגט דעם וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר, אווג"ג 101,654, 1־2, 218 פון יאָר 1902, בויגנס 135 און 190.

51) פאַרגלייך די „אַרבעטער שטימע", נומער 29, סעפּטעמבער 1902, ייוואָ־אַרכיוו אין ווילנע ב92267.

די פראַגע וועגן באַוואָפנטן ווידערשטאַנד דער פּאָליציי בשעת אַ דעמאָנסטראַציע. לבסוף די עיקר־פראַגע „אָרגאַניזירטע נקמה".

מיר ברענגען דאָ די רעזאָלוציעס וועגן באַוואָפנטן ווידערשטאַנד אויף דעמאָנסטראַציעס און אָרגאַניזירטער נקמה.

„אנערקענענדיק דעמאָנסטראַציעס אַלס איינעם פון די נויטיקסטע מיטלען אין קאַמף קעגן דער זעלבסטהערשונג און נעמענדיק אין אַכט, וואָס די רעגירונג באַנוצט וואָפן קעגן די דעמאָנסטראַנטן, געפינט די קאָנפערענץ פאַר נויטיק, אַז ביי די דעמאָנסטראַציעס זאָל אָרגאַניזירט ווערן אַ באַוואָפנטער ווידערשטאַנד קעגן דעם אָנפאַל פון פּאָליציי און מיליטער.

„די קאָנפערענץ אנערקענט:

„א) דאָס מען דאַרף פירן אַ שטאַרקע מאַסן־אַגיטאַציע פאַר דער נויטיקייט אַרויס־ווייזן אַ העכסט ענערגישן ווידערשטאַנד אין צופאַלן (פאַלן — ש. ל.), ווען די פּערזאָן פון די אָנטיילנעמער אין רעוואָלוציאָנערן קאַמף ווערט ענטערט (באַליידיקט, דערנידעריקט — ש. ל.).

„ב) דאָס אויף יעדן פאַל פון ענטערונג דאַרף מען ענטפערן מיט אָרגאַניזירטע אַקטן פון ראַכע (נקמה — ש. ל.) און פּראָטעסט, און אַזוי ווי די ראַכע, אַזוי דער פּראָטעסט שליסן נישט אויס איינס דאָס צווייטע"[52]).

אין דער פראַגע פון די טשענסטאָכאָווער געשעענישן האָט די קאָנפערענץ קיין שטעלונג ניט אָנגענומען, אָבער די „אַרבעטער שטימע" רעדט ברייט אַרום די געשעענישן, וואַרפט די שולד אויף די גלחים און דער רעגירונג, וואָס העצן קעגן די יידן, שטרייכט אונטער די נויטווענדיקייט פון פירן אַ פּראָפּאַגאַנדע, אַז אויפקלער־אַרבעט צווישן די פינצטערע מאַסן דורך אויפווייזן זיי, וועמען אַזעלכע אינערלעכע קאַמפן דינען. און פאַרענדיקט מיט דער באַמערקונג, אַז „אין צייט פון פּאָגראָם דאַרפן מיר זיך פירן, ווי מענטשן מיט מענטשן־ווירדע. קיין געוואַלט, פון וועמען ער זאָל נישט שטאַמען, טאָרן מיר ניט פאַרשווייגן. ווען מען באַפאַלט אונדז, מען שלאָגט און מען גזלט, וואָלט געווען אַ פאַרברעך פון אונדזער זייט אָנצונעמען דאָס אָן אַ ווידערשטאַנד. אין אַזוינע פאַלן מוזן מיר אַרויסטרעטן מיט געווער אין האַנט, אָרגאַניזירן זיך און שטרייטן ביזן לעצטן טראָפּן בלוט. נאָר ווען מיר ווילן אַרויסווייזן אַ קראַפט, ווילן מיר צווינגען יעדן איינציקן צו אַכטן אונדזער ערע.

הגם דאָס וואָרט „זעלבסטשוץ" איז נאָך נישטאָ אין געברויך, איז אָבער דער געדאַנק פולשטענדיק פאָרמולירט געוואָרן. פאַרטיידיקן זיך „אָרגאַניזירטערהייט מיט געווער אין די הענט" — דאָס איז זעלבסטשוץ. דער „בונד" האָט אָט־דעם געדאַנק פאָרמולירט נאָך אין יאָר 1902, נאָך פאַר קישינעוו און האָמעל.

די רעזאָלוציע וועגן „אָרגאַניזירטער נקמה" האָט אויפגערודערט ניט

52) די רעזאָלוציעס גיבן מיר לויט דער „אַרבעטער שטימע" פון זעלביקן נומער. אַזוי אויך די ציטאַטע וועגן דעם טשענסטאָכאָווער פּאָגראָם.

נאָר די בונדישע רייען, נאָר די גאַנצע אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד. די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט זיך אויסגעפורעמט אין קאַמף מיטן טעראָריזם. טעראָר, וואָס איז אָנגעווענדט געוואָרן דורך דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ״ און שפּעטער דורך די פאַרשיידענע ס. ר.־ישע גרופּן, איז באַטראַכט געוואָרן, ווי אַ פאַרלייקענונג פון דער ראָל, וואָס די מאַסן־באַוועגונג שפּילט און דאַרף שפּילן. דער „בונד״ איז פאָרמעל געווען אַן אויטאָנאָמער טייל פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. אַזוי אַז איר באַשלוס וועגן אָרגאַניזירטער נקמה האָט אָנגערירט אַ גרונט־פּרינציפּ פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אויפפאַסונג אין דעם געביט פון פירן רעוואָלוציאָנערע אַרבעט צווישן די מאַסן. אַזוי אַז סיי די סדפּ״ר און סיי די סדקפּ״ל האָבן אָנגענומען באַשלוסן אויסצעווירקן ביים „בונד״, ער זאָל אָפּ־די רעזאָלוציע צוריקציען. דער „אויסלענדישער קאָמיטעט פון „בונד״ האָט די רעזאָלוציע וועגן אָרגאַניזירטער נקמה פאַראורטיילט, און האָט אפילו אַרויסגעלאָזן אַ פּלוג־בלאַט קעגן אָפּ־דער רעזאָלוציע. דער באַשלוס גופא איז טאַקע אין אַ יאָר אַרום אָפּגערופן געוואָרן. צו קיין פּאַקטישע טעראָר־אַקטן האָט די רעזאָלוציע ניט געבראַכט. דער איינפלוס פון אָפּ־דער רעזאָלוציע האָט זיך געלאָזט באַמערקן אין געבוירן ווערן פון אַנאַרכיסטישע און „מאַקסימאַליסטישע״ באַוועגונגען צווישן יידן.

16. „בונד״ — אַלס זעלבסטשטענדיקע פּאַרטיי

דער קאַמף פון „בונד״ מיט דער רסדא״פּ אַרום דער נאַציאָנאַלער פראַגע, איז אין יאָר 1902 פאַרשאַרפט געוואָרן. אויב ביז די יאָרן 1900־1901, האָט דער „בונד״ ניט געהאַט קיין „קאָנקורינדיקע״ יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, ווערט די לאַגע אינגאַנצן אַנדערש איצט. די יידישע אַרבעטער־גאַס הויבט זיך אָן צו ברעקלען. אין יאָר 1900 הויבן זיך אָן אויסצובילדן אַרבעטער־גרופּן אין די רייען פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. אין 1901 לאָזט נ. סירקין אַרויס זיין אויפרוף: „צו דער רוסישער יוגנט״, וואו ער רעדט שוין וועגן „סאָציאַליסטישן ציוניזם״, ווי וועגן אַ פּאַרטיי, וואָס צילט צו באַטייליקן זיך אין סאָציאַל־דעמאָקראַטישן קאַמף אויף די ערטער (שפּעטער וועט מען עס רופן „קעגנוואַרט־אַרבעט״). דער אויפרוף רוקט אויך אַרויס דעם לאָזונג פון קאָלאָניזירן יידן אויף סאָציאַליסטישע יסודות אין פּאַלעסטינע, ציפערן און האַלב־אינדזל סיני. עס שאַפן זיך קרייזן פון „פּועלי ציוניסטן״ אין וויטעבסק, וואַרשע, מינסק און דרום־רוסלאַנד. און הגם עס זיינען נאָך קרייזלעך, צעזייטע און אָן פאַרבינדונג צווישן זיך, אָן צענטראַלער אָנפירונג

און אַן קלאָר־פאָרמולירטער געזעלשאַפטלעכער אידעאָלאָגיע, באַווייזט עס אָבער וועגן אַ נאַציאָנאַלן שטראָם, וואָס האָט אָנגעהויבן צו פליסן און באַווירקן די געזעלשאַפטלעכע איינשטעלונג פון דער אויפגעוואַכטער יידישער אַרבעטער־מאַסע. פון די נישט־יידישע פּאַרטייען האָט אויך דער „בונד" קיין שום קאָנקורענץ נאָך־ניט געהאַט. די איינציקע פּאַרטיי, וואָס אַרבעט צווישן יידן, איז געווען די פּפּ"ס. זי איז אָבער פאַרן „בונד" ניט געווען געפערלעך, סיי צוליב דעם וואָס דיזאָזיקע פּאַרטיי איז געווען דורכאויס פּויליש־נאַציאָנאַליסטיש און סיי צוליב דעם, וואָס זי איז געווען אַנטי־מאַרקסיסטיש. אָט־די פּאַרטיי איז געשטאַנען נעענטער צו די רוסישע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן. דער „בונד" אַלס אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי האָט קיין קאָנקורענץ אין די יידישע קרייזלעך פון דער פּפּ"ס ניט געזען. די סדקפּ"ל ווידער האָט קיין יידישע גרופּן ביזן יאָר 1904 נישט געשאַפן. עס זיינען, אמת, געווען יידן אין דער רסדא"פּ, אָבער אויף זיי האָט מען געקוקט, ווי אויף טוער פון דער אַלגעמיינער באַוועגונג און האָבן נישט קיין שייכות צום יידישן לעבן גופא. עס זיינען אפשר געווען שטרעמונגען אין „בונד", וועלכע האָבן געחלומט, אַז אַלע יידן, מיטגלידער פון דער סדרא"פּ, זאָלן געהערן צום „בונד" און זאָלן פאַרטראָטן ווערן אין דער „פּאַרטיי" דורך דער בונדישער אָרגאַניזאַציע (אָרגאַניזאַציאָנעלער פּרינציפּ). מען האָט זיך אָבער אין „בונד" אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז „די פּאַרטיי וועט אונדז אירע טוער־יידן נישט אָפּגעבן" [54]).

די אויפוואַכונג פון נאַציאָנאַלע שטימונגען אין דער יידישער אַרבעטער־מאַסע און די היסטאָרישע אויסבילדונג פון אַ ספּעציעלער יידישער אָרגאַניזאַציע, און דאָס זוכן אַ באַרעכטיקונג פאַר איר זעלבסטשטענדיקער עקזיסטענץ, דערפירן צו דער פאָרמולירונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע, ווי אַ באַזע פאַרן „אָרגאַניזאַציאָנעלן פּרינציפּ". די רסדא"פּ, געגרינדעט אין 1898 אין מינסק, מיט דער מיטהילף פון „בונד", ווערט אַ פּאַרטיי, וואָס האָט די אַמביציע צו פאַרטרעטן דעם גאַנצן פּראָלעטאַריאַט פון רוסלאַנד, אומאָפּהענגיק פון נאַציאָנאַליטעט און ראַסע. אין דער רעוואָלוציאָנערער רוסישער פּרעסע הויבט מען אָן צו קריטיקירן דעם „בונד" פאַר זיין „נאַציאָנאַלן סעפּעראַטיזם". די פירער פון דער סדאר"פּ שטייען אינגאַנצן אויפן אַסימילאַטאָ־

---

54) וועגן דעם, אַז די סדקפּ"ל האָט ניט געאַרבעט צווישן יידן, איז צו דרינגען פון פון „די אויבן ציטירטע „מאַטעריאַלן אאז"ו אין פּוילן", ווי אויך דער פאַקט, וואָס אין אווג"ג געפינט זיך ניט קיין איין אויפרוף אין יידיש פאַר אָט־דעם פּעריאָד. וועגן דער פאָרמירונג פון פּוע"צ קרייזלעך, זע „יידישער אַרבעטער־פּנקס", ז"ז 26־28. די פראַזע: „די פּאַרטיי וועט אונדז אירע מיטגלידער ניט געבן" איז גענומען פון מעדעמן אין זיין „פון מיין לעבן", ז. 208.

רישן שטאַנדפּונקט. די סדאר״פ אנערקענט נאָך דעם טעריטאָריאַלן פּרינציפּ, ווי אַ לייזונג פאַר דער נאַציאָנאַלער פראַגע און גייט איין אויף פאָדערן אויטאָנאָמיע פאַר די נאַציאָנאַלע געגנטן, ווי פּוילן, ליטע, אוקראַאינע, ווייסרוס־לאַנד, גרוזיע וכו׳. דעם נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלן פּרינציפּ פאַר עקסטעריטאָריאַלע פעלקער וואַרפט זי לחלוטין אָפּ. די יידישע אַרבעטער זיינען דורכאויס פאַרמשפּט צו אַסימילאַציע, און מ׳טאָר ניט קינסטלעך איינהאַלטן די יידישע נאַציע. ס׳זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך פאַררופן אויף דער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט פון „בונד״ גופא, ווי אויף אַ ראיה, אַז די יידישע אַרבעטער אַסימילירן זיך („מאַטעריאַלן אאז״וו אין פּוילן״, ז. 76). מען איז געשטאַנען ערב דעם דריטן צוזאַמענפאָר פון דער סדאר״פ און עס איז געווען זיכער, אַז דער „בונד״ וועט דאַרפן אויסשטיין אַ שווערן קאַמף פאַר זיין זכות־הקיום אַלס אויטאָנאָמע יידישע אָרגאַניזאַציע. כדי צוצוגרייטן זיך צו דער „שלאַכט״, רופט דער „בונד״ צענויף זיין פינפטן צוזאַמענפאָר (1903).

אָט־דער צוזאַמענפאָר, לא־די וואָס ער פאַרשמעלערט ניט די פאָדערונגען אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע, נאָר ער פאַרברייטערט זיי. דער „בונד״ באַנוגנט זיך שוין ניט מער מיט בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג, נאָר ער פאָדערט נאַציאָנאַלע רעכט, וועלכע זאָלן געזעצלעך, דורך אַ יורידישן סטאַטוט, גאַראַנטירן פרייע קולטורעלע אַנטוויקלונג פאַרן יידישן פאָלק („יורידישע גאַראַנטיע״). און אַלס פּועל־יוצא פון דער פאָדערונג פון נאַציאָנאַלע רעכט פאַרן יידישן פאָלק, קומט דער אָרגאַניזאַציאָנעלער אויספיר פאַרן אָרט פון „בונד״ אין דער סדאר״פ: „דער „בונד״ איז אַ ס. ד. אָרגאַניזאַציע פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, וועלכע איז נישט באַשרענקט מיט קיינע ראַיאָנע גרענעצן און גייט אַריין אין דער פּאַרטיי, ווי דער איינציקער פאָרשטייער פון יידישן פּראָלעטאַריאַט״.

אין וואָס דאַרף זיך אויסדריקן די נאַציאָנאַלע רעכט פאַרן יידישן פאָלק? די פאָדערונגען זיינען:

„1) פרייהייט פון קולטורעלער אַנטוויקלונג פאַר אַלע נאַציאָנען, גאַראַנטירט דורך געזעצן און באַפעסטיקט פון דער מלוכה און פון דער אָרט־פאַרוואַלטונג דורך צוגעפּאַסטע איינריכטונגען.

„2) פרייהייט צו באַנוצן די אייגענע שפּראַך, גלייך מיט דער אַלגעמיינער שפּראַך פון דער מלוכה, אין אַלע רעגירונג און געזעלשאַפטלעכע איינריכטונגען.

„די יידישע אַרבעטער דאַרפן האָבן אַ מעגלעכקייט צו באַקומען בילדונג אויף זייער אייגענער שפּראַך, זיי דאַרפן האָבן דאָס רעכט צו ריידן אויף זייער אייגענער שפּראַך אין

אַלע רעגירונג־אַנשטאַלטן, סודן (געריכטן — ש. ל.), אין באַציאונגען צו דער פאַבריק־אינספעקציע, אויף פאַרזאַמלונגען אאַ״וו״ [55]).

דער פינפטער צוזאַמענפאָר פון „בונד״ האָט געלייזט דעם „ויתרוצצו״ אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע אין זיינע רייען. די נאַציאָנאַלע פראָגראַם האָט זיך געשטיצט אויף פאָלגנדיקע הנחות:

א) יידן זיינען אַ נאַציע און עס קומט זיי נאַציאָנאַלע רעכט;

ב) דער יידישער אַרבעטער־קלאַס איז אַ טייל פון דער יידישער נאַציע און האָט אַ בלוטיקן אינטערעס צו קעמפן פאַר די רעכט פון פרייער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג. נאָך מער, ער אַליין איז דער טרעגער און קעמפער פאַר דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג פון דעם יידישן פאָלק; אַלע איבעריקע שיכטן ביי יידן וועלן געניסן פון נאַציאָנאַלע רעכט, נאָר אַ דאַנק דעם קאַמף פון יידישן אַרבעטער־קלאַס.

ג) די רוסישע אַרבעטער וועלן מוזן זאָרגן פאַר אויסקעמפן פאַר זיך סאָציאַלע דערגרייכונגען און וועלן קענען מקריב זיין די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון די אונטערדריקטע מינדערהייטן. עס איז על־כן די אויפגאַבע פון יידישן פראָלעטאַריאַט צו געדענקען און „קיינמאָל ניט פאַרגעסן״ די ספּעציעלע יידישע פאָדערונגען.

ד) עס זיינען נישט גענוג קיין בירגערלעכע רעכט, נאָר מען מוז זיך נאָך דערשלאָגן נאַציאָנאַלע רעכט.

ה) די נאַציאָנאַלע רעכט דאַרף געזעצלעך גאַראַנטירט ווערן דורך שאַפן אויטאָנאָמע איינריכטונגען פאַר פרייער יידישער קולטור־אַנטוויקלונג.

ו) די קולטורעלע אויטאָנאָמיע דאַרף אַרומנעמען פראַגן פון קולטור און בילדונג־וועזן.

ז) אנערקענונג פון דער יידישער שפּראַך אין עפנטלעכן מלוכה־לעבן, צוגלייך מיט דער הערשנדיקער רוסישער שפּראַך.

מיט אָט־דער פּראָגראַם און מיט אָט־די אויפפאַסונגען איז געקומען דער „בונד״ צו דעם דריטן צוזאַמענפאָר פון דער רסדא״פּ. ער שיקט אַהין אַ דעלעגאַציע פון 4: מעדעם, לעווינסאָן (קאָסאָווסקי), גאָלדמאַן (ליבער) און אייזנשטאַט. דער צוזאַמענפאָר איז געווען דורכאויס פיינטלעך צום „בונד״ און זיין שטעלונג אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע. מעדעם האָט געפּרואווט

55) פונם אויפרוף, וואָס איז צוגעשטעלט געוואָרן דורך דעם וואַרשעווער גובערנאַטאָר, 13־טן יאַנואַר 1905, נומער 19־1. דער אויפרוף איז אָפּגענומען געוואָרן ביי הערש זלאָטניצקי און אברהם שאַפּמאַן, איין עקזעמפּליאַר איז איבערגעשיקט געוואָרן אין דער „אָכראַנע״, דער צווייטער דעם ווג״ג. אווג״ג, נומער 103,709, ב. 6. איך ברייננג דעם אויפרוף, הגם ער איז אַרויסגעלאָזן געוואָרן שפּעטער פון יאָר 1903, ווייל ער גיט אַ פּירוש צו די רעזאָלוציעס פון 5־טן צוזאַמענפאָר.

אַריינטראָגן אָן אויסבעסערונג אין דער רעזאָלוציע וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע אין זין פון פאָדערן צו „שאַפן אַנשטאַלטן, וואָס זאָלן גאַראַנטירן די פולע פרייהייט פון קולטורעלער אַנטוויקלונג פון יעדער נאַציאָנאַלער גרופּע״ און זיך ניט באַגנוגענען מיט דער פאָרמולע „רעכט פון די נאַציעס אויף זעלבסטבאַשטימונג״. מעדעם האָט מאָטיווירט זיין אויסבעסערונג דערמיט, וואָס „נאַציע און טעריטאָריע פאַלן ניט אַלעמאָל צענויף. דעריבער קען זעלבסט־פאַרוואַלטונג פון געגנט באַוואָרענען מיט זעלבסטפאַרוואַלטונג נאָר יענע נאַ־ציעס, וואָס באַפעלקערן אַ באַשטימטע טעריטאָריע, דאָס זיכערט אָבער ניט די פרייע אַנטוויקלונג פון דער נאַציאָנאַלער מינדערהייט״. דער צעזאַמענפאָר האָט מעדעמס פאָרשלאָג אָפּגעוואָרפן. דער צעזאַמענפאָר פון דער רסדא״פּ האָט זיך געשטעלט אויפן טעריטאָריאַלן פּרינציפּ און האָט אָפּגעוואָרפן דעם נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלן פּרינציפּ. דערמיט אייגנטלעך איז שוין געווען פאַר־משפּט די אויטאָנאָמיע פאָדערונג פון „בונד״ אין די רייען פון דער פּאַרטיי (אָרגאַניזאַציאָנאַלער פּרינציפּ). וויבאַלד יידן ווערן ניט אָנערקענט אַלס נאַ־ציע, ממילא, דאַרף ניט עקזיסטירן קיין באַזונדערע אויטאָנאָמע יידישע אָר־גאַניזאַציע. דער צעזאַמענפאָר וואַרפט אָפּ דעם פעדעראַטיוון פּרינציפּ. דער בונדישער סטאַטוט־מינימום איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן און די בונדישע דעלע־גאַציע האָט פאַרלאָזן דעם צעזאַמענפאָר.

אין 1903 האָט זיך פאַרן „בונד״ אָפּגעשלאָסן דער ציקל: אָנגעהויבן ווי אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס דאַרף זיין אַ טייל פון דער ס. ד. אין רוסלאַנד, ווערט דער „בונד״ געצוואונגען צו ווערן אַ פּאַרטיי, וואָס לעבט און ווירקט זעלבסט־שטענדיק, אַן אָרגאַניזאַציאָנעלן בונד מיט דער רסדא״פּ.

דאָס יאָר 1903 מערקט אויך דעם לעצטן עטאַפּ פון דער מאָנאָפּאָרטיי־אישקייט אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס. סיי די סדקפּ״ל און סיי די רסדא״פּ הויבן־אָן צו גרינדן יידישן גרופּן. עס פאָרמירן זיך אויך נייע יידי־שע נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, וואָס פּרוואוון די נאַציאָנאַלע פראַגע שטעלן שאַרפער, ווי דער „בונד״.

דריטער קאַפּיטל

ריכטונגען און עוואָלוציע פון ציוניסטישן געדאַנק אין רוסלאַנד

(1903—1897)

די ציוניסטישע באַוועגונג אין רוסלאַנד — און בלויז אָט־די באַוועגונג אינטערעסירט אונדז דאָ — האָט געהאַט גאָר אַן אַנדער מין איינשטעלונג און אַנדערן קוק אויף דער יידישערווירקלעכקייט, ווי אויך אַן אַנדער אויפֿפאַסונג אויף פּאַלעסטינע, ווי דער שעפער פון ציוניזם, דר. טעאָדאָר הערצל. די ציוניסטישע באַוועגונג אין רוסלאַנד האָט געהאַט איר פאַרגעשיכטע, וואָס די איניציאַטאָרן פון דעם ציוניסטישן קאָנגרעס האָבן ניט געהאַט. באַלד נאָך די פּאָגראָמען פון די 80־ער יאָרן און נאָך „די צייטווייליקע כללים" („וורעמעניאַ פּראַווילאַ"), האָט זיך אין רוסלאַנד אָנגעהויבן די ביל"ו־באַוועגונג, אַ שטרעבונג צו באַזעצן יידן אין ארץ ישראל און איבערפירן יידן אויף ערד־אַרבעט. די עמיגראַציע כוואַליע, וואָס די פּאָגראָמען פון די 80־ער יאָרן האָבן אַרויסגערופן אין רוסלאַנד, האָט אַ טייל פון דער וואַנדערונג געבראַכט קיין פּאַלעסטינע. די ערשטע קאָלאָניזאַציע פּרוּוון האָבן געבראַכט אַ סך אַנטוישונגען און האָבן אַרויסגערופן אַ שטאַרקע קריטיק מצד אחד־העמן אין אַ סעריע אַרטיקלען אין „המליץ" אונטערן קעפּל: „לא זו הדרך".

אין 1882 דערשיינט דר. פּינסקערס בראָשור „אויטאָעמאַנסיפּאַציע", וואָס איז באַטראַכט געוואָרן דורך די חובבי־ציון פאַר זייער מאַניפעסט. דיזאיקע בראָשור גיט אַ פּסיכאָלאָגישע באַגרינדונג פאַרן אַנטיסעמיטיזם. פּינסקער באַטראַכט דעם אַנטיסעמיטיזם, ווי אַ פּועל־יוצא פון יידישער היימלאָזיקייט, און, ממילא, וועט די שנאה צו יידן אַזוי לאַנג דויערן, ווי לאַנג יידן וועלן נישט בילדן ערגעץ־וואו קיין מערהייט. פּינסקערן איז אַלץ איינס, וואו די יידישע מערהייט וועט זיך געפינען: צי אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון אַמעריקע, אָדער אין פּאַלעסטינע. פּינסקער איז געווען אַ טעריטאָריאַליסט, ווי מיר רופן עס היינט. די קאַטאָוויצער פאַרזאַמלונג פון די חובבי ציון האָט שוין גענומען אין באַטראַכט בלויז פּאַלעסטינע, אויסשליסנדיק אַלע אַנדערע לענדער. אין 1891 איז לעגאַליזירט געוואָרן „דער אָדעסער קאָמיטעט צו העלפן יידישע האַנטווערקער און ערד־אַרבעטער אין פּאַלעסטינע".

די רוסישע חובבי ציון האָבן שוין געטאָן פּראַקטישע קאָלאָניזאַציע־אַרבעט אין פּאַלעסטינע, נאָך איידער הערצל איז געקומען מיט זיין איניציאַטיוו פון אַלוועלטלעכן ציוניסטישן קאָנגרעס און איידער נאָך עס איז געבוירן געוואָרן דער פּאָליטישער ציוניזם.

ווי האָבן זיך די רוסישע ציוניסטן באַצויגן צו הערצלס קאָנגרעס? הגם דער פּראָגראַם, וואָס הערצל האָט פאָרמולירט פאַרן ציוניזם: „דער ציוניזם שטרעבט צו שאַפן פאַר יידן אַן עפנטלעך־רעכטלעך געזיכערט היים אין ארץ ישראל", איז געווען צום האַרצן די רוסישע חובבי ציון, האָבן זיי זיך אָבער צום קאָנגרעס באַצויגן מיט אַסך רעזערוו, און שיעור־ניט סקעפּטיש. צווישן הערצלען און די רוסישע ציוניסטן איז געשטאַנען אַ מחיצה, וואָס האָט געשטאַמט פון צוויי נוסחאות לעבנס־שטייגער, אָפּשטאַם און קולטור־סביבה. הערצלען, דעם אייראָפּעאיש־געבילדעטן אינטעליגענט, האָט זיך געדאַכט, אַז דער עיקר איז די דיפּלאָמאַטיש־פּאָליטישע שפּיל. עס איז גענוג, מען זאָל קויפן לאַנד אין ארץ ישראל, באַשטעטיקן און קריגן דעם הסכם פון די גרויס־מאַכטן אויף אָט־דער קניה און מען פירט דורך אַ יידישע מאַסן־קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע און דערמיט פאַרענטפערט מען סיי די יידישע עקאָנאָמישע נויט און סיי די יידישע נאַציאָנאַלע פראַגע. ארץ ישראל לייזט די יידן פראַגע. גאולת הארץ איז אַ געוואוגנדיקער מעטאָד פאַר גאולת ישראל. די הערצל־פאַנטאַזיע „פון יידן־שטאַט" איז ניט מער ווי אַ פּאָעטישע אילוסטראַציע צו אַ פּאָליטישן געדאַנק פון גאולת־הארץ. פאַר הערצלען איז דערביי געווען וויכטיק ווייניק די היסטאָרישע אויסבילדונג און אַנטוויקלונג פון דער יידישער קולטור, און ער איז גלייכגילטיק צו דער יידישער רעליגיע. הערצל פּראָקלאַמירט דעם אייראָפּעאישן לאָזונג — רעליגיע איז אַ פּריוואַט־זאַך. ציוניסטן האָבן זיך ניט צו מישן אין די אינערלעכע רעליגיעזע ענינים פון די יידישע קהלות אויף די ערטער. הערצלס נייטראַליטעט אין רעליגיעזע ענינים האָבן געשטאַמט פון צוויי מקורות: 1) אַ ריין־פּסיכאָלאָגישער: זינט דעם דרייפוס־פּראָצעס האָבן די ראַדיקאַלע, פּראָגרעסיווע עלעמענטן אין פראַנקרייך אָנגעהויבן אַ קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם, רעאַקציע און קלעריקאַליזם. אָט־די נייע דריי־איינהייט איז געקומען צום אויסדרוק בעתן דרייפוס־פּראָצעס און די ראַדיקאַלע עלעמענטן אין פראַנקרייך האָבן געפירט קעגן זיי אַ קאַמף איינצייטיק, און פלעגן די דריי־ווערטער אַרויסריידן בנשימה אחת. פראַנקרייך, די ראַדיקאַלע און פּראָגרעסיווע פראַנקרייך, האָט גענומען קעמפן פאַר אָפּטיילן די קירכע פון דער מלוכה, און זיי האָבן לסוף געזיגט. בעת הערצל האָט צונויפגערופן דעם ציוניסטן־קאָנגרעס איז פראַנקרייך געשטאַנען

אין סאַמע־ברען פון קאַמף מיטן קלעריקאַליזם. הערצל איז געקומען צום ציוניזם אַלס פועל־יוצא פונעם דרייפוס־פּראָצעס און פון דער אַנטיסעמיטישער באַוועגונג אין פראַנקרייך, איז נאַטירלעך מיטגעגאַנגען מיט די פראַנצויזישע „דרייפוסיסטן״, וועלכע זיינען געווען אַנטי־קלעריקאַל. איז עס דעריבער פאַר הערצלען גאָר קיין פראַגע ניט געווען, אַז דער ציוניזם דאַרף זיין וועלטלעך און האָט זיך ניט צו מישן אין די אידישע רעליגיעזע ענינים. בפרט נאָך אַז הערצלען אַליין איז די יידישע אמונה געווען פרעמד. 2) אַ פּראַקטיש־פּאָליטיש־פינאַנציעלער מאָטיוו: הערצל האָט געשטרעבט צו באַקומען די פינאַנציעלע מיטלען אויף דורכצופירן זיין פּלאַן דורך דער אונטערשטיצונג פון די יידישע געלט־מאַגנאַטן אין מערב־אייראָפּע. זיינע אויגן זיינען דעריבער בעיקר געווען געווענדעט צו די מערב־יידן. זיי האָבן אים געדאַרפט העלפן סיי ביים איינשטעלן פּאָליטישע פאַרבינדונגען מיט די מאַכט־האָבער אין אייראָפּע, סיי געבן אים געזעלשאַפטלעכן אָנזען, ווי אויך פינאַנציעלע מיטלען. די יידישע מאַסן אין רוסלאַנד און רומעניע זיינען גענומען געוואָרן אין חשבון, ווי אַ מאַטעריאַל פאַר ישוב ארץ ישראל, אָבער ניט פאַר גאולת־הארץ. די יידישע פּלוטאָקראַטיע אין ענגלאַנד, פראַנקרייך, דייטשלאַנד און עסטרייך איז געווען קולטורעל אַסימילירט און רעליגיעז — נייטראַל. כדי זיי צו געווינען האָט מען געמוזט פּראָקלאַמירן דעם פּרינציפּ פון „רעליגיע איז אַ פּריוואַט־זאַך״. מיר וועלן טאַקע דערפאַר באַמערקן, אַז מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער, ווען די האָפנונגען אויף דער יידישער פּלוטאָקראַטיע האָט פאַר־פירט, זאָל זיך דער ציוניזם שטעלן מיטן פּנים צו דער יידישער אָרטאָדאָקסיע, באַשליסן צו „פאַרכאַפּן די קהלות״, דערלויבן אַ רעליגיעזע ציוניסטישע גרופּע מיט הרב רייניס אין דער שפּיץ (אָבער וועגן דעם שפּעטער) [1].

אין רוסלאַנד האָבן זיך אָבער די יידישע מאַסן איינגעהיט אַלס אַ נאַ־ציאָנאַלער קיבוץ. דער יידישער מיטלשיכט, פון וועמען די ציוניסטישע מאַ־סע האָט זיך רעקרוטירט, דער יידישער קרעמער, קליינע סוחרים און די אויבערשטע שפּיצן פון האַנטווערקערישע אונטערנעמער, זיינען געווען פאַרבונדן מיטן בית־מדרש, תורה־יידישקייט און השכלהשער אויפגעקלערטקייט. זיי האָבן געשעפּט זייער גייסטיקע חיונה פון רעליגיעזן ספר און העברעאישן בוך.

1) פון פינסקערס בראשור „אויטאָעמאַנסיפּאַציע״, הערצלס „מדינת היהודים״ האָב איך געהאַט בלויז די העברעאישע איבערזעצונג, דער סטענאָגראַפישער באַריכט פון ערשטן קאָנגרעס (אין דייטש) געפינט זיך אין דער „יודאיסטישער ביבליאָטעק״ פון דער טלאָ־מאַצקע סינאַגאָגע אין וואַרשע, וועגן דעם דרייפוס־פּראָצעס און זיין איינפלוס אויפן פּאָ־ליטישן לעבן אין פראַנקרייך, זע שאַרל סענאָבאָס — „געשיכטע פון דער דריטער רעפּו־בליק״ אין לאַוויס אויסגאַבע: „געשיכטע פון פראַנקרייך״ (פראַנצויזיש).

זייער דערציאונג האָבן זיי באַקומען אין חדר און ישיבה, און זייער אויפקלע־רונג דורך די ספרים חיצונים. פון אָנהויב 19־טן יאָרהונדערט האָבן זיי זיך שוין געמוחט וועגן „נצח ישראל", וועגן „מענטש און ייד" (יהודה לייב גאָרדנס לאָזונג, למשל, פון „היה יהודי בביתך ובן אדם בצאתך" — אַ ייד אינדערהיים, און אַ מענטש — אין גאַס), און וועגן דעם „גורל פון יהדות". פון יהודה לייב גאָרדאָן, דורך סמאָלענסקין צו אחד־העם, האָט זיך געפורעמט דער געדאַנק וועגן דער „ספּעציעלער יידישער מיסיע", באַנומען וועלטלעך, „ראַציאָנעל". דעם „קיום האומה" האָבן אַט־די גרופּן געזען אין דער יידישער תורה, אינעם יידישן קולטור־שאַפן, אין דער העבו̇עאישער שפּראַך. זיי האָבן געפילט אויף זייערע אייגענע פּלייצעס דעם טעם פון „צרות היהודים" אָבער נאָך מער האָט זיי ווי געטאָן די „צרות היהדות". דער אַנטיסעמיטיזם איז אין זײַערע אויגן געווען ווייניקער געפערלעך, ווי דער אינווייניקסטער פּראָצעס פון התבוללות, פון אויסמישן זיך מיט די פעלקער, פון אַסימילאַציע.

הערצל האָט געזען בלויז יידישעליידן און פאַרפאָלגונגען. די רוסישע ציוניסטן האָבן אָבער געזען, געפילט און דורכגעווייטיקט די צרות פון יידיש־קייט, די געפאַר פון יידישער אַסימילאַציע און גייסטיקן נאַציאָנאַלן אומקום. הערצל פאַרלייקנט די נאַציאָנאַלע באַדייטונג פון דער יידישער רעליגיע. די רוסישע ציוניסטן זײַנען בראשם ורובם אַריינגעטאָן און פאַרליבט אין יידישן רעליגיעזן שאַפן. דערפאַר טאַקע קומט באַלד, נאָכן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזל, דער צעזאַמענשטויס און קאָנפליקט צווישן די ביידע באַ־וועגונגען. און כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס די רוסישע ציוניסטן־חובבים ווייזן זיך אַרויס פאַר זיין ניכטערער און קאָנקרעטער אין דער אָפּשאַצונג פון דער לאַגע און פון די אויפטואונגען פונעם קאָנגרעס, ווי די אייראָפּעאישע דיפּלאָמירטע אינטעליגענץ. אַזוי שרייבט דער וואָרט־זאָגער פון די רוסישע חובבים וועגן ציוניסטישן קאָנגרעס בזה הלשון:

„דער ציוניסטן־קאָנגרעס איז איצט אַ געשעענער פאַקט. אַ צוויי הונדערט דעלעגאַטן זײַנען זיך צונויפגעקומען אין באַזל און האָבן אין פאַרלויף פון 3 טעג (א״ג אלול תרנ״ז) עפנטלעך דיסקוטירט וועגן גרינדן אַ זיכערע היים פאַרן יידישן פאָלק אינעם לאַנד פון זײַנע עלטערן. דער נאַציאָנאַלער ענטפער (אויף דער יידן־פראַגע) — ש. ל.) . . . איז אַרויס אין דער עפנטלעכקייט (לרשות הרבים). אַט־דער ענטפער איז פּראָקלאַמירט געוואָרן פאַר דער וועלט הויך, קלאָר און מוטיק, אַזוינס וואָס איז נאָך נישט געשען זינט יידן זײַנען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון זייער לאַנד. און דאָס איז אַלץ. מער האָט דיזאַזיקע פאַר־זאַמלונג נישט געקענט טאָן און נישט געדאַרפט טאָן.

„מיר קענען זיך דערנענטערן נאָר צום מאַראַלן ציל פון חיבת ציון. אַלע איבעריקע זאַכן זײַנען נאָך דערווייל בלויז פאַנטאַזיע און חלום.

„די יידישע מלוכה" לייזט נישט די יידן־פראַגע. נאָך טויזנטער יאָרן פון פּיין און יסורים, איז אוממעגלעך, אַז דאָס יידישע פאָלק זאָל זיין צופרידן, ווען עס וועט ווערן אַ

קליין און נידעריק פאָלק, וואָס זיין מלוכה איז ווי אַ שפיל־צייג אין די הענט פון זיינע שטאַרקע שכנים און זי האַלט זיך אויף דער קונציקער דיפּלאָמאַטיע־שפּיל און שטענדיקער אונטערטעניקייט פאַר די שטאַרקע און מעכטיקע טאָג־הערשער" [2]).

אין אַ קורצער צייט אַרום קערט זיך אחד־העם ווידער אום צו דער פּראַגע וועגן דער מעגלעכקייט פון אַ יידישער מלוכה, אין וועלכער ער גלויבט נישט: באַזעצן אַ גרויסע צאָל יידן אין פּאַלעסטינע מיט איין מאָל איז עקאָנאָמיש אוממעגלעך. אויף ערד זיי צו באַזעצן וועט נישט סטייען קיין קאַפּיטאַלן. די אימיגראַציע וועט מוזן גיין לאַנגזאַם. ארץ־ישראל וועט זיך זייער גיך אָנזעטיקן מיט מענטשן. דאָס רוב יידן וועלן מוזן בלייבן אין זייערע וואוין־ערטער. ממילא, לייזט נישט ארץ־ישראל די יידן־פּראַגע „קבוץ־גליות איז אַ חלום" („קבוץ גליות הוא דבר שלמעלה מן הטבע"). ס'איז נאָך אפשר מעגלעך אַ יידישע מלוכה, אָבער עס איז אוממעגלעך „אויפצוזאַמלען די פאַרשטויסענע פון אַלע עקן וועלט".

„די מאַטעריעלע נויט וועט נישט באַזייטיקט ווערן דורך דער גרינדונג פון דער מלוכה. און נישט מיר זיינען בכלל אימשטאַנד צו באַזייטיקן זי. סיי מיר וועלן יאָ גרינדן אַ יידישע מלוכה און סיי נישט — וועט די מאַטעריעלע נויט זיין אָפּהענגיק פון עקאָנאָמישן מצב אין לאַנד און קולטור־מדרגה פונעם פאָלק, צווישן וועלכע יידן לעבן.

„ארץ ישראל דאַרף אויסלייזן יידישקייט דורך גרינדן אַ נאַציאָנאַלן צענטער, וואו דער יידישער גייסט וועט אָנגעמען בלוט און פלייש, וועט פאַרווירקלעכט ווערן אין זיין ריינקייט, זיך אַנטוויקלען אַלזייטיק און וועט דערגרייכן אַ מעגלעכסטע פולקאָמענקייט. און פון צענטער וועט זיך טראָגן דער יידישער גייסט אויף דער גאַנצער פעריפעריע, צו אַלע יידישע קהלות אין גלות, וועט זיי מונטערן און וועט אָפּהיטן זייער אַלגעמיינע געשטאַלטונג און אייניקייט" [3]).

דער בולטער שטריך פון „גייסטיקן ציוניזם", ווי עס פאַרמולירט אים אחד־העם, איז דער, וואָס ער באַציט זיך פּעסימיסטיש ניט נאָר צו דער לאַגע פון יידן אין די „גלות־לענדער", נאָר אויך צו דער צוקונפט פון ארץ־ישראל גופא. דער גייסטיקער ציוניזם זעט אין ארץ ישראל בלויז אַ תרופה פאַר דער „צרת היהדות", אָבער ער האָט ניט קיין עצה פאַר די צרת־היהודים. ארץ־ישראל קען ווערן אין אחד־העמס אויפפאַסונג, אַ ממלכת־כהנים, אַ פאָלק פון יידישן גייסט און מיט דעם משפיע זיין די קהלות „מחוץ לארץ", אָבער קיין לייזונג פאַר דער יידן־פּראַגע, פאַר צרת היהודים איז ארץ ישראל ניט.

אָט־די נעגאַטיווע און פּעסימיסטישע איינשטעלונג און אויפפאַסונג וועגן דעם גורל פון יידישן פאָלק סיי אין „גלות" און סיי אין ארץ־ישראל האָט געבראַכט דערצו, אַז דער אחד־העמיזם זאָל ווערן פאָלקסטימלעך, ניט

---

2) אחד־העם — „ילקוט קטן", „השלח", כרך ב׳, חוב׳ י״ב, ברלין, תרנ״ז, ז״ז 568־570.

3) אחד־העם — „לשאלת היום", „השלח", כרך ג׳ (חוברת יג־יח), תרנ״ח, ז״ז 1—11.

געקוקט אויף דעם, וואָס ער איז אַרויס פון אַן „אַריסטאָקראַטישן" שטאַנד־פונקט און האָט געשטרעבט צו אַ „ממלכת כהנים". פון דער אחד־העמיסטישער איינשטעלונג איז אַרויסגעדרונגען, אַז יידן אין זייערע וואוין־ערטער זיינען ניט קיין ציטוויילִיקע איינוואוינער און גרים, נאָר תושבים אויף לאַנגע־לאַנגע צייטן, און אפשר אויף אייביק. זייער גורל וועט זיין אָפּהענגיק פון דעם קולטור־מצב אין לאַנד פון זייער וואוין־אָרט. ממילא, זיינען זיי גורלדיק פאַרבונדן מיט דער פּאָליטישער און סאָציאַלער געשטאַלטונג אין די ערטער, וואו זיי וואוינען. אחד־העם מאַכט טאַקע אָט־דעם לאָגישן אויספיר פון זיינע הנחות און דערקלערט, אַז „די יידן דאַרפן פאָדערן נאַציאָנאַלע רעכט, פונקט ווי בירגערלעכע רעכט" אין זייערע וואוין־לענדער, הגם ער גלויבט ניט, יידן זאָלן זיך קאָנען דערשלאָגן צו נאַציאָנאַלע רעכט. און אפילו אז זיי זאָלן שוין יאָ באַקומען נאַציאָנאַלע רעכט וועט עס נישט זיין קיין לייזונג פאַרן יידישן קולטור־פּראָבלעם און עס וועט נישט „גענוגענען פאַר אונדזער נאַציאָנאַלן לעבן", ווייל די רייכע קולטור פון דער מערהייט וועט מוזן ווירקן אויף דער מינדערהייט קולטור און, ממילא, וועט זי פאַרלירן פון איר אייגנאַרטיקייט.

„ס'איז דאָ בלויז איין יידישע נאַציאָנאַלע רעכט, וואָס קען גענוגענען פאַר די באַדערפענישן פון אונדזער נאַציאָנאַלן לעבן, — און אָט־דאָס רעכט איז, אַז מיר זאָלן אויף זיין „אַ מערהייט" אין וואָסער עס איז לאַנד אונטערן הימעל. דעמאָלט וועט זיין אַ האָפענונג אויך פאַר אַלע איבעריקע פאָלקס־קינדער, וואָס זיינען צעשפּרייט אין די לענדער, אַז אָט־דער נאַציאָנאַלער צענטער וועט ווירקן מיט זיין גייסט אויף זיי און העלפן זיי צו לעבן מיט זיין לעבן, הגם זיי אַליין געניסן נישט פון קיין נאַציאָנאַלע רעכט אין זייערע וואוין־ערטער" [4].

אחד־העם, ווי אַ ייד וואָס קומט פון די טיפענישן פון רוסישן יידישן פאָלקסלעבן, שטעלט זיך קעגן דעם הערצל־ציוניזם, וואָס באַגרינדעט דעם יידישן נאַציאָנאַליזם אויפן אַנטיסעמיטיזם. הערצל, האַלט אחד־העם, פּאַסט אויף די יידישע נאַציאָנאַלע פראַגע זייער שמאָל. הערצל נעמט די שנאה צו יידן אַלס קען־צייכן פאַר דער נאַציע. „אַ פאָלק, —קלינגט הערצלס דעפיניציע, — איז אַ מענטשן־גרופּע, וואָס זייער נאָענטקייט און אייניקייט לאָזט זיך דערקענען אויפן גרונט פון אַ געמיינזאַמען שונא". קומט אויס, לויט הערצלען — אַזוי לערנט אחד העם מיט זיינע לייענער — אַז די פאָלקס־גרופּע ווערט אַזעלכע נאָר דערפאַר, ווייל דער בשותפותדיקער אויסערלעכער שונא צווינגט זיי צו פילען זיך אַלס אַזעלכע. ממילא קומט אויס, אַז דער אַנטיסעמיטיזם איז דער הויפּט־באַוועגער פון דעם נייעם ציוניזם: „דער אַנטיסעמיטיזם האָט געבוירן הערצלען, הערצל האָט געבוירן דעם „יידן שטאַט", דער „יידן־

---

4) השלח, כרך ג חוב. ד, ז"ז 239־295.

שטאַט" — דעם ציוניזם, און דער ציוניזם דעם קאָנגרעס. קומט אויס, אַז דער אַנטיסעמיטיזם איז די גרונט־סיבה (עלת־העלות) אין אָט־דער באַוועגונג. אין דער אמתן אָבער האָט יידישקייט אַ גרונט־ווערט אין זיך גופא און האָט אייגענע רייכע כאַראַקטער־שטריכן, וועלכע פאַרבינדן זי אין אַ פאָלקס־גרופּע. די נאַציאָנאַלע בינד־פעדים זיינען בשותפותדיקע זכרונות און ווערטן, בשותּפותדיקע מחשבות און געפילן, געמיינזאַמע האָפנונגען און שטרעבונגען".

די פּאָליטישע ציוניסטן לייגן דעם הויפּט־געוויכט אויף „צרות־היהודים", אחד־העם, דער פירער פון די רוסישע „חובבי־ציון" זוכט אַ תרופה פאַר דער „צרת היהדות". אין די רייען פון די אחד־העמיסטן ביל־דעט זיך אויס אַ גרופּע, וואָס פּאַסט אויף די יידישע אומה, ווי אַ קולטור־גע־מיינשאַפטלעכקייט אויפן באַזיס פון דער רעליגיע, פון תורת־משה. אָן תורת משה איז נישטאָ קיין יידישקייט — טענהן אייניקע פון זיי.

די יאָרן 1897־1899 מערקן אַ שאַרפן קאַמף אין די ציוניסטישע רייען צווישען די „נייע ציונים", ווי די אחד־העמיסטן פלעגען זיי רופן, און די אַלטע חובבים. ביידע ריכטונגען אין ציוניזם זוכן צו וועקן דעם נאַציאָנאַלן געפיל, טאָן אַקטיווע און קאָנקרעטע אַרבעט פאַר ארץ־ישראל, בויען יידישע שולן און אָוונט־קורסן פאַר יידישער געשיכטע און פאַר לערנען די העברעאישע שפּראַך. מעקרווירדיק, דעם אחד־העמיזם, די שטרעבונג צו שאַפן אין ארץ־ישראל אַ יידישן גייסטיקן צענטער, טראָגט אַ טאָפּל־כאַראַקטער: עס איז איינצייטיק אַ פאָלקסטימלעכע באַוועגונג און אַן אריסטאָקראַטישע, אַ פּראָג־רעסיווע און אַ רעטראָגראַדע. דער אחד־העמיזם אין זיין פריער־געשטאַלט, — פאַרן קלויזנעריזם — איז וויניקער שלילת־הגלותדיק, ווי דער פּאָליטישער ציוניזם. האָבנדיק אין זינען, אַז די גרויסע מערהייט פון יידן וועלן מוזן בלייבן וואוינען אין זייערע היים־ערטער, האָט דער אחד־העמיזם אונטער־שטיצט דעם געדאַנק וועגן דער נויטיקייט פון דערשלאָגן זיך צו בירגערלעכע און נאַציאָנאַלע רעכט אין די לענדער, וואו יידן וואוינען. און דאָס איז געווען איינע פון די שטרייט־פּונקטן צווישן אחד־העמיזם און דעם פּאָליטישן ציוניזם. זוכנדיק דעם גייסט פון יידישקייט, ווי אַן אָנשפּאַר פאַרן יידישן נאַציאָנאַליזם, האָט דער אחד־העמיזם עס געפונען אין פאָלקסטום. פון דאַנען שטאַמט אחד־העמס אויפפאַסונג, אַז עס איז ניט וויכטיק, צי משה איז אַ היסטאָרישע פּערזענלעכקייט, אָדער גאָר אַ לעגענדע, וויכטיק איז די פּערזאָן משה, ווי זי לעבט אין דער פאָלקס־פאַנטאַזיע. די גייסטיקע אויפפאַסונגען, קאָנצעפּציעס, ווי אויך די באַשטרעבונגען פון פאָלק דריקען זיך אויס אין די מאָראַלע שטריכן, וואָס די פאָלקס־פאַנטאַזיע האָט צוגעשריבן משהן. דער מיטוס

וועגן משהן, אויב עס איז אפילו נאָר אַ מיטאָלאָגישע געשטאַלט, איז די פּאַר־קערפּערונג פון יידישע מאָראַלע אויפפאַסונגען, איז פאָלקס־נשמה, אומאָפּ־הענגיק פון משהס היסטאָרישער עקזיסטענץ, אָדער צוגעטראַכטקייט [5]. חיוב הגלות אין „באַגרעניצטן געביט" פון מאַטעריעלן זיין, אנערקענונג פון פאָלקס־שאַפן, ווי אַ גרונט־זאַך אין פאַרשן דאָס פאָלקס־לעבן און פאַרשטיין דעם מהות פון דער אומה — דאָס זיינען געווען די צוויי פאָלקסטימלעכע סימנים פון אחד־העמיזם. פון דער צווייטער זייט ווידער איז דער אחד־העמיזם אַריסטאָקראַטיש מיט זיין גייסטיקייט, מיט זוכען צו לייזען די צרות היהדות און שטעלן די גייסטיקע אוצרות העכער פון מאַטעריעלן זיין. רעט־ראָגראַד איז דער אחד־העמיזם מיט זיין וועלן איינהאַלטן תורה־יידישקייט אין זיין היסטאָריש אויסגעפורעמטער רעליגיעזער טראַדיציע:

דער „השלח" פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל פון דר. ב. ניימארק, און מאַכט ניט קיין שום רעזערוואַציעס. די רעדאַקציע האָט זיך נאָך דאַן געפונען אין די הענט פון אחד־העמן גופא. דר. ניימארק שרייבט:

„אונדזער רעיון (דער ציוניזם — ש. ל.) מוז, דאָס איז מיין מיינונג און איבער־ציינגונג, קלאָר פאָרמולירן זיין פּאָזיטיווע באַציאונג צו דער אמונה, און אויב נישט וועט ער נישט ברענגען די נאַציאָנאַלע גאולה אויף דער וועלט. דער ציוניזם וועט נאָר דעמאָלט זיגן, אויב ער וועט פאַרשטיין אָפּצושאַצן די באַדייטונג פון דער רעליגיע אין יידישקייט. דער פולשטענדיקער זיג פון ציוניזם קאָן קומען נאָר מיטן כוח פון רעליגיעזן ווידערגעבורט... די אמונה — דאָס איז די נשמה פון פאָלק און דער עיקר פון איר פּרעכטיקער אייגנ־אַרטיקייט. דער פאָלקס־פּנים איז בכלל אַ רעליגיעזע געשטאַלט, אַ רעליגיעזע אינדיווי־דואַליטעט" [6].

י. ח. ראַווניצקי האַלט, אַז הגם דער פּאָליטישער ציוניזם וויל אויפבויען אַ יידישע מלוכה אין אַ שנעלן טעמפּאָ, בעת די חובבי־ציון באַגנוגענען זיך מיט אַ לאַנגזאַמערן טעמפּאָ פון אָט־דער טעטיקייט, איז דאָס נישט דער סאַמע וועזנטלעכער אונטערשייד צווישן זיי. דער עיקר אונטערשייד איז דער, וואָס „די חובבי ציון האַלטן, אַז דער ארץ ישראל ישוב האָט אַ נעענטערע און וויכ־טיקערע אויפגאַבע, ווי קבוץ־גליות: אויסצובויען אַ זיכערע היים פאַר יידישן נאַציאָנאַליזם און זיין גייסט, גרינדן אַ מקום־מקלט פאַר יידישע אייגנטימלעכ־קייטן, וועלכע גייען פאַרלוירן און ווערן געררודפט. ציון, העברעאיש, יידישע תורה, חכמת־ישראל — דאָס איז דער ציל".

פאַר די פּאָליטישע ציוניסטן, איז ציוניזם געבונדן מיט יידישע צרות. אויס מיט יידישע צרות — איז אויס מיטן ציוניזם. „חבת ציון" ציט

---

5) אחד העם — על פרשת דרכים, די אָפּהאַנדלונג „משה".

6) דר. ב. ניימארק — „הציונות והעם", „השלח" כרך ה', חוב' ב', 1899, ז"ז 97—104.

אָבער נישט איר יניקה פון אַנטיסעמיטיזם. אין די בעסטע צייטן וועלן די „חובבים״ האַלטן פאַר נויטיק צו גרינדן אַ מקום־מקלט פאַרן נאַציאָנאַלן גייסט, פאַר די יידישע אייגנשאַפטן. די חובבי ציון ווילן געפינען אין ארץ ישראל נישט נאָר אַ היילונג פאַרן גוף, נאָר אויך אַ רפואה פאַרן נאַציאָנאַלן גייסט און פאַר יידישקייט. און דאָס איז ביי זיי דער עיקר [7].

אחד העמס גייסטיקער ציוניזם האָט על־כן געהאַט פאָלגנדיקע שטריכן:

א) אַ נעגאַטיווע באַציאונג און פעסימיסטישע שטעלונג אין באַצוג צו דער מעגלעכקייט פון אַ שנעלער אויסוואַנדערונג פון יידן פון זייערע היים־לענדער, כדי צו באַזעצן זיך אין ארץ־ישראל. פון אָט־דער שטעלונג דרינגען אַרויס צוויי פּראַקטישע אויספירן: יידן וועלן בלייבן אַ גלות־פאָלק, ממילא, מוזן זיי זען צו דערשלאָגן זיך צו בירגערלעכע רעכט, און, אין די ראַמען פון מעגלעכקייט, אויך צו נאַציאָנאַלע רעכט, הגם דער אחד־העמיזם גלויבט ניט, אַז יידן וועלן זיך ווען־עס־איז דערשלאָגן צו נאַציאָנאַלע רעכט, בלייבנדיק אַ מיעוטים־פאָלק אויף זייערע וואוין־ערטער.

ב) ארץ־ישראל וועט אין בעסטן פאַל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ קליינער יידישער מלוכה, וואָס וועט זיך געפינען אין רשות פון די גרויס־מאַכטן און וועט זיין זייער שפּילצייג. איר פּאָליטישער באַדייט וועט נישט זיין קיין וויכ־טיקער. דאָס, וואָס ארץ־ישראל קען געבן, איז בלויז אַ יידישע מערהייט, וועלכע וועט קענען זיך קולטורעל אויסלעבן אויפן יידישן שטייגער, ווערן דער רעזערוואואַר פאַרן יידישן קולטור־שאַפן און אַזוי אַרום וועט זי מיט־העלפן צו אויפהאַלטן די יידישע נאַציע, פאַרהיטן זי פון אונטערגאַנג.

ג) צו די יידישע צרות איז ניטאָ קיין תרופה. קבוץ גליות איז אַ פאַנ־טאַזיע. היילן קען מען נאָר דעם יידישן גייסט.

ד) דער יידישער גייסט — דאָס איז די יידישע תורה מיט אַלע אירע מאָראַלישע אָנוואוקסן און פאָלקסטימלעכע איינטייטשונגען און אויסטייטשונ־גען.

ה) די היסטאָריש־אויסגעפורעמטע יידישע רעליגיע איז אַ גרונט־עלע־מענט פון יידישקייט. די קהלה־אָרגאַניזאַציע מוז איינהאַלטן איר רעליגיעזן כאַראַקטער. די רעליגיעזע נייטראַליטעט, וואָס דער ציוניסטישער קאָנגרעס אין באַזעל האָט דערקלערט איז אין סתירה מיטן יידישן נאַציאָנאַליזם.

ו) עס איז אַ גרונט־אויפגאַבע פון די ציוניסטן צו אויפלעבן די העב־

---

7) י. ח. רבניצקי — „חבת ציון וציונות״, „השלח״ כרך ג, חוברת ב (ח״ד), ז״ז 149־154.

רעאַישע שפּראַך און פאַרוואַנדלען זי אין אַ געווער פון נאַציאָנאַלער קולטור־שאַפונג. מען מוז גלייך אָנהויבן אויפצולעבן די העברעאישע שפּראַך אין דעם לאַנד, וואָס וועט דאַרפן ווערן דער קולטור־צענטער פאַר יידן אין גאַר דער וועלט, אין ציון. דאָס דאַרף געטאָן ווערן אין נאָמען פון נאַציאָנאַלן ווידערגעבורט, אין נאָמען פון דער „תחיה לאומית" [8]

דעם אחד־העמיזם וואָלט מען געקענט באַצייכענען אַלס מאַטעריאַליס־טישע גלותניקעס, און גייסטיקע שוללים. דער פּאָליטישער ציוניזם איז אָבער געווען פעסימיסטיש אויך בנוגע דער מעגלעכקייט פון דער מאַטעריעלער יידישער עקזיסטענץ אין גלות. זיי האָבן געקוקט מיט שרעק אויף אַנטיסעמי־טיזם און האָבן אָנגעוויזן, אַז ער שטאַמט סיי פון עקאָנאָמישע, סיי פּאָליטישע, ווי אויך פסיכאָלאָגישע און קולטורעלע סיבות. יידן זיינען „געסט" ביי די פעלקער, און אַזיווי מיר קענען זיי ניט אָפּצאָלן מיט גייסטפריינטלעכקייט פאַר זייער גאַסטפריינטלעכקייט צו אונדז און מיר האָבן ניט קיין מלוכהשע אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל זיך פאַר אונדז איינשטעלן, ממילא וואַקסט אַ שנאה צו אונדז („פינסקער, „אויטאָ־עמאַנסיפּאַציע"). מיר זיינען בלויז אַ גייסטיק פאָלק, ס'פעלן אונדז אַלע רעאַלע אַטריבוטן, ממילא, שרעקט מען זיך פאַר אונדז, ווי פאַר אַ פאָלק פון סאַמע רוחניות. ווען מיר טרעטן אַריין אין קאָנקורענץ־קאַמפן אויפן עקאָנאָמישן געביט מיט אונדזערע ניט־יידישע שכנים, ווערט דער נאַ־ציאָנאַלער פאַקטאָר אַ מיטל צו באַקעמפן אונדז עקאָנאָמיש. דאָס ברענגט דערצו, אַז מיר ווערן אַרויסגעשטויסן פון אונדזערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס און מיר בלייבן ממילא ביי די נידעריקסטע צווייגן פון מלאכה און באַשעפטיקונג. די הויפּט־צרה איז וואָס עס פעלן ביי אונז לחלוטין אַ פויערים־קלאַס. ממילא שטעלט זיך די אויפגאַבע געזונט צו מאַכן דאָס יידישע לעבן דורך אומקערן יידן צו ערד, צו דער נאַטור און דאָס איז מעגלעך נאָר דורך שאַפן אַ יידישע מלוכה. מען דאַרף אָפּקויפן ארץ ישראל ביי דער טערקיי צוליב דעם צוועק, און באַמיען זיך, אַז די גרויסמאַכטן זאָלן זיכערן, גאַראַנטירן אָט־די קניה. פון וואַנען עס שטאַמט די באַזעלער ציוניסטישע פּראָגראַם: „דער ציוניזם שטרעבט צו שאַפן אַן עפנטלעך־רעכטלעך געזיכערטע היים פאַרן יידישן פאָלק אין לאַנד פון זיינע אבות".

„הערצלס פּאָרשלאַג — שרייבט איינער פון זיינע קעגנער די „חובבים" — איז אַן עקאָנאָמישער און דיפּלאָמאַטישער איינצייטיק. אַזוי איז דער שטייגער פון מאָגן: מען

8) די אויספירן זיינען געבויט אויף אחד־העמס „על פרשת דרכים". וועגן דער באַציאונג פון אחד העמן צו דער קהלה און צו דער יידישער תורה, זע „התורה והעבודה" אין „השלח", כרך ט׳, חוברת מ״ט, ז״ז 1־61, ווי אויך דר. ד. ניימארק — „הציונות והעם", „השלח", כרך ט׳, חוברת ב, ז. 101.

רעדט אין נאָמען פון גייסטיקע ווערטן, פון סאַמע הייליקייטן, בעת אין דער אמתן שטאַמט די באַגייסטערונג פון אַ הונגער־התלהבות" (ד. ניימאַרק אין ציטירטן אַרטיקל).

דער סאָציאַלער צוזאַמענשטעל פון די חובבים איז געווען הויפּטזעכלעך פון יידישן מיטל־קלאַס, משכילים, האַלבע פריידענקער און העברעאיש־קע־נער. די הערצל־באַוועגונג האָט אַרומגעכאַפּט בעיקר די אויבערשטע שיכטן, די יידישע אינטעליגענץ. „די געלערנטע נאַציאָנאַליסטן, — שרייבט דער־זעלביקער ד״ר ניימארק — האָבן אָנגעהויבן צו זוכן עקאָנאָמישע טעמים פאַר זייער נאַציאָנאַליזם".

די „פּאָליטישע ציוניסטן", לייגנדיק די הויפּט־געוויכט אויפן עקאָנאָ־מישן איבערבוי פון יידישן לעבן און טראַכטנדיק וועגן אַ מאַסן־קאָלאָניזאַציע פון ארץ־ישראל, האָבן דעריבער געזוכט צו טאָן עפּעס פאַר דער פּראָפעסיאָ־נעלער אויסבילדונג פון דער יידישער באַפעלקערונג. דאָס האָבן די ציוניסטן געהאַלטן פאַר זייער גרויסן פאַרדינסט. „פאַר די עטלעכע יאָר פון זיין עק־זיסטענץ, האָט דער ציוניזם באַוויזן צו גרינדן, מיט דער דערלויבעניש פון דער רעגירונג, אַ באַדייטנדיקע צאָל האַנטווערקער־שולן, אַגראַר־פאַרמעס, חדרים־מתוקנים" (זע די יאַסינאָווסקי־פּאָדלישעווסקי ביטע צום ווג״ג אין ווייטערדיקן קאַפּיטל).

די פּאָליטישע ציוניסטן, אין קעגנזאַץ צו די חובבים, האָבן שאַרף באַ־טאָנט די „יידישע צרות". ארץ־ישראל דאַרף, אין זייער אויפפאַסונג, לייזן בעיקר די „יידן־פראַגע". „גאולת הארץ" איז אין זייערע אויגן געווען אַ פונקציע פון „גאולת ישראל". און אַזויווי דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט טראָגן הילף פאַר די אָרעמע יידישע מאַסן, האָט דער פּאָליטיש־דיפּלאָמאַטי־שער ציוניזם געוואונען די „געבילדעטע קלאַסן" ביי יידן. „צום ציוניזם האָט אונדז געצויגן, — דערציילט בער באָרוכאָוו, — יענער ראָמאַנטישער באַ־פרייאונג־אָרעאָל, וועלכער האָט אַזוי העל געבלישטשעט אויף דעם שטערן פון די ציוניסטישע פירער און פּראָפעטן". „די סימנים פון יענעם ציוניזם — שרייבט דר. ניימאַרק — זיינען צוויי: עס פעלט אים היסטאָרישער געדולד און ער טראָגט אַ דיפּלאָמאַטישן כאַראַקטער" [9]

דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס האָט דערקלערט זיין נייטראַל־קייט צו רעליגיעזע פראַגן. מיט אָט־דעם פונקט איז די ציוניסטישע באַוועגונג געוואָרן אַ וועלטלעכע באַוועגונג צווישן יידן. אָבער אָט־די שטעלונג איז געווען דער סלע־המחלוקת צווישן די „נייע ציוניסטן" און די חובבים.

---

9) זע „די פראַגע וועגן אָנטייל אינם ציוניסטישן קאָנגרעס", יידישער אַרבעטער פנקס, זייט 241, דר. ד. ניימאַרק, „הציונות החדשה", "השלח", כרך ט׳ חוב׳ ב׳, ז. 396.

און וואָס מער הערצלס חלום וועגן „אָפּקויפן ארץ ישראל" איז געוואָרן שווע־רער צו פאַרווירקלעכן, אַלץ מער האָט הערצל געמוזט נאָכגעבן די „רוסישע ציוניסטן". אויפן צווייטן ציוניסטישן קאָנגרעס ווערט שוין אָנגענומען אַ באַשלוס צו „פאַרכאַפּן די קהלות", און אַזויווי די קהלות זיינען געווען דורכ־אויס רעליגיעזע, ממילא איז דאָס געווען אַ קער צו באַשעפטיקן זיך מיט יידישע אמונה פראַגן.

די ביידע שטראָמען פון געזעלשאַפטלעכן געדאַנק אין ציוניזם האָבן געהאַט אַ סך געמיינשאַפטלעכע שטריכן. די באַגרינדונג איז דורכאויס אַן אידעאַליסטיש־פּסיכאָלאָגישע. „אויב דו ווילסט, איז עס נישט קיין חלום" — איז די מאָטאָ צו הערצלס יידן־שטאַט. „די יידישע נאַציאָנאַלע איינהייט באַזירט זיך אויף געמיינזאַמע זכרונות, געפילן, האָפענונגען און באַשטרעבונ־גען", — איז אַחד־העמס פאָרמולירונג. הערצל זוכט פּראַקטישע מעשים, מיטן ציל צו לייזן די יידן־פראַגע. אחד העמס ציוניזם איז מער ראָמאַנטיש, גייס־טיק, זוכט צו ברענגען הילף פאַר דער „גלות השכינה", ווי די מקובלים פלעגן עס רופן. דאָס איז אין תוך אַ קאַמף צווישן צוויי שיכטן פון דער יידישער אינטעליגענץ. דעם רוסישן משכיל און דעם איראָפּעאיש־דיפּלאָ־מירטן אינטעליגענט. נאָך אַחד־העמען גייט נאָך דער קליינער און מיטעלער יידישער קרעמער, וועלכער איז פאַרבונדן מיט דער תורה, פאָלקסטום און „יבנה". ביי אָט־די שיכטן איז ציון אַ האַרץ־בונד מיט אַ פון־דורות־געוועבטן חלום, אויסגעזונגען אין די תפילות, אויסגעוויינט אין קינות און תחינות. נאָך הערצלען גייט נאָך די אַסימילירטע יידישע אינטעליגענץ, וועלכע שלעפּט מיט זיך מיט דעם גרויסן סוחר און פינאַנציסט. אָט־די עלעמענטן שטרעבן צו העלפן די יידישע מאַסן. ציוניזם איז אין דעם פאַל אַ נייע מאָדערנע זייט פון פילאַנטראָפּיע. אָט־דער „ויתרוצצו" פון פאַרשיידענע אידעאָלאָגיעס און פאַרשיידנקייט פון סאָציאַלן צעזאַמענשטעל, מוז אין אַלגעמיינעם סך־הכל דערפירן צו אַן איינרייס. מיט דעם דערקלערט זיך, וואָס מיט אַ פאַר יאָר שפּעטער הויבן זיך אָן אויסבילדן גאַנצע פראַקציעס אין ציוניזם, און עס ברעכן זיך אַרויס פון ציוניזם סאָציאַליסטישע און טעריטאָריאַליסטישע פּאַרטייען (פּועלי ציון, סאָציאַליסטן טעריטאָריאַליסטן, אין פאַרקירצונג ס"ס וכדומה).

הערצלס געוואָגטע אידייע פון אָפּקויפן ארץ־ישראל און פון אַ באַל־דיקער מאַסן־אימיגראַציע אין פּאַלעסטינע, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אומ־מעגלעך צו רעאַליזירן. אין 1899, צוויי יאָר נאָך ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס, איז שוין קלאָר געוואָרן, אַז דער גרויס־ציוניזם איז אַ טרוים, וואָס אפילו

„אויב דו ווילסט, איז עס נאָר אַ חלום". די ציוניסטישע באַוועגונג האָט זיך געמוזט צוריקקערן צו דער קליין־פּאָליטיק און צו פּאַמעלעכער, בהדרגה־דיקער קאָלאָניזאַציע. הערצל מוז אָפּלייגען די „עפנטלעך־געזיכערטע היים" אויף שפּעטער, און דערווייל זיך באַגנוגענען מיט אַ שטרעבונג צום „טשאַרטער", וואָס אחד־העם באַטראַכט, מיט רעכט, אַלס צוריקקער צום חובבי־ציון־שטאַנדפּונקט. די וואָג פון די רוסישע ציוניסטן אין אַלוועלטלעכן ציוניסטישן קאָנגרעס הויבט אָן צו וואַקסן.

אָבער אין רוסלאַנד הויבן־אָן פּאַרקומען געשעענישן פון גרויסער באַדייטונג. עס קומען אָן די יאָרן 1900־1901, יאָרן פון רעוואָלוציאָנערן אויפברויז. סטודענטן־אומרוען, פּויערים־בונטן, אַרבעטער־אַרויסטרעטונגען. די אַלגעמיינע פּאָליטישע דערוואַכונג רופט זיך זייער שטאַרק אָפּ אויפן יידישן תחום. די יידישע אַרבעטער און רעוואָלוציאָנערע יוגנט רופן אַרויס שטרייקן, דעמאָנסטראַציעס און „גאַסן־אומרוען". די אַלגעמיינע רעוואָלוציאָנערע שטימונג פילט אָן מיט ברען־שטאָף אויך די רייען פון די רוסישע ציוניסטן גופא. צווישן די יידישע סטודענטן, וועלכע זיינען ציוניסטיש געשטימט, שאַפן זיך קרייזן און גרופּן, וואָס ריידן אויף אַן אַנדער שפּראַך, ווי מען איז געוואוינט געוואָרן צו ריידן צווישן די ציוניסטן ביז־איצט. אָט איז, אַלס מוסטער, דער העקטאָגראַפירטער אויפרוף פון סטודענטן־קרייז „תחיה":

„חברים, שוין לאַנג האָבן די בעסטע כוחות פון דער יידישער יוגנט, וועלכע האָבן איינגעהיט די געפילן פון זעלבסטווירדע, אָפּגעפילט די גאַנצע ביטערקייט פון גייסטיקער דערנידערונג, פון וועלכע זיי קומט אויס צו ליידן מצד דער געזעלשאַפט, וואָס איז אונדז פיינטלעך. פון דער צווייטער זייט איז פאַר די לעצטע צען יאָר צווישן יידן שנעל געוואַקסן דאָס געפיל פון אייגנאַרטיקן פאָלקסגייסט. אָט־די שטרעמונגען האָבן אַרומגעכאַפּט די יוגנט. ס'האָבן זיך באַוויזן אַ סך יונגעלייט, גוטע מענטשן, וועלכע דאַרשטן דרייסט און קלאָר אויסצודריקן דאָס געפיל פון באַוואוסטזיין פון פאָלקס־גייסט און צעזאַמען דערמיט אַרויסצוטרעטן אין קאַמף מיט די שונאים פון די יידן. מיר די יידישע יוגנט, זאָגן:

„גענוג צו דערנידעריקן זיך פאַרן שונא! גענוג צו דער גלייכגילטיקייט צו די פראַגן פון אייגענעם פאָלק! גענוג צו פאַרלירן דעם אייגענעם פּנים דורך קינסטלעכער פאַרשטעלן און פאַרמאַסקירן זיך, בלייבן גלייכגילטיק צו דער ברענענדיקער פראַגע — אין נאָמען פון קאַריערע!

„מיר זיינען איצט מודיע די חברים, אַז עס האָט זיך אויסגעבילדעט אַ קרייז פון לער־יוגנט, וועלכע שטעלט זיך פאַר אַ ציל אויפצוגיסן אין אַ געמיינזאַמער אַרבעט אַלע די חברים, וועלכע זיינען דורכגענומען מיטן געפיל פון הייליקן פליכט צו אַרבעטן פאַרן גליק פונם יידישן פאָלק. מיר פאַראייניקן אַלע די, וואָס באַזיצן די דעצידירטקייט פון יידן און ווילן פאַר זיי אַרבעטן. מיר פאַראייניקן זיך, כדי: 1) בולטער צו מאַכן אונדזער נאַציאָנאַלע אחדות בעת יעדער געשעעניש; 2) צו אַרבעטן לטובת דער אַלזייטיקער נאַציאָנאַל־קולטורעלער יידישער ווידערגעבורט; 3) אַרונטערצערייסן ענדגילטיק די באַליי־

דיקנדיקע פאַר אונז שטרעבונג צו אַסימילאַציע. דאָס זיינען די אויפגאַבן אונדזערע אין דער טעאָריע און פראַקטיק.

„חברים, מיר ווילן העלפן צו זיין יידן די יונגעלייט, וועלכע ווילן עס זיין. מיר ווילן פירן אויפן דרך־הישר אַלע די, וועלכע האָבן נאָך נישט פאַרלוירן דאָס געפיל פון זעלבסטווירדע און יוגנטלעכן ברען. יידן פאַר יידן! וייל ווער, אויב נישט מיר, דאַרף זיך באַציען מיט ליבע און ווידמענען זיין אַרבעט פאַר אונדזער אָרעמען פאָלק, וועמען מען באַליידיקט און מען איז מבטל אַזוי אָפט. אַוועקגייענדיק אין אייגענע, עגאָאיססישע שטרעמונגען, לאָזן מיר איבער דאָס פאָלק אויף זיין אייגענעם גורל. לאָמיר דערנעענטערן זיך צו אים און עס וועט אונדז געבן כוח און מוט פאַר אַ טעטיקייט, וואָס דאָס פאָלק פאַר־דינט און וואָס עס פּאַסט פאַר דער יוגנט. אַזאַ שטעלונג קען נאָר זיין אַ כבוד פאַר אונדז. קעגן געמיינזאַמען שונא קענען מיר אַרויסטרעטן צוזאַמען מיט אַלע אים פיינטלעכע עלעמענטן. קעגן פּערזענלעכע שונאים טרעטן מיר אַרויס אַלס שונאים, אָבער שטענדיק ווי גלייכע מיט גלייכע. אַזוי זאָגט אונדזער המון. זיין געפיל פון זעלבסטווירדע באַליי־דיקט מען אויף שריט און טריט. לאָמיר זיך איינשטעלן פאַר אים. לאָמיר פאָדערן אונדזע־רע נאַציאָנאַלע רעכט.

„על־כן, מיר ציילן, חברים, די בכבודיקע קעמפער פאַר דער הייליקער זאַך.

„די מער־מוטיקע, — צו אונדז. אונדזער לאָזונג — „ווידערגעבורט" (תחיה). אונד־זערע מיטלען — אַרבעט פאַרן פאָלק. אונדזער מעטאָד — אָפן און דרייסט. די וואָס זיינען ווערט צו שטיין אונטער אַזאַ פאָן, חברים, צו אונדז! קליינמוטיקע און גלייכגיל־טיקע — אַוועק פון אונדז. צו־ווייניק וועלן מיר נישט זיין.

„אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פון דעם קרייזל פון דער לער־יוגנט „תחיה" (ווידערגעבורט).
„פּ. ס.: אַ גענויע פּראָגראַם וועט בקרוב אַרויסגעגעבן ווערן" [10]).

כאָטש דערדאָזיקער אויפרוף איז מטושטש און אומקלאָר, דאָך איז נישט שווער אויסצושיילן אין אים אַ נייעם טאָן. ראשית, די באַמערקונג, אַז „קעגן געמיינזאַמען שונא קענען מיר אַרויסטרעטן צוזאַמען מיט אַלע אים פיינטלעכע עלעמענטן". דאָ איז פאַראַן, מיינען מיר, אַן אָנצוהערעניש וועגן אַקטיוון קאַמף מיטן צאַריזם, אין די אינטערעסן פון יידישע נאַציאָנאַלע רעכט. דאָס איז די ערשטע שוואַלב פאַר „קעגנוואַרטס־אַרבעט", וואָס די רוסישע ציוניסטן וועלן אָננעמען אין העלסינגפאָרס. והשנית, איז אין דעם פּראָגראַם אָנגעזאָגט אַ פאַרביסענער קאַמף דער אַסימילאַציע. עס ווערט אַרויסגערוקט אין פאָדער־גרונט די באַדייטונג פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויפוואַכונג און פון אַקטיווער אַרבעט לטובת די יידישע פאָלקס־מאַסן. אויסער דעם אנער־

10) דער אויפרוף איז לכתחילה געשריבן געוואָרן אין פּויליש. אין אַרכיוו פון ווג"ג איז געבליבן נאָר די רוסישע איבערזעצונג פון פּוילישן טעקסט. דער אָריגינאַל געפינט זיך ניט אין די אַקטן. די רוסישע איבערזעצונג אין געמאַכט געוואָרן פון גאַלובאָוון, דעם איבערזעצער פון דער וואַרשעווער גובערניאַלער זשאַנדאַרמען־פאַרוואַלטונג. דער אויפ־רוף איז באַגלייט געוואָרן מיט אַ שטרענג־געהיימען ראַפּאָרט צום ווג"ג פון זשאַנדאַרמען־שעף, דעם 27טן יאַנואַר, 1900, אווג"ג נומער 132 פון 1900, ערשטע געשעפטפירונג, צוויי־טער טיש, אַלגעמיינער נומער 98441, מיט אויבערקעפּל: „וועגן געהיימע אַרבעטער פאַר־זאַמלונגען", בויגן 21.

קענט דער אויפרוף אַ יידישע אייגנאַרט אין מאָראַל־גייסטיקער שאַפונג. עס איז אַ געמיש פון הערצעליזם מיט אחד העמיזם.

ווען מען קוקט זיך צו צו דער ציוניסטישער באַוועגונג אין אָט־דעם פעריאָד, באַקומט מען דעם איינדרוק פון אַ באַוועגונג, וואָס האָט אויפקלע־רערישע צילן, אין דער קאָנקרעטער טעטיקייט. די פּאָליטישע אַרבעט איז גלייך נול. בפרט נאָך אין רוסלאַנד, וואו קיין עפנטלעך לעבן איז בכלל ניט געווען בנמצא, סיידן אין דער „אונטערערד". אין דעם פעריאָד האָבן די ציוניסטן געהאַלטן, אַז דער קאַמף מיטן צאַריזם גייט זיי ניט אָן און די באַטיי־ליקונג פון דער יידישער יוגנט אין רעוואָלוציאָנערן קאַמף האָבן די ציוניסטן באַטראַכט פאַר אַן אומגליק (זע די יאַסינאָווסקי־פּאָדלישעווסקי־ביטע). קיין קאָנקרעטע פּאָליטישע אַרבעט האָבן די ציוניסטן נישט געפירט און האָבן קיין קאָנקרעטע פּאָליטישע לאָזונגען פאַר יידן אין רוסלאַנד נישט אַרויסגע־שטעלט. אַפילו „תחיה", וואָס רעדט שוין אפילו יאָ וועגן קעמפן מיטן געמיינזאַמען שונא האָט אין האַנט מיט די עלעמענטן, וואָס זיינען פיינטלעך צו „אונדזער געמיינזאַמען שונא", האָט אָבער געהאַט אַ בפירושן פונקט אין פּראָגראַם, לויט דער גבית־עדות פון וואַרשעווער פּראָקוראָר, אַז די מיט־גלידער פון „תחיה" טאָרן נישט געהערן צו קיין שום פּאָליטישע אָרגאַניזאַ־ציע. אַזוי אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ „פּאָליטישע" באַוועגונג, וואָס באַגנוגנט זיך מיט געלט־זאַמלונגען פאַר פּאַלעסטינע, טעאָרעטישע דיסקוסיעס, לערנען געשיכטע פון יידן, פאַרשפּרייטן תנ"ך־וויסן, בויען רעפאָרמירטע תלמוד־תורות, פּראָפעסיאָנעלע שולן, פאַרלאַג־אַרבעט וכו'. די איינציקע פּאָליטישע טעטיקייט זיינען געווען די וואַלן צום קאָנגרעס . . .

די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין רוסלאַנד האָט געהאַט נאָך אַ פּעולה אויף דער ציוניסטישער באַוועגונג אין אָט־דעם לאַנד. די צאַרישע מאַכט האָט אָנגעהויבן „קוקן דורך די פינגער" אויף דער ציוניסטישער באַוועגונג, און האָט זי פּאַקטיש, אויב נישט יורידיש, לעגאַליזירט. אין צפון־מערב־געגנט (ווילנע, מינסק), אין דעם אַזוי גערופענעם „ראַיאָן פון בונד", האָט די צאַרישע אַדמיניסטראַציע אפילו דערלויבט צו אָרגאַניזירן עפנטלעך ציו־ניסטישע קאָנפערענצן און צוזאַמענפאָרן.

אין יוני 1900 קומט פאָר אין ווילנע די ערשטע ראַיאָן־קאָנפערענץ פון די ציוניסטן. עס האָבן אָנטייל גענומען אין אָט־דער קאָנפערענץ 168 דעלעגאַטן. דער צוזאַמענשטעל פון דער קאָנפערענץ לויט זייערע באַשעפ־טיקונגען: 32 רבנים, 27 דיפּלאָמירטע אינטעליגענטן (פּראָפעסיאָנאַלן), די איבעריקע סוחרים. געווען אויך צווישן זיי 4 פרויען. די רבנישע פראַקציע

האָט זיך געהאַלטן באַזונדער. די קולטור־פראַגע איז אַראָפּגענומען געוואָרן פון סדר־היום. דאָס איז געווען אַ הנחה די רבנים. די רבנישע השפעה אויפן ווילנער ציוניסטישן צוזאַמענקום איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז די רבנים זיינען אפילו אַרויסגעטראָטן מיט אַ פאָדערונג, אַז אַלע ציוניסטישע אויסגאַבן זאָלן פריער דורכגיין אַ רבנישן הכשר (צענזור), איידער זיי ווערן פאַרעפנטלעכט. די רבנים האָבן לסוף זיך אָפּגעזאָגט פון זייערע פאָדערונגען, דערפאַר האָבן די וועלטלעכע ציוניסטן זיך אָפּגעזאָגט פון בויען נייע חדרים מתוקנים.

דער קאַמף צווישן אחד־העמיזם און הערצליזם צעפלאַקערט זיך אַלץ מער. אין פוילן איז די ציוניסטישע באַוועגונג דורך דער מאַכט שטאַרק געהאַמעוועט געוואָרן. די ציוניסטן ווענדן דאָ אָן אַ רעוואָלוציאָנערן מיטל פון געהיימע פאַרזאַמלונגען אין די בתי־מדרשים, און גרינדן ספּעציעלע אייגענע ציוניסטישע בתי־מדרשים. אויסער דעם אַנטוויקלען די ציוניסטן אין פוילן אַ גרויסע פאַרלאַג־טעטיקייט און זיי ווערן אויך באַדינט דורך דער העברעאישער צייטונג „הצפירה". אין 1901 גיט נחום סאָקאָלאָוו אַרויס זיין בוך: „למרנן ורבנן", וואָס באַגרינדעט די אויפפאַסונג פון אַ קולטור־יידישקייט.

סאָקאָלאָווס בוך איז געווענדט בעיקר צו די רבנים. דער מחבר באַמיט זיך צו באַווייזן, אַז עס זיינען נויטיק רעפאָרמען אין חדר, כדי צו אָניאָגן ווי־עס־איז דעם קולטורעלן אויסוואוקס פון די פעלקער, צווישן וועלכע מיר לעבן. „די חדרים זיינען דער קוואַל — שרייבט סאָקאָלאָוו — פון וועלכן יידן האָבן דורות־לאַנג געשעפּט חיונה. קיינער וויל נישט אָנרירן די עיקרים פון דת", אָבער מ'מוז אַריינטראָגן תיקונים אין יידישן טראַדיציאָנעלן דערציאונגוועזן. עס איז נויטיק — טענהט סאָקאָלאָוו, — צו הויבן דעם קולטור־ניוואָ צווישן יידן, כדי זיך קעגנשטעלן דער וואַקסנדיקער כוואַליע פון אַסימילאַציע צווישן זיי. די געפאַר פאַר יידישקייט שטעקט ניט אין בילדונג, נאָר פּונקט פאַרקערט: איגנאָראַנץ, עם־הארצות, אָפּגעשטאַנענקייט איז די סיבה, וואָס גרויסע טיילן און גאַנצע שיכטן רייסן זיך אָפּ פון דעם יידישן אור־קוואַל, גיסן זיך אַריין און מישן זיך אויס מיט די פעלקער. וואָס גרעסער און העכער עס ווערט די פאָלקס־קולטור אין די לענדער, וואו מיר וואוינען, אַלץ דראָענדיקער איז די געפאַר פון אַסימילאַציע.

„די סכנה, וואָס דראָט דאָס יידנטום, שטעקט אין דעם ווידערשפּרוך, וואָס קומט ממילא, פון זיך אַליין, צווישן דער קולטור־שטופע, די מדרגה פון אַרבעט־אופנים, די מאַטעריעלע פּערפעקציע — וואָס מ'רופט קולטור — ביי די נישט־יידן און יידן; ווען די יידישע קולטור בלייבט שטיין, אַנטוויקלט זיך נישט, גייט נישט פוס־טריט מיטן מאַטעריעלן און גייסטיקן פּראָגרעס, בלייבט אַ בלויז, וואָס טרייבט אומפאַרמיידלעך צו אַסימילאַציע. דערפאַר אַ מאַסן־אַסימילאַציע פון יידן אין דייטשלאַנד, איטאַליע, פראַנקרייך, בעמען. אַ

פאַרהעלטנסמעסיקע קליינע אַסימילאַציע ביי יידן אין רוסלאַנד און גאַליציע. צופּאַסן די יידישע קולטור צו דער אַרומיקער — איז דאָס איינציקע מיטל צו ראַטעווען יידישקייט פון אונטערגאַנג" [11].

אָבער דאָס זיינען נאָר האַלבע מיטלען, ווייל „קיין יידישע פאַרפולקאָמונג איז אומ־מעגלעך אָן דעם, אַז „יידן זאָלן וואוינען צוזאַמען, אין זייער אייגענעם רשות, אין יידן־לאַנד. אין פרעמדע לענדער איז נישט מעגלעך קיין פולע יידישע השלמה, סיי אין באַ־דינגונגען פון רעכטלאָזיקייט און סיי אין באַדינגונגען פון פולע בירגער־רעכט", ווייל „אַ פאָלק קאָן נישט לעבן און עקזיסטירן, אויב עס איז עקאָנאָמיש נישט זעלבסטשטענדיק, אויב עס האָט נישט קיין אייגענע ערד־אַרבעטער, באַרג־אַרבעטער, אייגענע בעלי־מלאכות, באַשעפטיקטע אין אַלע ווירטשאַפט־צווייגן, אויב ער איז נישט נאָענט צו דער נאַטור און קאָן אַלץ אַרויסבאַקומען פונעם ערשטן קוואַל. מיט איין וואָרט: אויב ער איז נישט צוגעגרייט צו זעלבסט־אויסהאַלטונג דורך זיין באַשעפטיקט אין אַלע צווייגן פון אַרבעט, עקאָנאָמיע, פאַכן און וויסנשאַפט, וועלכע זיינען נויטיק אין לעבן, פונקט ווי יידן זיינען עס אַמאָל געווען, ווען זיי האָבן זיך געפונען אין זייער נאַטירלעכן צושטאַנד און ווי אַלע קולטורעלע פעלקער זיינען עס איצט, אין זייער נאַטירלעכן מצב"

פון דאַנען דרינגט אַ גאַנץ נייער דערציאונג־סיסטעם: „אַ פאָלק, וואָס וויל ווערן זעלבסטשטענדיק, מוז זיך שאַפן אַ נייעם אידעאַל פון אַ יידן אַ מושלם: אַ מענטש מיט אַ געזונטן גוף און געזונטן גייסט, צוגעפּאַסט צו אַלערליי אַרבעטן, זוכנדיק צו באַהערשן די נאַטור, פייאיק נישט נאָר אונטערצוהאַלטן אַ שוין עקזיסטירנדיקן ישוב נאָר אויך שאַפן אַ נייעם". „מיר דאַרפן אויסבילדן אַ דור, וואָס מיט זיין מוט און קראַפט, איניציאַטיוו און ענערגיע זאָל ער נישט אָפּשטיין פון די בעסטע פון די פעלקער". דערפון אַ פּראָגראַם: שאַפן אַן ערד־אַרבעטער־קלאַס, אַן אינדוסטריעלן אַרבעטער און אינדוסטריע־אונטערנעמער, שטאַרקן דעם קערפער, לערנען זיך אַ פאַך, דאָס פאָלק זאָל זיך קענען אַליין אויסהאַלטן (מיר רופן דאָס היינט „אויטאַרכיע"), שולן, אַ געמיינזאַמע שפּראַך פאַר אַלע יידישע קיבוצים (העברעאיש), ליטעראַטור, וויסנשאַפט און ארץ ישראל. די קרוין פון דעם אַלעמען דאַרף זיין די תורה [12].

סאָקאָלאָוו האָט, אַזוי צו זאָגן, געזוכט אַ סינטעז צווישן אחד העמיזם און הערצעליזם. געזונט מאַכן דאָס יידישע לעבן אויף די וואוין־ערטער, אָבער ניט אַרויסלאָזן פון אויג אויך ארץ ישראל. בנוגע דער צוקונפט פון ארץ ישראל דערקלערט זיך סאָקאָלאָוו פאַר אַן אַגנאָסטיקער: מעגלעך, אַז ארץ ישראל וועט לייזן די יידן־פראַגע (פּאָליטישער ציוניזם), מעגלעך אָבער אַז עס וועט נאָר לייזן די יידישקייט פראַגע (גייסטיקער צענטער). די נויט־ווענדיקייט פון ציוניזם ווערט באַגרינדעט סיי מיט עקאָנאָמישע סיבות — עס פעלן געוויסע ווירטשאַפטלעכע צווייגן און פאַכן ביי יידן, וואָס ב. באָרו־כאָוו וועט שפּעטער מאַכן פאַרן יסוד פון זיין מאַרקסיסטישן ציוניזם, — סיי מיטן אַנטיסעמיטיזם, סיי מיט דער אוממעגלעכקייט פון אַנטוויקלען דעם יידישן גייסט, די אייגנאַרטיקע יידישע קולטור. סאָקאָלאָוו, ווי אַן עקלעק־

---

11) נחום סאָקאָלאָוו — „למרנן ורבנן" — ספר כולל שטה מסודרת וברורה ע"ד עבודת האומה והציונות השלמה, הוצאת „בני ציון", וואַרשא, בדפוס נ. סאָקאָלאָוו, מאַריאַנסקא 2, תרס"א (1901).

12) זע דעם פּרק „מה קולטורא עברית", ז"ז 79 און פאָלגט, 87 און פאָלגט, 144 און פאָלגט. דעם פּרק „הרבנים והחדרים", ז"ז 17 און פאָלגט, ווי אויך זייטן 53 ביז 69.

טיקער און פּשרן, „צאָלט אויך אָפּ אַ צינז" דער אַלטער משכילישער איינ־שטעלונג: יידן דאַרפן קענען די מלוכה־שפּראַך, זיין גוטע בירגער פונם לאַנד, וואו זיי וואוינען. דער ציוניזם זוכט צו אַרבעטן און וויל אַרבעטן אין לעגאַלקייט (צאַרישער לעגאַלקייט). „דער ציוניזם אין טעאָריע און פּראַקטיק . . . מאַכט פון אונדז (יידן) גוטע בירגער פונם לאַנד, וואו מיר וואוינען. מיר ווערן אַרבעט־מענטשן (אַן אַנצוהערעניש אויף איינגעשמועסטער יידישער לייי־דיקגייערייי, ווי עס האָט געהאַלטן די צאַרישע ביוראָקראַטיע, זע דעם פּאָד־לישעווסקי־יאַסינאָווסקי בריוו צום ווג"ג), פלינקע און פעאיקע טוער, קאָלאָ־ניזאַציע־פעאיקע מענטשן. מיר שאַפן אָרגאַניזאַציעס נישט אויף צו מאַכן אָטענטאַטן אויף די מלוכה־אינטערעסן . . . אָדער מיט עפּעס אָנרירן די אינטערעסן פון דעם הערשנדיקן פאָלק, די תושבים" (ז. 91).

עס שיינט, אַז די אָפּשאַצונג, וואָס עס האָט געגעבן דער קאָרעס־פּאָנדענט פון דעם „יידישן אַרבעטער" וועגן דער ציוניסטישער ראַיאָן־קאָנ־פערענץ אין ווילנע, בלייבט נאָך היינט אין קראַפט:

„די ציוניסטישע באַוועגונג (אין רוסלאַנד — ש. ל.) ווערט בעיקר כאַראַקטעריזירט דורך דעם פּאָליטישן אינדעפערענטיזם און מיט דער שנאה צו יעדער באַוועגונג צווישן יידן, וועלכע איז קעגן דער צאַרישער זעלבסטהערשונג" [13]).

די אָרגאַניזירונג פון „בונד" און פון די ציונים האָט געהאַט אַ ווירקונג, אַז די רבנים זאָלן זיך אָנהויבן אָרגאַניזירן. אין ווילנע איז פאָרגעקומען דער ערשטער רבנים־צוזאַמענפאָר אין יאָר 1900. אין יוני חודש 1901 איז פאָרגעקומען אַ צווייטע „רבנים־אסיפה" אין לאָדז, גערופן דורכן לאָדזשער רב מייזעל. אָט־די רבנים־אסיפה האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל: זיך „קעגנצושטעלן דעם אַטעאיזם, וואָס פאַרשפּרייט זיך צווישן די נידעריקע פאָלקס־שיכטן — די אַרבעטער, דאָס אַנטווערקער און דער יוגנט". די לאָדזער „אסיפת הרבנים" האָט אָנגענומען פאָלגנדיקע תקנות:

א) די גלויביקע און פרומע פאַראייניקן זיך, כדי צו שטאַרקן אויף אָפּהיטן די געבאָטן פון דער אמונה.

ב) אַכטונג געבן, אַז די מלמדים זאָלן זיין פרומע גאָטספאַרכטיקע לייט, וואָס זייער האַרץ איז ווייט פון יעדער פרייקייט און זאָלן צופרידן שטעלן די פאַרלאַנגען פון די פרום־גלויביקע.

ג) אַ מלמד, וואָס דערציט זיינע קינדער אין די פרייקייט־וועגן, איז נישט ראוי צו זיין אַ מלמד.

ד) די גבאים פון די תלמוד־תורות מוזן זיין לומדים און ירא־שמימניקעס, וואָס היטן אָפּ מיט דער גאַנצער האַרבקייט די מנהגים פון די אַלטע דורות און לערנען נישט זייערע קינדער די נייע לימודים.

---

13) נ. קויפמאַן — „די ציוניסטישע קאָנפערענץ אין ווילנע", „ייד. אַרב.", ז. 79—81.

די רבנים האָבן זיך ניט באַגנוגנט בלויז מיט איינפירן אומטאָלעראַנץ, נאָר זיי האָבן געמאַכט פאַראַנטוואָרטלעך דעם טאַטן פאַר די מעשים פון זיינע קינדער. דער קאַמף איז אָנגעזאָגט געוואָרן מיט דער נאַטירלעכער קנאות פון די אַלטע תקיפים אין יידישן לעבן. דער „השלח", וואָס בריינגט אָט־די תקנות זעט אין דעם ניט קיין שום שלעכטס, אדרבה עס רופט נאָך ביי אים אַרויס סימפּאַטיע. „די באַוואוסטע „פאָלקס־פאַרזאָרגער" (די געגנדזנפּיסלעך פון מחבר — ש. ל.) האָבן אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן צווישן אָט־די (נידע־ריקע) שיכטן ספּעציעלע בראָשורן, כדי אָפּצוציען די אַרבעטער, האַנטווערקער און יוגנט, דעם המון פון דער אמונה און נאַציאָנאַלן געפיל איינצייטיק. און זייער מי האָט געבראַכט פּרוכטן [14]).

אין אָנהויב פון אונדזער יאָרהונדערט אָרגאַניזירט זיך דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן, דאָס יידישע פאָלק צעשפּאָלט זיך און פאַלט זיך פאַנאַדער אויף באַזונדערע פּאַרטייען, אין הסכם מיט דעם געזעלשאַפטלעכן אידעאַל, ציל און באַשטרעבונגען פון די באַזונדערע סאָציאַלע כחות צווישן די יידן אין רוסלאַנד. אין ציוניזם גופא הויבן זיך אָן אויסקריסטאַליזירן באַזונדערע פראַקציעס, מיט באַשטימטע סאָציאַלע אידעאָלאָגיעס. אויפן פינפטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל, אין יאָר 1901 ווערט געגרינדעט די דעמאָקראַטישע פראַקציע אין ציוניזם, אָנגעפירט דורך ד"ר כהן־בערנ־שטיין, ד"ר חיים ווייצמאַן און לעאָן מאָצקין. עס וואַקסט אויך די וואָג און איינפלוס פון דער רוסישער דעלעגאַציע אויפן קאָנגרעס. „די דייטשע דע־לעגאַטן — שרייבט די „הצפירה" — זיינען בטל געוואָרן אויף אָט־דעם קאָנגרעס פאַר דער רוסישער דעלעגאַציע". אָט־דער ציוניסטישער קאָנגרעס האָט זיך שוין ניט באַגנוגנט מיט רעפעראַטן „וועגן הויבן דעם יידישן קול־טור־ניוואָ" און דיפּלאָמאַטישע אונטערהאַנדלונגען, נאָר ער האָט שוין אויס־געהערט אַ רעפעראַט וועגן „עקאָנאָמישע הילף־פראַגן אוןווירטשאַפטלעכער זעלבסטעטיקייט" (ד"ר מאָזעס). פאַרן קאָנגרעס קומט פאָר די באַראַטונג פון די „יונגע ציוניסטן", פון וועלכע עס האָט זיך אויסגעפורעמט די „דעמאָ־קראַטישע פראַקציע". עס האָבן געהערשט אויף דער באַראַטונג פון די „יונגע" צוויי שפּראַכן — רוסיש און יידיש. עס זיינען אויסגעשלאָסן גע־וואָרן דייטש און העברעאיש. „איך האָב געפיהלט — שרייבט ראובן בריינין — אַ סך מאָל אַן אָפענע, אָדער פאַרבאָרגענע שנאה צו העברעאיש און העב־רעאישער ליטעראַטור אויף אָט־דער באַראַטונג". כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס קיין קלאָרע פּראָגראַם האָבן ניט די „יונגע". מען באַגנוגנט זיך מיט

14) „השלח", כרך ח', חוב' ג', סעפּטעמבער 1901, קראָקע, ז"ז 276 און 277.

אַלגעמיינע רייד. דאָס איז געווען „נאַטירלעך" פאַר די „יונגע" ציוניסטן אין יענער צייט. „אונדזער אַרבעט דאַרף זיין אַ פאַלקסטימלעכע און שטיין אונטערן קאָנטראָל פון דער יידישער עפנטלעכקייט" — האָט געזאָגט דער אידעאָלאָג פון די „יונגע" כהן־בערנשטיין. וואָס פאַר אַן אינהאַלט מען לייגט אַריין אין דעם באַגריף פאָלקסטימלעכקייט — איז געבליבן אומבאַשטימט. „דער קאָנגרעס טאָר נישט מאַכן קיינע הנחות דער אָרטאָדאָקסיע, ווי אויך נישט דעם געפעלשטן ליבעראַליזם, און אוודאי נישט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. מיר דאַרפן אַן אַלגעמיינע קולטור, וואָס טראָגט אַ נאַציאָנאַלן שטעמפּל. נישטאָ קיין אָרט פאַר קלאַסן־קאַמף אין אונדזער עקאָנאָמישער אַרבעט". אויף אַט־דער באַראַטונג האָט בעל־מחשבות געלייענט אַ רעפעראַט קעגן דער העברעאישער פרעסע, וואָס האָט אויפגעקאָכט די העברעאיסטן. אין אַ יאָר אַרום האָט זיך די „פראַקציע" געשלאָגן על־חטא אויף איר „יוגנט־זינד" און צייטווייליקער ליבע, וואָס זי האָט געשפּילט מיט יידיש און האָט דערקלערט העברעאיש אַלס פאַרפליכטנדיקן לימוד פאַר אַלע אירע מיטגלי־דער (מינסקער צוזאַמענפאָר פון די רוסישע ציוניסטן). מחדש געווען האָט די פראַקציע בלויז אין איין זאַך, אין איר קאַמף מיטן יידישן „קלעריקאַליזם".

דער אַנטיקלעריקאַליזם פון דער „פראַקציע" האָט געהאַט פאַר אַ רעזולטאַט צוזעאיילן די גרינדונג פון „מזרחי". אָנהויב 1902, איז דורכן לידער רב יצחק יעקב ריינעס געווען גערופן אין ווילנע אַ קאָנפערענץ פון אָרטאָדאָקסישע ציונים און עס איז געגרינדעט געוואָרן דער „מזרחי", וועמענס ציל עס איז געווען אָפּצוהיטן, אַז די ציונים זאָלן זיך פאַרנעמען מיט קאָלאָניזאַציע־אַרבעט אין פּאַלעסטינע, זיי זאָלן זיך אָבער נישט מישן אין דער יידישער דערציאונג, יידישער קולטור און אין די עיקרים פון דער יידישער אמונה.

אַזוי אַז ערב דעם מינסקער צוזאַמענפאָר פון די רוסישע ציוניסטן, האָט די ציוניסטישע באַוועגונג זיך צעשפּאָלטן אויף אַ סך שטראָמען און שטרע־מונגען: פון רעכטס די „מזרחים", לינקער פון זיי — „די גייסטיקע ציונים", אינם צענטער — אַלגעמיינע ציוניסטן, וועלכע האָבן זיך ווידער געטיילט אין קאָלאָניזאַטאָרן (אוסישקין), עקאָנאָמיסטן־קולטורניקעס (נ. סאָקאָלאָוו) און אויף לינקס די „דעמאָקראַטישע פראַקציע", וועלכע האָט געהאַט אויף איר עקסטרעם־לינקן פליגל — די „מינסקער פּועלי ציון".

די אָרגאַניזירונג און אידעאָלאָגישע אויסקריסטאַליזירונג פון דער „דעמאָקראַטישער פראַקציע" אין ציוניזם איז פאָרגעקומען ערשט אין יאָר 1902, אויף דעם ערשטן צוזאַמענפאָר פון די רוסישע ציוניסטן אין מינסק.

מינסק איז געווען די שטאָט, וואו עס האָט געהערשט דער זובאַטאָוו־קורס. לעגאַלע פאַרזאַמלונגען פון די ציוניסטן פלעגן דאָרט אָפט פאָרקומען, ווי עס דערציילט וולאַדימיר מעדעם. וואַסיליעוו, דער שעף פון דער מינסקער גובערניאַלער זשאַנדאַרמען־פאַרוואַלטונג, איז געווען אַ גרויסער אָנהייגער פון דעם זובאַטאָוו־מעטאָד אויסצושפּילן די מעסיקע באַוועגונגען צווישן יידן קעגן דער רעוואָלוציאָנערער. פונם גאָלובאָוו־בריוו צום דירעקטאָר פון דער פּאָליטישער אָפּטיילונג ביים וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר, וועלכן מיר פאַרעפנטלעכן אין דעם קאַפּיטל „באַציאונג פון דער רוסישער מאַכט אין פוילן צום ציוניזם", איז אויך צו זען, אַז די דערלויבעניש אויפן מינסקער צוזאַמענפאָר איז געגעבן געוואָרן אויפן יסוד און סמך פון דער זובאַטאָוו־פּאָליטיק. אינטערעסאַנט, אַז דער ציוניסטישער באַפּולמעכטיקער פאַר פוילן אַדוואָקאַט יאַסינאָווסקי האָט באַמערקט, אַז ער האָט ניט געקענט אַוועקשטעלן ווי געהעריק דעם ציוניסטישן אַפּאַראַט צוליב סיבות, וואָס זיינען פאַרשטענד־לעך פאַר איינוואוינער אין פוילן. מינסק איז דעריבער געווען דאָס איינציק־מעגלעכע אָרט, וואו דער צעזאַמענפאָר האָט געקענט צושטאַנדקומען.

די „הצפירה" האָט דעם מינסקער צעזאַמענפאָר גערופן „די גרויסע מינסקער פאַרזאַמלונג". אינם צעזאַמענפאָר האָבן זיך באַטייליקט 500 דע־לעגאַטן. עקזיסטירט האָבן אין גאַנץ רוסלאַנד 965 ציוניסטישע אגודות. די „מזרחי"־דעלעגאַציע האָט אַרויסגערופן פיל אָנקלאַגעס און איז געווען אַן איבערגעטריבענע. עס זיינען געקומען אַ סך געסט. עס איז געווען אַ גרויסע יידישע אסיפה. אַזאַ האָבן נאָך יידן אין רוסלאַנד ניט געזען.

געעפנט האָט זיך דער מינסקער צעזאַמענפאָר דאָנערשטיק דעם 22טן אויגוסט (4 סעפּטעמבער נ. ס.) 1902. פאָרזיצער איז געווען דער מיטגליד פון אַקציע־קאָמיטעט פון דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע טשלענאָוו. אין פּרעזידיום זיינען אַריין: הרב ראַבינאָוויטש, אינזשינער אוסישקין, פּראָפ. ביעלקאָווסקי, ראַבינער טיאָמקין, ד"ר ברוק (וויטעבסק), אַדוו. יאַסינאָווסקי (וואַרשע), גאָלדבערג און אַדוו. ראָזענבוים פון מינסק.

דער מינסקער צעזאַמענפאָר האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט דער „דעמאָ־קראַטישער פראַקציע" צו קומען אין דער עפנטלעכקייט מיט איר אידייען־דעקלאַראַציע און איר סאָציאָלאָגישער קאָנצעפּציע. אַ נאַציע — האָט גע־טענהט די „פראַקציע" — איז אַ גרופּע מענטשן, וואָס באַזיצן אַ פאָלקס־אינדי־ווידואַליטעט און איז אַ פּסיכאָלאָגיש־פאָלקסטימלעכער וועזן. יידן פאַרמאָגןביידע אייגנשאַפטן. זיי דריקן זיך אויס אין די קולטור־ווערטן, וואָס יידן האָבן געשאַפן, הגם זיי זיינען געווען געהאַמעוועט און שטאַרק באַגרעניצט

אין די אַנטוויקלונג־מעגלעכקייטן. די יידן־פראַגע איז אַ פסיכאָלאָגיש־פאָלקסטימלעכע דערשיינונג און דעריבער קאָן זי נישט געלייזט ווערן דורך עקאָנאָמישע רפואות. וויבאַלד אַז די יידישע נאַציאָנאַלע פראַגע האָט איר גרונט אין פעלקער־פסיכאָלאָגיע און יידן זיינען אַ נאַציאָנאַלע אינדיווידואַליטעט, וויל זיי שטעלן מיט זיך פאָר אַן אייגנאַרטיקן פסיכאָלאָגישן וועזן, איז, ממילא, געדרונגען, אַז דער ציוניזם קומט לייזן און אויפהאַלטן די יידישע פסיכאָלאָגישע אינדיווידואַליטעט, שאַפן פאַר איר אַנטוויקלונג־מעגלעכקייטן און באַפרייען זיי פון היסטאָרישן דרוק. באַזייטיקן דעם עקאָנאָמישן פראָבלעם און שאַפן אַ יידישע מלוכהשאַפט זיינען מיטלען אויף באַזייטיקן דעם היסטאָרישן דרוק און, ממילא, עפענען אַ פריי פעלד פאַרן אַרויסווייזן זיך פונם יידישן אייגנאַרט. אַסימילאַציע פון יידן איז אוממאָראַליש, וויל אַן אומנאַטירלעכע דערשיינונג. בירגערלעכע גלייכבאַרעכטיקונג פאַר יידן לייזט נישט דאָס יידישע פראָבלעם, וויל בלויז יחידים ווערן באַפרייט, אָבער די פאָלקס־קערפערשאַפט, די פאָלקס־אינדיווידואַליטעט, ווי אַ פסיכאָלאָגישער פאַקטאָר, בלייבן ווידער באַגרעניצט און געהאַמעוועט אין די אַנטוויקלונג־מעגלעכקייטן. אַלע אויסבעסערונגען אין דער לאַגע פון די יידן אין זייערע וואוין־ערטער זיינען פּאַליאַטיוון, האַלבע מיטלען, וועלכע האָבן נישט קיין שום באַדייטונג, געזען פון דער היסטאָרישער פערספּעקטיוו. גייסטיקע שאַפונג, זעלבסט־באַוואוסטזיין, נאַציאָנאַלער שטאָלץ — האָבן אַ וועזנטלעכן ווערט פאַר דער פולשטענדיקער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג. די שטרעבונגען צו בירגערלעכער באַפרייאונג, אויף וויפל זיי ווערן אויפגעפּאַסט, ווי אַ ראַדיקאַלע לייזונג פון דער יידן־פראַגע, זיינען שעדלעך, וויל זיי שאַפן אילוזיעס. בירגערלעכע פרייהייט איז עלול צו ברענגען צו אַסימילאַציע און זיינען דעריבער געפערלעך פאַר דער יידישער פאָלקס־אידניווידואַליטעט. דער רעליגעזער מאָמענט מוז אויסגעשלאָסן ווערן פון ציוניזם, וויל יידן זיינען נישט קיין רעליגיעזער קיבוץ, נאָר אַ נאַציאָנאַלע איינהייט, אַ פסיכאָלאָגישע פאָלקס־אינדיווידואַליטעט. דער וועג, וואָס פירט צו דער פולשטענדיקער באַפרייאונג, איז דער ציוניזם. זיינע אַקטועלע טעטיקייטן דאַרפן זיך אויסדריקן אין: א) שטאַרקן דעם יידישן גייסט און קערפּער; ב) בולט מאַכן די נאַציאָנאַלע אייגנאַרטן און כאַראַקטער־שטריכן פון די יידן און ג) אויסאַרבעטן אַ פּאָליטיש־מלוכהשן באַוואוסטזיין. העברעאיש איז דער אויסדרוק פון יידישן פאָלקס־גייסט. אַלע מיטגלידער פון דער פראַקציע זיינען מחויב צו לערנען העברעאיש[16].

---

16) וועגן אַפּטע ציוניסטישע פאַרזאַמלונגען אין מינסק, זע וו. מעדעם — „פון מיין לעבן", צ"וו, ז"ז 211—212, וועגן דער מינסקער קאָנפערענץ פון די ציוניסטן אין רוסלאַנד

צו די צוויי אידעאַליסטישע אויפפאַסונגען פון ייִדישן נאַציאָנאַלן מהות פון הערצל און אחד העם, איז איצט צוגעקומען אַ דריטע אויפפאַסונג — אַ פּאָלקסטום־פּסיכאָלאָגישע. מיט הערצלען איז די נייע שיטה מחולק אין דעם דיפּלאָמאַטישן טייל פון זיין ציוניסטישער באַנעמונג. עס איז ניט גענוג צו געווינען דיפּלאָמאַטיש ציון, מען דאַרף די ייִדן פון אינעווייניק צוגרייטן צום מלוכיש־פּאָליטישן רייף ווערן. הגם „די פּראַקציע״ וואַרפט ניט אָפּ דעם געדאַנק פון „טשאַרטער״, וועלכן זי באַטראַכט ווי אַ מיטל צום ציל, רוקט זי אים דאָך אָפּ אויפן הינטערגרונט. ייִדן־שטאַט איז נאָר אַ נויטיקער מיטל אויף דערגרייכן דעם ציל — דעם ייִדישן נאַציאָנאַל־פּסיכאָלאָגישן אויסטיילן זיך. די ייִדישע מלוכהשאַפט גיט די מאַטעריעלע מעגלעכקייטן פאַר דער אַנטוויקלונג פון דעם ייִדישן פאָלקסטום. דער ציל איז ניט די ייִדישע מלוכה, נאָר די ייִדישע אייגנאַרט. אויף דעם פּונקט טרעפט זיך די „דעמאָקראַטישע פּראַקציע״ אינעם ציוניזם צענויף מיט אחד העמן. זי גייט זיך אָבער מיט אים פאַנאַדער אין דער אויפפאַסונג פון דער ראָל, וואָס די ייִדישע רעליגיע דאַרף שפּילן אין דעם ייִדישן נאַציאָנאַלן געדאַנק. פאַרן אחד העמיזם איז די רעליגיע איינע פון די הויפּט־זיילן, דער ווינקל־שטיין פונם ייִדישן נאַציאָנאַליזם. די „פּראַקציע״ ווידער האַלט, אַז רעליגיע דאַרף ווערן אויסגעשלאָסען פון דעם באַגריף ייִדישע נאַציע. פאַרן אחד־העמיזם איז ייִדישע מלוכהשאפט — לאו דווקא. וויכטיק איז אַ ייִדישע מערהייט אין ארץ ישראל, וואו עס וועט ווייטער געוועבט ווערן דער ייִדישער גייסט, די ייִדישע רוחניותדיקע נאַציע; די פּראַקציע האַלט דעם פּאָליטיש־מלוכהשן געדאַנק פאַרן איינציקן און אויסשליסלעכן מיטל אויף איינהאַלטן און רעסטאַווירן די ייִדישע פּסיכאָלאָגישע פאָלקס־איינהייט אין איר ריינעם געשטאַלט; וועקן דעם פּאָליטיש־מלוכהשן באַוואוסטזיין הייסט דעריבער הויבן דעם נאַציאָנאַלן געפיל און שטאַרקן דעם ייִדישן גייסט. אין דעם זין האָט זיך די פּראַקציע דערנעענטערט צום הערצל־ציוניזם.

אין מינסק האָבן זיך אָנגעהויבן דעמאָלט צו אָרגאַניזירן די „מינסקער פּועלי ציון״. די „פּראַקציע״ אַלס פאָלקסטום־באַוועגונג, האָט זיך מיט גרויס סימפּאַטיע באַצויגן צו דער ניי־געבוירענער שטרעמונג. אַ קאָרעספּאָנדענט פון „הצפירה״ באַשרייבט אַ פאַרזאַמלונג פון די „מינסקער פּועלי ציון״ און

זע „הכנסיה הגדולה במינסק״, „הצפירה״ נומ. 189—211 פון 1902. דער באַריכט־אָפּגעבער אין „הצפירה״ שרייבט: „הציונות לא הספיקה להכות שרשיה ולהכניס לתוך „חדרה״, כי אם מעט מאוד מתוך השדרות הנמוכות ומתוך העם ממש״, „הצפירה״,נומער 192 פון יאָר 1902.

ער גיט זיי שבחים באשר בכן „עס האָט געהערשט אָרדענונג, מען האָט זיך אונטערגעוואָרפן דעם פּאָרזיצנדיקן און מען האָט גערעדט נאָר אין דער ריי". „אידן האָבן זיך אויסגעלערנט פּאַרלאַמענטאַרישע מנהגים" — שרייבט דער קאָרעספּאָנדענט מיט טריאומף.

די הויפּט־פראַגן, וואָס זיינען באַהאַנדלט געוואָרן אויפן מינסקער צוזאַמענפאָר פון די ציוניסטן, זיינען געווען דריי: 1) אָרגאַניזאַציע — רע־פּערענט מ. מ. אוסישקין; 2) עקאָנאָמישער מצב פון יידן אין רוסלאַנד — רעפערענט ה. ד. הורוויץ; 3) די קולטור־פּראָבלעמען — רעפערענטן — אחד העם און נ. סאָקאָלאָוו.

מ. מ. אוסישקינס הויפּט־געדאַנקען זיינען געווען דיסציפּלין, אונטער־אָרדענונג, קאָנטראָל און צענטראַליזאַציע, ביים פינאַנדערטיילן די באַזונדערע זאַמלונגען אויף די „קרנות". אוסישקין האָט געשטרעבט צו פאַרוואַנדלען די ציוניסטישע פעדעראַציע פון פּאַרטייען אין איין צענטראַליזירטער און גוט־דיסציפּלינירטער פּאָליטישער פּאַרטיי. הורוויצס רעפעראַט איז געווען גע־ווידמעט הויפּטזעכלעך צו דערווייזן, אַז יידן פאַלן אַרויס פון די פּראָדוס־געשריטענע ווירטשאַפט־צווייגן און ווערן אַריינגעשטופּט אין די אָפּגעשטאָ־נענע צווייגן פון מלאכה און ווירטשאַפט. וואָס מער דאָס לאַנד אַנטוויקלט זיך טעכניש, אַלץ מער ווערן יידן אַרויסגעשטופּט פון זייערע עקאָנאָמישע פּאָזי־ציעס און ווערן געטריבן צום קליינהאַנדל, הויז־אינדוסטריע, קליינעם האַנט־ווערק. ה. ד. הורוויץ האָט פאָרמולירט די עקאָנאָמישע אַנטווערטונג־טעאָריע פון דער יידישער ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט, אַ טעאָריע, וואָס איז שפּעטער געלייגט געוואָרן אין יסוד פון דעם פּראָלעטאַרישן ציוניזם. דער „טשוואָק" פון צוזאַמענפאָר איז געווען אחד־העמס רעפעראַט. אחד העם שטעלט זיך בעיקר אָפּ אויף דעם, אַז די קולטור־פראַגע שטעלט זיך דווקא איצטער. מיטן צעוואַקסן זיך פון דעם הערצל־ציוניזם, איז געוואָרן זייער אַקטועל די קול־טור־פראַגע, ווייל פאַר הערצלען איז פאַר די ציוניסטן קלאָר געווען דער ציל: אָוועקצושטעלן דאָס יידישע פאָלק אין אַזעלכע באַדינגונגען, ווען עס זאָל קענען אַנטוויקלען זיין אָריגינעלן גייסט, זיין נאַציאָנאַלע אינדיווידואַליטעט. אויב די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט פאַר זיך געשטעלט אַ ווייטן ציל צו געפינען אַ געזיכערט היים פאַר אונדזער וואַגלענדיק פאָלק, קענען מיר מיט נישט קיין קלענערער האָפנונג אויף דערפאָלג שטעלן פאַר זיך אַ צווייטן ציל — צו שאַפן אַ גייסטיקן צענטער, וואָס איז נויטיק פאַר דער ווידעראויפלעבונג פון אונזער נאַציאָנאַלן גייסט, אַ מקום מקלט, וואו עס וועלן זיך זאַמלען די פונקען פון אונזערע גייסטיקע כחות און פעאיקייטן.

דער מינסקער ציוניסטן־צוזאַמענפאָר איז געווען דער ערשטער און דער לעצטער אין צאַרישן רוסלאַנד. אחרון של פסח 1903 קומט פאָר דער קעשענאָווער פאָגראָם, דער פלעווע־פאָגראָם. אין דעם זעלביקן יאָר ווערט אויך ליקווידירט די „אומהאָפּהענגיקע פּאַרטיי", אַרעסטירט שאַיעוויטש, און זובאַטאָוו ווערט באַזייטיקט פון זיין אַמט. אין יוני 1903 גיט פלעווע אַרויס זיין געהיימען צירקוליאַר וועגן דעם, אַז די ציוניסטן זאָלן ניט געדולדעט ווערן אין רוסלאַנד. די מעגלעכקייטן פאַר ציוניסטישער אַרבעט ווערט שטאַרק באַגרעניצט. הערצלס רייזע איז צוזאַמענגעפאַלן מיט אָט־דעם קער אין דער שטעלונג פון דער רוסישער מאַכט צום ציוניזם. דער מינסקער צוזאַמענפאָר איז געווען דער לעצטער עטאַפּ פון דער ציוניסטישער לעגאַלער עקזיסטענץ אין רוסלאַנד.

פערטער קאַפּיטל

באַציאונג פון דער רוסישער מאַכט אין פּוילן צו דער ציוניסטישער באַוועגונג (1904-1897)

אין דער געשיכטע פון דער באַציאונג פון דער רוסישער מאַכט אין פּוילן צו דער ציוניסטישער באַוועגונג דאַרף מען פאַנאַנדערשיידן דריי פּעריאָדן:

1. פון 1897 ביז נאָך דער מינסקער קאָנפערענץ פון די ציוניסטן (אויגוסט 1902). אין דעם פּעריאָד האָט נאָך נישט די רוסישע אַדמיניסטראַטיווע מאַכט קיין באַשטימטע שטעלונג צו די ציוניסטן אין פּוילן. זי רודפט די ציוניסטישע קרייזלעך אַלס אומלעגאַלע און וויל זיי צוציען צום באַגריף רעוואָלוציאָנערע, פאַרבאָטענע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע ווערן געמשפּט לויטן אַרטיקל 318-320 פון די שטראָף-גרונטלאַגן (קיין שטראָף-קאָדעקסן האָבן אין רוסלאַנד נישט עקזיסטירט. עס זיינען געווען בלויז „אולאָזשעניאַ אָ נאַקאַזאַניאַך"). פון דעם קומען אַרויס אַ סך קוריאָזע דערשיינונגען און סתירותדיקע האַנדלונגען.

2. פון אויגוסט 1902 ביז יוני 1903, אַ פּעריאָד פון פאַרהעלטניס־מעסיקער טאָלעראַנץ, וואָס דערגייט אַפילו ביז דערלויבן עפנטלעך צו פּראָפּאַגאַנדירן דעם ציוניזם אין די גובערניעס פון פּוילישן קעניגרייך. אָבער אפילו דעמאָלט איז עס אַ פּעריאָד פון האַלבער לעגאַלקייט. אין איין אָרט דערלויבט מען עפנטלעכע ציוניסטישע פאָרלעזונגען, און אין אַ צווייט אָרט פאַרבאָט מען. עס קומען אפילו שטראָפן אויפן אַדמיניסטראַטיוון וועג פאַר נישט-געמאָלדענע פאַרזאַמלונגען. דאָס זיינען אָבער ניט קיין האַרבע שטראָפן. דאָס רוב קליינע געלט-שטראָפן.

3. פון פּלעווס צירקוליאַר און ביז דער רוסישער רעוואָלוציע פון 1904-1905 — פּעריאָד פון דירעקטע רדיפות און פאַרפאָלגונגען אויפן ציוניזם.

ערשטער פּעריאָד

צום ערשטן מאָל טרעפן מיר זיך אין די אַקטן פון וואַרשעווער גענעראַל-גובערנאַטאָר מיט אַ ציוניסטישן קרייזל „תחיה" אין יאָר 1900. עס מעלדעט דער געהילף-גובערנאַטאָר פאַר דעם פּאָליציייאישן טייל גענעראַל פּולאָן דעם וואַרשעווער גענעראַל-גובערנאַטאָר דעם 27-טן אויגוסט 1900 אין אַ שטריינג-געהיימען באַריכט:

„דורך אַ רעוויזיע, וואָס איז געמאַכט געוואָרן דעם 22 ד. ח. ביים סטודענט פון וואַרשעווער אוניווערסיטעט, סאָלאָמאָן אָסיפּאָוו זיידענמאַן, איז אַנטדעקט געוואָרן אַ העקטאָגראַפירטער אויפרוף אין דער פּוילישער שפּראַך פונם אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פון אַן אַלגעמיינעם יוגנט־קרייז. די איבערזעצונג ווערט דאָ בייגעלייגט. אַזוי ווי פון דער איבערגעכאַפּטער דורך דער רעוויזיע קאָרעספּאָנדענץ זעט מען, אַז זיידענמאַן איז איינער פון די הויפּט־גרינדער פונם קרייזל, וועמענס ציל עס איז צו קעמפן מיט אַלע יידישע שונאים, וועלכע שטערן דאָסדאָזיקע פאָלק דורך פאַרשידענע באַגרענצונגען צו פאַרנעמען דעם געהעריקן אָרט צווישן אַנדערע פעלקער, דערביי רעקאָמענדירט זיך נישט איבערצוקלייבן אין די קאָמפּס־מיטלען — דעריבער איז זיידעמאַן אַרעסטירט געוואָרן און איז איבערגעגעבן געוואָרן אין דער וואַרשעווער גוּבערניאַלער זשאַנדאַרמען־אָנפירונג, כדי אויפצוהויבן קעגן אים אַ פאַרפאָלגונגס־אַקציע אויפן געזעצלעכן וועג". אונטערגעשריבן — גענעראַל־לייטענאַנט: פּולאָן [1].

דידאָזיקע מעלדונג פּולאָנס איז ביז־גאָר כאַראַקטעריסטיש פאַרן פּעריאָד פון פּאָליצייאישער דעזאָריענטאַציע. פּולאָן טרעפט זיך דאָ צום ערשטן מאָל מיט אַ ציוניסטישן קרייזל, אָבער ער ווייסט נאָך נישט „מיט וואָס מ'עסט דאָס", ווי יידן זאָגן. ער האָט פאַר זיך אַ פּראָקלאַמאַציע, געשריבן אין פּויליש. דעם אינהאַלט אירן זעט ער. עס אָטעמט דאָרט מיט אַסך נאַציאָנאַלן פּאַטאָס און אָן אַ שיעור באַגייסטערונג, אָבער עס איז דאָרט קיין איין וואָרט נישטאָ קעגן דער רעגירונג, קעגן רעזשים. עס רעדט זיך דאָרט וועגן קאַמף מיט קאַריעריזם, וועגן אַ דערנעענטערונג צום פאָלק. דער קרייז וויל פאַראייניקן אַלע יידישע סטודענטן, אומאָפּהענגיק פון זייערע „אַלגעמיין־מענטשלעכע איבערצייגונגען", כדי: „1) מער אונטערשטרייכן אונדזער פאָלקס־אייניקייט ביי יעדער געשעעניש; 2) אַרבעטן אין נאָמען פון אַן אַלזייטיקן יידישן פאָלקס־קולטורעלן ווידערגעבורט; 3) קעמפן מיט דער שטראָפבאַרער גלייכגילטיקייט צו די יידישע אינטערעסן; 4) אונטעררייסן ענדגילטיק די באַליידיקנדיקע אַסימילאַציע" . . . „אונזער לאָזונג — ווידערגעבורט (תחיה), אונדזערע מיטלען — אַרבעטן פאַרן פאָלק, אונזערע מעטאָדן — אָפן און דרייסט" [2].

נישט לויטן פּראָגראַם, נישט לויט באַזונדערע אויסדרוקן, האָט פּולאָן נישט געקריגן קיין גענוגנדיקן גרונט אויף צוציען דעם אָרגאַניזאַטאָר פון „תחיה" צו געריכטלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, מאַכט ער פּירושים, אויסטייטשונגען, באשר זיי ווילן קעמפן מיט די שונאים, וואָס באַגרעניצן די יידישע רעכט, און היות אַז אַזאַ איז די רוסישע רעגירונג, על כן איז „תחיה" אַן אַנטי־רעגירונג־אָרגאַניזאַציע און, ממילא, שטראָפבאַר. כאַראַקטעריסטיש,

1) אַווג"ג, 98.441, 1־2, 132 פון 1900, „וועגן געהיימע אַרבעטער קרייזן".

2) דאָרטן בויגן 21, רוסישע איבערזעצונג פונעם פּוילישן טעקסט פון דער העקטאָגראַפירטער פּראָקלאַמאַציע.

פולאַן גיט נישט אַן דעם נאָמען פון דער אָרגאַניזאַציע. דאָס גייט נישט אַריין אין זיינע פּלענער. ער פאַראייניקט דעם ענין „תחיה" צום ענין קאָנ־ספּיראַטיווע פאַרזאַמלונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין הויז פון דעם סטאָליאַר־אַרבעטער יאַנקל באַרסוק (קראָכמאַלניע-גאַס), כדי צו קאָנען צו־זאַמען באַשטראָפן.

אמת, צוויי אומשטענדן האָבן געקענט ברענגען פולאַנען אויפן געדאַנק, אַז „תחיה" איז אַ געהיימע רעוואָלוציאָנערע קרייזל: 1) אויפן צירקוליאַר־אויפרוף פון „תחיה" איז געווען אַ באַמערקונג פון אויבן: „קאָנספּיראַטיור"; 2) זיידענמאַנס אַדרעס האָט מען באַקומען, בעת אַ רעוויזיע ביים ווילנער רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער־טוער אייזיק דעווענשינסקי, וואָס איז געווען פאַר־שריבן אויף אַ שיפרירטן צעטעלע. דאָס זיינען, נאַטירלעך, פאַר פולאַנען געווען באַשווערנדיקע מאָמענטן פאַרן קרייזל, ער האָט דעריבער געלאָזט אונטער אַרעסט זיידעמאַנען און פאַרפירט קעגן אים אַן אויספאָרשונג אויפן יסוד פון „עפנטלעכער זיכערקייט".

* * *

ווי עס איז צו זען פון באַשולדיקונגס־אַקט פונם פּראָקוראָר איז „תחיה" געווען אַ סטודענטן-קרייזל. זיין אויפגאַבע איז געווען, אין דער פאָרמולירונג פונם פּראָקוראָר: 1) וועקן דעם נאַציאָנאַלן זעלבסט-געפיל ביי דער יידישער אינטעליגענץ; 2) הויבן דעם גייסטיקן מצב פון דער יידישער באַפעלקערונג און אַרבעטן לטובת דער פאַרבעסערונג פון איר מאַטעריעלן מעמד; 3) דאָס קרייזל האָט זיך געפונען אין קאָנטאַקט מיט דער גאַנצער ציוניסטישער באַ־וועגונג און האָט געהערט צום פאַרבאַנד „אחוות ציון". באַנוצט האָט זיך דאָס קרייזל מיט פויליש און רוסיש. נישט יידיש און נישט העברעאיש זיינען ניט געווען גאַנגבאַר אין קרייזל.

בעת דער רעוויזיע האָט מען ביים סטודענט פונם וואַרשעווער אוני־ווערסיטעט זיידענמאַן געפונען:

„א) אַ פּראָגראַם, געשריבן מיט דער האַנט אין פויליש, פון דעם יידישן סטודענטן־קרייזל „תחיה" (ווידערגעבורט), וועמענס ציל איז אויפצוהיטן צווישן יידן, באַזונדערס צווישן דער יוגנט, די נאַציאָנאַלע אייגנאַרט, מאַטעריעלע און גייסטיקע אַנטוויקלונג פונם יידנטום אַלס אָפּעגזונדערטע נאַציע . . .

ב) העקטאָגראַפירטן אויפרוף אין פויליש (דעם אינהאַלט זיינעם האָבן מיר שוין איבערגעגעבן, עס וועט אָבער זיין נישט איבעריק צו ברענגען דעם פּראָקוראָרס אַנאַליז), וואָס רופט די חברים צו געמיינזאַמער אַרבעט אויף דעם געביט פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויפוואַכונג פון יידנטום און וואָס וואָרנט זיי קעגן דער באַליידיקנדיקער אַסימילאַציע, קענען צענויפשמעלצן זיך מיט אַנדערע נאַציעס.

ג) אַ סטאַטוט אין האַנט־שריפט אויף רוסיש פונם קרייזל „אחוות ציון״, וועלכעס האָט פאַר אַ ציל: „די אַנטוויקלונג (דער פּראָקוראָר ציטירט דאָ דעם סטאַטוט) פון דער ציוניסטישער אידייע צווישן דער יוגנט און צוגרייטן אינטעליגענטע טוער אויפן ציוניסטישן געביט״. ציוניזם שטרעבט, לויט דער פאָרמולירונג פונם סטאַטוט, צו „באַשאַפן אַ נאַציאָנאַל־פּאָליטישן צענטער אין פּלעסטינע, פאַרבינדנדיק עס מיט דער אַלגעמיינער אויפלעבונג פון דער יידישער נאַציע״. אלס מיטגלידער אין קרייזל קאָנען אָנגענומען ווערן, לויטן צווייטן פּאַראַגראַף פונם סטאַטוט, פּערזאָנען, וואָס זיינען מסכים מיטן סטאַטוט און וועלכע געהערן נישט צו קיין אַנטירעגירונג־קרייזן״.

מען האָט ביי זיידעמאַנען געפונען פּראָטאָקאָלן, צירקוליאַרן, טאַלאָנען, אויפרופן, וואָס האָבן קלאָר באַוויזן, אַז זיידענמאַן איז דער פירער פונם קרייזל „תחיה״. אַ דאַנק די פּראָטאָקאָלן, וואו עס איז געווען אַ באַמערקונג וועגן דעם, אַז יאָסעלעוו האָט איבערגעלייענט אַ קאָסע־באַריכט, איז דער לעצטער אויך אַרעסטירט געוואָרן. זיידענמאַן איז אָפּגעזעסן אין תפיסה פון 22־טן מערץ ביזן 24־טן מאַי 1900 יאָר, ד. ה., 2 חדשים מיט 2 טעג און איז נאָכדעם אַרויסגעלאָזט געוואָרן אויף קויציע פון 300 רובל. יאָסעלעוו האָט זיך געפונען אונטער אַ באַזונדער פּאָליצייאישן אויפזוכט, ביז דער ענין וועט קלאָר ווערן.

דער פּראָקוראָר לייגט פאָר דעם ענין צו לייזן אויף אַן אַדמיניסטראַטיוון אופן און מבטל זיין די גאַנצע „דעלאָ״. זיינע מאָטיוון זיינען:

הגם נישט „תחיה״, נישט „אחוות ציון״ האָבן נישט קיין דערלויבענישׂ איינצואָרדנען אַזעלכע קרייזן, „אָבער פונדעסטוועגן, ווי עס רופט זיך אָפּ דער וואַרשעווער אָבער־פּאָליצמייסטער, איז דער פּאָליציי באַוואוסט, אַז אין וואַרשע עקזיסטירן ציוניסטישע קרייזן און אַז די ציוניסטישע אידייע פאַרשפּרייט זיך וואָס מער און מער צווישן דער אָרטיקער יידישער באַפעלקערונג״.

איידער מיר ציטירן ווייטער דעם פּראָקוראָר, ווילן מיר באַמערקן, אַז דידאָזיקע שטעלונג פון פּראָקוראָר הייסט אַ פּאַקטישע, אויב נישט פאָרמעלע אָנערקענונג פון דער לעגאַלקייט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. ווען מיט אַ יאָר שפּעטער (אין יולי 1902) וועלן זיך אַ גרופּע ציוניסטישע טוער ווענדן וועגן לעגאַליזירן אָפיציעל דעם ציוניזם, וועט דידאָזיקע שטעלונג פון פּראָקוראָר מכריע זיין לטובת דער לעגאַליזאַציע. עס איז, אגב, סתם טשעקאַווע צו זען, ווי דאָס „לעבעדיקע לעבן״ ברעכט די פאָרמעלע פאַרגליווערטקייט פונם צאַרישן געזעץ. די צאַרישע אַדמיניסטראַציע, וואָס ציטערט פאַר יעדן מין געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע, און באַציט זיך מיט טאָפּלטער אומצוטרוי צו דער זעלבסט־אָרגאַניזאַציע צווישן יידן, מוז, נעבעך, פעסטשטעלן דעם פאַקט פון דער עקזיסטענץ פון אַ מאַסן־באַוועגונג צווישן יידן, און אפילו מאַכן דערפון רעכטלעכע אויספירן: „דער פּאָליציי איז אָבער באַוואוסט, אַז אין וואַרשע עקזיסטירן ציוניסטישע קרייזן״ . . .

„נעמענדיק אין באַטראַכט, — זאָגט ווייטער דער פּראָקוראָר, — וואָס כאָטש אין דער אויספאָרשונג זיינען פאַראַן אָנווייזונגען אויפן געהערן פון די באַשולדיקטע זיידענ־מאַן און יאָסעלעוו צו געהיימע ציוניסטישע געזעלשאַפטן, נאָר דידאָזיקע אָרגאַניזאַציעס, אויב זיי האָבן נישט באַקומען קיין דערלויבעניש אין דער איינגעשטעלטער אָרדנונג, טראָגן זיי אָבער נישט קיין סימנים (כאַראַקטער) פון אַנטי־רעגירונג־אָרגאַניזאַציעס, אָדער אַז זיי זאָלן זיין שעדלעך פאַר דער געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג, דעריבער וואָלט איך געהאַלטן : די דאָזיקע אויספאָרשונג איבעררייסן אין ווייטערדיקן גאַנג, אָפּשאַפנדיק די אָנגענומענע קעגן זיידעמאַנען און יאָסעלעוו פאַרהיטונג־מאַסמיטלען, אומקערן די קויצע פון 300 רובל און אַראָפּנעמען די באַזונדערע פּאָליצייאישע אויפזיכט. די זאַכלעכע באַ־ווייזן — פאַרניכטן".

אויפגעשטעלט אין וואַרשע, אַפּריל, 30־טע דאַטע פון 1901 יאָר. אונטערגעשריבן : פּראָקוראָר פון וואַרשעווער געריכטס־פּאַלאַטע — וואַסיליעוו [3]).

אין דער זעלביקער צייט, ווען דער פּראָקוראָר מאַכט זיינע שלוסן וועגן דער פּאַקטישער לעגאַלקייט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, קומט אויך דער וויצע־גענעראַל־גובערנאַטאָר איבער דער פּאָליצייאישער טייל, דער גע־נעראַל־אַדיוטאַנט פולאָן מיט ענלעכע באַמערקונגען. אין זיין צושריפט פון 9־טן אַפּריל 1901 נומער 132, שרייבט פולאָן :

„אַרום צוויי יאָר, ווי אין איניקע שטעט פון ביי־ווייסל־געגנט עקזיסטירן קרייזן פון ציוניסטן, וועלכע אָרדנען איין פון צייט צו צייט זיצונגען, אָן דער דערלויבעניש פון דער אַדמיניסטראַטיווער מאַכט. וועגן די רעזולטאַטן פון די זיצונגען שרייבן אַמאָל די אָנטיילנעמער אין די צייטונגען, וואָס געגוי עס קומט אָבער פאָר אויף די פאַרזאַמלונגען בלייבט אומבאַוואוסט, וויל זיי זיינען נישט־צוטרעטלעך פאַר זייטיקע און גאַנץ אָפט ווערן זיי איינגעאָרדנט אין געהיים. אַמאָל קומען אפילו צופאָרן צו די ציוניסטישע קרייזן אומבאַקאַנטע פּערזאָנען. אין יעדן פאַל קאָן מען חושד זיין, אַז די ציוניסטישע געזעלשאַפטן האָבן נישט נאָר בלויז איין ציל — אָרגאַניזירן די יידישע איבערזידלונג קיין פּאַלעסטינע, נאָר אויך אַ יידיש־פּאָלקסטום־ציל, אויפן שטייגער פון די פּוילישע קרייזן פון „אַשוויאַטאַ".

פולאָן דערציילט ווייטער וועגן קאַלישער קרייז, וואָס ציילט 450 מיטגלידער. די ציוניסטן האָבן דאָרט אפילו אַן אייגענע שול, אויף ווראַצלאַווער גאַס, וואָס עקזיסטירט פון יאָר 1899 אָן. עס קומען דאָרט פאָר ציוניסטישע פאַרזאַמלונגען. די ציוניסטן האָבן דאָרט אַ ביבליאָטעק מיט כלומרשט־רבניש־רעליגיעזע ספרים, אָבער פּאַקטיש זיינען עס ציוניסטישע ביכער. די שול־דירה האָט 4־5 צימערן. אין דער שול געפינט זיך אויך אַ מאָדערנער חדר (חדר מתוקן), וואו מען לערנט רוסיש, ווי אַ לימוד. דערדאָזיקער חדר איז אָבער פאַרמאַכט געוואָרן, לויט זיין — פולאַנס — אָנווייזונג. די ציוניסטן פאַר־שפּרייטן זיך איבער דער גובערניע. און פולאָן פאַרענדיקט :

„איך האָב אָנגעפרעגט דעם פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט ביים אינערן־מיניסטעריום, צי דאַרף מען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס האַלטן פאַר אַ דערלויבטע, אָדער פאַר א געהיימע און אין דעם פאַל פאַרפאַלגן זיי לויטן אַרטיקל 318 פון די שטראָף־באַשטימונגען" [4]).

פולאָן דערציילט, אגב, אַז די קאַלישער ציוניסטן פירן זייער אַרבעט אונטערן דעק־מאַנטל פון דער געזעלשאַפט — „הילף פאַר אַרעמע יידן". דער קאַלישער גובערנאַטאָר

---

3) בריוו פון פּראָקוראָר צום ווג"ג פון 30־טן אַפּריל 1901, נומער 695, דאָרטן בויגנס 25 און 26.

4) אַרכיוו פון ווג"ג, אַקטן נומער 100.061, ערשטע געשעפטספירונג, צווייטער טיש. „קורצער באַריכט וועגן פאַקטן פון פּאָליטישער און געזעלשאַפטלעכער באַדייטונג".

איז אָנגעפרעגט געוואָרן וועגן דעם ענין דורך בריוו פון גענעראַל־גובערנאַטאָר פון 7־טן נאָוועמבער 1902, נומער 1568. ער ענטפערט דעם 18־טן דעצעמבער דעם זעלבן יאָר אונטערן נומער 6572. ציוניסטן אַרבעטן אין קאַליש גאַנץ אָפן — שרייבט דער גובערנאַטאָר. דער קאַסיר איז ד״ר צוקער. עס אַרבעטן מיט אַפּפּעל, בליק, סאָלניק, פּרעגער. זיי קומען זיך צענויף אויפצושטעלן די חשבונות, נישט מער. מיט 3 יאָר צוריק, ד. ה., אין 1899 איז אפילו געקומען פון מעזריטש גאָלדפאַרב און האָט געהאַלטן אַ רעדע ביי ד״ר צוקערן אין שטוב. די פּאָליציי האָט אָבער צוקערן אויף דעם אויפמערקזאַם געמאַכט און אים געוואָרנט, אַז עס זאָל זיך מער נישט איבערחזרן. פייערונגען מאַכן די ציוניסטן נאָר חנוכה, ווען זיי אָרדנען איין אַ געמיינזאַמען אָוונט־ברויט. אָבער דאָס ווערט געמאַכט מיט דער דערלויבעניש פון דער מאַכט און שטייט אונטער דער דירעקטער פּאָליצייאישער השגחה.

דער גובערנאַטאָר ענדיקט זיין לאַנגן בריוו מיט פאָלגנדיקן זאַץ:

„אַלס שלוס, האַלט איך פאַר מיין חוב צוצוגעבן, אַז די קאַלישער ציוניסטן זיינען נישט קיין אויסנאַם־דערשיינונג פון אַסך אַנדערע שטעט פון דער אימפּעריע און געגנט (געגנט מיינט פּוילן, ביי־ווייסל־געגנט אויפן צאַרישן אַדמיניסטראַטיוון לשון — ש. ל.). נישט־מיטפילנדיק פּערזענלעך דעם ציוניזם, וואָס איז, אָן ספק (? ! — ש. ל.), געצילט אין די ווייטע באַשטרעבונגען זיינע אונטערצוּוואַרפן די קריסטלעכע פעלקער אונטער דער אויבערהערשאַפט פון יידנטום, וואָלט איך דאָך געהאַלטן, אַז עס איז נויטיק איינצושליסן די ציונסיטישע באַוועגונג, אויב דידאָזיקע באַוועגונג וועט בכלל געהאַלטן ווערן פאַר דערלאָזבאַר, אין באַשטימטע ראַמען, באַשטעטיקן פאַר די ציוניסטישע געזעלשאפטן אַ סטאַטוט מיט קלאָר־אָנגעצייכנטע אויפגאַבן פאַר דער טעטיקייט פון דער געזעלשאַפט, און דאָס אָפּהיטן די כללים פונם סטאַטוט זאָל ליגן אויף דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון די פאַרוואַלטונגען פון דידאָזיקע געזעלשאַפטן. נישט־אָפּהיטנדיק אָט־די תנאים, נאָך די שוין פאָרגעקומענע, מיט דער דערלויבעניש פון דער אָרטיקער מאַכט, ציוניסטישע צוזאַמענפאָרן אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק, אין מינסק און אַנדערע, געפינען זיך די אָרטיקע מאַכט־אָרגאַנען, וועלכע פילן נישט־מיט אָט־דעם מין פאַרזאַמלונגען, אין אַ שווערער לאַגע ביים נישט־דערלויבן די ציוניסטישע צוזאַמענפאָרן, אָדער בכלל אין אַלע פאַלן, ווען עס קומען צום אויסדרוק ציוניסטישע טעטיקייטן״.

שטעל־פאַרטרעטער פונם גובערנאַטאָר, וויצע־גובערנאַטאָר (—) אונטערשריפט [5]).

דער דאָזיקער בריוו פון קאַלישער גובערנאַטאָר, הגם ער איז געשריבן געוואָרן אין 1902, געהערט אָבער סיי לויטן גייסט, סיי לויטן עצם ענין, וואָס ער באַהאַנדלט און דעם אופן, ווי אַזוי ער טראַקטירט די פראַגע, צום ערשטן פעריאָד, וואָס ענדיקט זיך מיטן יאָר 1901. דער בריוו איז ביז־גאָר באַלערנדיק און גיט איבער דעם אומצוטרוי פון דער רוסישער אַדמיניסטראַציע צו באַוועגונגען אויף דער יידישער גאַס. דער קאַלישער גובערנאַטאָר האָט גרויסע אויגן פון שרעק. „דער ציוניזם האָט געוויס אין זיינע ווייטע צילן באַהערשונג־שטרעבונגען״, ער וויל אונטערוואַרפן די קריסטלעכע פעלקער אונטער דער יידישער מאַכט. מ׳פילט די השפעה פון די אַנטיסעמיטישע אויסגאַבן אין די רייד פונם גובערנאַטאָר, דער שיעור־אומבאַגרענצטער מושל אויף אַ גאַנצער גובערניע.

---

5) אַרכיוו פון ווג״ג נומער 101.820 ערשטע געשעפטספירונג, צווייטער טיש, נומער 175 פון יאָר 1902, בויגנס 16—18.

דער ערשטער פעריאָד אין דער צאַריש־אַדמינסטראַטיווער באַציאונג צום ציוניזם ווערט באַשטימט דורך וואַקלעניש און אומזיכערקייט. פון לכתחילה איגנאָרירט די רוסישע מאַכט די ציוניסטישע באַוועגונג. זי וויל באַהאַנדלען דעם ציוניזם אַלס „אומדערלויבטע אָרגאַניזאַציע" און מאַכן דער־פון די געהעריקע אויספירן: באַשטראָפן אַלס אַנטי־מלוכהשע און אַנטי־רעגירונג־אָרגאַניזאַציע. די מאָס איז אָבער שווער אַנצעווענדן. די ציוניסטן גרופּירן זיך אַרום דעם בית־מדרש און די חדר־אַנשטאַלטן, דערלויבטע דורך דער צאַרישער רעגירונג. עס איז זיי שווער צו כאַפּן ביי דער האַנט. אויסער דעם טאָלערירט די צענטראַלע מאַכט דעם ציוניזם, וואָס קומט צום אויסדרוק אינם דערלויבן די קאָמעניצער און מינסקער קאָנפערענצן פון די ציוניסטן. אין פוילן איז אָבער די מאַכט צוריקגעהאַלטן און באַציט זיך מיט מער חשד צו יעדער געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג אויף דער טעריטאָריע פון „ביי־ווייסל־געגנט". דערפאַר אַזאַ ניט זיכערקייט, אַזאַ ניט־דעצידירטקייט און סתירותדיקייט אין די האַנדלונגען פון דער צאַרישער מאַכט אין פוילן צו דער ציוניסטישער באַוועגונג אינם ערשטן פעריאָד.

צווייטער פעריאָד

דער צווייטער פעריאָד הויבט זיך־אָן מיט דער בקשה, וואָס ס'האָבן דער־לאַנגט אַ גרופּע אָנגעזעענע וואַרשעווער ציוניסטן וועגן דערלויבן זיי פריי פּראָפּאַגאַנדירן די אידייע פון ציוניזם אויף עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען „צווישן די יידישע פאָלקס־מאַסן, הויפּטזעכלעך צווישן די אַרבעטער און דער אונטער־וואַקסנדיקער יוגנט דורך עפנטלעכע רעפעראַטן, איינגעאָרדנט דורך אונז אַליין (ד. ה. די אונטערגעשריבענע), אָדער דורך איינגעלאַדענע דורך אונז פאָלקס־אָראַטאָרן, אויף אונזער פאַראַנטוואָרטלעכקייט און וועלכע זיינען גוט־באַקאַנט מיט זייער פּאָליטישער כשרות, כדי אויפצוקלערן דעם וועזן, די שטרעבונגען און די צילן פון ציוניזם אויף רוסיש, פויליש און, באַזונדערס, אין געברויכטן דורך די יידישע פאָלקס־מאַסן יידיש־דייטשן זשאַרגאָן אין די בתי־מדרשים, אָדער אויף פּריוואַטע דירות, וועלכע וועלן דורך אונז איינגעאָרדנט ווערן מיטן וויסן און דערלויבעניש פון דער אָרטיקער פּאָלי־צייאישער מאַכט און מיט אָפּהיטן אַלע איינגעשטעלטע אין אַזעלכע פאַלן פאָרמאַליטעטן" [6].

---

6) אַקטן פון דער קאַנצעלאַריע פון וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר „איבער דער בקשה פון אַ גרופּע פּערזאָנען צו דערלויבן פּראָפּאַגאַנדירן די אידייע פון ציוניזם", אָנ־געהויבן דעם 19 יולי 1902, געענדיקט, 20 נאָוועמבער 1904, אַלגעמיינער נומער 101.820, ערשטע געשעפטספירונג, צווייטער טיש, נומער 175 פון יאָר 1902.

אויף דערדאָזיקער ביטע זיינען אונטערגעשריבן אַדוואָקאַט איזידאָר יאַסינאָווסקי (דער ציוניסטישער באַפולמעכטיקטער פאַר פוילן), אברהם פאָדלישעווסקי, יוסף לעוויטע, יוליאַן קאָן, ד״ר נח דאַווידסאָן און ד״ר זלמן ביכאָווסקי. די ביטע איז געשריבן מיטן האַנט און האַלט 5 האַלבע בויגנס קאַנצעלאַריע־פאָרמאַט שריפט, ד. ה. 9 זייטן. אין דער באַגרינדונג זיינען פאַראַן אַסך זאַכן, צו וועלכע די היינטיקע ציוניסטן וואָלטן, געוויס, זייער הסכמה ניט געגעבן. דידאָזיקע שריפט טראָגט דעם בולטן שטעמפל פון דעם ציוניסטישן „שלילת־הגלות״־שטאַנדפונקט.

„דער ציוניזם איז אַ פרואוו און אַ שטרעבונג — שרייבן די שתדלנים — צו לייזן די אַלטע און שטענדיק נייע יידישע פראַגע, וואָס האָט שוין אַלעמען דערעסן. באַוואוסט, אַז די פריערדיקע לאַגע פון די יידן, אַ לחלוטין אָפגעזונדערטע, וועלכע איז געווען עפעס אַזוינס, ווי אַ מין מלוכה אין דער מלוכה, איז אַנערקענט געוואָרן פאַר נישט־נאָרמאַל. יידן האָבן אָנגעהויבן צוגעצויגן ווערן צו טראָגן אַלגעמיינע מלוכה־פליכטן און איינצייטיק האָט מען זיי גענומען געבן געוויסע בירגערלעכע רעכט. צווישן זיי האָט זיך געגומען פאַרשפרייטן בילדונג (ד. ה., וועלטלעך וויסן, אויפן רוסישן קאַנצעלאַריע־לשון — בילדונג, אין דעם זין באַנוצן אויך דאָס וואָרט די מחברים פון דער ביטע — ש. ל.). אינגיכן איז צווישן זיי געבוירן געוואָרן אַ קלאַס אַ פאַרמעגלעכער און אַ גייסטיק־אַנטוויקלטער, וועלכער האָט זיך אָפגעריסן פון דער יידישער מאַסע, און וואָס שנעלער דערדאָזיקער קלאַס איז געגאַנגען פאָראויס, אין אַלץ גרעסערער אומוויסנקייט און אומפעאיקייט צו נוצלעכער פראָדוקטיווער אַרבעט (?! — ש. ל.) איז אַראָפגעזונקען די מאַסע. די פאָראויסגעשריטענע יידן, מאַכנדיק שנעלע פאַראַלגעמיינערונגען, האָבן געוואַרעמט אַ האָפנונג, אַז די יידישע פראַגע איז לייזבאַר דורך צונויפגיסן זיך מיט דער אַרומיקער באַפעלקערונג, דורך „אַסימילאַציע״, נישט רעכנענדיק זיך דערמיט, אַז דאָס וואָס איז מעגלעך פאַר איינצעלנע, איז נישט מעגלעך פאַר דער מאַסע, וועלכע איז צו־שטאַרק אין אירע גלויבונגען, אין אירע נאַציאָנאַלע אייגנטימלעכקייטן און אין אירע אָפגעזונדערטקייט־געפילן, דערצויגן דורך יאָרהונדערטער פון רדיפות. אגב, די אַרומיקע באַפעלקערונג איז גאָר־נישט געווען גענויגט און פעאיק איינצוזויגן אין זיך, אַסימילירן די יידישע מאַסע. אין רעזולטאַט האָט זיך באַקומען אַ לאַגע, ביי וועלכער די יידישע אינטעליגענץ, באַוואָפנט מיט וויסן און פאַרברייטערטע רעכט, האָט אָנגעהויבן צו האָבן דערפאָלגן אין דער וויסנשאַפט, ליטעראַטור, מסחר און נעגאָס. די יידישע מאַסע אָבער, איבערגעלאָזט איר אייגענעם גורל, אַן אומוויסנדיקע, אַן אומפעאיקע און אַ הילפסלאָזע, איז געפאַלן אַלץ נידעריקער און נידעריקער אין מאַטעריעלען, גייסטיקן און מאָראַלן הינזיכט. סיי די ערשטע און סיי די צווייטע טייל פונם יידנטום האָט אַרויסגערופן אַן אומצופרידנקייט און חשדים אין דער אַרומיקער גרונט־באַפעלקערונג: די ערשטע מיט אירע שנעלע דערגרייכונגען, די צווייטע — מיט איר שנעלן פאַלן. דאָס האָט אַרויסגערופן באַגרענצנדיקע געזעצן, וועלכע, קלינגענדיק ווי אַ דיסאָנאַנס אין די אַלגעמיינע דורכגעזאַפטע מיט הומאַניטאַרישקייט געזעצן (?! — ש. ל.), האָט נאָך מער פאַרגרעסערט די אָרעמקייט און מאָראַלע (? — ש. ל.) ירידה פון די יידן און האָט די פראַגע אינגאַנצן נישט געלייזט. אין אינסטינקטיווער שטרעבונג צו לעבן און צו אויפהיטן זיך, רופן די יידן אַרויס אַלץ מער און מער אומצופרידנקייט און אַלץ נייע רעכט באַגרענצונגען. דערצו נאָך, צווישן אָט־דער אינטעליגענץ, אַנטוישט אין איר אידעאַל פון „צונויפגיסונג און אַסימילאַציע״, און אין אָט־דער מאַסע, אָן באַדן, האָפנונג און אידעאַלן, האָבן געגומען פאַרוואָרפן זייערע נעצן די באַוואוסטע אַנטי־געזעלשאַפטלעכע און אַנטי־רעגירונג־אַגיטאַטאָרן און אויף זייער ווענדקע האָבן זיך געלאָזט פאַנגען די אידעאַל־זוכנדיקע יונגע היציקע קעפ און די אַנטוישטע

האַפּנונגסלאָזע אָרעמקייט. עס האָט זיך באַקומען אַ דערשיינונג, אומדערהערט ביי יידן: צו אַלע יידישע צרות, איז צוגעקומען נאָך אַ גרויסער אומגליק, נאָך אַ גרויסע זינד, וועלכע איז נאָך מער באַדויערנדיק, ווייל עס וואַרפט אַ שאָטן אויפן גאַנצן כלל ישראל און איז עלול נאָך־מער צו פאַרערגערן די יידישע לאַגע" [7].

די מחברים פון דער בקשה גיבן אַ פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז פון דער געשיכטע פון יידן אין רוסלאַנד, געהאַלטן אין סטיל פון דער טראַדיציאָנעלער אויפפאַסונג פון אַ קולישער, מיש און דאָס גלייכן. די קאָנצעפּציע איז דורכאויס אַ פּעסימיסטישע. יידן זיינען אין רוסלאַנד נישט קיין גרונט־באַפעלקערונג נאָר אורחים. די יידישע רעכטלאָזיקייט איז אַ רעזולטאַט פון דער שטייערן־סיסטעם. מיטן אַרויפלייגן פליכטן אויף יידן, האָט זיך עטוואָס געבעסערט די יידישע לאַגע. די בעסערונג איז געקומען פאַר די אינטעליגענטישע שפּיצן, אָבער ניט פאַר דער מאַסע. די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג צווישן יידן איז אַ רעזולטאַט פון דער אַנטווישונג פון דער אינטעליגענץ, האַפּנונגלאָזיקייט און אויסגאַנגלאָזיקייט פון דער יידישער אָרעמקייט. די יידישע מאַסע איז טאַקע באמת געפאַלן ניט נאָר מאַטעריעל, נאָר אפילו גייסטיק און אַפילו מאָראַליש. שרייבן צום גענעראַל־גובערנאַטאָר מיט אַזאַ נוסח הייסט דאָך דאָס באַרעכטיקן אומדירעקט די דראַקאָנישע צאַרישע געזעצגעבונג קעגן יידן. ווי אַזוי נאַציאָנאַלע יידן זיינען אויף דעם איינגעגאַנגען — בלייבט אַ רעטעניש.

די מחברים דערציילן ווייטער וועגן די ציוניסטישע קאָנגרעסן, וועגן די ציוניסטישע צילן פון בויען אַן עפנטלעך־רעכטלעך־געזיכערטע היים אין סיריע און פּאַלעסטינע פאַרן יידישן פאָלק, וועגן דער עקזיסטענץ מיט דער דערלויבעניש פון דער רעגירונג פון אָדעסער „קאָמיטעט פאַר הילף די יידן־האַנטווערקער און ערד־אַרבעטער אין פּאַלעסטינע און סיריע", וועגן נאַציאָנאַל־פאָנד און קאָלאָניאַל־באַנק, וועגן דער לעגאַלער פאַרלאַג־טעטיקייט פון די ציוניסטישע קרייזן און גרופּן. זיי דערציילן אויך, אַז די ציוניסטן האָבן אויסגעבויט, מיט דער דערלויבעניש פון דער מאַכט, אַ גאַנצע נעץ פון פּראָפעסיאָנעלע שולן, אַגראַר־פערמעס, חדרים מתוקנים. און זיי זעצן פאָר:

„אָבער דער הויפּט־פאַרדינסט פון ציוניזם איז דאָס, וואָס פאַראויסזאָגנדיק די יידן אַ בעסערע צוקונפט, צוטרוי און אַכטונג פון אַנדערע פעלקער, צווינגט ער דערמיט די אָרעמע און אומצופרידענע שלום צו מאַכן מיט דער איצטיקער לאַגע. ער היט אָפּ די יידישע יוגנט פון די שעדלעכע אילוזיעס און פאַסיעס, פון אַריינפאַלן אַלס קרבנות פון די אונטערערדישע אַגיטאַטאָרן. הונדערטער יידישע יונגע אינטעליגענטן גיבן איצט אָפּ זייערע איבעריקע כוחות און זייערע יונגע נאָבעלע געפילן די זאַך פון ציוניזם. טויזנטער האַנדלס־אָנגעשטעלטע, האַנטווערקער, קליינע קרעמער — זיינען היינט ציוניסטן. שרעקלעך

7) די צוויי ערשטע האַלבע בויגנס פון אָנגערופענעם אַקט.

אַ טראַכט צו טאָן, וואָס וואָלטן זיי איצט געווען, ווען דער ציוניזם וואָלט נישט געקומען צו דער צייט".

אָט דעם געדאַנק וועגן ציוניזם, ווי אַ דונער־אָפּוועך קעגן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, חזרן די מחברים פון דער בקשה איבער עטלעכע מאָל. עס איז כמעט זייער הויפּט־אַרגומענט. זיי ווידמענען אים גאַנצע זייטן און אָפּזאַצן:

„דער ציוניזם האָט נאָך דערווייל קעגנער צווישן די יידן גופא. פריער פון אַלץ פילט אים נישט־מיט דער אומוויסנדיקער און אַבערגלויבערישער „צאַדיקיזם" (דאָ ריידן די מחברים מיטן לשון פון דער רוסישער קאַנצעלאַריע, וועלכע האָבן די חסידישע באַוועגונג גערופן מיטן זידל־וואָרט „צאַדיקיזם" — ש. ל.). נאַכהער גלויבן נישט אין דער מעגלעכקייט צו פאַרווירקלעכן די ציוניסטישע אידעאַלן די איינגעגעסענע אַסימילאַטאָרן. אָבער סיי צווישן די און סיי צווישן יענע מאַכט דער ציוניזם בהדרגהדיק אַלץ מער און מער דעראָבערונגען. אָבער דער ציוניזם האָט פאַרביסענע שונאים, און דאָס זיינען די אונטערערדישע פאַרטייען (דער זאַץ פון „אָבער" ביז „פאַרטייען" — איז אונטערגעשטראָכן מיט אַ בלויען בלייפעדער אין טעקסט), ווייל דער ציוניזם, וועלכער רופט צו דער פאַרשטאַרקונג פון נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין און צו דרך־ארץ פאַר דער טראַדיציע, צו אַ פרידלעכער, שאַפנדיקער אַרבעט, צו אַ לעגאַלער דערגרייכונג פון זיינע צילן, צו דער שטרעבונג צו באַקומען די סימפּאַטיעס און די מיטהילף פון די רעגירונגען און די גרויס־מאַכטן — שטעלט מיט זיך פאָר, מיט זיין עצם עקזיסטענץ, דעם פולשטענדיקן היפּוך, די דירעקטע אַנטיטעזע צו די באַשטרעבונגען און צילן פון אָט־די פאַרטייען. דער ציוניסטישער אידעאַל ווידער איז אי פאַרשטענדלעכער, אי נעענטער יעדן יידן, ווי די פרעמדע, אים אָנגעבונדענע אידעאַלן, ווייל ציון איז ביי אים אין בלוט, אין דער נשמה".

„לויט אונזער טיפסטער איבערצייגונג, וואָלט אַן אָפענע אומגעשטערטע פּראָפּאַגאַנדע אין ברייטן פאַרנעם פונם ציוניזם מיטגעהאָלפן צו אַווירקלעכע לייזונג פון דער יידן־פראַגע (ביז־אַהער אונטערגעשטראָכן מיט אַ בלויען בלייפעדער — ש. ל.) און צוזאַמען דערמיט, וואָלט זי איינצייטיק, אָן ספק, קאָנקורירט מיט דערפאָלג מיט יעדער אַנדער פּראָפּאַגאַנדע און וואָלט גערעטעוועט טויזנטער פון אונדזערע ברידער פון די שענדלעכע פאַרפירעניש, וועלכע זיינען פרעמד זייער נאַטור, אָבער אין וועלכע זיי זיינען, צום אומגליק, אַריינגעצויגן געוואָרן דורך מענטשן, וואָס עקספּלואַטירן זייער אויסנאַם־לאַגע, זייער האָפנונג־לאָזיקייט און זייער פאַרלירן דעם אייגענעם נאַציאָנאַלן אידעאַל".

דאָ קומט דער שלוס, וועלכן מיר האָבן שוין ציטירט פריער.

דידאָזיקע ביטע איז אָנגעקומען צום וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר גראָד נאָך דעם ענין ווילנער עקזעקוציע איבער די יידישע מאַי־דעמאָנסטראַנטן. דער גענעראַל־גובערנאַטאָר אין וואַרשע האָט געהאַט פאַר זיך דעם אָריגינעלן אויפרוף פון בונדישן צענטראַל־קאָמיטעט אין פויליש, וועלכער איז פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן די לאָדזער פּוילישע אַרבעטער און האָט גערופן צו אַ פּראָטעסט קעגן פאָן־וואַלס שמייסן די דעמאָנסטרירנדיקע אַרבעטער [8]. עס איז געווען גראָד נאָכדעם, ווי אין לאָדזער גרויסן טעאַטער זיינען פון דער גאַלעריע אַראָפּגעשאָטן געוואָרן אַ היפּש־ביסל קאַרטלעך

8) אווג"ג, נומער 101.564, 1־2, נומער 8 פון יאָר 1902, בויגן 84.

מיט לאָזונגען: „נידער מיט דער זעלבסטהערשאַפט!", „נידער מיטן צאַר" און ד. ג. און וואָס איז, לויט דער מיינונג פון לאָדזער פּאָליצמייסטער, גע־מאַכט געוואָרן דורך יידן [9]. עס איז אויך געווען נאָכדעם, ווי דער געהילף פון וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר איבער דער פּאָליציייאישער טייל, גענעראַל פּולאָן האָט דערציילט אין זיין באַריכט „וועגן געשעענישן פון גע־זעלשאַפטלעכן באַדייט":

„דער אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער־בונד אין פּוילן, ליטע און רוסלאַנד („בונד"), וועמענס צענטער עס געפינט זיך אין צפון מערב געגנט, פּירט אַן אַגיטאַציע אויך צווישן דעם אָרטיקן יידנטום, באַזונדערס אין וואַרשע און לאָדז. פאַרן באַריכטס־פּעריאָד (ד. ה. פאַרן ערשטן האַלבן יאָר פון 1902 — ש. ל.) האָט דער בונד אַרויסגעגעבן פּראָקלאַמאַציעס אויף יידיש, וואָס רופט צום קאַמף מיט דער זעלבסטהערשונג. דער יידישער האַנט־ווערקערישער המון (ליוד), באַזונדערס אין אַזעלכע באַדייטנדיקע צענטערן, ווי וואַרשע און לאָדז, שטעלן מיט זיך פאַר אַ באַזונדער גינסטיקן באָדן פאַר דער אַגיטאַציע, מיט וואָס עס דערקלערט זיך די גרויסע צאָל פון יידישע האַנטווערקער און אַרבעטער, וועלכע ווערן צוגעצויגן צו פּאָליטישע אויספאַרשונגען („דאָזנאַניאַ")" [10]).

דער פּעטריקאָווער גובערנאַטאָר שרייבט אין זיין שריפט פון 12־טן אַפּריל 1902, נומער 227:

„די סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט שוין געבוירן אַ באַזונדער יידישע פּאַרטיי „בונדאַ" (דער גובערנטאָר רופט דעם בונד — בונדאַ און מאַכט דערפון דעם צווייטן פּאַל בונדי), וועלכע, לויט די ידיעות פון דער זשאַנדאַרם־אָפּטיילונג, אַנטוויקלט זיך, אין לאָדז, למשל, מער פון אַלע פּאַרטייען. זי אָרדנט איין געהיימע צוזאַמענפאָרן און אויף איינעם פון זיי איז באַשלאָסן געוואָרן דערשלאָגן זיך מיט אַלע מיטלען, מיט אַלע וועגן דאָס אונטער־קענען פאַר יידן פולע גלייכהייט מיט אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, אין בירגערלעכע און פּאָ־ליטישע רעכט" [11]).

דערצו קומען אָן קאָפּיעס פון צוויי שיפרירטע טעלעגראַמעס וועגן אַנטדעקן אין זשיטאָמיר אַ יידישע געהיימע דרוקעריי און אין וואַרשע אַ יידישן צוזאַמענקונפט (סכאָדקאַ) מיט דער אָנפירערין די אינטעליגענטקע אסתר ראסקין בראש; אַרעסטירט 13 מאַן אין קאָרפּוס דעליקטי. די אָריגי־נאַלן פון די פאַרכאַפּטע שריפטן זיינען צוגעשיקט געוואָרן אין פּאָליציי דע־פּאַרטאַמענט, און קאָפּיעס צום גענעראַל־גובערנאַטאָר [12]).

די ציוניסטישע באַוועגונג גופא איז אויך מוראדיק צעוואַקסן. מען הויבט אָן איינצואָרדנען כלומרשטע חתונות און תנאימס, פּאַקטישע מאַסנ־פאַרזאַמלונגען פון ציוניסטן. אַזוי אַרום פירט מען די אַרבעט האַלב אומ־

---

9) דאָרטן גופא, ב. 76—80.

10) דאָרטן בויגן 256, שריפט פון 24 יולי 1902, נ. 321.

11) אווג"ג בויגנס 4 און 5 פון נומער 101.829.

12) אווג"ג, נומער 1.017.041, בויגנס 45 און פּאָלגט.

לעגאַל. איינער אַזאַ תנאים איז דורכגעפאַלן אין 1902. עס זיינען איינגע־אָרדנט געוואָרן די „תנאים" אין גרויסן „ענגלישן זאַל" אויף נאָווינאַרסקע. עס זיינען געקומען 500 מאַן. מען האָט ביים אַריינגאַנג פאַרקויפט שקלים מיטן שטעמפל אויף דער צווייטער זייט „עובדי ציון". די איינלאַדונג אויף די תנאים האָט אויך אונטערגעשריבן די אָרגאַניזאַציע פון די „עובדי ציון". אליעזר מאַנפריד, וועלכער האָט באַדאַרפט זיין דער חתן, האָט אַרויסגעלאָזן אַ ליד מיט נאָטן לכבוד דעם 5־טן ציוניסטישן קאָנגרעס און האָט פאַרגעסן זיך צו באַזאָרגן מיט . . . אַ כלה. אַז דער פריסטאַוו איז געקומען, טרעפט ער אָרגאַניזאַטאָרן, אויפזעער, מוזיק, 500 פאַרזאַמלטע, אָבער די כלה, אויף וועלכער מען וויזט אים אָן, איז צו־וואָכעדיק אָנגעטאָן. אויב מען מאַכט אַזאַ תנאים, מיט אַזויפיל הוצאות, מיט אַ גרויסן זאַל, מוזיק און פּאָמפּע, האָט די כלה באַדאַרפט זיין אַן אויסגעפּוצטע. אַזוי האַלט דער פריסטאַוו. ער שטויסט זיך דעריבער אָן, אַז עס איז אַ פאַרבאָטענע פאַרזאַמלונג, ער אַרעס־טירט די בעלי־התנאים און דער פּאָליצמייסטער בעט טאָקע דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר צו באַשטראָפן אַדמיניסטראַטיוו מאַנפרידן. עס ווערט אויף אים אַרויפגעלייגט אַ שטראָף פון 25 רובל [13]).

אין וואַרשע קומען דאַן פאָר וואַלן צום קהלה־ראַט פון דער יידישער געמיינדע. דער ראַט געפינט זיך אין די הענט פון די אַסימילאַטאָרן. פולאַן שרייבט וועגן דעם צום גענעראַל־גובערנאַטאָר:

„אין דער אָרטיקער יידישער סביבה פאַרשטאַרקן זיך די פאַרטייען־קאַמפן. דער ציוניזם אַנטוויקלט זיך אַלץ מער און מער, באַקומט אָנהענגער הויפּטזעכלעך צווישן די יידן, וועלכע זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן פון די אינווענקסטע גובערניעס און וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר אַ מאַטעריאַל, וואָס איז ווייניק געניגט צו פוילישע אַסימילאַציע. די פּאָליאַקן פון משה׳ס גלויבן, וועלכע האָבן זיך געשטעלט פאָר אַ ציל צו אַסימילירן די יידן און דעריבער רופן זיי זיך „אַסימילאַטאָרן" קוקן אויף די ציוניסטן, ווי אויף זייערע שונאים.

. . . אַזוי ווי די קהלה באַזיצט גרויסע געלט־מיטלען, וואָס שטאַמען פון אַ פאַר־פליכטנדיקן אָפּצאָל דערלויבט פון דער רעגירונג און אַרויפגעלייגט אויף דער יידישער באַפעלקערונג, איז דעריבער די אויפמערקזאַמקייט פון די ציוניסטן הויפּטזעכלעך געווענדט אויף אָט־דעם אַנשטאַלט". פולאַן זעט פאָר דעם זיג פון די אַסימילאַטאָרן. אָבער היות ווי די ציוניסטן טרעטן־צו צום וואַל־קאַמף, זעט פונדעסטוועגן פולאַן פאָר, אַז „די וואַלן פון דער קהלה־פאַרוואַלטונג וועלן זיך אויסצייכענען מיט אַ באַזונדער לעבהאַפטיקייט" [14]).

דער פעטריקאָווער גובערנאַטאָר מילער, אַ מענטש אַן ענערגישער און מיט געוויסע ליטעראַרישע פעאיקייטן, שרייבט אין זיין שריפט נומער 227, פון 12־טן אַפּריל, וועלכן מיר האָבן שוין אויבן טיילווייז ציטירט, וועגן די ציוניסטן בהאי־לישנא:

13) אווג"ג נומער 101.699, 1־2, נומער 54 פון יאָר 1902, 24 האַלבע בויגנס.
14) אַווג"ג נומער 101.564, 1־2, 8 פון יאָר 1902, בויגנס 266—268.

„אין דער לעצטער צייט באַמערקט זיך אַלץ מער און מער אויך ביי די יידן אַן אויפוואַכונג פון נאַציאָנאַלע שטרעמונגען. דער ציוניזם (ביידע ערטער אונטערגשטראָכן אין טעקסט — ש. ל.), האָט, לויט פאַרשיידענע ידיעות, פאַרוואָרפן די שטרעבונג פון פאַר־ווירקלעכן זיינע פון אָנהויב־אָנגעמערקטע צילן — באַוועגן דאָס פונאַנדערגעוואָרפענע איבער דער גאַנצער וועלט יידנטום איבערצעפאָרן קיין פּאַלעסטינע, כדי דאָרט צו גרינדן אַ יידישע קעניגרייך. איצט שטרעבט ער צו פאַראייניקן אומעטום אַלע יידן פאַר אַן אַלגע־מיינער טעטיקייט, כדי צו דערשלאָגן זיך צו די זעלביקע רעכט, וואָס די איבעריקע נאַציאָ־נאַליטעטן און באַזונדערע רעכט פאַר זייער גלויבן, פאַר זייער רעליגיע.

„אין דער גובערניע באַמערקט זיך שוין די באַמיאונגען פון דער יידישער אינטעליגענץ צו דערנעענטערן זיך צו זייער פּראָסטן פאָלק דורך גרינדן וואָס מער וואוילטעטיקע געזעל־שאַפטן, עפענען יידישע שולן, שאַפן אַ זשאַרגאָנישע ליטעראַטור און דאָס גלייכן".

די ציוניסטישע באַוועגונג, וואָס האָט באַקומען אַ היפשע אָנהענגערשאַפט אויך צווישן דער לער־יוגנט, קען דער רעגירונג פאַרשאַפן נישט ווייניק זאָרג (כלאָפּאָטי) אין דער צוקונפט און דעריבער דאַרף מען אויפן ציוניזם האָבן אַ באַזונדער אויפמערקזאַמע השגחה" [15].

אַט־דער טאָן איז אינגאַנצן אַ נייער אין די בריוו צום וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר. ביז־איצט איז די רוסישע אַדמיניסטראַציע אין פּוילן געוואוינט געווען צו באַציען זיך מיט ביטול צו דער יידישער מאַסע. די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט איז זי געוואוינט געווען צו ווידמענען דער פּוילישער גע־זעלשאַפט. דאָרטן פּרואוון אויסשפּילן די מעסיקע באַוועגונגען קעגן די פּראָגרעסיווע. מיטן מאָמענט, וואָס די יידישע מאַסע איז געוואָרן רעוואָלו־ציאָנער, מאַכט די רוסישע אַדמיניסטראַציע אַן עקספּערימענט אויך צווישן יידן. לעגאַליזירן אַ מעסיקע באַוועגונג און דורך דעם שלאָגן די ראַדיקאַלע, רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג צווישן יידן.

די ציוניסטישע באַוועגונג נעמט אַרום די מער „גוט־דענקענדיקע" טיילן פונעם יידישן פאָלק. עס איז אַ מעסיקע באַוועגונג. דערצו נאָך איז אין פּעטערבורג גאַנגבאַר דער זובאַטאָוו־סיסטעם, וואָס וויל אויסשפּילן די מעסיקע געזעלשאַפטלעכע גרופּן קעגן די ראַדיקאַלע סאָציאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען. אַט־אין־דער־צייט קומט אָן די יאַסינאָווסקי—פּאַדלישעווסקי־שריפט. די דאָזיקע שריפט זאָגט בפירוש צו, אַז זי וועט העלפן באַקעמפן די יידישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג מיט פרידלעכע מיטלען, דורך פּראָפּאַגאַנדירן דעם ציוניזם. אויסער דעם האָט אָפּגעשפּילט אַ ראָלע פּאַדלישעווסקיס „גוטפריינדשאַפט" מיטן אָבערפּאָליצמייסטער פון וואַרשע. און הגם פול מיט חשד, מאַכט דער „נאַטשאַלניק פון געגנט" דעם עקספּערימענט צו דערלויבן דעם ציוניזם לעגאַל צו פּראָפּאַגאַנדירן זיינע אי־דייען. אַ דעצידירנדיקע ראָל האָט אָפּגעשפּילט דער פאַקט, וואָס אין מינסק איז פאָרגעקומען די קאָנפערענץ פון די רוסישע ציוניסטן מיט דער דערלוי־

---

15) אווג"ג נומער 101.829, 1־2, נומער 184 פון יאָר 1902, בויגנס 4—5.

בעניש פון דער מאַכט. דאָס וואָס דער פּראָקוראָר האָט מבטל געמאַכט דעם ענין „תחיה", ווי מיר האָבן דאָס שוין פריער געזען, איז אויך געווען אויף דער האַנט פון „באַוויליקן" די דערלויבעניש. אויסער דעם האָט פיל מיט־געווירקט די פּראָ־ציוניסטישע איינשטעלונג פון רוסישן פּאַרטרויאונגס־מאַן, דער „געלערנטער ייד" און איבערזעצער, מיטאַרבעטער פונם וואַרשעווער רע־גירונגס־אָרגאַן „וואַרשאַווסקי דניעווניק", נאַטאַן מאָאיסייעוויטש גאָלובאָוו. הגם גאָלובאָווס צעטעלע איז געשריבן געוואָרן דעם 19־טן דעצעמבער 1902, ד. ה. אַ דריי חדשים שפּעטער ווי די דערלויבעניש איז געגעבן געוואָרן, אָבער ווי עס איז צו זען פונם צעטעלע פלעגט דער דירעקטאָר פונם צווייטן טיש, דער געהיימער אַפּטיילונג פאַר פּאָליטישע ענינים, יעווגעני וואַסיליעוויטש מענקין, אָפט שמועסן מיט אים וועגן יידישע ענינים און זיך מיט אים באַראַטן וועגן „דער ציוניסטישער פראַגע". אגב, פאַררופן זיך די בקשה־שרייבער אויף גאָלובאָווס צוויי אַרטיקלען וועגן ציוניזם אין „וואַרשאַווסקי דניעווניק". גאָלובאָווס צעטל איז געווען אַ מין געבן אַ שריפטלעכן דאָקומענט, אַ שריפט־לעכע פאָרמע צו די מיינונגען, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט אין מונדלעכע גע־שפּרעכן.

אָט־איז דער דאָקומענט אין זיין בייוואָרטלעכער איבערזעצונג:

„אייער עקסעלענץ, יעווגעני וואַסיליעוויטש!

„איך שיק אייך דעם צוגעזאָגטן נומער „דניעווניק".

„מיר האָבן נעכטן גערעדט וועגן ציוניזם. דער ציוניזם האָט נאָך איינעם, דעם סאַמע וועזנטלעכסטן פאַרדינסט, וועלכער איז פאַרשטענדלעך נאָר דעם, וואָס לייענט די אומלעגאַלע יידישע פּרעסע. דער ציוניזם קעגנווירקט אויפן ראַדיקאַלסטן אופן קעגן דער יידישער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע, באַוואוסט מיטן נאָמען „בונד". אָט־דער לעצטער, ווען עס זאָל נישט זיין דער ציוניזם, וואָלט זיך אומפאַרגלייכלעך־אינטענסיווער פאַרשפּרייט און מיט אים וואָלט געווען אַ סך שווערער זיך אַן עצה צו געבן, ווי איצט. אגב, ביי אַ געלעגנהייט וועל איך אייך דאָס אויפקלערן גענויער. איך וויל זיך חנפענען מיט דער השערה, אַז די איבערזעצונגען, וואָס איך האָב געשיקט אין פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט, האָבן קלאָר געמאַכט און דערוויזן די ריכטיקייט פונם געזאָגטן, מיט וואָס עס דערקלערט זיך די דערלוי־בעניש אויפן מינסקער צוזאַמענפאָר פון די ציוניסטן און די דערלויבטע ציוניסטישע פאַר־זאַמלונגען אין „ביי־וויסל־געגנט". דער וירגזון („יאַראָסט"), אונטערגעשטראָכן אין טעקסט — ש. ל. — פון אָט־דעם „בונד" דערוויזט נאָר דעם אומבאַדינגטן פאַרדינסט (אונטערגע־שטראָכן אין טעקסט — ש. ל.) פון ציוניזם.

גרייט צום דינסט. נ. גאָלובאָוו.

19־טן דעצעמבער 1902, וואַרשע, קאָשיקאָווע 22". [16]).

אויף דער ביטע געפינט זיך פאָלגענדיקע רעזאָלוציע: „דערלויבן, נע־מענדיק אין יעדן פאַל אַ באַזונדער דערלויבעניש ביי דער אָרטיקער פּאָליציי־מאַכט".

16) בויגן 23 פון ענין וועגן דער ביטע פאָדלישעווסקי־יאַסינאָווסקי.

עס ווערט אַרויסגעשיקט אויפֿן נאָמען פֿון איזידאָר יאַסינאָווסקי און אברהם פּאָדלישעווסקי פֿאָלגנדיקע מעלדונג:

קאַנצעלאַריע פֿון וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר, לויט דער 1־טער געשעפֿט־פֿירונג, 2־טער אויגוסט 1902, נומער 12784, וואַרשע. — פֿון דער קאַנצעלאַריע פֿון וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר צו די וואָס וואוינען אין וואַרשע דעם אַדוואָקאַט איסידאָר יאַסינאָווסקי (מיעדאָווא 15), דעם סוחר אברהם פּאָדלישעווסקי (דזיעלנע 12) און אַנדערע אויף דער ביטע וועגן דער־לויבען פּראָפּאַגאַנדירען אין געגנט צווישן די יידישע מאַסן די אידייען פֿון ציו־ניזם, ווערט דערמיט געמאָלדן, אַז דאָס איינאָרדנען מיט דעם ציל באַזונדערע פֿאַרלעזונגען, דאָס האַלטען עפֿנטלעכע רעדעס און ד. ג., קאָן פֿאָרקומען נאָר מיט אַ באַזונדער יעדעס מאָל דערלויבעניש פֿון די געהעריקע מאַכט־אָרגאַנען און מיט אָפּהיטן די איינגעשטעלטע אין אַזעלכע פֿאַלן כללים. דאָס פֿאַר־שפּרייטן דיזאָזקיע אידעען אויפֿן וועג פֿון געדרוקטן וואָרט, איז עס שוין איצט פֿאַרווירקלעכט דורך דער פֿאַרמיטלונג פֿונם ציוניסטישן אָרגאַן, וואָס דער־שיינט אין וואַרשע — „וואָסכאָד". פֿאַרן קאַנצעלאַריע־אָנפֿירער א. קופּפּער, פֿאַרן פֿאַרוואַלטער פֿון דער געשעפֿטס־פֿירונג א. גראַציאַנסקי. — אין דער קאַנצעלאַריע פֿון וואַרשעווער פּאָליצמייסטער אויף איבערצוגעבן לויט דער באַשטימונג".

פֿאַר די אייראָפּעאישע רעכט־באַגריפֿן איז עס אַ לעגאַליזאַציע פֿון דער ציוניסטישער באַוועגונג. די צאַרישע אַדמיניסטראַציע האָט אָבער אויס־גענומען א תנאי קודם למעשה: אין יעדן געגעבענעם פֿאַל דאַרפֿן די איני־ציאַטאָרן באַקומען אַ דערלויבעניש פֿון דער אָרטיקער פּאָליציי־מאַכט. און אָט־דער תנאי איז געוואָרן אַ קוואַל פֿאַר צו־נישט־מאַכן די גאַנצע דערלויבע־ניש. דיזעלביקע קאַנצעלאַריע, וואָס האָט די מעלדונג אַרויסגעגעבן, מאַכט כמעט אין דערזעלביקער צייט אָנווייזונגען צו די באַזונדערע גובערנאַטאָרן פֿון די צען פּוילישע גובערניעס: קיין דערלויבענישן נישט געבן.

די ציוניסטן אין פּוילן האָבן געהאַלטן זייער באַוועגונג פֿאַר לעגאַליזירט דורך אָט־דער „מעלדונג" פֿון דעם וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר. זיי האָבן זי געלאָזט אָפּדרוקן, די קאָפּיעס נאָטאַריעל באַשטעטיקט און אין די קאַנצעלאַריעס פֿון די גובערנאַטאָרן האָבן אָנגעהויבן אַריינפֿליסן ווענדונגען וועגן דערלויבן ציוניסטישע עפֿענטלעכע אַרויסטרעטונגען, באַזירנדיק זיך אויף דער דערלויבעניש פֿון וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר. דער סו־וואַלקער גובערנאַטאָר איז דער ערשטער, וואָס האָט זיך מיטן ענין געדאַרפֿט פֿאַרנעמען. צו אים האָבן זיך געווענדט מוטניק, פּאָליאַק און פֿריידע, דורך

דער פאַרמיטלונג פון נאַטשאַלניק פון קאַלוואַריער אויעזד (קרייז) וועגן דער־לויבן זיי עפענטלעך צו פּראָפּאַגאַנדירן דעם ציוניזם. דער סואוואַלקער גו־בערנאַטאָר האָט אויף זיין אייגענער אַחריות אָפּגעוואָרפן די בקשה. ער פרעגט אָן דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר בלויז וועגן דעם, צי איז די קאָפּיע פון דער מעלדונג ניט קיין פעלשונג און צי מען מעג לאָזן פאַרשפּרייטן אָט־די קאָפּיעס. די קאַנצעלאַריע פון גענעראַל־גובערנאַטאָר לאָזט דעם בריוו אָן ענטפער.

דער בריוו פון סואוואַלקער גובערנאַטאָר איז דאַטירט 25 אָקטאָבער 1902, נומער 6788, ד. ה. אַן ערך 2 חדשים נאָך דער איינרעגיסטרירטער וואַרשעווער מעלדונג.

מיט אַ חודש שפּעטער קומט אָן אַ ביטע צום פּעטריקאָווער גובערנאַטאָר פון לאָדז. דערדאָזיקער גובערנאַטאָר איז שוין נישט אַזוי דעצידירט, ווי דער סואוואַלקער. ער שיקט די ביטע איבער אויף דעם „איינזען" פון וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר און וואַרט אויף אַן ענטפער. דער בריוו פון פּעטרי־קאָווער גובערנאַטאָר איז דאַטירט 27־טן נאָוועמבער 1902, נומער 18.780. דער בריוו מיט דער ביטע בלייבן ליגן אין דער קאַנצעלאַריע פון וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר אָן תשובה. אין צוויי וואָכן אַרום קומט אָן צום זעלביקן פּעטריקאָווער גובערנאַטאָר אַן ענלעכע ביטע פון בענדין, וואָס ער שיקט ווידער איבער צום גענעראַל־גובערנאַטאָר און בעט געבן אַ דעציזיע וועגן ענין. דער צווייטער בריוו איז דאַטירט: 10 דעצעמבער 1902 און טראָגט דעם נומער 19.244. אויף אָט־דעם גובערנאַטאָר־בריוו ליגט אָן אָנ־געשריבענע רעזאָלוציע מיט אַ בלייפעדער: „פאַרלייגן דעם גובערנאַטאָר די ביטע אָפּוואַרפן, אָפּזאָגן אויך אין דער צוקונפט אַזעלכע מינים בקשות". 13. 902.12. די רעזאָלוציע איז ניט געחתמט.

דערמיט איז שוין געלייזט אויך די ווענדונג פון לאָמזשער גובערנאַטאָר אין זעלביקן ענין, געשריבן דעם 22־טן יאַנואַר 1903. דעם 11־טן פעברואַר 1903, אונטערן די נומערן 2381, 2382 און 2383 צושיקט די קאַנצעלאַריע פון ווג"ג אינסטרוקציע־בריוו צום וואַרשעווער, סואוואַלקער און פּעטריקאָווער גובערנאַטאָרן. די רעדאַקציע פון זיי איז ווי פאָלגט:

„די קאַנצעלאַריע פון גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט דעם כבוד מודיע צו זיין אייער עקסעלענץ, אַז דער העכסטער הויפּט־נאַטשאַלניק פון געגנט האָט, ביז דער ענדגילטיקער לייזונג דורכן אינערן־מיניסטער פון דער אויפגעהויבענער דורך אים וועגן דעם ענין פראַגע, געפונען פאַר נישט געוואונטשן צו דערלויבן דאָס איינאָרדנען די אויבנאָנגערופענע פאַרזאַמלונגען".

דער רעזולטאַט פון גענעראַל־גובערנאַטאָרס „לעגאַליזירן" דעם ציו־ניזם אין פּוילן זיינען געווען בלויז עטלעכע פאַרזאַמלונגען אין וואַרשע, און

גאַר. אַזוי האָט זי אויסגעזען די רוסישע „הומאַניטאַרע געזעצגעבונג", ווי עס דריקן זיך אויס די ביטע־שרייבער.

די סתירותדיקע האַנדלונג פון גענעראַל־גובערנאַטאָר דערקלערט זיך מיט פאָלגנדיקע סיבות. די רוסישע מאַכט אין פוילן איז בדרך־כלל געווען אַסאַך פאַרזיכטיקער מיט עקספּערימענטן, ווי די צאַרישע מאַכט אין די אינווע־ניקסטע רוסישע גובערניעס, אָדער אַפילו ווי אין די 15 גובערניעס פון יידישן „תחום" (ליטע און ווייסרוסלאַנד). אין מאָסקווע איז דער זובאַטאָוו־עקספּע־רימענט געמאַכט געוואָרן נאָך אין יאָר 1898. אין מינסק הויבט־אָן צו פונק־ציאָנירן דער זובאַטאָוו־סיסטעם פון יאָר 1899. ער דערפירט צו דער אויס־בילדונג פון דער „אומאָפּהענגיקער יידישער אַרבעטער־פּאַרטיי" אַלס לע־גאַליזירטע עקאָנאָמישע באַוועגונג צווישן די יידישע אַרבעטער און צו דער דערלויבעניש, וואָס איז געגעבן געוואָרן צונויפצורופן אין מינסק די ערשטע קאָנפערענץ פון די רוסישע ציוניסטן, ווי אויך צו דער דערלויבעניש פאַר אַ טעגלעכער יידישער צייטונג („פריינד") אין פּעטערבורג. אין פוילן איז אָבער די זובאַטאָוו־סיסטעם געקומען מיט אַ פאַרשפּעטיקונג פון גאַנצע זעקס יאָר בערך. די צאַרישע אַדמיניסטראַציע אין פוילן האָט געפירט אַ פּאָליטיק פון אויסראָטן יעדן סימן פון געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע, פון וועל־כער זייט עס זאָל נישט קומען. די געגעבענע דערלויבעניש פריי צו פּראָ־פּאַגאַנדירן דעם ציוניזם איז געווען אַ פּרואוו אָנצעווענדן דעם זובאַטאָוו־סיסטעם אויך אין פוילן, דאָס הייסט: אויסנוצן די מעסיגע גרופּן קעגן די רע־וואָלוציאָנערע. אָבער איידער מען האָט אָט־דעם סיסטעם אויסגעפּרואווט אין פוילן, איז שוין געקומען פּלעווע אַלס מיניסטער פון אינערלעכע ענינים פון רוסלאַנד. פּלעווע האָט פאַרוואָרפן דעם זובאַטאָוו־סיסטעם. ער האָט זו־באַטאָוון באַזייטיקט פון זיין אַמט אַלס שעף פון דער „דריטער אָפּטיילונג" („אָכראַנע"). פּלעווע פירט אַ פּאָליטיק פון „אַ שטאַרקער האַנט". ער וויל דער־טרינקען די רעוואָלוציע אין טייכן יידיש בלוט (קעשענעווער פּאָגראָם). נאָך איידער דער גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט געקענט זען די פאָלגן פון זיין „דער־לויבעניש", זיינען צו אים דערגאַנגען די ידיעות וועגן די „נייע ווינטן", וואָס בלאָזן אין פּעטערבורג. פון דאַנען נעמט זיך, וואָס איידער נאָך דער טינט פון דער דערלויבעניש־מעלדונג צו יאַנסינאָווסקין און פּאָדלישעווסקין האָט זיך באַוויזן אָפּצוטריקענען, איז שוין אַרויס דער פאַרבאָט־שריפט צו די אויבנ־דערמאָנטע גובערנאַטאָרן. די פאַרשפּעטיקונג פון זובאַטאָוו־סיסטעם אין פוילן איז דאָס שליסל צו פאַרשטיין די סתירותדיקע האַנדלונג פון וואַרשעווער גע־נעראַל־גובערנאַטאָר אין באַצוג צום ציוניזם אין פוילן.

דריטער פעריאָד

דעם דריטן פעריאָד הויבט אָן דער פּלעווע־צירקוליאַר, וועלכער איז נאָר טיילווייז באַקאַנט. דעם אַנאַליז פון צירקוליאַר האָט פאַרעפנטלעכט פּ. קאָן אין „קוריער ווילענסקי" פון 12־טן אויגוסט 1933, לויטן בריוו פון ווילנער גובערנאַטאָר. אַ קורצן אויסצוג ברענגט אויך שאול גינצבורג אין זיין אַרטיקל „ד"ר הערצלס רייזע קיין פעטערבורג" [17]). מיר ברענגען דאָ דעם צירקוליאַר אין זיין געוויעם און פולן טעקסט. אגב, ווי וויכטיק דער צירקוליאַר איז נישט פאַר זיך אַליין, ווי אַ היסטאָרישער דאָקומענט, איז פאַר אונז נאָך אינטערעסאַנטער דער אָפּקלאַנג, וואָס דערדאָזיקער צירקוליאַר האָט געהאַט אין די צען גובערניעס פון „ביי־ווייסל־געגנט".

פּלעווע צירקוליאַר בעט די גובערנאַטאָרן צו געבן באַריכטן וועגן דער טעטיקייט פון די אָרגאַניזירטע ציוניסטישע גרופּן אין זייער גובערניע. ער בעט זיי אויך צו געבן אָן אָפּשאַצונג פון די צילן און באַשטרעבונגען פונעם ציוניזם, ווי אויך זייער מיינונג וועגן אָט־דער באַוועגונג. דער וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט אויפגעפאָדערט אַלע גובערנאַטאָרן פון „געגנט" אים צו שיקן קאָפּיעס פון זייערע שריפטן צום אינערן־מיניסטער. אַזוי אַז מיר האָבן אַ מעגלעכקייט נאָכצוגיין פוס־טריט די גובערנאַטאָרן, זען דאָס בילד פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין פּוילן, ווי די גובערנאַטאָרן האָבן זי געשילדערט, פאַר די יאָרן 1903־1904. עס שפּיגלען זיך אָפּ אין די ראַפּאָרטן די אויפפאַסונג און שטעלונג פון דער רוסישער אַדמיניסטראַציע ניט בלויז צו יידישע באַוועגונגען, נאָר אויך צו יידן בכלל.

די אויסגעשפּראָכענע נעגאַטיווע באַציאונג צום ציוניזם איז שוין מערקבאַר, נאָך פאַר פּלעווע צירקוליאַר. שוין דעם 30־טן אַפּריל 1903 צעשיקט לאָפּוכין, דער דירעקטאָר פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט ביים אינערן־מיניסטעריום אונטערן נומער 4090 פאָלגנדיקן צירקוליאַר:

„לויט באַקומענע ידיעות אין אינערן־מיניסטעריום, האָבן די ציוניסטן בדעה איינצואָרדנען אין איינע פון די שטעט פון דער אימפּעריע אָן אַללענדישן צוזאַמענפאָר מיטן ציל צוצוגרייטן זיך צום בעפאָרשטייענדיקן אַלוועלטלעכן ציוניסטישן קאָנגרעס, וועלכער דאַרף פאָרקומען הערבסט־צייט.

„צוליב דעם האָט דער פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט דעם כבוד אייך פילגעהאָרכזאַם צו בעטן, גנעדיקער הער, אָנצונעמען אַלע פון אייך אָהענגיקע מאָסמיטלען, כדי דידאָזיקע כוונה פון די ציוניסטן זאָל נישט פאַרווירקלעכט ווערן. — אונטערגעשריבן: שטעל־פאַרטרעטער פון דירעקטאָר לאָפּוכין, באַשטעטיקט, פאַרן פאַרוואַלטער פון דער באַזונדערער אָפּטיילונג פּעשקאָוו".

---

17) שאול גינצבורג — „היסטאָרישע ווערק", צווייטער באַנד, ניו־יאָרק תרצ"ז (1937), ז. 222.

דעם דאָזיקן לאַפּוכין־צירקוליאַר האָט דער וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר אויסגעטייטשט אין זין, אַז מען דאַרף אָפּשטעלן די ציוניסטישע באַוועגונגען. די קאַנצעלאַריע פון ווג״ג צעשיקט צו די גובערנאַטאָרן פאָלגנדיקן געהיים־צירקוליאַר:

וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר, ערשטע געשעפטספירונג, 9 מאי 1903, נ. 571, וואַרשע, געהיים־צירקוליאַריש.

דעם הער גובערנאַטאָר.

אין דער לעצטער צייט האָבן די פאָרשטייער פון דער יידישער באַוועגונג, באַוואוסט אונטערן נאָמען „ציוניזם", אין פיל שטעט פון ביי־ווייסל־געגנט, זיך געוואָנדן צו די אַדמיניסטראַטיווע מאַכט־אָרגאַנען מיט השתדלותן וועגן דערלויבן זיי אָפּן צו פאַרשפּרייטן צווישן דער יידישער באַפעלקערונג די אידייען פון ציוניזם דורך איינאָרדנען ספּעציעלע פאָר־לעזונגען, עפנטלעכע לעקציעס און דאָס גלייכן.

דער ציוניזם, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין די 80־ער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, האָט לכתחילה געהאַט פאַר אַ ציל קאָלאָניזירן אויף דער ערד פון פאַלעסטינע און סיריע יידישע עמיגראַנטן, דערביי איז אין דער פּראָגראַם פון אָט־דער באַוועגונג אַריינגעגאַנגען אויך די שטרעבונג אויפצוהויבן דעם גייסטיקן און מאָראַלן ניווא פון דער אומוויסנדיקער יידישער מאַסע און צוגעוואוינען זי צו נוצלעכער פיזישער פּראַצע.

אין דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג אירער האָט אָט־די לערע באַדייטנדיק זיך גע־ענדערט און אין דער איצטיקער צייט עקזיסטירט שוין כמעט ניט דער ציוניזם אין זיין ריינעם געשטאַלט. ער איז פאַרביטן געוואָרן מיט דער באַוועגונג, וואָס פאָדערט אויפצולעבן די אַלט־יידישע אייגנאַרטיקייט, און קולטור („דרעווניאָ־יעווריסקויו קולטורו" — אַן אויסדרוק, וואָס קען אויך באַדייטן העברעאיש — ש. ל.).

די פראַגע וועגן דער באַציאונג פון דער רעגירונג צו אָט־דער באַוועגונג און דאָס דערלאָזן צו איר אָפענער פּראָפּאַגאַנדע, געפינט זיך איצט אויפן סדר־היום פון אינערן־מיניסטעריום. נעמענדיק אין אַכט, אַז די פאַרשפּרייטונג פון די ציוניסטישע אידייען אין זייערע היינטצייטיקע פאָרמען האָט שוין נישט איינמאָל גורם געווען צו אומאָרדנונגען, וואָס שטערן די עפנטלעכע רו און שטילקייט, געפין איך פאַר נויטיק, ביזן באַקומען די געהעריקע אָנווייזונגען וועגן דעם ענין פון אינערן־מיניסטעריום, שוין גלייך אָפּשטעלן דאָס דערלויבן וואָסערע ניט איז עפנטלעכע לעקציעס און פאַרזאַמלונגען, שמועסן און דאָס גלייכן, וואָס ווערן איינגעאָרדנט אויף באַקענען דעם עולם מיט די אידעען פונם ציוניזם און אָפענע פּראָפּאַגאַנדע פון די ציוניסטן.

וועגן אויבנגעזאָגטן האָב איך דעם כבוד מיטצוטיילן אייער עקסעלענץ אויף די פון אים אָפּהענגיקע פאַראָרדנונגען".

אונטערגעשריבן: „גענעראַל אדיוטאַנט טשערטקאָוו, אָנפירער פון דער קאַנצעלאַריע יעוו. מענקין" [18]).

דער דאָקומענט איז אינטערסאַנט דערמיט, וואָס אין אים ווערט גע־געבן אַ „טעאָרעטישע" אַזוי צו זאָגן באַגרינדונג פאַר דער נייער שטעלונג און באַציאונג פון דער רוסישער אַדמיניסטראַציע צום ציוניזם. פריער האָט

---

18) בויגן 26 פון ענין פאָדלישעווסקי־יאַסינאָווסקי.

מען „געמעגט" פּריידיקן די אידייען פון ציוניזם דערפאַר, ווייל ער האָט נאָר געשטרעבט צו באַזעצן יידישע עמיגראַנטן אויף ערד, איצט אָבער האָט דער ציוניזם געביטן זיין וועג, ער איז געוואָרן אַ באַוועגונג פאַר איינהאַלטן די יידישע אייגנאַרטיקייט און דערמיט איז ער אַ געפערלעכע באַוועגונג, וואָס מוז באַקעמפט ווערן. ניט די פּאָליטיק, הייסט עס, פון דער רוסישער מאַכט האָט זיך געביטן, נאָר די צילן און באַשטרעבונגען פון ציוניזם האָבן זיך געביטן. דער דאָזיקער צירקוליאַר־בריוו איז דער אָנזאָג פון דעם פּלעווע־צירקוליאַר.

אייגנטלעך האָט אָט־דעם געדאַנק אַרויסגעזאָגט גענעראַל־פּולאַן, דער שעף פון דער זשאַנדאַרמעריע אין פּוילן, נאָך אין יאָר 1902, ווען ער האָט געשריבן אַז די קאַלישער ציוניסטן אַרבעטן אונטערן דעק־מאַנטל פון אַ הילף־געזעלשאַפט. זיי זיינען פאַרבונדן מיט פערזאָנען, וועלכע זיינען פּאָליטיש „מער ווי ניט־כשר" און „די אָפּגעזונדערט־נאַציאָנאַלע באַשטרעבונג פון ציוניזם בכלל ווערט אונטערגעשטראָכן דורך דער היינטצייטיקער פּרעסע, וואָס שענקט אויפמערקזאַמקייט די צעזאַמענפאָרן פון די ציוניסטן. אָט־די באַשטרעבונג איז דירעקט שעדלעך און אַנטימלוכיש" [19].

אין 1902 איז דאָס געווען בלויז די מיינונג פון דער פּאָליציייִשער מאַכט אין פּוילן. די פּעטערבורגער הויפּט־אַדמיניסטראַציע האָט אויף דעם ענין אַנדערש געקוקט. אונטער פּלעווע ווערט עס די אָפיציעלע שטעלונג פון דער צענטראַלער מאַכט. פּלעוועס געהיימער צירקוליאַר פון 24 יוני 1903, נומער 6142 שטעלט איין אָט־די באַציאונג ווי אַ נאָרמע פאַר דער אַדמיניסטראַציע פון גאַנץ רוסלאַנד.

פּלעוועס געהיימער צירקוליאַר

מיניסטעריום פאַר אינערלעכע ענינים. — פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט. — באַזונדער אָפּטיילונג. — 24 יוני 1903. נומער 6142. — פולשטענדיק געהיים. צירקולאַריש.

צו די הערן גובערנאַטאָרן, שטאָט־נאַטשאַלניקעס און אָבער־פּאָליצמייסטערס.

פון די ידיעות, וואָס געפינען זיך אין פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט וועגן די אַזוי גערופענע ציוניסטישע געזעלשאַפטן, זעט מען, אַז די דאָזיקע, שטעלנדיק זיך פון לכתחילה פאַר זייער ציל מיטהעלפן ביי דער איבערזידלונג פון יידן קיין פּאַלעסטינע, כדי צו שאַפן דאָרט אַ זעלבסטשטענדיקע יידישע מלוכה, האָבן איצט אָפּגעלייגט די פאַרווירקלעכונג פון אָט־דעם געדאַנק אין די ספערן פון דער ווייטער צוקונפט און האָבן געריכטעט זייער טעטיקייט אויף דער אַנטוויקלונג און פאַרשטאַרקונג פון דער נאַציאָנאַלער יידישער אידעע, פּראָפּאַגאַנדירנדיק דאָס צענויפזאַמלען זיך אין פאַרשלאָסענע אָרגאַניזאַציעס פון די יידן — דאָרטן, וואו זיי וואוינען איצט. דידאָזיקע ריכטונג, זייענדיק פיינטלעך דער יידישער אַסימילאַציע

---

19) אווג"ג, ענין נומער 101.654, 1"2, 8 פון יאָר 1902, בויגנס 273־274.

מיט אַנדערע פעלקערשאַפטן, פאַרטיפנדיק צווישן די ערשטע און די לעצטע דעם פעלקער־אַנטאַגאַניזם, איז אין סתירה מיט די יסודות פון דער רוסישער מלוכה־אידעע, און דעריבער קאָן זי נישט געדולדעט ווערן.

אַלס פועל יוצא דערפון, האַלטנדיק פאַר נויטיק געבן דער פראַגע וועגן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס די געהעריקע לייזונג, בעט איך אייך אונטערטעניקסט, גנעדיקער הער, מיר צו מעלדן תיכּף ומיד גענויע ידיעות וועגן די עקזיסטירנדיקע אין דעם אייך אָנגעטרויטן ראַיאָן ציוניסטישע קרייזן און אייערע מיינונגען וועגן זייער באַדייטונג פון מלוכהשן און נאַציאָנאַלן שטאַנדפונקט.

געפינענדיק, פונדעסטוועגן, פאַר נישט אָפּלייגבאַר, ביזן לייזן די איצט־געשטעלטע פראַגע אויפן טאָג־אָרדנונג, גלייך אָנצונעמען מיטלען, כּדי צו פאַרלויפן און איבעררהאַקן די פאַרשטאַרקונג פון די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין די סאַמע־וואָרצלען, און די אַנטוויקלונג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין דער שעדלעכער ריכטונג, האַלט איך פאַר אַ חוב, צו געבן אייך, כּדי אייער דורכלויכט (עקסעלענץ) זאָל זיך ביי זיי האַלטן פאָלגנדיקע אָנווייזונגען:

1. די פּראָפּאַגאַנדע פון די אידייען פון ציוניזם, אין עפנטלעכע ערטער און אויף פאַרזאַמלונגען פון געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער דאַרף זיין פאַרבאָטן. מיט דער אַבזיכט דאַרף מען שטערן די טעטיקייט פון די ספּעציעלע ציוניסטישע אַגיטאַטאָרן, די אַזוי גערופענע „מגידים", וועלכע פאָרן אַרום איבער די שטעט און שטעטלעך און האַלטן רעדעס אין די בתי מדרשים און אויף געזעלשאַפטלעכע פאַרזאַמלונגען, כּדי צוצוציען די צוהערער, באַזונדערס צווישן פּראָסטן פאָלק, אין די רייען פון אָנהענגער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

2. פּונקט אַזוי דאַרף מען פאַרבאָטן, אויף וויפל זייער טעטיקייט ווייזט זיך אַרויס עפנטלעך, אין צוזאַמענקונפטן, פאַרזאַמלונגען און פאַרשיידענע אַנדערע צונויפקלייבענישן פון די שוין עקזיסטירנדיקע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען צעוואָרפן, ווי אַ נעץ, איבער גאַנץ רוסלאַנד, אַריינרעכענענדיק סיביר, קאַווקאַז און די רוסישע מיטל־אַזיאַטישע פאָסעסיעס.

3. צוזאַמענפאָרן, מיט וועלכע צילן עס זאָל ניט זיין, פון פאַרשטייער און מיט־באַטייליקטע פון די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס (ראַיאָנען), אויף וועלכע עס איז צוטיילט געוואָרן רוסלאַנד דורך די ציוניסטן, קרייזן און פאַרשיידענע צווישנשטאָטישע פאַראייניקונגען און וואַל־גרופן — דאַרפן ניט דערלויבט ווערן.

4. יעדע מין געלט־זאַמלונג, וואָס איז ניט דערלויבט דורך דער רעגירונג, אויף ציוניסטישע צילן, דאָס צירקולירן צווישן עולם פון ניט־דערלויבטע צום אַריינפיר אין רוסלאַנד (נומער 92, 1טע אָפּטיילונג פון די „זאַמלונגען" פון געזעצן און פאַראָרדנונגען פון דער רעגירונג, 1902) אַקציעס און צייטווייליקע צייגענישן פון יידישן קאָלאָניאַל־באַנק אין לאָנדאָן, ווי אויך זאַמלונגען אויף אָנפילן דעם „נאַציאָנאַלן יידישן פאָנד", געגרינדעט דאָרטן גופא, וועלכע ווערן אין אייניקע שטעט געמאַכט דורך אַרומגיין איבער די הייזער פון דער גאַנצער אָרטיקער יידישער באַפעלקערונג, דאַרפן באַלד אָפּגעשטעלט ווערן, וויבאַלד נאָר מען באַקומט ידיעות וועגן אַזעלכע זאמלונגען. די פּערזאָנען, וועלכע שטייען אין דער שפּיץ פון אַזעלכע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, דאַרפן פאַרפליכטעט ווערן דורך אַן אונטערשריפט אָפּצוזאָגן זיך אָנצופירן מיט דער באַוועגונג און אויפצוהערן יעדע געלט־זאַמלונג.

די סומען, וואָס געפינען זיך אין זייער רשות, ווי באַקומענע אויפן וועג פון ניט־דערלויבטע דורך דער רעגירונג זאַמלונגען, דאַרף מען אָפּשיקן צו די יידישע וואולטעטיקע אינסטיטוציעס (למשל, צו דער עקזיסטירנדיקער אין אָדעס הילפס־געזעלשאַפט פאַר יידן ערד־אַרבעטער און בעלי־מלאכות פון סיריע און פּאַלעסטינע). די אַקציעס און צייטווייליקע צייגענישן פון יידישן קאָלאָניאַל־באַנק, ווי אויך די קוויטאַנציעס וועגן איינצאָלונגען אינעם „יידישן נאַציאָנאַל־פאָנד" דאַרף מען קאָנפיסקירן, און די פּערזאָנען, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט פאַרשפּרייטן די אויבנדערמאָנטע דאָקומענטן, דאַרפן פאַרפליכטעט ווערן מיט אַן אונטערשריפט אָפּצוזאָגן זיך פון אַזאַ טעטיקייט. די לעצטע (געלט־זאַמלונגען — ש. ל.) זיינען

נאָך־מער שעדלעך, וואָס די צאָלער אין די ציוניסטישע קאָסעס זיינען הויפּטזעכלעך די ניט־פאַרמעגלעכע קלאַסן פון יידנטום.

5. מען דאַרף אויך האָבן השגחה אויף די אָרגאַניזירטע דורך די ציוניסטן נייע און פון פריער עקזיסטירנדיקע יידישע שולן (חדרים), ביבליאָטעקן, לייענזאַלן, שבת־שולן פאַר דערוואַקסענע מיטן ציל אויסצולערנען די העברעאישע שפּראַך, עפנטלעכע פאַרלעזונגען וועגן יידישער געשיכטע און ענלעכע אינסטיטוציעס. די יידישע שולן, דערלויבטע דורך דער רעגירונג צו עפענען אויף באַפרידיקן די רעליגיעזע באַדערפענישן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דער אימפעריע, דאַרפן נישט, אונטער דער פירערשאַפט פון די ציוניסטישע טוער, באַקומען דעם כאראַקטער פון אינסטיטוציעס צו אנטוויקלען די נאַציאָנאַלע אָפּגעזונדערטקייט פון רוסישן יידנטום.

6. ביים צושטעלן צום באַשטעטיקן פאַר די צענטראַלע אָרגאַנען פון אינערן־מיניסטעריום די קאַנדידאַטן אויף די געוויילטע אַמטן אין די יידישע קהלות, באַזונדערס אויף דעם אמט פון רבנים, דאַרף מען בייליגן די אויפגעקליבענע אויפן אָרט ידיעות וועגן דער מאָס פון אָנגעהעריקייט פון די צוגעשטעלטע קאַנדידאַטן צו די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס.

אונטערגעשריבן: מיניסטער פאַר אינערלעכע ענינים, סטאַטס־סעקרעטאַר פּלעווע. באַשטעטיקט: דירעקטאָר (פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט) לאָפּוכין. — ריכטיק: פאַרן פאַרוואַלטער פון דער אָפּטיילונג (באַזונדער אָפּטיילונג — אָכראַנע — ש. ל.) פּעשקאָוו"[20].

דער גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט גלייך צושיקט אַ רעזומע פון אָט־דעם צירקוליאַר־בריוו צו אַלע צען גובערנאַטאָרן פון „ביי־ווייסל־געגנט", פאָדערנדיק, אַז קאָפּיעס פון די באַריכטן, וואָס וועלן געשיקט ווערן אין אינערן־מיניסטעריום זאָל צוגעשטעלט ווערן אין קאַנצעלאַריע פון וואַרשעווער גענעראַל גובערנאַטאָר (צירקוליאַר־בריוו פון 14־טן יולי 1903, נומער 936).

פּלעוועס צירקוליאַר אַנטהאַלט אין זיך די גאַנצע „אידעאָלאָגיע" פון די צאַרישע מושלים אין באַצוג צו יידן. יעדע באַוועגונג צווישן יידן שאַדט די אינטערעסן פון רוסלאַנד, ווייל עס בילדעט זיך אויס אַן אָפּגעזונדערטקייט, אַ יידישע געמיינזאַמקייט און עס שטערט די אַסימילאַציע פון יידן. פון דער צווייטער זייט אָבער מאַכט מען פּאָגראָמען אויף יידן, מען פאַרשפּאַרט זיי אין אַ „תחום המושב", אין אַ „טעריטאָריע", ווי די פּראָווינצן פלעגן דאָס רופן, פון וואַנען זיי טאָרן ניט אַרויס, אויסנאַם געזעצן, פּראָצענט־נאָרמעס וכו' וכו'. אָט־די אַלע גזירות שאַפן אַ יידישע כאַראַקטער־געמיינשאַפט. אַזוי אַז די גזירות זיינען, אפשר, געווען איינע פון די נאַציאָנאַליזירנדיקע פאַקטאָרן צווישן די יידישע מאַסן אין צאַרישן רוסלאַנד. אין די אויגן פון די רוסישע מושלים איז דער פּרינציפּ פון יידישער רעכטלאָזיקייט געווען אומבאַרירלעך. אַזוי שרייבט דער פּעטריקאָווער גובערנאַטאָר מילער אין זיין באַריכט טשערטקאָוון וועגן „ענינים, וואָס האָבן אַ געזעלשאַפטלעכן באַדייט":

„... די ציוניסטן שטרעבן ... צו דערשלאָגן זיך צו די זעלביקע רעכט, וואָס אַנדערע פעלקער". אַלס אַ ראיה ברייגנט דער גובערנאַטאָר אַ רע־

20) בויגנס 49—50 פון דעם ענין וועגן דער ביטע פּאָדלישעווסקי־יאַסינאָווסקי.

דע פון אַדוואָקאַט מיכאיל קאַן, וועלכער האָט בעת דער עפענונג פון נייעם תּלמוד־תּורה־בנין אין לאָדז, געזאָגט, אַז יידן דאַרפן באַקומען בילדונג, כדי אַזוי אַרום צו פאַרדינען זיך אויף גלייכע רעכט מיט דער איבעריקער באַפעל־קערונג אין דער אימפעריע. אינטערעסאַנט, אַז אויך וועגן „בונד" שרייבט דער גובערנאַטאָר, אַז די הויפּט־עוולה פונם „בונד" זעט ער אין דעם, וואָס „אויף איינע פון די בונדישע צוזאַמענפאָרן איז באַשלאָסן געוואָרן, צו דער־שלאָגן זיך מיט אַלע וועגן, מיט אַלע מיטלען דאָס אָנערקענען פאַר יידן פולע גלייכהייט מיט די איבעריקע נאַציאָנאַלטיטעטן, אַלע בירגערלעכע און פּאָלי־טישע רעכט" [21]).

דער פּלעווע־צירקוליאַר איז ניט קיין סך מחדש. אינטערעסאַנט זיינען אָבער די אַרבעט־אופנים פון דער העכסטער צאַרישער אַדמיניסטראַציע. פּלעווע קלייבט כּלומרשט ידיעות וועגן די ציוניסטן און וויל אויסהערן די מיינונג פון די אָרטיקע גובערנאַטאָרן, אָבער ער באַאיינפלוסט זיי, אינספּי־רירט די תּשובות. די גובערנאַטאָרן „טוען טאַקע צוליב" דעם מיניסטער און חזרן איבער אין זייערע באַריכטן דעם אַריינפיר פון פּלעווע־צירקוליאַר. אַן אויסנאַם איז נאָר דער סעדליצער גובערנאַטאָר. ער קווענקלט זיך. מען זעט, אַז ער וואָלט וועלן מאַכן אַנדערע אויספירן. ער וואָגט אָבער ניט. איז טאַקע זיין תּשובה ניט קיין דעצידירטע. ער זאָגט ניט יאָ און ניט ניין.

דער סעדליצער גובערנאַטאָר דערציילט, אַז עס עקזיסטירן ציוניסטי־שע קרייזן אין סעדלעץ, לוקאָוו, ביאַלע, מעזעריטש. דידאָזיקע שטעט זיינען גרויסע האַנדלס־צענטערן און די צאָל יידן איז דאָרט זייער גרויס. די ציוניסטן באַמיען זיך אַריינצוציען אַלע יידן אין דער באַוועגונג, מעגן זיי קומען פון וואָס פאַר אַ שיכט עס זאָל ניט זיין. אָבער זייער הויפּט־אויפמערקזאַמקייט ווידמע־נען זיי די „די אָנגעזעענע יידן, די רייכע און געבילדעטע". אין מעזריטש ציילט די אָרטיקע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע ביז 300 מאַן, אין די איבעריקע שטעט פון 40 ביז 80 מיטגלידער. די ציוניסטן קליידן זיך אייראָפּייאיש, גאָלן די בערד, לאָזן־צו פרויען אויף די פאַרזאַמלונגען און זיצונגען. מיט דעם רופן זיי אַרויס די קעגנערשאַפט פון די חסידים, וועלכע זעען אין זיי כּופרים, אַפּיקורסים און אַ געפאַר פאַר די רעליגיעזע מנהגים און רעליגיעזן לעבנס־שטייגער. די ציוניסטן, מיינט דער גובערנאַטאָר, וואָלט מען געדאַרפט צורע־כענען צו די פּראָגרעסיסטן, און דער גובערנאַטאָר ווייסט נישט, ווער עס איז געפערלעכער, צי די „פּראָגרעסיסטן", צי די „פינצטערע רעליגיעזע מאַסע".

21) אווג"ג, נומער 101.704, בויגן 45.

„וועלכע פון דיביידע פּאַרטייען, ד. ה. ציוניסטן, וואָס האָבן זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע, איינהאַלטנדיק די נאַציאָנאַלע אָפּגעזונדערטקייט פון יידן, דערנעענטערן זיך צו דער קריסטלעכער באַפעלקערונג מיט איר אויסערלעכן אויסזען, כדי, באַזייטיקנדיק די אויסערלעכע אונטערשיידן, באַקומען דעם צוטרוי פון די קריסטן און זיי לייכטער עקס־פּלאָאַטירן, אָדער די אַלט־יידישע, מער פאַנאַטישע, וועלכע האַלט איין אין פולשטענדיקער אומבאַרירלעכקייט אלע פאָראורטיילן פון תלמוד; וועלכע שרייבט צו אַ הויפּט־באַדייטונג אין דער רעליגיע דאָס אויספילן די אויסערלעכע מנהגים און וועלכע שיידט זיך בולט אויס מיטן אויסערלעכן אויסזען פון דער איבעריקער באַפעלקערונג — וועלכע פון אָט־די צוויי פּאַרטייען איז מער ניט געוואונטשן — איז נאָך דערווייל אוממעגלעך צו באַשטימען, דער־פאַר וואָס די ריכטונג פון דער ציוניסטישער טעטיקייט האָט זיך נאָך ביז־איצט קלאָר נישט אויסגעדריקט.“ [22]).

דער סעדליצער גובערנאַטאָר איז אַ „פּראָגרעסיסט“ פון דער אַלטער שול. יידן זיינען „עקספּלואַטאַטאָרן“ און האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ ציל „אויסצונוצן די קריסטלעכע באַפעלקערונג“. דאָס איז אַן אַלטע „אידיי“, וואָס שטאַמט פון די צייטן פון אַלעקסאַנדער דעם ערשטן [23]). די „יידישע אָפּ־געזונדערטקייט“ שמעקט ניט דעם גובערנאַטאָר, פאַר די יידישע „פּראָגרע־סיסטן“ האָט ער מורא, הגם ער סימפּאַטיזירט מיט זיי. ער איז געהאַמעוועט דורכן פּלעווע־צירקוליאַר. ער חזרט איבער פּלעוועס אַריינפיר אין דער פראַזע: „איינהאַלטנדיק די נאַציאָנאַלע אָפּגעזונדערטקייט פון די יידן“.

אַזוי, למשל, שרייבט ער אין זעלביקן ראַפּאָרט:

„מיט אויפקלערונג־צילן צווישן דער מאַסע פון דער יידישער באַפעלקערונג און דער־נעענטערן זי צו די אַנשויאונגען און ריכטונג פון די ציוניסטן, איז אַהער געקומען אפילו אַ ספּעציעלער אַגיטאַטאָר אין די שטעט ביאַלע און מעזריטש פון מינסקער גובערניעס. אין זיינע רעדעס האָט איבערוואויגן דער גייסט און די שטרעבונג אויפצושטעלן די מאַסע קעגן דער עקזיסטירנדיקער אָרדנונג און איר באַציאונג צו די אַרבעטער. דער פאַקט, וואָס אין משך פון די לעצטע צוויי יאָר איז אויפן שטח פון דער סעדלעצער גובערניע פאַר־שפּרייט געוואָרן אַ סך אויפרעגנדיקע אונטערדישע בלעטלעך, לויטן אויסזען און ריכטונג און אפילו לויטן אויבערקעפּל פון יידישער אָפּשטאַמונג, ווי אַ שטייגער „אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער בונד אין ליטע, פוילן און רוסלאַנד“ — „צו דער געזעלשאַפט“ (צוליבן שליסן די שול פאַר ציין־דאָקטוירים פון דזשעמס לעווי) גיט אַ גרונט צו טראַכטן, אַז דאָס יידנטום (? ! — ש. ל.) עקזיסטירט, ווי אַן אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט פאַר אַ ציל אויפצורודערן די רו, פאַנאַדערצופלאַקערן די געמיטער און אַוועקשטעלן לעבנס־פראַגן, וואָס זיינען צו־אַבסטראַקט, אַז זיי זאָלן קאָנען מיטווירקן דעם וואוילשטאַנד ווי פון דער קריסטלעכער, אַזוי אויך פון דער יידישער באַפעלקערונג . . . “

דער גובערנאַטאָר גיט אָן, אַז אין סעדליצער גובערניע וואוינען 156.574 יידישע נפשות און מאַכן אויס אַ 50 פּראָצענט בערך פון דער גאַנצער באַפעלקערונג אין דער גובערניע. די „באַהאַוונקייט“ פון דעם גובערנאַטאָר אין יידישע ענינים ווערט נאָך דערמיט טשעקאַוועך.

---

22) בריוו פון 14־טן דעצעמבער 1903, נומער 837, דאָרט בויגנס 122־124.

23) מיש — רוסישע געזעצגעבונג וועגן יידן (רוסיש).

אַט איז אַ שילדערונג פון גובערנאַטאָר, וואָס עס טוט זיך אויף דער יידישער גאַס פון זיין גובערניע, צו וועלכער עס האָט געהערט אויך מעזריטש מיט איר „בערשטער און גאַרבער בונד״:

„. . . צווישן די אַזוי גערופענע ציוניסטן, אָדער פּראָגרעסיסטן און דער פינסטערער אַרבעטער־מאַסע, וואָס האַלט זיך ביי די רעליגיעז־מאָראַלע יסודות פונם יידנטום, שטייט די סאַמע באַדייטנדיקסטע טייל פון פאַבריקאַנטן און גרויסע סוחרים פון פאַרשיידענע מינים און סתם פאַרמעגלעכע שיכטן, וועלכע האָבן אינסטינקטיוו קיין צוטרוי ניט צו די ציוניסטן, מורא האָבנדיק פאַר זייער איינפלוס אויף די נידעריקע שיכטן, מיט וועלכע עס האָבן ביז איצט אָנגעפירט די אָנהענגער פון דער תלמודישער לערע. דעריבער האָבן די דערמאָנטע אַגיטאַטאָרן נישט באַגעגענט קיין מיטגעפיל אין די פאַרזאַמלונגען אין די שטעט ביאַלע און מעזריטש. גראָד פאַרקערט, אַ שטאַרקע אָפּאָזיציע מצד דער הערשנדער אין דידאָזיקע שטעט חסידים־פּאַרטיי, וועלכע איז זייער פיינטלעך. און די ציוניסטישע פאַר־זאמלונגען, הגם זיי זיינען פאָרגעקומען, האָבן זיי זיך פאַרענדיקט מיט מחלוקתן, אפילו מיט געשלעגן און לסוף מיט דער אינטערווענץ פון דער פּאָליציי, וואָס האָט זיי פונאַנדער־געטריבן״.

דער סעדליצער גובערנאַטאָר איז זייער אַ „שוואַכער עדות״, ווייל ער קוקט און ווייסט ניט וואָס ער זעט. אַ בילד פון די פאַרשאַרפטע קלאַסן־ריי־בונגען און פאַרטייען־קאַמף אויף דער יידישער גאַס אין יאָר 1903 גיט ער דאָך.

דער לובלינער גובערנאַטאָר איז אַנטשיידן קעגן דערלויבן די ציוניסטן לעגאַל צו עקזיסטירן. זיינען מאָטיוון זיינען, אַז די ציוניסטישע באַוועגונג שטרעבט צו פאַרטיפן אַ נאַציאָנאַלן אַנטאַגאָניזם צווישן די יידן און ניט יידן. זיי שטעלן זיך אויך קעגן דער יידישער אַסימילאַציע. דערצו ווערט זי אָנגע־פירט פון אינטעליגענטן. די באַוועגונג איז געפערלעך. ער מעלדעט, אַז ציו־ניסטישע קרייזן עקזיסטירן אין לובלין, כעלם, נאָוואָ־אַלעקסנדריע און אורען. (בריוו פון 9 יאַנואַר 1904, נומער 184).

דער קאַלישער גובערנאַטאָר איז פאַר פאַרבאָטן די ציוניסטישע באַווע־גונג, ווייל איידער נאָך די ציוניסטן האָבן באַשאַפן אַ יידישע מלוכה אין סיריע און פאַלעסטינע, האָבן זיי שוין געשאַפן אַ „מלוכה אין אַ מלוכה״ אין רוסלאַנד (בריוו פון 3 דעצעמבער 1903, נומער 59).

ציוניזם איז אין סתירה מיטן רוסישן מלוכה־אינטערעס. ציוניסטישע קרייזן עקזיסטירן אין קאַליש און קאָלאָ.

דער פּלאָצקער גובערנאַטאָר מעלדעט, אַז אין פּלאָצקער גובערניע עק־זיסטירן ניט (?) קיין ציוניסטישע קרייזן און חזרט איבער פּלעוועס צירקוליאַר (בריוו פון 21-טן יולי 1903, נומער 93).

אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקייט פאַרדינט דער ראַפּאָרט פון וואַרשע־ווער אָבער־פּאָליצמייסטער. דאָס איז אַ גרויסע שריפט, געשריבן אויף אַ שרייב־מאַשינקע און פאַרנעמט 6 זייטן.

דער וואַרשעווער אָבער־פּאָליצמייסטער הויבט אָן דערפון, וואָס וואַרשע האָט אַ באַפעלקערונג פון 260 טויזנט יידן און מען וואָלט זיך געדאַרפט ריכטן, אַז די ציוניסטן וועלן זיך זייער שנעל צעוואַקסן. אַזוי איז אָבער ניט געשען צוליב דעם, וואָס די חסידים זיינען קעגן ציוניזם. צום ציוניזם זיינען צוגעשטאַנען די אינטעליגענטן. עס פונקציאָנירן אין וואַרשע, שרייבט דער פּאָליצמייסטער, פּאָלגנדיקע ציוניסטישע געזעלשאַפטן, וואָס זיינען ענג־פאַרבונדן צווישן זיך מיט דעם געמיינזאַמען ציוניסטישן ציל: 1) „בני ציון״, 2) „מוריה״, 3) „בר כוכבא״, 4) „פּועלי ציון״, 5) „ספרות״, 6) „לבנון״, 7) „פּראַגער ציוניסטן״, 8) „ציוניסטן פון שמולעוויזנע״.

דער סאַמע צאָל־רייכסטער קרייז זיינען די „בני ציון״. צו אים געהערן דאָס רוב מענטשן אַנגעזעענע („פאַרנעמען אַ באַשטימטע לאַגע״, לויט די רייד פון אָבערפּאָליצמייסטער). דערדאָזיקער קרייז ציילט 1400 מיטגלידער. ער האַלט אויס אַ 2 קלאַסיקע תלמוד־תורה אויף דזיעלנע־גאַס. עס פירט אָן מיט דער תלמוד אַן ענערגישער מענטש, לעאָן בן יוסף לעוויטע, אַ פאַרמעגלעכער מענטש. ער האָט ניט קיינע ספּעציעלע באַשעפטיקונגען. ער ווידמעט זיין גאַנצע פרייע צייט דעם ציוניזם.

„מוריה״ ציילט אַרום 400 מיטגלידער, הויפּטזעכלעך יוגנט. דער דאָזיקער קרייז שטייט אונטערן קאָנטראָל פון די „בני ציון״.

„בר־כוכבא״ איז געגרינדעט געוואָרן אויפן מינסקער צוזאַמענפאָר פון די ציוניסטן. ער ציילט ביז 40 מיטגלידער. די פירער פון קרייז זאָגן, אַז כדי צו זיין אַ ציוניסט, מוז מען זיין אַ סאָציאַליסט. דער פירער פון דעם קרייז, איז לויט געהיימע פּאָליצייאישע ידיעות, דער סטודענט פון אָרטיקן אוניווערסיטעט איציק — איסאַאַק (יצחק) בן יהושע גרינבוים. זיין געהילף איז מאַרצינס קירשראָט. דער לעצטער האָט פאַרענדיקט דעם וואַרשעווער פּאָליטעכנישן אינסטיטוט און איז אַרויסגעפאָרן קיין בערלין. „בר־כוכבא״ שיקט ניט קיין פאַרטרעטער אויף די ציוניסטישע קאָנגרעסן, ווייל ער ציילט ניט קיין 100 מיטגלידער. ביז איצט דריקט זיך די טעטיקייט פון אָט־דעם קרייז אויס בלויז אין פאַרזאַמלונגען אויף באַהאַנדלען די פּראָגראַם און די אויפגאַבן פון קרייז.

וועגן די פּועלי ציון, שרייבט דער אָבער־פּאָליצמייסטער, אַז אים האָבן געגרינדעט „ציוניסטן־חסידים״(?). דערדאָזיקער קרייז האָט געגרינדעט אַן אָנפאַנג־שול פאַר מיידלעך און יינגלעך צוזאַמען. די אונטעררריכט־שפּראַך אין אָט־דער שול איז העברעאיש (עס קוקט עפּעס ווייניק אויס אויף „ציוניסטן־חסידים״ — ש. ל.).

די געזעלשאַפט „ספרות" איז ניט־לאַנג געגרינדעט געוואָרן. איר אויפ־גאַבע איז אַ פאַרלעגערישע. זי „גיט אַרויס ביליקע אויסגאַבן וועגן אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צום יידנטום. (אין שפיץ פון אַט־דעם קרייזל שטייען לעאָן לעוויטע, ד"ר דויד שלמה בן לייב מינץ און אַ געוויסער ווייצמאַן, וואָס „די אַגענטור האָט נאָך ניט אויסגעפונען ווער ער איז").

„לבנון" איז אַ קליינצאָליקע גרופע. אין איר שפיץ שטייען לעוויטע און מינץ. „לבנון" גיט אַרויס קאַרטלעך מיט בילדער, וואָס אילוסטרירן פאַר־שיידענע געשיכטלעכע מאָמענטן אינם יידישן לעבן. דידאָזיקע קאַרטלעך ווערן פאַרקויפט אין די טויזנטער. די הכנסה גייט פאַרן „נאַציאָנאַל־פאָנד".

די ציוניסטן פון פראַגע און שמולעוויזנע נעמען אַרום די ציוניסטן, וואָס וואוינען אין אַט־די פאַר־שטעט. זיי זיינען ניט קיין זעלבסטשטענדיקע גרופן.

דער הויפט־באַפאַלמעכטיקטער פאַר פוילן איז דער אַדוואָקאַט איזידאָר וולאַדימירס יאַסינאָווסקי (מעדאָווע 15־17). אַלע פאַרבינדונגען מיט דער ציוניסטישער וועלט־צענטראַלע גייען דורך אים.

דער פאַרזיצער פון וואַרשעווער קאָמיטעט פון די ציוניסטן איז דער געהילף־אַדוואָקאַט יואל בן שמואל קאָן. מיטגלידער פון קאָמיטעט זיינען: דער דערמאָנטער לעוויטע, „דער רעדאַקטאָר פון דער זשאַרגאָנישער (?) צייטונג „הצפירה" נחום בן שמואל סאָקאָלאָוו. ער טאָקע פאַרנעמט זיך מיט פאַרקויפן די „אַקציעס פון נאַציאָנאַל־פאָנד". אויסער דעם, דער סוחר אברהם בן וואָלף פאַדלישעווסקי (ער דאַרף אויך ווערבירן מיטגלידער צווישן די סוחרים), געהילף־אַדוואָקאַט אברהם־גרשן בן בנימין קליינערמאַן און דר. מינץ. דער פאַרקויף פון די אַקציעס איז קאָנצענטרירט אין די הענט פון צווי פערזאָן, פון דעם באַנקיר ישראל בן גדליהו באַכראַך (קאָצעביי־גאַס, 10) און דעם באַנ־קיר מאָשעק־אברהם בן זלמן פעלדשטיין (לעשנא 75).

די טעטיקייט פון די ציוניסטן דריקט זיך אויס אין דער ביטע, וואָס זיי האָבן דערלאַנגט אין אינערן מיניסטעריום וועגן דערלויבן זיי אַרויסצוגעבן אַ צייטונג אין פויליש „פשישלאָשטש", ווי אויך די צוגרייטונגען צו די וואַלן פאַרן קומענדיקן וועלט־קאָנגרעס אין באַזעל. עס זיינען אָנגעמערקט געוואָרן 13 קאַנדידאַטן. דער פאָליציי זיינען באַקאַנט די נעמען פון 7. ביכאָווסקי, יאַסינאָווסקי, קאָן, פאַדלישעווסקי, לעוויטע, כאַזין (די פאָליציי ווייס ניט ווער ער איז) און דעם סטודענט פון וואַרשעווער פאָליטעכנישן אינסטיטוט משה בן שימעל סירקין.

וועגן דער שטעלונג צום ציוניזם, וואָס די רוסישע מאַכט דאַרף פאַרנעמען, זאָגט זיך דער אָבערפּאָליצמייסטער אַרויס:

„די אָפּגעזונדערטקייט פון דער יידישער באַפעלקערונג, אונטער דער ווירקונג פון רעליגיע און קהל־סיסטעם (אין פוילן האָט נאָך עקזיסטירט אַ יידישע רעליגיעזע קהלה) האָט שטענדיק געדינט פאַר אַ העמונג צו דער אַסימילאַציע פון יידן מיט דער אײַנגעוואָרצלטער באַפעלקערונג. דאָס פּראָפּאַגאַנדירן די אידייען פון ציוניזם, אין וועלכער עס ווערט אונטערגעשטראָכן די שטרעבונג צו באַשאַפן אַן אייגענע מלוכה, ווי אויך די אונטערדריקונג פון יידן אומעטום, אין דער פאָרם פון באַגרענצונגען אין רעכט, פאַרשטאַרקט נאָך ביי זיי די פײַנדלעכקייט צו דער אַרומיקער סביבה. די ציוניסטישע אַגיטאַטאָרן, וועלנדיק פאַרגרעסערן די צאָל פון זייערע אָנהענגער, שילדערן אין שוואַרצע פאַרבן די איצטיקע לאַגע פון יידן און מיט דעם רופן זיי אַרויס אַן אומצופרידנקייט אין דער מאַסע, מיט וואָס זיי העלפן־מיט, אָן קיין שום ספק, די אנטוויקלונג פון אַנטי־רעגירונג שטימונגען".

די אוממעגלעכקייט, עס זאָל מקוים ווערן דער חלום פון אַ זעלבסטשטענדיקער יידישער מלוכה, האָט ניט געקענט ניט אנערקענט ווערן אפילו פריער דורך דער מערער אויפגעקלערטער טייל פון יידנטום, נאָר זי האָט זיך ניט אָפּגעקערט פון די אָנהענגער פון ציוניזם, לויט מיין מיינונג, נאָר דערפאַר, וואָס זי האָט גוט־פאַרשטאַנען, אַז די הויפּט־צילן פון אָט־דער באַוועגונג איז די פולשטענדיקע פאַראייניקונג פון די יידן צום קאַמף מיט די ניט־באַקוועמע באַדינגונגען פון זייער עקזיסטענץ אין געוויסע ערטער.

די פאַרשטאַרקטע אַנטוויקלונג פון ציוניזם איז איינע פון די הויפּט־סיבות, וואָס האָט ארויסגערופן אַ באַדייטנדיקע באַוועגונג פאַר דער לעצטער צייט, צווישן יידן מיטן צוועק צו ווייזן זייער נאַציאָנאַלע געשלאָסנקייט און גרייטקייט צום קאַמף מיט זייערע, לויט זייער מיינונג, אונטערדריקער.

צוליב דעם אויבנגעזאָגטן קאָן מען נישט קומען צום שלום, אַז די יידישע יוגנט, אונטערן איינפלוס פון דער ציוניסטישער לערע, וועט געבן פּרעכטיק־צוגעגרייטע קאַדרען אויף אָנצופילן די אונטערערדישע רעוואָלוציאָנערע רייען".

אונטערגעשריבן: אָבער־פּאָליצמייסטער קאָלעגן־ראַט (קאָלעזשסקי סאָוועטניק) — זייפאַרט. — שעף פון דער באַזונדער אָפּטיילונג — קאָוואַלסקי. — מיטן אָריגינאַל שטימט, געשעפסטפירער (אונטערשריפט). — (בריוו פון 28־טן יולי 1903, נומער 5347).

מיט דער שריפט קומען מיר צוריק צום רעוואָלוציאָנערן מאָמענט, ווי אַ פאַקטאָר אין דער באַציאונג פון דער רוסישער מאַכט אין פוילן צו די ציוניסטן, אָבער דאָס מאָל שוין אין אַ פאַרקערטער ריכטונג. דער ציוניזם האָמעוועט ניט די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, נאָר פאַרקערט, זי גרייט צו קאַדרען פאַר איר. די ציוניסטן ווערן געשלאָגן מיט זייער אייגן געווער (יאַסינאָווסקי־פּאָדלישעווסקי־שריפט).

דער וואַרשעווער גובערנאַטאָר (ראַפּאָרט פון 22־טן אויגוסט 1903, נומער 2833) רעכנט אויס, אַז אין וואַרשעווער גובערניע עקזיסטירן קרייזן אין גראָדזינסק און רודא (בלאָנסקער אויעזד), אין וולאָצלאַוועק (150 מיטגלידער מיטן רב קאָוואַלסקי אין דער שפּיץ, האָבן אַ חדר־מתוקן און פירן אַ פאַרצווייגטע טעטיקייט), אין קוטנע, נאָוואָמינסק, סקערניעוויץ (70 מיטגלידער), אין סאָכאַטשעוו (דאָס קרייזל עקזיסטירט פון יאָר 1899, 100 מיטגלידער), אין לאָוויץ (פריער 200 מיטגלידער, איצט — אַ 100). אין וואַר־

שעוער, גאסטינינער, נישיוער און פּולטוסקער אויעזדן — זיינען ניטאָ קיין ידיעות, אַז ציוניסטישע קרייזן זאָלן עקזיסטירן.

דער גובערנאַטאָר געפינט, אַז די טעטיקייט פון די ציוניסטן איז געווענדט בעיקר אויף צו פאַרשטאַרקן די יידישע נאַציאָנאַלע אידייע. דאָס מוז פירן צו אַ שנאה און קאַמף צווישן יידן און ניט־יידן. דערצו ווען אַזעלכע קרייזן מיטווירקן, אַז דער סאָציאַליזם זאָל זיך פאַרשפּרייטן צווישן יידן, ווייל די „יוגנט גייט לייכט איבער פון די ציוניסטן צו די סאָציאַליסטן,“ און באַזונדערס אין דער „יידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי פונם אַלגעמיינעם יידישן בונד אין ליטע, פּוילן און רוסלאַנד“. „דער ציוניזם ווידערשפּרעכט די יסודות פון דער רוסישער מלוכה־אידעע“.

דער פּעטריקאָווער גובערנאַטאָר פאָדערט האַרבע שטראָפן פאַר ציוניסטישער טעטיקייט.

די ציוניסטישע באַוועגונג אין פּעטריקאָווער גובערניע איז געווען אָרגאַניזירט אויף אַזאַ אופן, לויט דער שילדערונג פונם גובערנאַטאָר: די עיקר־אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך געפונען אין לאָדז און סאָסנאָוויץ. די איבעריקע קרייזן זיינען פאַרבונדן אָדער מיט לאָדז אָדער מיט סאָסנאָוויץ. אין סאָסנאָוויץ קאָנצענטרירט זיך די ציוניסטישע טעטיקייט אַרום בלומענטאַלס בית־מדרש. די פאַרזאַמלונגען קומען דאָרט פאָר הויפּטזעכלעך שבת. די פירער פון דער סאָסנאָוויצער אָרגאַניזאַציע (לעאָן ווייסמאַן, יעקב ווײנבערג און שוואַרץ) פאָרן אָפט קיין אויסלאַנד און שטייען אין פאַרבינדונג מיטן אויסלענדישן ציוניסטישן אויספיר־קאָמיטעט. אין לאָדז איז די ציוניסטישע אַרבעט ווייניקער אָנזעבאַר. אין מאַי 1903 איז אפילו פאָרגעקומען אַ קרייז־קאָנפערענץ אין לאָדז. די עפענונגס־רעדע אין דייטש האָט געהאַלטן יעלסקי, אַ מיטגליד פון ווינער אויספיר־קאָמיטעט. יעלסקי האָט געזאָגט, אַז אין לאָדז עקזיסטירן 21 ציוניסטישע קרייזן. די „אגודת ציון“ פירט בעיקר אַ פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט. עס זיינען אויך אַקטיוו די „בני יעקב“. עס קומען פאָר געהיימע ציוניסטישע פאַרזאַמלונגען. אויף איינער אַזאַ פאַרזאַמלונג פון אַ 200־300 מאַן איז אַרויסגעטראָטן נחום סאָקאָלאָוו פון וואַרשע. דער גובערנאַטאָר דערציילט, אַז ער האָט אפילו געפּרואווט צוציען די ציוניסטן צו געריכטלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, אָבער דער פּראָקוראָר האָט אים צוריקגעשיקט זיין פּראָטאָקאָל, ניט איינזעענדיק אין דער ציוניסטישער טעטיקייט קיין פאַרברעכן, וואָס דאַרף פאַרפאָלגט ווערן. און פון דאַן־אָן האָבן זיך די געהיימע פאַרזאַמלונגען שטאַרק פאַרמערט און קומען פאָר אָפטער.

דער ציוניזם, מיינט דער גובערנאַטאָר, שטרעבט „צו באַקומען פֿאַר יידן בירגערלעכע גלייכבאַרעכטיקונג" און וויל „שיעור נישט שאַפֿן אַ מלוכה אין דער מלוכה".

„... דער שעפער פון ציוניזם, דר. הערצל, ווי אַ קענער פון זיין פאָלק, וואָס ווייסט וויפל פייאיקייט צו ערד־אַרבעט דאָס יידישע פאָלק פאַרמאָגט און אַז יידן קענען זיך אַן עצה געבן נאָר, ווען זיי געפינען זיך צווישן אַנדערע פעלקערשאַפטן, האָט, אָן שום ספק, מיט אַ כוונה אַריינגענומען אין זיין פראָגראַם פון ציוניסטישער טעטיקייט די אידייע פון שאַפן אַ יידישע מלוכה. אין דער אמתן אָבער, איז בעתן גרינדן אָט־די נייע ריכטונג געווען ביי אים אָן אַנדער געדאַנק. נעמלעך, אַנווענדן אַלע כחות, אַז די יידן זאָלן איינ־האַלטן זייער אייגנאַרט, בלייבנדיק וואוינען צווישן די קריסטלעכע פעלקער".

אַלס א ראיה, אַז יידן זיינען גאָר ניט אויסן קיין עמיגראַציע און קאָ־לאָניזאַציע, נאָר זיי זוכן נאַציאָנאַלע צילן, ברענגט דער פעטריקאָווער גו־בערנאַטאָר דעם „פאַקט", וואָס „ניט געקוקט אויף די גרויסע סומען אין באַזיק, איז ניט געמאַכט געוואָרן קיין פאָרשלאָג וועגן צוגרייטן יידן אַלס אינסטרוק־טאָרן ביי ערד־אַרבעט אין די העכערע אַגראָנאָמישע קורסן." די פּראָצענט־נאָרמעס, טענהט ווייטער דער גובערנאַטאָר, זיינען אין דידאָזיקע הויכשולן אויף אַ האָר ניט נידעריקער און ניט־העכער, ווי אין אַנדערע רוסישע הויכשולן. אויף אַנדערע פאַקולטעטן זיינען יידן דאָך פאַראַן, אויפן אַגראָנאָמישן פאַ־קולטעט אָבער — קיינער ניט. אַ וואָס יידן טאָרן זיך מיט קיין ערד־אַרבעט ניט פאַרנעמען, און אפילו ניט וואוינען אויפן דאָרף — וועגן דעם איז דער גובערנאַטאָר ניט מחויב צו טראַכטן . . .

דער ציל פון ציוניזם, מיינט דער גובערנאַטאָר, איז:

„פאַרפעסטיקן אין די אייראָפּעאישע מלוכות די יידישע איינגעבירגערטקייט, קעגנ־שטעלנדיק זיך דער אַסימילאַציע פון יידן מיט די קריסטלעכע פעלקערשאַפטן".

„בלויז מיט אַ געזעצגעבערישן אַקט, וואָס שטעלט איין אַ שטרענגע שטראָף־מאָס אויפן אַדמיניסטראַטיוון וועג (אונטערגעשטראָכן דורכן גובערנאַטאָר) פאַר אַלע פאַרזאמ־לונגען פון די ציוניסטן, פאַר יעדן מין זאַמלונג לטובת דער לאַנדאָנער באַנק און נאַציאָנאַל־פאָנד, און בכלל פאַר יעדער דערשיינונג פון אַזאַ מין פון געזעץ ניט פאַראויסגעזעענער טעטיקייט, וועלכע, געפינענדיק זיך אויסער רעגירונג־קאָנטראָל, איז איינגעשטעלט אויף אויסברייטערן די יידישע בירגער־רעכט, — (נאָר מיט אַזאַ־אַ אַקט) וועט מעגלעך זיין, לויט מיין מיינונג, אָפּשוואַכן די באַדייטנדיק־שעדלעכע פאַר די אינטערעסן פון רוסלאַנד ציוניס־טישע שטרעמונגען. — אונטערגעשריבן: גובערנאַטאָר מילער" (בריוו פון 8טן סעפּ־טעמבער 1903, נומער 1294).

די טענות פון דער רוסישער אַדמיניסטראַציע אין פוילן צו די ציוניסטן װערן דערפירט צו די פאָלגנדיקע פונקטן:

1. דער ציוניזם אָרגאַניזירט די יידישע מאַסן, זאַמלט זיי און שמידט זיי צונויף. די צאַרישע מאַכט וויל אָבער אַ צושטויבטע יידישע מאַסע, וואָס זאָל מיט זיך קיין פּאָליטישן כוח ניט פאָרשטעלן.

2. די ציוניסטן שטרעבן צו אויפהאַלטן די יידישע אייגנאַרט און איז אַ שטער צו דער אַסימילאַציע פון יידן.

3. די ציוניסטן ווילן זיך דערשלאָגן צו יידישער בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג. דאָס איז אַן אָנגריף אויף די גרונט־יסודות פון דער רו־סישער מלוכה־אָרדנונג.

4. די ציוניסטישע באַוועגונג איז אַ רעזערוואואַר פאַר דער סאָציאַ־ליסטישער באַוועגונג אָדער דורך שילדערן די טרויעריקע יידישע קעגנ־וואַרט, אָדער דורך דירעקטן איבערגיין פון די ציוניסטן צו די סאָציאַליסטן. דער קאַמף מיטן ציוניזם דאַרף באַטראַכט ווערן, ווי אַ מיטל אין קאַמף מיטן סאָציאַליזם.

5. די שטרעבונג צו יידישער מלוכהשאַפט איז ניט קיין אויפריכטיקע. דערמיט איז מען נאָר אויסן אָפּצונאַרן די וואַכזאַמקייט פון די מאַכט־אָרגאַנען. די אמתע צילן — זיינען בירגערלעכע גלייכבאַרעכטיקונג און פאַרפעסטיקן די יידישע אייגנאַרט.

דער קעלצער גובערנאַטאָר דערציילט, אַז „אַ באַדייטנדיקע טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ, מיטן רב בראש (?) פילט ניט מיט און באַציט זיך נעגאַטיוו צום ציוניזם, ווי צו אַ באַוועגונג, וואָס איגנאָרירט די קלאַסן־אינטערעסן פון יידישן פּראָלעטאַריאַט. דער ציוניזם איז רעאַקציאָנער, זאָגן זיי, צוליב זיינע נאַציאָנאַליסטישע אידעאַלן און אוטאָפּיש לויט זיין פּאָלי־טישער פּראָגראַם".

אינטערעסאַנט איז דער באַריכט פון סואוואַלקער גובערנאַטאָר, סיי צוליב דעם, וואָס ער גיט אַ גענויע שילדערונג פון דער ציוניסטישער באַ־וועגונג, ווי אויך צוליב זיין אַסימילאַטאָרישער קאָנצעפּציע.

ער דערציילט באַריכות, אַז אינם שטעטל סאפּאָצקין (אווגוסטאָווער אויעזד) וואוינט דער רב שמואל יעקב ראַבינאָוויטש. ער איז אַן אַקטיווער ציוניסט. ער אַרבעט אויף די געביטן פון סואוואַלקער, לאָמזשער, גראָדנער, ווילנער און קאָוונער גובערניעס. דער רב האָט זיך געשאַפן אַ קרייז־ביוראָ. ער האָט, שרייבט דער גובערנאַטאָר, צוויי סעקרעטאַרינס. ער צאָלט זיי צו 25 רובל אַחודש יעדערער. ער צושיקט צירקוליאַרן, בריוו, בראָשורן, ביכער מיט ציוניסטישן אינהאַלט. ער זאַמלט געלט אויפן נאַציאָנאַל־פאָנד, גיט אינסטרוקציעס וועגן אופן פון ווילן דעלעגאַטן צום ציוניסטישן קאָנגרעס. ער גרינדעט אויך ציוניסטישע פּרויען־אָרגאַניזאַציעס „בנות ציון". אין וועזשבילאָווע עקזיסטירט אויך אַ פּאַראייניקטער ציוניסטישער צענטער. (די ידיעות שעפּט דער גובערנאַטאָר פון איבערגעכאַפּטע בריוו אויף דער

פאַסט). ראַבינאָוויטש איז איצט אַרויסגעפאָרן קיין באַזעל אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס (דער בריוו איז דאַטירט: 26 אויגוסט 1903, נומער 71) און דערפאַר האָט מען נאָך ביי אים ניט גענומען קיין אונטערשריפט, אַז ער פאַרפליכטעט זיך מער ניט צו אַרבעטן פאַרן ציוניסטישן געדאַנק.

דער סואוואַלקער ציוניסטישער קרייז ציילט 300 מיטגלידער. ער פאַרמאָגט 150 אַקציעס פון קאָלאָניאַל־באַנק. אין וואָלקאָוויסק עקזיסטירט אַ פאַראייניקטער צענטער. צום קאָנגרעס האָט דער צענטער געשיקט צוויי דעלעגאַטן (דר. גודינסקי און קאָמבער, דער לעצטער איז אַ פאַבריקאַנט פון אייזנגוס). קאַלוואַריע האָט אַ קרייז, וואָס רופט זיך „אגודת ציון". ער איז געטיילט אויף „בני ציון" און „בנות ציון", צוזאַמען 300 מיטגלידער. זיי קומען זיך צונויף אין בית־מדרש. עס טרעטן אַרויס ספּעציעלע „מטיפים".

אין אַווגוסטאָוו ווערן אייגעאָרדנט אומלעגאַלע ציוניסטישע פאַרזאַמלונגען. איינע אַזאַ פאַרזאַמלונג איז דורכגעפאַלן. שרה מאַרקוס איז פאַרמשפּט געוואָרן דערפאַר אויף 2 וואָכן אַרעסט. זי איז איר שטראָף אָפּגעקומען, דערציילט דער גובערנאַטאָר.

וועגן זיין באַציאונג צום ציוניזם שרייבט דער גובערנאַטאָר:

„דער ציוניזם, אין דער פאָרם ווי מען קען וועגן אים משפּטן לויט די אַרויסגעזאָגטע מיינונגען פון זיינע אָנהענגער (אַדעפּטן) און פּרעסע־אַרטיקלען, איז געווענדט פריער פון אַלץ צו פאַראַליזירן די השפּעה אויפן יידנטום פון דער קריסטלעכער קולטור און אָפּהאַלטן די יידן פון בהדרגהדיקער צענויפגיסונג מיט דער סביבה, אין וועלכער זיי קומט אויס צו לעבן. די אייביקע יסודות פונם יידנטום, דער תלמוד און דער קהל, האָבן זיך גענומען טרייסלען אונטער דער ווירקונג פון דער אייראָפּעאישער בילדונג און האָבן פאַרלוירן אין די אויגן פון דער מאַסע די פריערדיקע צוציאונג־קראַפט. מ׳האָט געמוזט זיי (די יסודות — ש. ל.) באַנייען, צופּאַסן זיי צו די נייע פאָדערונגען פונם לעבן. די פירער פונם יידנטום, וועלכע האָבן ריכטיק באַמערקט זיין כוח אין אָט־די אָנשפּאַר־עלעמענטן, האָבן פאַרשטאַנען, אַז איצט קאָן מען זיך בלויז אויף רעליגיע ניט האַלטן, און האָבן עס דעריבער דערגענצט מיט פּאָליטישע עלעמענטן — מיט דער אידייע פון ווידערגעבורט פון יידישן נאַציאָנאַלן זעלבסט־באַוואוסטזיין, ד. ה. מיט דעם מיטל, וועלכער האָט אָפּגעשפּילט אינם סוף פון דעם ערשטן האַלבן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט אַזאַ באַדייטנדיקע ראָל אין די אייראָפּעאישע לענדער (דאָ ווערט געמיינט דער „פעלקער־פרילינג" פון 1848 — ש. ל.). דאָס שאַפן אַ יידישע מלוכה אין פּאַלעסטינע, אָדער אַנדערש־וואו (דער גובערנאַטאָר איז, משמעות, באַקאַנט מיטן אוגאַנדע־פּלאַן — ש. ל.) — איז קוים־מעגלעך צו פאַרווירקלעכן אין די איצטיקע פּאָליטישע באַדינגונגען, אגב, באמת, פאַר די פירער פון יידנטום אפילו ניט געוואונטשן. אויסבילדן אַ באַזונדער נאַציע, וועלכע עקזיסטירט מיט אייגענע קרעפטן, איז דאָס יידנטום ניט אומשטאַנד. און „ציון" איז אַן אידעאַל, דער אור־אַלטער עמוד האש, וועלכער האָט באַוויזן די בני ישראל דעם וועג ביים אַרויסגיין פון מצרים, ווען עס איז באַשערט קיינמאָל ניט אַרויסצוגיין פונם געביט פון חלומות, אָבער ווי אַ ציל און אַ פאָן, קען דער ציוניזם אָפּדינען אַ דינסט די פירער פון יידנטום.

די אַלע יידישע חלומות, וואָס העלפט מיט דער רעליגיעזער און ראַסן־אָפּגעזונדערטקייט פון די יידן, קאָנען ניט אַריין אין די אבזיכטן פון דער רעגירונג.

צוליב די אורזאַכן און אנערקענענדיג פאַר געוואונטשן אַ וואָס מערערע מגע־ומשא פון די יידן, מיטן אויסזיכט אויף צונויפגיסן זיך אין דער צוקונפט, מיט דער קריסטלעכער באַפעלקערונג, האַלט איך, אַז דאָס דערלאָזן וועלכע עס איז אָרגאַניזאַציעס פון באַזונדערע יידישע קרייזלעך און געזעלשאַפטן — קאָן ניט זיין נוציק און איך אנערקען פאר צוועק־מעסיק אַלע מיטלען, וועלכע וועלן זיין געווענדט אויף אָפּשאַפן אַלע געזעצן, וואָס באַ־גינסטיקן די יידישע אָפּגעזונדערטקייט, ווי קהל, קאראבקע און פאַרשידענע אַנדערע אָט־ריבוטן פון יידישן שטייגער. (אונטערגעשריבן) גובערנאַטאָר אַרצימאָוויטש".

דער סואוואַלקער גובערנאַטאָר איז אַן „אַסימילאַטאָר" פון גאָר־אַלטע צייטן, נאָך פון אַלעקסאַנדער דעם ערשטן. ער איז נוטה צום ליבעראַליזם. ער טייטשט אויס דעם ציוניזם אין דעם זין, ווי אַ באַוועגונג, וואָס זוכט אַריינצוגיסן אַ נייעם נאַציאָנאַלן אינהאַלט אינם יידישן לעבן, אָנשטאָט דעם אָפּשטאַרבנדיקן נאַציאָנאַל־רעליגיעזן. עס שיינט, אַז דער גובערנאַטאָר איז ניט געווען קעגן גלייכבאַרעכטיקונג פאַר יידן, אויב זיי וועלן צאָלן דעם פרייז פון קאָמפּלעטער אַסימילאַציע, והראיה, ער דערמאָנט ניט וועגן דעם, אַז די ציוניסטן שטרעבן צו דערשלאָגן זיך גלייכבאַרעכטיקונג פאַר יידן, הגם פּלעווע האָט אין זיין צירקוליאַר וועגן דעם בפירוש און אויסדריקלעך גערעדט.

אין דער אונטערשטער שורה: אין 1903 האָט פּלעווע צוגעגרייט אַן אַלגעמיינעם פאַרבאָט אויף דער ציוניסטישער באַוועגונג. די באַריכטן און שריפטן פון די גובערנאַטאָרן האָבן געדאַרפט באַרעכטיקן און באַגרינדן אָט־די פאַרטראַכטע ליקווידאַציע פון ציוניזם. די רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה, דער אַטענטאַט אויף פּלעווען און זיין טויט, די אָפּגעבונדענע רעוואָלוציע האָבן אַוועקגעשטעלט די צאַרישע רעגירונג פאַר אַן אַ שיעור האַרבע אויפ־גאַבן און אויפטרייסלונגען. פּלעווע האָט ניט באַוויזן זיין פּלאַן דורכצופירן.

אָבער אַ פעולה האָט פּלעוועס צירקוליאַר געהאַט. אין די צען גו־בערניעס פון דעם פּוילישן „געגנט" האָט מען אָנגעהויבן רודפן די ציוניסטן. אין טאָג פון הערצלס קבורה, דעם 24 יוני 1904, אַלטן סטיל, האָבן די וואַר־שעווער ציוניסטן געוואָלט איינאָרדנען אַן עפנטלעכן טרויער־צוג. פּאָליציי און קאָזאַקן האָבן די דעמאָנסטראַנטן צעטריבן און אייניקע אַרעסטירט, צווישן זיי גורוויץ (3 מאָנאַטן תפיסה), פּאָווידלע (3 מאָנאַטן), לייטמאַן (3 וואָכן) און יוסף (יאָסל־יהושע — אָווסיי) טשערניכאָוו (3 וואָכן).

די דעמאָנסטראַציע איז פאָרגעקומען אויף גענשע־גאַס (צושריפט פון וואַרשעווער פּאָליצמייסטער פון דער אָנגערופענער דאַטע, נומער 247).

אַ רייע לערער האָט מען פאַרבאָטן צו פאָרזעצן זייער אַרבעט, אייני־קע האָט מען ניט אַרויסגעגעבן קיין צייגענישן אויף עפענען נייע שולן. דאָס בערך איז געווען דער רעזולטאַט פון דעם פּלעווע־צירקוליאַר אין פּוילן.

פינפטער קאַפּיטל

צו דער געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע אין פּוילן *)

די אייגנטלעכע געשיכטע פון דער טעגלעכער צייטונג אויף יידיש אין פּוילן הויבט זיך אָן מיטן יאָר 1905. די רעוואָלוציע האָט נישט צעבראָכן דעם צאַריזם, האָט אין אים אָבער דורכגעזעצט גרעסערע צי קלענערע שפּאַלטן און ריסן. דורך אָט־די שפּאַלטן האָט זיך דורכגעריסן די יידישע טעגלעכע צייטונג אין דער צאַרישער אימפּעריע. ביזן יאָר 1903 האָט קיין צייטונג אויף דער פאָלקס־שפּראַך פון די יידישע מאַסן בכלל ניט געקענט דערזען די ליכטיקע שיין. בלויז אין 1903 האָט זיך איינגעגעבן צו באַקומען אַ דערלויבעניש אויף אַרויסגעבן אַ יידישע טאָג־צייטונג — „דער פריינד״ אין פּעטערבורג, אָבער שוין דער עצם־פאַקט, וואָס דערשיינען האָט זי געמוזט אין פּעטערבורג, ווייט פון קאָנצענטרירטן יידישן מאַסן־לעבן, ווייט פון דער יידישער געדיכטעניש, ווייט פון דער „יידישער טעריטאָריע״, ווי די פּראָנצויזן פלעגן רופן דעם יידישן תחום המושב, — האָט אָוועקגעלייגט שווערע פּענטעס אויף דער אַנטוויקלונג און פאַרשפּרייטונג פון דער ערשטער יידישער טעג־לעכער צייטונג אויפן שטח פון דער געוועזענער צאַרישער אימפּעריע. אין פּעטערבורג האָט געוואוינט אַ דינער שיכט פון דער יידישער אינטעליגענץ און גרויסע גבירים, וואָס זיינען אין תוך געווען אָפּגעריסן פון דער יידישער מאַסע, פון אירע נויטן און זאָרג. גרויסע טיילן פון אָט דער שיטערער יידי־שער באַפעלקערונג אין פּעטערבורג האָבן נאָך געלעבט מיט פאַרעלטערטע השגות און פאַרשטעלונגען, אָפט מיט דער געדאַנקען־וועלט פון די אַמאָליקע משכילים, און נאָך אָפטער מיט דער אידייען־וועלט פון עכט־רוסישע אַסימי־לאַטאָרן. באַזונדערס דאַרפן גענומען ווערן אין באַטראַכט די „שתדלנים״, וועלכע האָבן געזוכט צו „ברענגען די ישועה״ דורך „כאָדאַטאַיעוועןֿ״ אין די פאָדער־צימערן פון די מיניסטאָרישע קאַבינעטן. די יידישע מאַסע איז פאַר זיי געווען אַן אָביעקט פאַר זייערע פילאַנטראָפּישער, געזעלשאַפטלעכער, אָדער אויפקלערערישער טעטיקייט, אָבער קיינמאָל ניט קיין סוביעקט פאַר זעלבסט־אָרגאַניזאַציע און זעלבסטבאַפרייאונג. אַליין אַרויסגעריסן און אָפּגעריסן פונעם לעבנס־שטייגער, לעבנס־נוסח און די אינעווייניקסטע איבערבויאונגס־פּראָצעסן

*) געדרוקט אין „פון נאָענטן עבר״, פּערטליאַרשריפט, אונטער דער רעדאַקציע פון משה שאליט, צווייטער יאַרגאַנג, נומער 1־2־3, וואַרשע, 1938.

אינם יידישן לעבן אין „תחום״, האָבן זיי נישט געקענט אָפּפילן און וויסן, דער־זען און דערהערן דאָס נייע, דאָס אויפקומענדיקע, דאָס פריש־זיך־געשטאַלטנ־דיקע יידישע לעבן. אַ צייטונג אין פעטערבורג האָט, נישט אידעאָלאָגיש און נישט פּראַקטיש, נישט געקענט אויספילן איר אויפגאַבע, אַלס לעבעדיקער אָרגאַן פאַרן יידישן מאַסנלעבן פונעם היינט, פון דער גרויער טאָג־טעגלעכ־קייט, ווען דער פרייהייט־קאַמף און אינוועניקסטער קלאַסן־געראַנגל, ווי אויך דער נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיין איז שוין געווען גענוג רייף אויף צו ווערן אַ קעמפנדיקער טייל פון דער פּראָגרעסיווסטער געזעלשאַפטלעכקייט אין רוס־לאַנד. כל־זמן די יידישע מאַסע איז געווען אומבאַוועגלעך, און די יידישע פּרעסע האָט זיך געקענט פאַרגינען דעם לוקסוס פון דערשיינען אין רוסיש, אָדער העברעאיש, איז געווען גענוג פעטערבורג אויך. הגם אפילו אין באַ־צוג צו העברעאיש איז שוין פעטערבורג געווען צו־ווייט און אָפּגעריסן, והראיה די קאָנקורענץ פון דער וואַרשעווער „הצפירה״ פאַרן פעטערבורגער „המליץ״. אָבער אַ יידישע צייטונג אין דער שפּראַך פון די יידישע מאַסן — אין יידיש — האָט זיך געמוזט פילן ווי אין אַ סדום־בעטל, כל־זמן די צייטונג האָט געמוזט דערשיינען אין „גויאישן״ פעטערבורג און ניט אין האַרץ פון „יידישן תחום״ — אין וואַרשע.

ס'איז אַן אינטערעסאַנטע דערשיינונג, די גרויסע און ערנסטע צייטונג „דער פריינד״ האָט נאָך געהאַט „אריכת ימים״ אויך אין פעטערבורג און לעאָ ראַבינאָוויטשס „דער טאָג״ — אַ קליין בלעטל — האָט ניט געקענט דערציען קיין יאָר, האָט ניט „ממלא שנתו געווען״, ווי דאָס פאָלק וואָלט געזאָגט. עס דערקלערט זיך, מיינען מיר, דערמיט, וואָס „דער פריינד״ איז געלייענט גע־וואָרן צוליב זיינע מאמרים, ווען „דער טאָג״ האָט באַדאַרפט זיין אַן אינפאָר־מאַציע־צייטונג. אַ צייטונג, וואָס איז געלייענט געוואָרן צוליב אירע לייט־אַרטיקלען, אירע וויסנשאַפטלעכע מאמרים, אָדער ליטעראַריש־קינסטלערישע אָפּהאַנדלונגען און דערציילונגען, האָט ניט אויסגעמאַכט, אויב זי איז אפילו געקומען מיט אַ פאַרשפּעטיקונג פון אַ צוויי־דריי טעג. אַ צייטונג, וואָס איז אויסגעשטעלט אויף די טאָג־נייעסן, האָט אויסגעזען פאַרעלטערט, ווען זי האָט דערגרייכט דעם לעזער אין „תחום״, וואו די פאַרבידונג מיטן אַלרוסישן צענטער איז געווען ביז־גאָר אַ שוואַכע. נעמט מען אין באַטראַכט, אַז דער לעזער פון אַ יידישער טאָג־צייטונג האָט געשטאַמט פון די כאַמע נידעריקסטע שיכטן, וואָס דאָס האָט אויך געהייסן, פון די סאַמע אַקטיווסטע שיכטן ביים יידישן פאָלק אין רוסלאַנד, און עס ווערט פאַרשטענדלעך, אַז די פעטערבור־גער צייטונג, אין די תנאים פון דער צאַרישער פאַר־צענזור דערצו, איז

ניט געווען אומשטאַנד ניט צו דינען אַלס וועג־ווייזער, ניט צו געבן אַן אָפּשפּיגלונג פון דעם טאָג־טעגלעכן לעבן, ווי אויך ניט צו באַפרידיקן די נויטן און שטילן דעם קולטור־דורשט פון דער דערוואַכטער יידישער מאַסע אין „תחום", פאַר וועמען זי איז געווען באַשטימט און אויף וועלכער זי האָט זיך געמוזט שטיצן.

די יידישע טאָג־פּרעסע איז אַנטשטאַנען, און דאָס ניט צופעליק, אין דער סאַמע־איבערברוך־תקופה אין דער געשיכטע פון דער רוסישער אימפּע־ריע, אין די רעוואָלוציע־יאָרן פון 1903 ביז 1906. מיר האָבן שוין אין די פריערדיקע קאַפּיטלען אָנגעוויזן, ווי ווייט דער וואוקס פון רעוואָלוציאָנערע שטימונגען האָבן געווירקט אויף דעם צאַרישן אַפּאַראַט, ער זאָל עפענען אַ שמאָל טירל און ווען־ניט־ווען געבן אַ דערלויבעניש אויף אַ צייטונג אין יידיש. מיר האָבן אויך אָנגעוויזן אויף דער באַדייט פון דער אומלעגאַלער פּרעסע, דער רעוואָלוציאָנערער פּראָקלאַמאַציע אין צוגרייטן דעם מאַסן־לעזער און וועקן דעם דורשט נאָך אינפאָרמאַציע. דאָ איז אָבער נויטיק אָנצעווייזן, אַז די צייט איז טאַקע געווען פול מיט ברען־שטאָף. רוסלאַנד איז דאַן אַריינ־געטראָטן אין אַ פּעריאָד פון אינערלעכע און אויסערלעכע פּאָליטישע קאָמ־פּליקאַציעס. די מלחמה מיט יאַפּאַן און די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע אין לאַנד: אַ מפּלה אויף די פראָנטן, אַן אַלגעמיינער שטרייק, אָדער גאַסן־קאַמפן. דער „יידישער תחום" גופא קאַכט ווי אַ קעסל. לאָדזש בונטעוועט זיך, ווילנע לעבט נאָך מיטן איינדרוק פון לעקערטס אַטענטאַט און הינריכטונג. ביאַליס־טאָק איז אויפגערודערט, מינסק קעמפט מיט וואַסיליעוון און די זובאַטאָווצעס. וואַרשע מאַכט באַוואָפנטע דעמאָנסטראַציעס (גזישבאָוו־פּלאַץ). די יידישע טאָג־צייטונג געפינט זיך אָבער פאַררוקט, פאַרוואָרפן ערגעץ אין פּעטערבורג און איז ניט אומשטאַנד וועזנטלעך צו רעאַגירן און פינקטלעך צו אינפאָרמירן. עס איז אַ בולטער ווידערשפּרוך.

דער ערשטער, וועלכער האָט דערפילט אָט־די סתירה אין דער פאָרם פון אַ פינאַנציעלן צוזאַמענברוך איז געווען דער „טאָג"־רעדאַקטאָר לייב (לעאָן) ראַבינאָוויטש. שוין אין מערץ 1904 הויבט ער אָן צו מאַכן באַמיאונגען וועגן אַריבערטראָגן זיין צייטונג קיין וואַרשע. משמעות, אַז פריער האָט ער זיך באַמיט וועגן איבערטראָגן זי קיין ווילנע. אָבער אָן דערפאָלג איןביידע פאַלן. ראַבינאָוויטש האָט אַפילו געפּרואווט אַ שפּיל צו טאָן אויף דער „אַסימילאַציע־סטרונע" אין זיין ביטע צום וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר, „ער לערנט יידן צו רעדן רוסיש, ווייל ער פאַרעפנטלעכט די רעגירונגס־פאַר־אָרדנונגען אין רוסישן טעקסט און יידישער איבערזעצונג", עס האָט אים אָבער

וויניק געהאָלפן. דערמיט האָט נאָר ראַבינאָוויטש דערוויזן, אַז ער קען נישט די פאַרהעלטענישן אין פוילן און די שטימונגען פון דער דאָרטיקער צאַרישער אַדמיניסטראַציע, ריידנדיק צו זיי דעמזעלביקן לשון, וואָס ער איז געוואוינט געוואָרן צו ריידן צו די „שררות" אין פעטערבורג.

די פאַרשפּרייטע מיינונג אין פוילן וועגן דעם, אַז די רוסישע מאַכט־אָרגאַנען אין דעם לאַנד האָבן געוואָלט מאַכן פון יידן אַן אַרויסגערוקטע פּאָזיציע פאַר רוסיפיקאַציע, — איז זייער ווייט פון דערווירקלעכקייט. ווען פּולאַן שרייבט וועגן די וואַלן צו דער וואַרשעווער קהלה־פאַרוואַלטונג, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין יאָר 1903 און ער זאָגט זיך אַרויס, אַז די ציוניסטן זיינען קעגנער פון פּאָלאָניזאַציע, און אפילו רוסיפיקאַטאָרן, — פאַלט אים לחלוטין ניט איין, אַז מען דאַרף זיי שטיצן צוליב דעם. ער האָט גאָרניט קעגן דעם, אַז די „פּאָליאַקן פון תורת משה" זאָלן זיגן אין די וואַלן, ער באַגנוגנט זיך בלויז מיט דער באַמערקונג, אַז „מען וועט דאַרפן לייגן אַ ביסל מער אַכט אויף דער טעטיקייט פון דער פּאָלאָניזירנדיקער יידישער קהלה־פאַרוואַלטונג".

נאַטאַן גאָלובאָוו, וועלכער איז געווען דער אָפיציעלער איבערזעצער פון דער וואַרשעווער גובערניאַלער זשאַנדאַרמען־פאַרוואַלטונג, איז געווען אויסגעמישט און אויסגעקאָכט מיט אַלע הויך־געשטעלטע פונקציאָנאַרן פון דער צאַרישער אַדמיניסטראַציע אין פוילן, ווי אויך אַ פריינט יעווגעני מענקינס, דעם דירעקטאָר פון דער קאַנצעלאַריע פון וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר און ער האָט גוט־געקענט די שטימונגען, וואָס הערשן אין די רייען פון די רוסישע מאַכט־האָבער אין פוילן, שרייבט אפילו אַריין אין זיין פּראָגראַם, אַז ער וועט פאַרעפנטלעכן די רעגירונגס־קאָמוניקאַטן און פאַראָרדנונגען אין רוסישן אָריגינאַל און וועט זיי איבערזעצן אין העברעאיש און יידיש, אָבער אין זיין אויפקלערונגס־שריפט פאַרשוויגט ער אינגאַנצן דעם ענין רוסיפיקאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פוילן. ער שטרייכט אונטער דעם רעליגיעז־רעפאָרמאַטאָרישן מאָמענט, ער רעדט וועגן אומקערן יידן צו דער ביבלישער מאָראַל און ריינקייט, ער איז מבטיח צו באַקעמפן דעם „צאַדיקיזם" און די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, ער דערמאָנט ניט מיט קיין האַלב וואָרט דעם ענין רוסיפיקאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג. ווען עס וואָלט געווען אַ גאַנגבאַרע מטבע, וואָלט עס, זיכער, גאָלובאָוו געלאָזט „עובר לסוחר זיין" . . .

טשערטקאָוו, דער וואַרשעווער גענעראַל גובערנאַטאָר, פאַר דער דאָ־באַהאַנדלטער צייט, האָט געהאַט אַן אויסגעשפּראָכן אַבסקוראַנטישע פּאָליטיק

אין באַצוג צו יידן. זיין סיסטעם איז געווען — נישט דערלאָזן, אָפּוואַרפן, אָפּזאָגן. אַזאַ איז געווען זיין שטעלונג צו דער יידישער פּרעסע, צו יידישע קולטור־געזעלשאַפטן און אַוודאי און אַוודאי בנוגע צו געזעלשאַפטלעכע באַ־וועגונגען ביי יידן. אויב טשערטקאָוו האָט זיך אויף אַ ווילע געלאָזט אויף דער ווענדקע פון פּרובירן אויסנוצן די מעסיקע באַוועגונג צווישן יידן (די ציוניסטן) קעגן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען, האָט ער אויך באַלד „חוזר בתשובה" געווען. ס'שיינט, אַז די רוסישע מאַכט אין פּוילן איז געווען אַזוי פאַרנומען מיט דער פּוילישער גאַס, אַז זי האָט די יידישע מאַסע כמעט נעגירט, קיין שום אויפמערקזאַמקייט ניט געשענקט.

פאַר די יאָרן 1903—1905 האָט זיך די יידישע פּרעסע, די טאָג־צייטונג אויף יידיש, געפונען צווישן האַמער און קאָוואַדלע. זי האָט זיך געקענט אַנטוויקלען און צעוואַקסן, אויב זי זאָל זיך אַריבערטראָגן אין „תחום", און דאָס האָט געהייסן באַזעצן זיך אין דער שטאָט פון גרעסטן יידישן קיבוץ אין רוסלאַנד — אין וואַרשע. דערלויבט צו דערשיינען האָט מען אָבער אַ יידישע צייטונג אין פּעטערבורג. אין וואַרשע איז געזעסן טשערטקאָוו און האָט געהאַלטן אין איין לייגן בלייפעדער־רעזאָלוציעס : „אָפּוואַרפן". מעג עס זיין אַ זשאַנדאַרמען־צייטונג (גאָלובאָוו), מעג עס זיין אַן אַלערהעכסט אונטערטע־ניקע צייטונג (ראַבינאָוויטש), מעג עס זיין אַ ליטעראַריש־קינסטלערישע און מיט טענדענצן פון אויפקלערערישקייט (סלאָנים־פרישמאַן) — אַלעמען טרעפט דער זעלביקער גזר־דין — „אָפּוואַרפן".

שוין אין 1902 הויבן אָן אַריינפליסן צום וואַרשעווער גענעראַל־גובער־נאַטאָר ביטעס וועגן דערלויבן אַרויסצוגעבן אין וואַרשע אַ יידישע טאָג־צייטונג. די סאַמע פּיקאַנטסטע איז די ביטע פונם איבערזעצער פון דער וואַרשעווער גובערניאַלער זשאַנדאַרמען־פאַרוואַלטונג, נאַטאַן מאַאיסייעוו גאָ־לובאָוו. זיין פּראָיעקט איז געווען אַרויסצוגעבן צוויי טעגלעכע צייטונגען פאַר יידן. איינע אין העברעאיש „האמת" און די אַנדערע אין יידיש : „דער אמת". שפּעטער האָט ער געביטן אין פּראָיעקט דעם נאָמען אויף „די צייט" און „העת". גאָלובאָוו האָט זיך פאַרזיכערט די אונטערשטיצונג פון דעם שעף פון דער זשאַנדאַרמעריע (פולאָן), און דאָך האָט דער וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר זיין ביטע אָפּגעוואָרפן. די קאָרעספּאָנדענץ אַרום דעם ענין „ביטע גאָלובאָוו" דעקט אויף אַ גאַנצע ריי פאַרבאָרגענע ווינקעלעך אין דער צאַרישער פּאָליטיק אין באַצוג צו יידן און יידישער קולטור־באַוועגונג אויפן שטח פון קאָנגרעס־פּוילן.

דער ענין הויבט זיך אָן מיט פאָלגנדיקן בריוו פון דעם געהילף פוז

װאַרשעװער גענעראַל־גובערנאַטאָר איבער פּאָליציייִשן טייל (זשאַנדאַרמען־שעף — ש. ל.), פון 13־טן נאָװעמבער (26־טן לויטן נ. ס.) 1902־טן יאָר, נומער 8545:

„זיין עקסעלענץ, דעם הער װאַרשעװער גענעראַל־גובערנאַטאָר!

„דער שריפטשטעלער נאַטאַן מאַאיסעװ גאָלובאָװ, װעלכער דינט אַלס איבערזעצער ביי דער װאַרשעװער גובערניאַלער זשאַנדאַרמען־פּאַרװאַלטונג, בעט אייער עקסעלענץ זיך משתדל צו זיין װעגן דערלויבן אים אַרויסצוגעבן אין װאַרשע אַ טעגלעכע צייטונג אויפן יידישן זשאַרגאָן, אונטער זיין רעדאַקציע, מיטן נאָמען: „דער אמת", מיט אַ ביילאַגע אויף העברעאיש.

„דער ציל פון דער פּראָיעקטירטער אויסגאַבע, װי אייער עקסעלענץ װעט באַװיליקן צו זען פון דער בייגעלייגטער אויפקלערונגס־שריפט („דאָקלאַדנאיא זאַפּיסקאַ") פון דעם בקשה־געבער — איז צו שיצן די יידן קעגן צאַדיקיזם, פּאַלאַניזם און סאָציאַליסטישע פּאַלש־לערעס. כדי די צייטונג זאָל זיין צוטריטלעך די נידעריקסטע שיכטן פונם יידנטום, האָט הער גאָלובאָװ אויסגעקליבן פאַר איר דעם יידישן זשאַרגאָן.

„. . . צושטעלנדיק די ביטע אויף דעם װאויל־איינזען פון אייער עקסעלענץ, האַלט איך פאַר מיין חוב צוצוגעבן, אַז נאַטאַן גאָלובאָװ איז דערצויגן געװאָרן אינעם אוניװער־סיטעט פונם הייליקן װלאַדימיר, באַװאוסט אַלס געװעזענער מיטאַרבעטער פון אייניקע רוסישע צייטונגען, צװישן זיי אויך פון „װאַרשאַװסקי דניעװניק" (אָפּיציעלע רעגירונגס־צייטונג אין װאַרשע — ש. ל.). אין פּאָליטישן הינזיכט פולשטענדיק כשר און לויט זיין געדאַנקען־גאַנג פאַרדינט ער צוטרוי.

גענעראַל־לייטענאַנט פּולאַן
נאַטשאַלניק פון קאַנצעלאַריע, פּאָלקאָװניק מאַרקגראַפסקי" [1].

גאָלובאָװס שריפט עפנט פאַר אונדז די געדאַנקען־װעלט פון אַן אַמאָ־ליקן „געלערנטן יידן" („אוטשאָני יעװרעי"), װען ער איז געשטעלט געװאָרן פּנים אל פּנים מיט דער נייער יידישער װירקלעכקייט, מיט דער מאַסן־אויפ־װאַכונג פונעם יידישן פאָלק, װאָס איז פאָרגעקומען אין די יאָרן 1897—1903, — ציוניזם פון איין זייט, סאָציאַליזם פון דער צװייטער זייט. הגם די שריפט איז זייער לאַנג, פאַרנעמט 9 זייטן מאַשינקע־שריפט, װעלן מיר דאָך פּרובירן איבערצוגעבן דעם תמצית פון אָט־דער פאַרקריפּלטער און משונהדיקער אי־דעאָלאָגיע, װי זי זעט אונדז איצטער אויס.

דאָס רוסישע יידנטום, האַלט גאָלובאָװ, ליידט פון דריי חולאתן, װעלכע זיינען צװישן זיך געבונדן, רופן איינע די אַנדערע אַרויס און דערפילן זיך קעגנזייטיק: צאַדיקיזם, פּאָלאָניזם און סאָציאַליזם. דער צאַדיקים, דאָס גלויבן אין רבין ציט אָפּ יידן פון פאַרנעמען זיך מיט נוצלעכער פּראַצע, װייל צוליב װאָס אַרבעטן, װען „גאָט טראַכט און דער רבי לאַכט". דער צאַדיקיזם זייט פינצטערניש און שנאה צו אַלץ, װאָס קומט פון אייראָפּע. די פּאָלאָני־זאַציע שטאַמט פון די רייכע הויף־יידן, װעלכע האָבן אַמאָל געצויגן רווחים

[1] אַרכיװ פון װג״ג נומער 101.953, 368 פון 1902, בויגן 1.

פון די פריצים דורך וואוכער און שווינדל. זיי האָבן זיך אויסגעלערנט אַ ביסל אייראָפעאישע מאַניערן, האָבן אָנגעטאָן אַ פראַק, האָבן דעם גייסט פון יודאַאיזם קיינמאָל ניט פאַרשטאַנען. נאָכמאַכנדיק דעם פריץ, האָבן זיי אי־בערגענומען זיינע אידעען און זיינע שטרעמונגען. זיי זיינען געוואָרן הייסערע פאָליאַקן, ווי די פאָליאַקן גופא און פילן אָן די רייען פון די נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערע פאַרטייען אין פוילן, ווי פפ"ס, למשל. זיי פאַרגעסן, שרייבט ווייטער גאָלובאָוו, אַז „דער טאָג פון פוילנס „באַפרייאונג" (גאָלובאָווס גענדזנ־פיסלעך — ש. ל.) וואָלט געהייליקט געוואָרן מיט אַ דורכאויסיקן אויסשעכטן די פוילישע יידן, נישט אויסשליסנדיק אפילו די פאַרפוילישטע". די רייכע פאַרפוילישטע יידן האָבן פאַרכאַפט די קהלות און פירן אַ פאָלאָניזאַציע־פאָליטיק. די „הצפירה" לויבט אין טאָג אַריין די ברידער נאַטאַנסאָן. זי איז ניט אימשטאַנד דעם פאָלאָניזם צו באַקעמפן. מען דאַרף דעריבער אַ נייע העברעאישע צייטונג, כדי צו באַקעמפן דעם צאַדיקים און פאָלאָניזאַציע אויף דער יידישער גאַס.

דער פריצישער הויף לאָזט זיך שוין מער ניט עקספלואַטירן, די פריץ־יידעלעך האָבן פאַרלייגט אינדוסטריע־אונטערנעמונגען, גענומען אומברחמנות־דיק אויסזויגן דעם מאַרך פון די ביינער ביי זייערע יידישע אַרבעטער. עס האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרשפרייטן „דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער גיפט צווישן די רוסישע יידן". יענע קומען צוגיין און זאָגן די יידן, איר זיינט רעכטלאָז, געיאָגט, געפלאָגט, פאַרבינדט זיך מיט אונדז און די גאַנצע ערד וועט ווערן אייער היימאַט, די גאַנצע מענטשהייט — אייערע מיטבירגער, די פאַרלאַמענטן — אייערע געזעצגעבערישע אַנשטאַלטן. „מען דאַרף קענען דעם כאַראַקטער פון דער יידישער מאַסע, איר עקאָנאָמישע לאַגע, כדי צו פאַר־שטיין די ערנסקייט פון אָט־דער אַנשטעקנדיקער קרענק. און עס פאַרשפרייט זיך אָט־דער גיפט דורך 9 פעריאָדישע רעוואָלוציאָנערע אויסגאַבן, פון וועלכע אַכט דערשיינען אין רוסלאַנד. אַחוץ אָן אַ צאָל בראָשורן אויף דער צוטרעט־לעכער שפראַך פאַר דער יידישער מאַסע, אויף זשאַרגאָן. נישט אַנטרעפנדיק אין ערגעץ קיין אָפלייקענונג, מיינט די יידישע מאַסע, אַז אַלע היפערבאָלישע איבערטרייבונגען און אויסטראַכטענישן פון דער אונטערערדישער „ליטע־ראַטור" (גאָלובאָווס גענדזנפיסלעך) איז גאָלע אמת און אירע הבטחות וועגן אַן אַלגעמיינעם גן־עדן התחתון (ערדישן גן־עדן) וועלן מקוים ווערן מיט אַ מאַטעמאַטישער פינקטלעכקייט . . ."

„. . . קעגן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן דאַרף מען האַנדלען ענערגיש אין אַ ספעציעלער צוליב דעם ציל אַרויסגעגעבענער צייטונג אויף יידישן זשאַרגאָן". קעגן צאַדיקיזם און

פּאָלאָניזם — אין העברעאיש, ווייל דאָ וועגדט מען זיך צו אַ מער אינטעליגענטן פּובלי־קום. מען דאַרף אָט די באַוועגונגען קעגנשטעלן נישט דעם פאַרגליווערטן ראַביניזם, וועלכער האָט געבוירן דעם משוגע־שאַרלאַטאַנישן (?) קאַבאַליזם מיט זיין גרויצלעך קינד, דעם צאַדיקיזם, נאָר די וואונדערבאַרע עטיקע פון די „סינאַגאָגע־פּאָטערס" (דעם מחבר געגדונ־פּיסלעך), וועלכע דערמאָנט מיט זיך די קריסטליכע עטיקע" . . .

„צוליב דעם איבערגעזאָגטן בעט איך אייער עקסעלענץ צו נעמען אויף זיך די מי און באַפוילן אויסצושטדלען זיך פאַר דער געהעריקער מאַכט, אַז מען זאָל מיר געבן אַ דערלויבעניש אַרויסצוגעבן אונטער מיין רעדאַקציע אין וואַרשע אַ טעגלעכע (אויסער שבת און יום־טוב) זשאַרגאָן־צייטונג אונטערן נאָמען „דער אמת" און אַ ביילאַגע צו איר אין דער העברעאישער שפּראַך אונטערן זעלביקן נאָמען לויט דער פּראָגראַם, וואָס ווערט דאָ בייגעלייגט. וואָס איז שייך מאַטעריעלע מיטלען, האָבן אייניקע איינוואוינער פון דער שטאָט וואַרשע, די ה"ה איפּפּאַ (לעשנע 4) און לוריע (סאָלנע 14) מיר צוגעזאָגט הילף פון 10 טויזנט זילבערנע רובל, אַ סומע, וואָס איז פולשטענדיק גענוג, ביי דער גרייטקייט פון אייניקע מיטאַרבעטער צו אַרבעטן אומזיסט, כדי „אויסצורוימען די שלעכט צווישן ישראל" (ובערת הרע מקרבך — ש. ל.), ווי עס דריקט זיך אויס דער חומש".

אונטערגעשריבן: נאַטאַן גאָלובאָוו, וואַרשע נאָוועמבער 12־טע דאַטע (25 נאָוועמבער נ. ס. — ש. ל.) 1902. וואוין־אָרט, קאָשיקאָווע 22.

איידער מיר גייען איבער צו באַהאַנדלען דעם ווייטערדיקן גאַנג פון דעם ענין דאַרף מען מאַכן אייניקע פאַר־באַמערקונגען:

1) גאָלובאָוו שטעלט דעם טראָפּ אויף דער צייטונג אין יידיש. די העברעאישע אויסגאַבע ווערט ביי אים אַ צולאַג, אַ ביילאַגע צו דער יידישער, ווען באמת האָט ער געמיינט אַרויסצוגעבן צוויי באַזונדערע און זעלבסט־שטענדיקע אויסגאַבן. והראיה, דער פּרייז פון יעדער אויסגאַבע איז געווען באַשטימט צו 6 רובל אַ יאָר פאַר יעדער אויסגאַבע באַזונדער. אָבער גאָלו־באָוו האָט געוואָלט, אַז די יידישע אויסגאַבע זאָל אים „אַרויסשלעפּן" די העברעאישע. די מעשה דערפון איז די, וואָס אין יאָר 1894 האָט מען אים שוין איינמאָל אָפּגעזאָגט אין דער דערלויבעניש אַרויסצוגעבן אַ צייטונג. ער האָט זיך דעריבער געשטעלט אין דער לאַגע פון אַ „טשעמפּיאָן" אין קאַמף קעגן סאָציאַליזם, כדי אַזוי אַרום צו באַקומען די דערלויבעניש. מהאי טעמא טאַקע האָט ער זיך נישט געווענדט דירעקט צו דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פאַר פּרעסע ענינים ביים אינערן־מיניסטעריום, נאָר ער האָט געבעטן דעם וואַר־שעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר, ער זאָל זיך פאַר אים משתדל זיין ביי דער געהעריקער מאַכט וועגן אַ דערלויבעניש. דאָס קלערט אויך אויף פּולאַנס מאַכן בקיצור די פראַגע וועגן דער העברעאישער צייטונג, לייגנדיק די הויפּט־געוויכט אויף דער יידישער צייטונג און אַקצענטירנדיק זי: דער קאַמף מיטן סאָציאַליזם אויף דער יידישער גאַס האָט הויפּטזעכלעך פאַרנומען די מוחות און האַרץ פון דער צאַריש־פּאָליציייאישער אַדמיניסטראַציע.

2) דער קאַמף מיט פּאָלאַניזאַציע פון יידן האָט דאָ גאָר אינגאַנצן אַן אַנדער באַדייטונג. דער פּאָלאַניזאַציע ווערט ניט קעגנגעשטעלט קיין רוסיפי־קאַציע, נאָר די פּאָלאַניזאַציע גופא ווערט באַהאַנדלט ווי אַ גורם צו דער צע־וואַקסונג פון דער רעוואָלוציאָנער באַוועגונג אויף דער יידישער גאַס. דאָס ווערט געטאָן, לויט גאָלובאָוון, אין צוויי ריכטונגען. די פּאָלאַניזאַטאָרן פילן אַליין אָן די רעוואָלוציאָנערע רייען דורך אַריינטרעטן אין דער פּפּ״ס; זיי מאַכן אויך רייף דעם באָדן, אַז סאָציאַליסטישע אידייען זאָלן אַריינדרינגען אין די אונטערשטע שיכטן ביי יידן דורך דער פּאַרגרעסערטער עקספּלואַטאַ־ציע אין די פאַבריקן און ווערקשטאַטן, וואָס „די פּריץ־יידן" האָבן געגרינדעט. עס איז ווי גאָלובאָוו זאָל זאָגן צו דער רוסישער צאַרישער אַדמיניסטראַציע אין פוילן, — לאָזט יידן זיין יידן, — און עס וועט זיין גלייכער פאַר אייך.

3) גאָלובאָווס צייטונג האָט געזאָלט זיין אַ זשאַנדאַרמעריש־פּאָליציי־אישער אָרגאַן אין קאַמף מיטן סאָציאַליזם און מיט די פּראָגרעסיווע באַוועגונ־גען אויף דער יידישער גאַס. עס האָט באַדאַרפט פּאַרוויסט ווערן מיט אַ ביסל רעפאָרמאַטאָריש־רעליגיעזן שמן־זית פון דער „עטיק פון די „סינאַגאָגע־פאַטערס", ווי עס דריקט זיך אויס גאָלובאָוו.

4) גאָלובאָוו דערמאָנט נישט די „פערטע מחלה", דעם ציוניזם. אין „וואַרשאַווסקי דניעווניק", נומער 150 און 151 פון 1899 האָט גאָלובאָוו אָנגע־שריבן צוויי וואַרעמע אַרטיקלען וועגן ציוניזם, אויף וועלכע עס פאַררופן זיך יאַסינאָווסקי און פּאָדלישעווסקי אין זייער ביטע, וואָס זיי האָבן דערלאַנגט דעם וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר וועגן דערלויבן זיי פריי צו פּראָ־פּאַגירן דעם ציוניזם אין פוילן. מיר וויסן שוין אויך, פון פריערדיקן קאַ־פּיטל, אַז גאָלובאָוו האָט געשריבן צו יעווגעני מענקין, אַז „דער ציוניזם ווירקט ווי אַ קעגנמיטל קעגן דער יידישער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע, באַוואוסט אונטערן נאָמען „בונד". גאָלובאָוו האָט על־כן באַוואוסטזיניק אַרויסגעלאָזט דעם ציוניזם פון דעם צעטל פון „יידישע פּלאָגן". אגב, האָט ער טייער באַצאָלט פאַר זיינע סימפּאַטיעס צום ציוניזם, ווי מיר וועלן עס שפּעטער זען.

5) עס איז אינטערעסאַנט, וואָס עס האָבן זיך געפונען יידן, וועלכע האָבן געהאַלטן פאַר נויטיק און מעגלעך צו פינאַנצירן גאָלובאָוון אין זיין אונטערנעמונג, הגם זיי האָבן גוט־געוואוסט וואָס פאַרא פאַרבינדונגען גאָלו־באָוו האָט. משמעות, אַז עס איז שווער געווען בייצושטיין דעם נסיון פון אַ „גוטן געשעפט".

אויף גאָלובאָווס ביטע ליגט אַ רעזאָלוציע, געשריבן מיט אַ בלייפעדער: „מעלדן, אַז מען דאַרף זיך ווענדן דירעקט אין דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פאַר

פרעסע־ענינים". די מעלדונג איז אַרויסגעשיקט געוואָרן דעם 26טן נאָוועמבער 1902 אונטערן נומער 19.137, אויפן נאָמען פון וואַרשעווער אָבער־פּאָליצ־מייסטער מיט צוועק אויף איבערצושיקן זי דעם אַדרעסאַט.

דעם 29־טן נאָוועמבער 1902 אונטערן נומער 10.928 האָט שוין די הויפּט־פּאַרוואַלטונג פאַר פּרעסע־ענינים ביים אינערן־מיניסטער צוגעשיקט אַ קאָנפידענציעלן בריוו, אין וועלכן זי פרעגט־אָן די מיינונג פון וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר, צי מען דאַרף אַרויסגעבן אַ דערלויבעניש דעם איבער־זעצער פון דער וואַרשעווער גובערניאַלער זשאַנדאַרמען־פּאַרוואַלטונג, גאַ־לובאָוון אויף רעדאַקטירן די צייטונגען: „העת" און „די צייט" און עס ווערט בייגעלייגט אַ קאָפּיע פון דער פּראָגראַם פאַר די צייטונגען. די אויסערגעוויינ־לעכע שנעלקייט פון דער ביוראָקראַטישער דערליידיקונג פונעם ענין דער־קלערט זיך מיט די פאַרבינדונגען, וואָס דער „שתדלן" האָט געהאַט אין די „הויכע פענצטער", מיט זיין זשאַנדאַרמען־אַמט, ווי אויך מיט דעם אינטערעס, וואָס די זשאַנדאַרמעריע האָט געהאַט, אַז דידאָזיקע צייטונג זאָל דערזען די ליכטיקע שיין.

פון גאָלובאָווס פּראָיעקטירטע צייטונגען האָבן מיר צוויי פּראָגראַמען, איינע וואָס איז געשיקט געוואָרן צום גענעראַל־גובערנאַטאָר, ביים בעטן זיין השתדלות; די אַנדערע, צום פּרעסע־דעפּאַרטאַמענט פון אינערן־מיניסטע־ריום. די שינויים, וואָס זיינען אַריינגעטראָגן געוואָרן אין דעם צווייטן פּראָג־ראַם, אין פאַרגלייך מיטן ערשטן, זיינען זייער באַלערנדיק. ווען מיר דאָ ברייגנען ביידע פּראָגראַם־פּראָיעקטן און פּרובירן מאַכן איניקע באַמערקונגען צו זיי.

פּראָגראַמען פון גאָלובאָווס צייטונגען:

ערשטער פּראָיעקט

1) רעגירונגס־ידיעות, אַלהערכסטע אוקאַזן, צירקוליאַרן און באַפעלן פון די אָרטיקע מאַכט־אָרגאַנען. 2) טעלעגראַמעס. לייט־אַרטיקלען. 3) פּאָליטישער איבערזיכט, אויסצוגן פון אַלגעמיינע און יידישע צייטונגען. 4) אינעווייניקסטע נייעס. 5) קאָרעספּאָנדענציעס פון יידישן לעבן. 6) פעליעטאָנען. 7) דערציילונגען. 8) אילוסטראַציעס, בילדער און קאַרי־קאַטורן. 9) פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען. 10) באַשלוסן פון סענאַט וועגן יידישע ענינים אין אָריגינאַל, ד"ה אין רוסיש, און אין איבערזעצונג. 11) בערזע און קאָמערציעלע ידיעות. 12) אַנאָנסן.

צווייטער פּראָיעקט

1) רעגירונגס־אַקטן און באַפעלן. 2) פּאָליטישער איבערזיכט, טעלעגראַמעס, ידיעות פון צייטונגען און זשורנאַלן, אינעווייניקסטע, אויסלענדישע און געריכט־כראָניק. 3) קאָ־רעספּאָנדענציעס אינלענדישע און אויסלענדישע. 4) פּובליציסטישע און פּאָפּולער־וויסנ־

שאַפּטלעכע אַרטיקלען. 5) בעלעטעריסטיק און פעליעטאָנען. 6) קריטיק, ביבליאָגראַפיע, פּרעסע־איבערזיכט. 7) טעאַטער און קונסט. 8) אינדוסטריעל־קאָמערציעלע כראָניק. 9) איבּ־פאָרמאַציע־אָפּטיילונג וועגן אַלע צווייגן פון טעכניק און אינדוסטריע, ענטפערס פון דער רעדאַקציע. 10) אילוסטראַציעס. 11) פאַרשיידנס. שאַך־אָפּטיילונג. 12) אַנאָנסן.

צווישן דיביידע פּראָיעקטן איז פאַראַן אַ גרויסער אונטערשייד. אין דעם ערשטן פּראָיעקט ווערט אויף אַ סך אַ בולטערן אופן אונטערגעשטראָכן די לאָיאַלקייט פון דער צייטונג ווי אין צווייטן פּראָיעקט. אינעם ערשטן פּראָיעקט זאָגט־צו גאָלובאָוו צו פאַרעפנטלעכן די סענאַט־באַפעלן אין אָריגי־נאַל. אין צווייטן פעלט די הבטחה. אינעם ערשטן פּראָיעקט לייגט גאָלובאָוו אַ גרויס געוויכט אויף די באַפעלן פון די אָרטיקע מאַכט־אָרגאַנען, וואָס ער לאָזט אַרויס אין צווייטן. אינעם ערשטן פּראָיעקט ווערט אונטערגעשטראָכן, אַז פעליעטאָנען, דערציילונגען און אינעווייניקסטע נייעס וועלן זיין פון יידישן לעבן בלויז, אין צווייטן פּראָיעקט רעדט זיך וועגן בעלעטריסטיק סתם. דער ערשטער פּראָיעקט איז געשריבן געוואָרן, כדי צו געפעלן דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר אין וואַרשע, כדי צו באַוועגן אים, ער זאָל זיך מיט דעם ענין אַליין פאַראינטערעסירן, ממילא האָט גאָלובאָוו געמוזט אונטערשטרייכן און גערדיכטער מאַכן די פאַרבן. דער צווייטער פּראָיעקט איז געגאַנגען אין אינערן מיניסטעריום, ממילא האָט זיך גאָלובאָוו געקענט באַגיין אָן פּרטים און אָן איבעריקע אויסטייטשונגען. אינטערעסאַנט, דער ערשטער פּראָיעקט לייגט וויניק אַכט אויף טעכניש־אינדוסטריעלע ידיעות, דער צווייטער לייגט אויף דעם אַ גרויס געוויכט. משמעות, אַז פאַרן אינערן־מיניסטעריום איז געווען וויכטיק „פּראָדוקטיוויזאַציע פון יידן", פאַרן גענעראַל־גובערנאַטאָר אין וואַר־שע איז „קאַמף מיט צאַדיקיזם" מער וויכטיק. גאָלובאָוו האָט צו יעדערן גערעדט אויף זיין שפּראַך און האָט פאַר אים „צוגעגרייט די געריכטן, וואָס ער האָט ליב".

באַקומענדיק דעם קאָנפידענציעלן בריוו, שיקט די קאַנצעלאַריע פון וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר אַרויס אַן אָנפראַגע אין צענזור־קאָמיטעט און פרעגט זיין מיינונג וועגן ענין. דער נוסח — אַ טראַדיציאָנעלער, אַ טראַ־פאַרעטער: אַרויסזאָגן זיך וועגן עצם ענין און צי דער שתדלן איז ווערט, צוליב זיינע זיטלעכע מעלות, געזעלשאַפטלעכער לאַגע, בילדונגס־צענז און פאַרגאַנגענער ליטעראַרישער טעטיקייט, מען זאָל אים אַרויסגעבן אַ דער־לויבעניש אויף עפענען אַ צייטונג. דער בריוו איז אַרויסגעשיקט געוואָרן דעם 4־טן דעצעמבער 1902, נומער 1690. צווישן דעם טאָג, ווען דער קאָנ־פידענציעלער בריוו איז געשריבן געוואָרן אין פעטערבורג און דעם אָנפראַגע

בריוו צום צענזאָר קאָמיטעט האָט געדויערט 10 טעג. אין דער קאַנצעלאַריע פון וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר איילט מען זיך ניט. מען דערליידיקט דעם ענין אין אַ נאָרמאַלן, נאַטירלעכן טעמפּאָ פון אַ רוסישער צאַרישער רעגי־רונגס־קאַנצעלאַריע.

דעם 11־טן דעצעמבער 1902, נומער 206, ענטפערט דער וואַרשעווער צענזור־קאָמיטעט:

„. . . וועגן ענין פון דער השתדלות פון דעם איבערזעצער ביי דער וואַרשעווער גובערניאַלער זשאַנדאַרמען־פאַרוואַלטונג ה׳ גאָלובאָוו, צו דערלויבן אים אַרויסצוגעבן אין וואַרשע, מיט דער דערלויבעניש פון דער פאַר־צענזור און זיין אָנפירונג, לויט דער פּראָיעקטירטער דורך אים פּראָגראַם, טעגלעכע צייטונגען: אין העברעאיש — „העת, און אין יידישן זשאַרגאָן „די צייט", האָט דעם כבוד דער צענזור־קאָמיטעט צו מעלדן די קאַנ־צעלאַריע פון וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר, אַלס ענטפער אויף שריפט נומער 1690, אַז אַזוי ווי ה׳ גאָלובאָוו איז באַוואוסט אין דער רוסיש־יידישער ליטעראַטור, ווערט מצד דעם קאָמיטעט נישט באַגעגנט קיין מניעות צו באַפרידיקן די השתדלות פון דעם בקשה־געבער" — „פאָרזיצער (אונטערשריפט), סעקרעטער, זובקאָוו".

אויף דעם בריוו פון אונטן ליגט מיט בלייפעדער אַזאַ אינפאָרמאַציע־נאָטיץ:

„אַ שריפט פון פולאָנען לטובתו. גאָלובאָוו האָט געבעטן אַ דערלויבעניש אַרויסצו־געבן אַ צייטונג אין יאָר 1894. דעמאָלט איז באַראָן מעדעם געווען קעגן צוליבן אַרויסזאָגן זיך פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פאַר פּרעסע. גאָלובאָווס פּראָגראַם: אַרומצוימען קעגן צאַדיקיזם, פּאָלאָניזאַציע און סאָציאַליזם". ביים זייט פון שריפט אין דער הויך ליגט אַ רעזאָלוציע: "אָפּוואַרפן", מיט אַ דאַטע 17/12 1902.

אָבער דאָ הויבט זיך ערשט אָן די „רעכטע געדיכטע". מען דאַרף באַרעכטיקן דעם שריט, מען דאַרף פאַרן אויסערן־מיניסטעריום מאָטיווירן דעם אָפּזאָג. די קאַנצעלאַריע מאַכט גרייט אַ טעקסט, וועלכער ווערט אָפּגעוואָרפן „דורך זיין עקסעלענץ".

אָט איז דער ערשטער טעקסט (געשריבן אויף אַ שרייב מאַשינקע):

„וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר. וועגן דער השתדלות פון גאָלובאָוון וועגן דערלויבן אים אַרויסצוגעבן די יידישע צייטונגען „העת" און „די צייט". ערשטע געשעפטס־פירונג פון דער קאַנצעלאַריע. יאַנואַר (די דאַטע ניט אויסגעפילט — ש. ל.) 1903. קאָנפי־דענציעל. דעם הער אינערן מיניסטער. צוליבן בריוו נומער 10928, וועגן דער השתדלות פון דעם איבערזעצער ביי דער וואַרשעווער גובערניאַלער זשאַנדאַרמען־פאַרוואַלטונג נאַטאַן גאָלובאָוו וועגן דערלויבן אים אַרויסצוגעבן אין וואַרשע מיט דער דערלויבעניש פון דער פאַר־צענזור און אונטער זיין רעדאַקציע די טעגלעכע יידישע צייטונגען אונטערן נאָמען: „העת" אין העברעאיש און „די צייט" אין יידישן זשאַרגאָן, האָב איך דעם כבוד מודיע צו זיין, אַז די אויבנדערמאָנטע השתדלות איז נאָך אין יאָר 1894 באַטראַכט געוואָרן דורך דעם אינערן־מיניסטעריום און, ווי עס איז צו זען, פון דעם בריוו פון שעף פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פאַר פּרעסע־ענינים אויפן נאָמען פונעם סענאַטאָר באַראָן מעדעם פון 2טן מאַי 1894, נומער 2493, האָט דאָס אינערן־מיניסטעריום, געפינענדיק פאַר זייער נישט גע־וואונטשן, אַז מען זאָל פאַרשפּרייטן יידישע פּעריאָדישע אויסגאַבן צווישן דער ווייניק־גע־בילדעטער („מאַלאָגראַמאָטנאָוואָ") יידישער באַפעלקערונג נישט געהאַלטן פאַר מעגלעך צו דערלאָזן (מאַכן) אַן אויסנאַם פאַרן הער גאָלובאָוו.

„צוליבן אויבן־געזאָגטן, געפין איך נאָך איצט אויך נישט קיין גענוגנדיקע גרונטן אויף באַפרידיקן די השתדלות פון דעם בקשה־געבער, נאָך מער, וואָס צוליב דער באַדייטנ־דיקער אַנטוויקלונג אין וואַרשע פון דער יידישער פרעסע, וועלכע געפינט זיך אונטער דער

„שטעל־פאַרטרעטער פון גענעראַל־גובערנאַטאָר, זיין געהילף (נישט אונטערגעשריבן)״ אויפזיכט פון דעם איינציקן יידישן צענזאָר, איז אַ פרוכטבאַרע קאָנטראָל מצד דעם אָרטיקן צענזור־קאָמיטעט היפשלעך באַשווערט.

מיט בלייפעדער־שריפט אַ באַמערקונג : „אָפּגעוואָרפן דורך זיין עקסעלענץ. באַפוילן צו שרייבן צווישן די מאָטיוון די אַנטוויקלונג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. 4 יאַנ. 903״.

אין דעם נייעם אויסגעבעסערטן טעקסט ווערט איבערגעלאָזן די ערשטע טייל. דער צווייטער אָפּזאַץ קלינגט אָבער אַזוי :

„טיילנדיק פולשטענדיק דעם אויבנגעבראַכטן קוק, האַלט איך פאַר מיין חוב צוצו־געבן, אַז באַפרידיקן די השתדלות פון דעם בקשה־געבער איז נישט געוואונטשן איצט, צוליב דער לעצטנס שטאַרק־אַנטוויקלטער ציוניסטישער באַוועגונג אין געגנט (ביי־ווייסל־געגנט), וועלכע באַדראָט די עפנטלעכע רו און זיכערקייט, און דעריבער (האַלט איך פאַר ניט געוואונטשן) יעדע מין אַרויסווייזן זיך פון דער יידישער אָפּגעזונדערטקייט, באַזונדערס נאָך פון אַ געדרוקטן אָרגאַן. דעריבער קאָן איך נישט אנערקענען דידאָזיקע השתדלות פאַר אַזאַ, וואָס פאַרדינט אונטערשטיצונג און אונטערהאַלטונג. גענעראַל־אַדיוטאַנט טשערט־קאָוו. פאַרוואַלטער פון דער קאַנצעלאַריע יעווגעני מענקין״.

כדי צו פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט עס דער וואַרשעווער גענעראַל־גובער־נאַטאָר געהאַלטן פאַר אַזוי וויכטיק צוצוגעבן דעם ציוניסטישן מאָטיוו, מוזן מיר זיך דערמאָנען דאָס, וואָס מיר האָבן שוין געזאָגט אין דעם קאַפּיטל וועגן דער „באַציאונג פון דער רוסישער מאַכט אין פוילן צו דער ציוניסטישער באַ־וועגונג״, און נעמלעך, אַז דאָס יאָר 1903 מערקט אַ פאַרשאַרפונג פון דעם רעאַקציאָנערן פלעווע־קורס אין רוסלאַנד. אין דעם יאָר איז ליקווידירט גע־וואָרן דעם „פּאָליצייאישער סאָציאַליזם״, פאַרשיקט געוואָרן דער פירער פון די „אומאָפּהענגיקע״ שאַיעוויטש און באַזייטיקט געוואָרן פון זיין אַמט אַלס שעף פון דער פּעטערבורגער „אָכראַנע״ זובאַטאָוו בכבודו ובעצמו [2]). דער ציוניזם, וואָס איז ביז־איצט געדולדעט געוואָרן אין רוסלאַנד, און אפילו אין פוילן האָט דער וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר אָפיציעל דערלויבט צו פּראָפּאַגירן עפנטלעך זיינע אידייען, איז איצט אַריינגעפאַלן אין אומחן אויפן שטח פון דער גאַנצער אימפּעריע, פוילן אַריינגערעכנט. אַנדערע ווילן האָבן, אַז דער צאָרן פון דער צאַרישער מאַכט אויף די ציונים האָט געשטאַמט דער־פון, וואָס עס האָבן זיך גענומען אויסבילדן אַרבעטער קרייזן אין ציוניזם, וואו

2) זע וועגן דעם ביי ל. מאַרטאָוו — „אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע און האַנדל און די אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד״ (1893—1903)״, אין דער „געשיכטע פון רוס־לאַנד אין 19טן יאָהרהונדערט״, פאַרלאַג ברידער גראַנאַט, פּעטערבורג, (יאָר ניט אָנגעגעבן), באַנד 8, זייט 152.

מען „באַאַרבעט אויף סאָציאַלע פראַגן“ [3]). אַזוי צי אַזוי דער פלעווע־גייסט האָט שוין גענומען הערשן אין פעטערבורג. אין וואַרשע האָט מען זיך גוט אָפגעגעבן אַ רעכענונג וועגן די שטימונגען, וואָס הערשן אין די „הויכע פענצטער“ פון דער אימפעריאַלער הויפט־שטאָט. און אַזויווי מען האָט גע־וואָלט באַרעכטיקן דעם שריט פון אָפזאָגן די דערלויבעניש אַזאַ „פאַר־דינסטפולן מענטשן“, ווי נאַטאַן גאָלובאָוו, איז דער ציוניסטישער מאָטיוו געווען דער בעסטער אויסרייד.

דערדאָזיקער בריוו איז אַרויסגעשיקט געוואָרן דעם 17־טן יאַנואַר 1903, אונטערן נומער 87.

דער גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט נאָך נישט געהאַט דערליידיקט דעם ענין פון „העת“־„די צייט“, ווי עס איז אַריינגעפלאָסן צו אים אַ נייע ביטע וועגן אַרויסגעבן אַ יידישע טעגלעכע צייטונג אונטערן נאָמען „דער טאָג“. די ביטע האָט דערלאַנגט דער פעטערבורגער דאָקטאָר סאָלאָמאָן (זלמן) אַראָנאָ־וויטש סלאָנים און האָט באַשטימט אַלס רעדאַקטאָר דוד פרישמאַנען. דעם 29־טן נאָוועמבער 1902 אונטערן נומער 10923, שיקט אַרויס די הויפט־פאַרוואַלטונג פאַר פרעסע ענינים אין פעטערבורג, דעם וואַרשעווער גענעראַל גובערנאַטאָר פאָלגנדיקן קאָנפידענציעלן בריוו:

„צום הער וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר.

„דער מעדיצינער זלמן (סאָלאָמאָן) אַראָנאָוויטש סלאָנים, וועלכער וואוינט אין פע־טערבורג, אויף אָפיצערסקע גאַס, אין הויז נומער 47, האָט זיך געווענדט מיט אַ השתדלות אין דער הויפט־פאַרוואַלטונג פאַר פרעסע־ענינים וועגן דערלויבן אים אַרויסצוגעבן אין דער שטאָט וואַרשע, מיט דער דערלויבעניש פון דער פאַר־צענזור און אונטער דער רע־דאַקציע פון דוד שאולס פרישמאַן, וואָס וואוינט אין דער שטאָט וואַרשע אויף קאָפּוטשינסקי גאַס, אין הויז נומער 13, אַ טעגלעכע צייטונג אויפן יידישן זשאַרגאָן, אונטערן נאָמען „דער טאָג“, לויט דער דאָ בייגעלייגטער קאָפּיע פון פראָגראַם.

„דעריבער האָב איך דעם כבוד געהאָרכזאַם צו בעטן אייער עקסעלענץ צו באַערן מיך מיט אייערע שלוסן וועגן דער אויבנדערמאָנטער השתדלות, ווי אויך וועגן דעם, צי איר געפינט די בקשה־געבער, לויט זייערע מאָראַלע מעלות, געזעלשאַפטלעכער לאַגע, בילדונגס־צענז און פריערדיקער ליטעראַרישער טעטיקייט אַלס אַזעלכע, וואָס פאַרדינען, אַז מען זאָל זיי געבן דאָס רעכט אַרויסצוגעבן די פראָיעקטירטע דורך זיי צייטונג.

„פאַרן אינערן־מיניסטער, דער שעף פון דער הויפט־פאַרוואַלטונג פאַר פרעסע־ענינים סענאַטאָר אַ. זווערעוו. — דער געשעפטספירער פון דער הויפט־פאַרוואַלטונג פאַר פרעסע־ענינים, מיטגליד פון ראַט (אונטערשריפט)“.

די קאָפּיע פון פראָגראַם: 1) אינווייניקסטע כראָניק. 2) אויסלענדישע כראָניק. 3) קאָרעספאָנדענציעס פון אינלאַנד און אויסלאַנד. 4) ליטעראַטור־אָפטיילונג: אָריגינעלע און איבערזעצטע נאָוועלן און דערציילונגען מיט אילוסטראַציעס, לידער און ביאָגראַפיעס פון אָנגעזעענע טוער מיט זייערע בילדער, קריטיק און ביבליאָגראַפיע, פעליעטאָנען.

---

3) ניר — „צו דער אָפשטאַמונג פון פועלי־ציוניזם“, „אַרבעטער־פנקס“, רעדאַקטירט זרובבל, פאַרלאַג „נייע קולטור“, וואַרשע 1927 זייט 26.

5) וויסנשאַפטלעכע אָפּטיילונג: פּאָפּולערע אַרטיקלען איבער געשיכטע, ליטעראַטור, מעדיצין און אַנדערע וויסנשאַפטלעכע צווייגן. 6) איבערזיכט איבער צייטונגען און זשורנאַלן. 7) אַנאָנסן. 8) רעגירונגס־באַפעלן. 9) פּאָליטישער איבערזיכט. 10) אינפאָרמאַציע־אָפּטיילונג: ידיעות וועגן טעכניק, האַנדל און פאַרשיידענע צווייגן פון אַרבעט. 11) אַרטיקלען איבער פאַרשיידענע לויפנדיקע פראַגן פון יידישן לעבן. 12) געריכטס־כראָניק. 13) טעלעגראַמעס. 14) טעאַטער און קונסט. 15) ביילאַגעס" [4].

דערדאָזיקער פּראָגראַם־פּראָיעקט טראָגט אַ בולטן שטעמפּל פון פרישמאַנען און זיין גייסט. עס וואַרפט זיך אין די אויגן דער פאַקט, וואָס עס ווערט דאָ אונטערגעשטראָכן, אַז די צייטונג וועט פאַרעפנטלעכן איבערזעצונגען אויף יידיש פון דער וועלט־ליטעראַטור. פרישמאַן פאַרגעסט ניט צו דערמאָנען אין זיין פּראָגראַם־פּראָיעקט זיין הויפּט־שטרעבונג — אַריינצוטראָגן אינעם יידישן קולטור־אוצר די פּערלען פון דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור. בכלל, לייגן די מחברים פונעם פּראָיעקט גרויס געוויכט אויף דער ליטעראַרישער טייל אין דער צייטונג. זיי באַאַרבעטן אָט־דעם פונקט גענוי און בפּרוטרוטדיק. זיי דערמאָנען אָריגינעלע און איבערזעצטע דערציילונגען, זיי רעדן אויך וועגן לידער און ליטעראַטור־קריטיק. אין דער אָפּטיילונג — וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען ווערט ווידער דערמאָנט ליטעראַטור און געשיכטע. די רעגירונגס־באַפעלן ווערן באַהאַנדלט, ווי אַן אָפּקומעניש, ווי אַ זאַך פון מוז. זיי ווערן פאַררוקט אויפן אַכטן אָרט און מען פּטרט זיי אָפּ מיט צוויי ווערטער ממש. פאַרגלייכן מיר דעם פרישמאַן־פּראָגראַם מיט די פּראָגראַם־פּראָיעקטן פון אַ נ. גאָלובאָוו, זעען מיר ערשט דעם גרויסן מרחק צווישן די איינשטעלונגען און באַשטרעבונגען פון דעם „טאָג"־רעדאַקטאָר און דעם ה„העת־די צייט" רעדאַקטאָר. סלאָנים־פרישמאַן ווילן אַ פיינע ליטעראַריש־פּאָליטישע צייטונג אין יידיש. גאָלובאָוו שטרעבט אָבער צו אַ רעגירונגס־צייטונג אין יידיש. אַרויסגייענדיק פון צוויי אין גרונט־אויס פאַרשיידענע צילן און באַשטרעבונגען, קומען זיי צו פאָרמולירן אַ דורכאויס פאַרשיידענעם פּראָגראַם־פּראָיעקט. נעמט מען אין אַנבאַטראַכט, אַז אויך סלאָנים־פרישמאַן האָבן געמוזט זיין איינגעהאַלטן, ווייל מען האָט דאָך געדאַרפט נושא־חן זיין ביי די מאַכט־אָרגאַנען, כדי די דערלויבעניש זאָל געגעבן ווערן — ווערט ערשט קלאָר, ווי ווייט באַלערנדיק עס זיינען די שינויים, וואָס די מחברים פון „טאָג"־פּראָגראַם האָבן אַריינגעטראָגן. צווישן די טרוקענע, קורצע און לאַקאָנישע שורות רייסט זיך אַדורך די נאַציאָנאַל־אויפקלערערישע באַשטרעבונג פון אַ סלאָנים־פרישמאַן

4) אַרכיוו פון וואַ"ג נומער 101.608, ערשטע געשעפטספירונג, ערשטער טיש, נומער 383 פון יאָר 1902 „וועגן דער השתדלות פון זלמן (סאָלאָמאָן) סלאָנים וועגן דערלויבן אים אַרויסצוגעבן אין וואַרשע אַ צייטונג אויפן יידישן זשאַרגאָן „דער טאָג", אויף 10 האַלבע בויגנס".

און די אַבסקוראַנטיש־פּאַרפּירערישע כוונות פון אַ נאַטאַן גאַלובאַוו, להבדיל.

באַקומענדיק דעם צושריפט פון דער הויפּט־פּאַרוואַלטונג פאַר פּרעסע־ענינים, שיקט די קאַנצעלאַריע פון וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר אַרויס צוויי געהיימע בריוו, איינעם צום אָבער־פּאָליצמייסטער דעם 9־טן דעצעמבער 1902 (נומער 1699), מיט אַן אָנפראַגע וועגן דער מאָראַלער אויפפירונג פון דוד פרישמאַן און זלמן סלאָנים און דעם צווייטן אין וואַרשעווער צענזור־קאָמיטעט (נומער 1698), מיט דער ביטע אַרויסצוזאָגן זיך וועגן עצם פון דער השתדלות. דער וואַרשעווער אָבער־פּאָליצמייסטער ענטפערט אויפן בריוו פון ווג״ג דעם 10־טן יאַנואַר 1903 (נומער 11.605), „לויט דער געהיימער געשעפטספירונג״, בהאי לישנא:

אויפן בריוו פון אָבער־פּאָליצמייסטער ליגט אַ רעזאָלוציע, געשריבן מיט אַ בלייפעדער: „אויסוואַרטן אויפן ענטפער פון צענזאַר־קאָמיטעט״.

„אין דער קאַנצעלאַריע פון וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר.

„אויף דער ווענדונג נומער 1699, האָב איך דעם כבוד מודיע צו זיין דער קאַנצעלאַריע, אַז דוד שאולס פרישמאַן איז במשך פון דער צייט, וואָס ער וואוינט אין וואַרשע, אין קיין שום פּאַרדעכטיקס, סיי אין פּאָליטישן און סיי אין מאָראַלן הינזיכט, נישט באַמערקט געוואָרן". „סלאָנים אָבער וואוינט נישט אין וואַרשע און עס איז וועגן אים קיין ידיעות אין רשות פון אָבער־פּאָליצמייסטער נישט פאַראַן".

דעם 27־טן פעברואַר 1903, אונטערן נומער 13, קומט אָן אַן ענטפער פון וואַרשעווער צענזור־קאָמיטעט:

„אין דער קאַנצעלאַריע פון וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר.

„צוליב דער ווענדונג פון 9־טן דעצעמבער 1902, נומער 1698 וועגן דער השתדלות פון זלמן סלאָנים אַרויסצוגעבן אין וואַרשע אַ טעגלעכע צדטונג, אונטער דער רעדאַקציע פון דוד פרישמאַן און מיט דער דערלויבעניש פון דער פאַר־צענזור, האָט דער וואַרשעווער צענזור־קאָמיטעט דעם כבוד מודיע צו זיין די קאַנצעלאַריע פון דעם הער ווג״ג, אויפן גרונט פון די אויספירן, וואָס זיינען צוגעשטעלט געוואָרן דורכן צענזאָר פון די יידישע אויסגאַבעס אינעם קאָמיטעט, דעם הער זאַקס, אַז פרישמאַנס נאָמען איז זייער באַרימט אין דער יידישער ליטעראַטור, ווי אַן איבערזעצער און אַרויסגעבער פון פאַרשיידענע שריפטן און ווי אַ מיטאַרבעטער פון דער העברעאישער צייטונג „היום", וואָס דעשיינט אין סאַנקט־נעטערבורג.

„אויף אַזאַ אופן, אַז פון דער זייט וואָלטן אפשר קיין מניעות נישט באַגעגנט געוואָרן אויף באַפרידיקן די השתדלות פון סלאָנימען, ווען נישט דער אומשטאַנד, וואָס אין וואַרשעווער צענזור־קאָמיטעט איז פאַראַן בלויז איין צענזאָר אויף צענזורירן די יידישע אויסגאַבעס, וועלכער איז אָן דעם אויך גענוג איבערגעלאָדן מיט אַ גרויסער צאָל אַרבעט; אַרויפלייגן אויף אים נאָך נייע פליכטן צו צענזורירן טעגלעכע יידישע צייטונגען, — וואָלט אים געשטעלט אין אַ גאַנץ אומבאַקוועמער לאַגע, וואָס עס וואָלט געקענט נישט גוט ווירקן אויף זיין טעטיקייט.

צוליב די אויבנגעבראַכטע מאָטיוון, וואָלט דער וואַרשעווער צענזור־קאָמיטעט געהאַלטן, פון זיין זייט, אַז מען דאַרף די השתדלות פון זלמן סלאָנים אָפּוואַרפן".

נאָכדעם ווי מיר וויסן, אַז מיט צוויי חדשים צוריק, דעם 11־טן דעצעמבער 1902 אין ענין נאַטאַן גאָלובאָוו, האָט דער צענזור־קאָמיטעט נישט געפונען קיין מניעה אין דעם, וואָס דער יידישער צענזאָר איז, נעבעך, פאַרוואָרפן מיט אַרבעט און האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר באַפרידיקן גאָלובאָווס ביטע, איז קיין שום ספק נישטאָ, אַז אין פאַל סלאָנים־פרישמאַן האָט דער קאָמיטעט נישט געהאַנדלט לויט דער „אָביעקטיווער זאַך־לאַגע". די כלומרשטע „איבערגעלאָדנקייט מיט אַרבעט" פונעם יידישן צענזאָר איז נאָר געווען אַ תירוץ אויף פּטור ווערן פון דעם ענין. דער וואַרשעווער גענעראַל גובערנאַטאָר האָט בלויז געוואָרט אויף אַזאַ געלעגנהייט און האָט באַלד מסכים געווען „דעם יידישן צענזאָר ניט איבערצעלאָדן מיט אַרבעט". ליגט טאַקע אויפן ענטפער פונעם וואַרשעווער צענזור־קאָמיטעט אַ באַמערקונג: „ראַפּאָרטירט זיין עקסעלענץ. באַפוילן אַרויסצוזאָגן זיך פאַר אָפּוואַרפן". דעם 15־טן מערץ 1903 (נומער 214), שיקט די קאַנצעלאַריע אַרויס אַן ענטפער אין דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פאַר פרעסע־ענינים, אַז צוליב דעם, וואָס עס איז נישטאָ קיין גענוגנדיקע צאָל יידישע צענזאָרן, מוז מען סלאָנימס השתדלות אָפּוואַרפן. מיט דעם איז פאַרמאַכט געוואָרן דער וועג פאַר דער גרינדונג פון אַ יידישער צייטונג אין וואַרשע פאַרן יאָר 1902 ביז יולי 1903.

דעם 21־טן יולי 1903 קומט אָן אַן אָנפראַגע פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פאַר פרעסע־ענינים (נומער 1790) וועגן דעם, אַז אפרים ראַסקין, דער אַרויסגעבער פון די אַפּרייס־קאַלענדאַרן, האָט זיך געוואָנדן מיט אַ השתדלות וועגן דערלויבן אים אַרויסצוגעבן אין וואַרשע אַ טעגלעכע צייטונג אין יידיש אונטערן נאָמען „די יידישע צייטונג". אויף דער אָנפראַגע פון וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר ביים צענזור־קאָמיטעט וועגן זיין שטעלונג צו דער עצם השתדלות (בריוו פון 29 יולי 1903, נומער 933), ענטפערט דער צענזור קאָמיטעט, אַז ראַסקין גיט אַרויס אַפּרייס־קאַלענדאַרן, ער האָט זיך קיינמאָל מיט ליטעראַטור נישט פאַרנומען, האָט נישט קיין שום בילדונגס־צענז און דעריבער דאַרף מען זיין השתדלות אָפּוואַרפן. אין דעם גייסט איז טאַקע אָפּגעשיקט געוואָרן דער ענטפער צו דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פאַר פרעסע ענינים ביים אינערן מיניסטער (בריוו פון 29טן אויגוסט 1903, נומער 1338 [5]).

אין יאָר 1903 קומט פאָר אַן איבערברוך אין דער געשיכטע פון דער יידישער פרעסע. אין פּעטערבורג ווערט געגרינדעט „דער פריינד". דער

5) אַרכיוו פון ווג"ג, נומער 102.165, 1־1, 165, 1903 — „וועגן דער השתדלות פון אפרים ראַסקין אויף דערלויבן אים אַרויסצוגעבן אין וואַרשע אַ צייטונג אויף יידיש־זשאַרגאָן א. ב. „די יידישע צייטונג", אויף 6 בויגנס.

„המליץ" הויבט אָן צו מאַכן שלעכטע געשעפטן און מוז זיך אָפּשטעלן. דער רעדאַקטאָר פון „המליץ" לייב ראַבינאָוויטש וויל אויסבעסערן זיין מערכה. ער נעמט זיך פאַר יידיש און גיט אַרויס אין פּעטערבורג טאַקע אַ ציוניס־טישע צייטונג אויף יידיש „דער טאָג". די צייטונג מאַכט שלעכטע געשעפטן. ראַבינאָוויטש הויבט זיך אָן צו באַמיען וועגן אַריבערטראָגן די צייטונג קיין וואַרשע. ער ווענדט זיך מיט אַ ביטע דירעקט „צו זיין עקסעלענץ דעם וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר". ער פאַררופט זיך אויף אַ שמועס, וואָס ער האָט געפירט מיטן „אדון הגדול" אַליין, דעם וואַרשעווער גענעראַל־גובער־נאַטאָר דעם 15טן מערץ 1904, בשעת וועלכן דער לעצטער האָט אים געהייסן דערלאַנגען אַ ביטע און ראַבינאָוויטש שרייבט:

„דער טאָג" האָט פאַר אַ ציל צו וועקן אין דער יידישער מאַסע די בעסטע רעליגיעז־עטישע און בירגערלעכע געפילן, ער ווייזט איר אָן די אמתע וועגן פון אויסבעסערן זייער עקאָנאָמישע לאַגע דורך אַ ברייטער פּראָדוקטיווער אַרבעט, פולשטענדיקן צוטרוי צו דער אַדמיניסטראַציע און דורך פאַרשטאַרקן דעם אמת, אַז די אַלגעמיינע אינטערעסן פון רוסלאַנד זיינען אויך די אינטערעסן פון אַלע קערפּערשאַפטן, וואָס באַוואוינען דאָסדאָזיקע לאַנד, צווישן זיי אויך פון די יידן, וועמענס וואויל־זיין הענגט אָפּ פון דעם וואוילשטאַנד פון דעם גרויסן פאָטערלאַנד, וואָרום דאָס גליק פון רוסלאַנד איז אויך זייער גליק און זיין אומגליק — אויך זייער אומגליק".

„דער טאָג" — שרייבט ווייטער ראַבינאָוויטש — „אינפאָרמירט געטריי, וואָס עס קומט פאָר אין לאַנד און אין אויסלאַנד. ממילא העלפט ער צו באַקעמפן דאָס פאַרשפּרייטן זיך פון ווילדע קלאַנגען און אומגעלומפּערטע ידיעות. ער לערנט יידן רוסיש, דרוקנדיק די רעגירונגס־באַפעלן אין רוסיש מיט אַן איבערזעצונג אין יידיש". ער שטעלט זיך אָפּ אויף דער באַדייטונג, וואָס אַזאַ אָרגאַן וואָלט געהאַט, ווען ער דערשיינט אין דער געדיכ־טעניש פון דער יידישער מאַסן־באַפעלקערונג אין וואַרשע. ער לייגט צו אַ פּראָגראַם פאַר דער צייטונג און בעט, מען זאָל אים דערלויבן אַרויסצוגעבן דעם „טאָג" אין וואַרשע [6].

דעם 11־טן אַפּריל שיקט די קאַנצעלאַריע פון ווג"ג אַרויס אַן אָנפראַגע צום צענזור־קאָמיטעט, וועלכער זאָגט זיך אַרויס, אַז ער געפינט ניט קיין מניעות צו געבן די דערלויבעניש, וויבאַלד די צייטונג דערשיינט דאָך סייווי אין רוסלאַנד.

אויפן בריוו פון צענזור־קאָמיטעט געפינט זיך אַ אַ באַמערקונג, וואָס איבערראַשט אויפן ערשטן אויגנבליק: „ראַפּאָרטירט זיין עקסעלענץ. אָפּ־געוואָרפן. 10טער מאַי 1904". עס איז אומבאַגרייפלעך אויפן ערשטן בליק, ווען מען געדיינקט, אַז ראַבינאָוויטש האָט זיך געקענט פּערזענלעך מיטן וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר און האָט געהאַט, זעט אויס, פאַרבינדונגען אין צענזור־קאָמיטעט און האָט דורכגעפירט, אַז דער קאָמיטעט זאָל זיך

6) אַרכיוו פון ווג"ג, נומער 102,748, 1־י, 88, 1904, „וועגן ראַבינאָוויטשעס ביטע אַרויסצוגעבן אין וואַרשע זיין צייטונג, וואָס דערשיינט אין פּעטערבורג — „דער טאָג".

אַרויסזאָגן פאַר דערלויבן אים אַרויסצוגעבן זיין צייטונג אין וואַרשע. ווי קומט עס, וואָס מען האָט דאָך סוף־כל־סוף זיין ביטע אָפּגעוואָרפן? אַז מען קוקט אָבער אַריין אין די ווייטערדיקע בויגנס פון דעם ראַבינאָוויטש־ענין, ווערט די רעטעניש געלייזט. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז ראַבינאָוויטש האָט געהאַט אַ סך שונאים. זיי האָבן ניט געזשאַלעוועט קיין מי און טרחה, כדי אים אונטערצושטעלן אַ פיסל, מיט כשרע און נישט כשרע מיטלען. עס געפינט זיך אַ מסירה פון איינעם אַ סקאָפּינסקי, זעט אויס אַ נאָמען פון דער הפטרה, געשריבן אין אַ שרעקלעכן רוסיש, פולשטענדיק אַנאַלפאַבעטיש, וועמענס אינהאַלט עס איז דער פאָלגנדיקער:

„דערקלערונג. פאַרגאַנגענעם יאָר האָבן זיך אַ טרייסל געטאָן די געשעפטן פון דער העברעאישער צייטונג „המליץ", וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך ל. א. ראַבינאָוויטש. כדי צו פאַרבעסערן די מערכה, איז לויט די עצות פון די פּראָווינציעלע פריינט פון ראַבינאָוויטשן און מיט אונטערוואַרעמונג פון די בוגיסטישע (בונדיסטישע — ש. ל.) פּאָרשטייער (געבוירן געוואָרן דער געדאַנק) וועגן אַריבערטראָגן דעם „המליץ" קיין ווילנע, כדי די בונדיסטן זאָלן קענען פרייער, אין די אָוונט־שעהן, בעת דער אַרבעט אויף דער צייטונג, באַנוצן זיך מיט דער שריפט פאַר זייערע צוועקן, אָבער די ווילנער אַדמיניסטראַציע האָט אָפּגעוואָרפן דידאָזיקע השתדלות. אין פעברואַר דאָס יאָר האָט ראַבינאָוויטש אָנגעשטעלט דעם „המליץ", נישט באַפרידיקנדיק זיינע אַבאָנענטן. סוף פאַרגאַנגענעם יאָר (1903) האָט ער זיך אויסגעשתדלט אַ זשאַרגאָן־צייטונג (אַ גרייז אין טעקסט — ש. ל.) אונטערן נאָמען „דער טאָג", אָבער די מאַטעריעלע לאַגע פון „דעם טאָג" איז נישט בעסער פון דעם „המליץ". דעריבער פאָלגנדיק די עצה פון זיינע אויבנדערמאָנטע פריינט, האָט ער באַשלאָסן איצט צו משתדל זיין זיך וועגן איבערפירן די צייטונג „טאָג" אין וואַרשע, זיינענדיק איבערגעגעבן דער קרוין, האַלט איך פאַר נויטיק צו ציען די אויפמערקזאַמקייט אויפן אונטערשלאַק (אין טעקסט „פּאָדלאָזשקו" — ש. ל.) פון דער השתדלות, וועלכער (?) מיינט דערמיט צו פאַרריכטן זיין מערכה". — ס. סקאָפּינסקי".

דערדאָזיקער בריוו האָט געהאַט אַ דעצידירנדיקן איינפלוס אויפן גאַנג פון ראַבינאָוויטשעס ענין. מיר האָבן שוין דערמאָנט, אַז „דער פריינד" האָט באַקומען די דערלויבעניש צו דערשיינען אַ דאַנק דעם, וואָס די מינסקער זובאַטאָווצעס האָבן געהאַלטן, אַז מען דאַרף זען אַרויסצוגעבן יידישע צייטונגען, כדי די רעוואָלוציאָנערן זאָלן נישט זיין די איינציקע, וואָס רעדן צו די יידישע מאַסן אויף יידיש דורך זייערע פּראָקלאַמאַציעס און געהיימע שריפטן, וואָס זיינען דערשינען אַלס פּעריאָדישע אויסגאַבעס. די רוסישע מאַכט אין פוילן האָט אפילו אָט־דעם „עקספּערימענט" פון אויסשפּילן די מעסיקע עלעמענטן קעגן די רעוואָלוציאָנערע אויף דער יידישער גאַס, געהאַלטן פאַר געפערלעך, ווי מיר האָבן דאָס פיל מאָל שוין באַטאָנט אויבן. איצט קומט ראַבינאָוויטש און בעט אַ דערלויבעניש וועגן אַרויסגעבן זיין צייטונג „דער טאָג" אין וואַרשע, לסוף ווייזט זיך גאָר אַרויס, „אַז ער האָט, כלומרשט, געהיימע פאַרבינדונגען מיט די רעוואָלוציאָנערע בונדיסטן". דער וואַרשעווער

גענעראַל גובערנאַטאָר האָט נאַטירלעכווייז אָפּגעוואָרפן ראַבינאָוויטשעס ביטע, ניט געקוקט אויף דער אַרויסזאָגונג פון צענזור-קאָמיטעט, ווי אויך ניט גע-קוקט אויף די גרויסע פאַרבינדונגען, וואָס ראַבינאָוויטש האָט פאַרמאָגט. ווי-באַלד עס איז געפאַלן אַ חשד פון פּאָליטישער „ניט-כשרות", האָט שוין מער ניט געהאָלפן אפילו די רעקאָמענדאַציעס פון „הויכגעשטעלטע פּערזאָנען", וואָס ראַבינאָוויטש האָט צוגעשטעלט.

און ווירקלעך, דעם 17 מאַי 1904 קומט אָן אַ רעקאָמענדאַציע־בריוול אויפן נאָמען פון יעוועגעני מענקין, דעם דירעקטאָר פון דער קאַנצעלאַריע פון ווג"ג און שפּעטערדיקער גובערנאַטאָר פון לובלין. דער שרייבער פון אָט־דעם בריוול איז נ. סימאָנענקאָ, און ווי עס שיינט פון די דאָקומענטן — אַ נאָענטער פריינט מענקינס. סימאָנענקאָ לויבט ראַבינאָוויטשן אַלס אַ פּאַטריאָט, וואָס קען פיל מיטהעלפן צו דער רוסיפיקאַציע פון די פּוילישע יידן און ער בעט, אַז מען זאָל אַנטקעגנקומען ראַבינאָוויטשעס השתדלות. עס איז דאָ נאָכאַמאָל כדאי צו באַמערקן, ווי ווייט די פּעטערבורגער „גדולים" האָבן צו דער יידן־פראַגע אין רוסלאַנד געהאַט אַן אַנדער שטעלונג, ווי די רוסישע אַדמיניסטראַציע אין פּוילן. סימאָנענקאָ האָט נאָך אַלץ געהאַלטן, אַז די בעס־טע רעקאָמענדאַציע פאַר ראַבינאָוויטשן וועט זיין, אַז ער איז אַ גוטער „רוסי־פיקאַטאָר", ווען דער גאַנצער ענין איז דער צאַרישער מאַכט אין פּוילן גאָר ניט אָנגעגאַנגען. אין דעם ענין ראַבינאָוויטש שרייבט אויך אַ פּערזענלעכן בריוו צום ווג"ג זווערעיעוו, דער שעף פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פאַר פּרעסע־ענינים (בריוו פון 24טן מאַי 1904, נומער 5769). דער ענטפער פון וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר איז אָבער אַ נעגאַטיווער.

וואַרשעווער גענעראַל גובערנאַטאָר, 3 יוני 1904, נומער 11.390, קאָנפידענציאָנעל.
„צו זיין עקסעלענץ נ. א. זווערעיעוו, גנעדיקער הער ניקאָלאַי אַנטאָנאָוויטש.

„צוליבן בריוו פון 24טן מאַי ד. י. נומער 7569 וועגן דער השתדלות פונעם רעדאַק־טאָר־אַרויסגעבער פון דער צייטונג, וואָס דערשיינט אין פּעטערבורג, אין דער יידישער שפּראַך אונטערן נאָמען „דער טאָג", דעם מעשטשאַנין לייב אברהמס ראַבינאָוויטש אויף דערלויבן אים איבערצוטראָגן די אויסגאַבע פון דער צייטונג קיין וואַרשע, האָב איך דעם כבוד צו מעלדן אייער עקסעלענץ, אַז צוליב דער באַדייטנדיקער אַנטוויקלונג פון דער יידישער פּרעסע, וועלכע געפינט זיך אויסער יעדער קאָנטראָל מצד דעם וואַרשעווער צענזור־קאָמיטעט, אין וועמענס באַשטאַנד עס געפינט זיך נאָר איין יידישער צענזאָר, האַלט איך, אַז דאָס דערשיינען דאָ פון נייע אויסגאַבן, און דערצו נאָך טעגלעכע, אויפן יידישן זשאַרגאָן איז לחלוטין נישט געוואונטשן, צוליב אָרטיקע באַדינגונגען, און וואָלט געמיינט, אַז מען דאַרף די דאָזיקע ביטע אָפּוואַרפן.

„נעמט־צו, גנעדיקער הער, די פאַרזיכערונג אין מיין דורכאויסיקער אַכטונג און איבערגעבנקייט. — אונטערגעשריבן א. וו. פּאָדגאָראָדניקאָוו."

עס איז אינטערעסאַנט, וואָס דער געהילף פון וואַרשעווער גענעראַל-גוברנאַטאָר, סענאַטאָר פּאָדגאָראַדניקאָוו, פאַררופט זיך אויף דעם צענזור־קאָמיטעט, הגם דער לעצטער האָט זיך בפירוש אַרויסגעזאָגט פאַר געבן די דערלויבעניש. דער וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט נאָך דערוויל ניט געוואָלט „אויפדעקן די קאָרטן" און אויפגעבן די אמתע סיבות פון דעם אָפּזאָג. דער חשד אויף ראַבינאָוויטשן איז געווען געבויט אויף צו־שוואַכע באַווייזן, די רעקאָמענדאַציעס ווידער האָבן געשטאַמט פון זייער אָנגעזעענע און חשובע לייט. עס איז דעריבער געווען אומבאַקוועם אָנצוגעבן די אמתע מאָטיוון. האָט מען געפונען אַן אויסרייד, אַ תירוץ — נישטאָ קיין געגונדיקע צאָל צענזאָרן און צוליב אָרטיקע באַדינגונגען, כדי אָפּצוּוואַרפן ראַבינאָוויטשעס השתדלות.

דעם 27טן יוני פון זעלביקן יאָר קומט אָן אַ נייע מסירה אויף ראַבינאָוויטשן. דאָס מאָל שוין אָן אַנאָנימע פון אַן אַבאָנענט, וועלכער האָט צוגעשטעלט אַן עקזעמפּליאַר פון פּעטערבורג „דער טאָג", וואו עס איז פאַראַן אַן אָנאָנס, אַז מען זאָל זען באַנייען דעם אַבאָנאַמענט. דער אָנקלאָגער דערציילט, אַז ראַבינאָוויטש האָט אויסגענאַרט געלט ביי די אַבאָנענטען, האָט אָפּגעשטעלט די צייטונג, און איצט גיט ער ניט קיין שום קאָמפּענסאַציע זיינע אַבאָנענטן. עס איז צוזאַמען מיט דער אָנקלאַגע צוגעשטעלט געוואָרן די צייטונג פון 27טן יוני 1904 (זונטיק, כ"ז תמוז), נומער 146.

ראַבינאָוויטש האָט געמוזט ליקווידירן זיינע אויסגאַבעס. ער איז געבליבן אָן דעם „המליץ" און אָן דעם „טאָג". אָבער ראַבינאָוויטש וויל נאָך אַלץ ניט אויפגעבן זיין פאַרלעגערישע טעטיקייט. ער פּרוּווט ווידער אַמאָל זיין מזל. דאָס מאָל גייט ער ניט אַזוי וויט, ווי גרינדן אַ יידישע טאָג־צייטונג. ער באַשרענקט זיך מיט אַ קלענערער אויפגאַבע: ער וויל אַרויסגעבן אין וואַרשע אַ פּעריאָדישע שריפט „די פרויען־וועלט". אגב, אין וואַרשע עקזיסטירט שוין, צו יענער צייט, אַ יידישע טאָג-פּרעסע און דער ענין טאָג־צייטונג זעט אויס צו זיין נישט אַקטועל. אין אַ קאָנפידענציעלן בריוו פרעגט אָן די הויפּט־פאַרוואַלטונג פאַר פּרעסע־ענינים די מיינונג פון וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר וועגן דער נייער השתדלות פון ל. א. ראַבינאָוויטש. די קאַנצעלאַריע פון ווג"ג דעקט שוין איצט אויף די גאַנצע שפּיל, אַזוי אַז ביי ראַבינאָוויטשן זאָל אָפּפאַלן דער חשק צו באַנייען, ווען עס איז זיין השתדלות. (בריוו פון 28טן מאַי 1905, נומער 5933).

אויפן בריוו פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג ליגט אַ רעזאָלוציע: „אָפּוואַרפן".

דעם 10טן יוני פון 1905, אונטערן נומער 751, שיקט דער וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר אַרויס פאָלגנדיקן בריוו צו דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פאַר פּרעסע־ענינים:

„וועגן דער השתדלות פון רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער פון דער צייטונג „המליץ", וואָס דערשיינט אין סאַנקט פּעטערבורג אויף דער העברעאישער שפּראַך, וועגן דערלויבן אים אַרויסצוגעבן אין דער שטאָט וואַרשע, מיט דער דערלויבעניש פון דער פאַר־צענזור און אונטער זיין אָנפירונג, אַ צייטונג אויפן יידישן זשאַרגאָן אונטערן נאָמען „די פרויען־וועלט" — האָב איך דעם כבוד צו מעלדן אייער עקסעלענץ, אַז צוליב דעם מוראדיקן צעוואַקסן זיך אין דער לעצטער צייט פון דער אַנטי־רעגירונג באַוועגונג, בין איך געצוואונגען מיט אַ גרעסערער ווי געוויינלעך פאָרזיכטיקייט באַציען זיך צום באַווייזן זיך אין דעם פּוילישן קעניגרייך פון נייע יידישע פּרעסע־אָרגאַנען, מסכים זייענדיג אויף דערלאָזן נאָר אַזעלכע אָרגאַנען, אין וועמענס שפּיץ עס שטייען פולשטענדיק זיכערע און פאַרלאָזבאַרע מענטשן („בלאַגאָנאַדיאָזשניע"). אַזויווי לויט ידיעות, וועלכע געפינען זיך ביי מיר, געהערט דער אַרויסגעבער פונעם „המליץ", דער הער ראַבינאָוויטש, ווייט נישט צו דער קאַטעגאָריע פון אָט־די פּערזאָנען, וואָס עס קען, אגב, טיילווייז קאָנטראָלירט ווערן דורך נעמען אינפאָרמאַציע אין פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט, וואָלט איך געהאַלטן, אַז אויך אָט־די השתדלות דאַרף מען אָפּוואַרפן". — אונטערגעשריבן: גענעראַל־אַדיוטאַנט מאַקסימאָוויטש, שטעל־פאַרנעמער פון דעם קאַנצעלאַריע־דירעקטאָר יאַטשקאָווסקי".

ראַבינאָוויטשעס גורל אַלס פאַרלעגער איז אַזוי אַרום פאַרזיגלט געוואָרן. ראַבינאָוויטש — אַ רעוואָלוציאָנער, מעג פאַר אונדז קלינגען, ווי אַ קוריאָז, זיין פאַרלעגערישע טעטיקייט האָט עס אָבער פאַראַליזירט. אין צענטער פון יידישן מאַסן־לעבן און פאַנאַנדערוואוקס פון יידישן צייטונג־וועזן, האָט ראַבינאָוויטש מער קיין אָרט ניט געהאַט.

ביזן יאָר 1905 האָט דער וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר קיינעם קיין דערלויבעניש אויף אַרויסצוגעבן אַ צייטונג אין יידיש ניט געגעבן. ווי עס שיינט, האָט אפילו דער וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר טשערטקאָוו געהאַט געגעבן אַ בפירושע פאַראָרדנונג דעם צענזור־קאָמיטעט, ער זאָל קיין דערלויבענישן אויף יידישע אויסגאַבן ניט געבן. די רעוואָלוציע־יאָרן פון 1903—1906 צווינגען די העכערע מאַכט אין פּעטערבורג צו ענדערן דעם פּערזענלעכן צוזאַמענשטעל פון די „טשינאָווניקעס" אויף דעם העכסטן אַמט פון „שעף פון געגנט" אין פּוילן. עס קומען נאָך דער ריי: טשערטקאָוו, מאַקסימאָוויטש און סקאַלאָן, וועלכע בייטן זיך אין פאַרלויף פון קנאַפּע צוויי יאָר. אַלס צענזאָר ווערט באַשטימט כאַדאַק, אַ געוועזענער לערער אין זאַמאָשטש, אין פּרצעס היים־שטאָט. כאַדאַק איז געווען אַ מענטש מיט אַ נייגונג צו יידישער פאָלקסטימלעכקייט און האָט געהאַט אַ פּאָזיטיווע שטעלונג צו טאָג־צייטונגען אין יידיש. ער טראָגט פיל־צו און איז געוען בייהילפיק, אַז די יידישע טאָג־צייטונג אין וואַרשע זאָל אַנטשטיין. די שטייגנדיקע רעוואָלו־ציאָנערע כוואַליע דריקט אויף די רוסישע מאַכטהאָבער און גיט זיי צו פאַר־

שטיין, אַז מיטן פויסט קאָן מען ווייניק דערגרייכן . . . מיט דעם דערקלערט זיך, מיינען מיר, וואָס כאַדאַק האָט געקריגן די באַשטימונג אַלס צענזאָר און מיט דערקלערט זיך אויך, וואָס מען האָט זיך צוגעהערט צו כאַדאַקס רייד און רעקאָמענדאַציעס.

כאַדאַקס פאַרדינסטן אין צוזאַמען דעם פּראָצעס פון לעגאַליזאַציע פון דער יידישער טאָג־פרעסע קומט שוין צום אויסדרוק אין דער דערלויבעניש, וואָס איז געגעבן געוואָרן דעם שותף פון „הצופה", אייזיק עליאַשעוו צו גרינדן דעם „יוד". אָבער באַזונדערס בולט טרעט אַרויס כאַדאַקס באַדייטונג ביים העלפן נחום סאָקאָלאָוו צו באַקומען די דערלויבעניש אויף זיין קליינער טעגלעכער צייטונג „דער טעלעגראַף".

דעם 27טן מערץ 1905, נומער 3383, שיקט אַרויס די הויפּט־פאַרוואַלטונג פאַר פרעסע־ענינים ביים אינערן מיניסטער פאָלגנדיקן בריוו צום וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר:

„דער מיטאַרויסגעבער פון דער צייטונג „הצופה", וואָס דערשיינט אין וואַרשע, דער מעשטשאַנין אייזיק מאירס עליאַשעוו, וועלכער וואוינט אויף פאַנסקע גאַס, הויז נומער 20, איז זיך משתדל וועגן אַ דערלויבעניש אַרויסצוגעבן אין דער שטאָט וואַרשע, מיט דער דערלויבעניש פון דער פאַר־צענזור און אונטער זיין רעדאַקציע, אַ טעגלעכע צייטונג אויפן יידישן זשאַרגאָן, מיטן נאָמען „דער יוד", לויט דער דאָ ביגעלייגטער פּראָגראַם אין אָפּ־שריפט.

„צוליב וואָס איך האָב דעם כבוד געפּעליקסט צו בעטן אייער עקסעלענץ צו באַערן מיך מיט אייער שלוס וועגן דער דערמאָנטער השתדלות. — פאַרן אינערן־מיניסטער, דער וויצע־מיניסטער סענאַטאָר דורנאָווא, דער געשעפט־פירער פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פאַר פרעסע־ענינים, מיטגליד פון ראַט (אונטערשריפט)" [7].

פּראָגראַם: רעגירונגס־מעלדונגען און פאַראָרדנונגען. 2. פּובליציסטישע אַרטיק־לען. 3. פּרעסע־איבערזיכט, טעלעגראַמעס און קאָרעספּאָנדענציעס. 4. בעלעטריסטיק. 5. יורידישע אינפאָרמאַציע־אָפּטיילונג. 6. פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע און פּעדאַגאָגישע אַרטיקלען. 7. פעליעטאָנען. 8. ביבליאָגראַפיע און קריטיק. 9. אילוסטראַציעס. 10. אַנאָנסן.

וועגן אָט דעם פּראָגראַם קען מען זאָגן, אַז ער איז געמאַכט געוואָרן סוחריש, קורץ און זאָגט גאָרנישט. עס איז אין דעם פּראָגראַם נישט קיין ספּעציעלע נייגונג און עס ווערט דאָרט ניט געגעבן קיין שום זכות הבכורה פאַר וואָסער־ס'איז־נישט צווייג. עס איז אַ פּראָגראַם פון „אַ דורכשניטלעכן מענטשן", פון „אַ מענטשן פון דער גאַס". מען פילט דאָ נישט קיין סימפּאַטיעס און קיין אַנטיפּאַטיעס. טרוקן. געשעפטלעך.

---

7) אַרכיוו פון ווג"ג נומער 103.194, ערשטע געשעפטספירונג, ערשטער טיש, נומער 56 פון יאָר 1905, „וועגן דער השתדלות פון עליאַשעוו אויף דערלויבן אים אַרויסצוגעבן אין וואַרשע אַ טעגלעכע צייטונג אין זשאַרגאָן „דער יוד".

די רוסישע צאַרישע קאַנצעלאַריע האָט זיך אָבער ווייניק וואָס גע־קימערט וועגן דעם. זי האָט געלאָזט דעם בריוו פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג אין גאַנג אויפן געוויינלעכן, נאַטירלעכן וועג. דעם 7־טן אַפּריל 1905, אונטער דעם נומער 483, האָט די קאַנצעלאַריע פון ווג״ג געשיקט אַן אָנפראַגע וועגן דעם ענין אין וואַרשעווער צענזור־קאָמיטעט. אָבער אַן ענטפער האָט זי באַ־קומען גאַרנישט קיין טראַדיציאָנעלן. אַ נייע נאָטע, אַן אויסערגעוויינלעכע פאָרמולירונג. מען דערפילט אינעם בריוו פון צענזור־קאָמיטעט אַן אָפּהילך פון די רוישנדיקע וואַרשעווער גאַסן פונעם ברויזנדיקן יאָר 1905.

„מיניסטעריום פאַר אינערליכע ענינים. געהיים. וואַרשעווער צענזור קאָמיטעט. מאַי, דעם 7טן, 1905, נומער 20. אין דער קאַנצעלאַריע פון וואַרשעווער גענעראַל־גובער־נאַטאָר.

„צוליב דעם צושריפט פון 7־טן פאַרגאַנגענעם חודש, אונטערן נומער 483, וועגן דער השתדלות פונם מיטאַרויסגעבער פון דער העברעאישער צייטונג, וואָס דערשיינט אין וואַרשע, „הצופה״, דעם מעשטשאַנין אייזיק מאירס עליאַשעוו אויף דערלויבן אים אַרויס־צוגעבן אין דער שטאָט וואַרשע, אַ טעגלעכע צייטונג אויף דעם יידישן זשאַרגאָן, אונטער זיין רעדאַקציע, אונטערן נאָמען „דער יוד״, האָט דער וואַרשעווער צענזור־קאָמיטעט דעם כבוד מודיע צו זיין די קאַנצעלאַריע פון ווג״ג, אַז ביז איצט פלעגט דער קאָמיטעט אַזעלכע השתדלותן אָפּוואַרפן, אין הסכם מיט די אָנווייזונגען פון געוועזענעם וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר (אונדזער קורסיוו — ש. ל.). אָבער אַזוי ווי, אין דער לעצטער צייט דערלויבט מען פריי זשאַרגאָנאָווע צייטונגען אין פּעטערבורג און ווילנע, און נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז דער הער עליאַשעוו, לויט ווי עס זאָגט עדות דער צענזאָר פון יידישע אויסגאַבן הער כאַדאַק, זייענדיק אַ מיטאַרויסגעבער פון דער צייטונג „הצופה״, נעמט אָנטייל אויך אין איר רעדאַקטירונג, באַמיענדיק זיך דורך אַ באַשטימטן אויסוואַל פון אַרטיקלען וועקן ביי די לעזער ליבע צו דער קרוין אין רוסלאַנד, ווי אויך דערנעענטערונג צום רוסישן פאָלק, געפינט דער קאָמיטעט, אַז ער פאַרדינט פולשטענדיק, מען זאָל אים געבן דאָס רעכט צו רעדאַקטירן די געבעטענע דורך אים צייטונג אין זשאַרגאָן, און דעריבער טרעפט עס נישט אָן אויף קיין שום מניעות מצד דעם קאָמיטעט, אַז מען זאָל די השתדלות באַפרידיקן.
פאָרזיצער (אונטערשריפט), סעקרעטאַר (אונטערשריפט)״.

אויפ׳ן בריוו ליגט אַ רעזאָלוציע: מסכים זיין, און דעם 17טן מאַי 1905, אונטערן נומער 632, שיקט די קאַנצעלאַריע פון וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר אָפּ אַ קאָנפידענ־ציעלן בריוו אין דער הויפּט־פאַרוואַלטונג, וועלכער האָט פאָלגנדיקן שלוס:
„צוליבן באַקומען גוטע אָפּרופן און ידיעות וועגן דער פערזאָן פון דעם ביטע־געבער — באַגעגן איך נישט קיין שטערונגען צו באַפרידיקן די דערמאָנטע השתדלות.
גענעראַל־אַדיוטאַנט מאַקסימאָוויטש, שטעל־פאַרנעמער פון דירעקטאָר יאַטשקאָווסקי״.

דער ענין עליאַשעוו איז אינטערעסאַנט ניט נאָר צוליב דעם, וואָס מיר זעען ווי דאָס אייז ברעכט זיך און מען הויבט אָן צו געבן דערלויבענישן אויף אַרויסגעבן יידישע צייטונגען. דער ענין איז נאָך אינטערעסאַנטער דערמיט, וואָס מיר האָבן דאָ אַן אינעווייניקסטע גבית־עדות, אַז ביז־איצט פלעגט דער קאָמיטעט אָפּוואַרפן אַלע השתדלותן וועגן דערלויבן דערשיינען אידישע צייטונגען אין הסכם מיט די אָנווייזונגען פון געוועזענעם וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר, וואָס דאָס באַשטעטיקט אונדזער שילדערונג פון טשערטקאָווס

פּאָליטיק בנוגע יידן. אויסער דעם, ווייזט דער בריוו, ווי ווייט עס איז אויס־געוואָקסן די פּאָליטישע וואָג פון די יידישע מאַסן, אַז עס איז כדאי צו דערלויבן אַ יידישע צייטונג, כדי „צו וועקן ליבע צווישן דער יידישער באַ־פעלקערונג צו דער קרוין". לסוף, ווייזט דער בריוו, אַז דער נייער אידישער צענזאָר כאַדאַק האָט „צוגעלייגט אַ האַנט" צו דעם, אַז וואַרשע זאָל האָבן אַ יידישע טאָג־צייטונג.

אויב אין ענין עליאַשעוו האָט כאַדאַק בלויז צוגעלייגט אַ האַנט, האָט ער זיך, קען מען זאָגן, ממש איינגעשפּאַנט און געטאָן אַלעס מעגלעכע, כדי צו באַקומען אַ דערלויבעניש פאַר נחום סאָקאָלאָוו אויף אַרויסצוגעבן זיין טעג־לעכע צייטונג „דער טעלעגראַף". ער האָט אָנגעשריבן אַ גרויסע אַלזייטיקע כאַראַקטעריסטיק פון נחום סאָקאָלאָווס ליטעראַרישער און געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, ער האָט פאַר סאָקאָלאָוון ניט געזשאַלעוועט קיין שבחים און לויב־געזאַנגען און האָט פאַר אים דורכגעזעצט די דערלויבעניש.

דעם 28טן מאַי 1905, נומער 5937 שיקט אַרויס די הויפּט־פּאַרוואַלטונג פאַר פרעסע־ענינים ביים אינערן־מיניסטעריום פאָלגנדיקן בריוו:

„דעם הער וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר. דער ראַדאַקטאָר־אַרויסגעבער פון „הצפירה", וואָס דערשיינט אין דער שטאָט וואַרשע, אין העברעאיש, נחום סאָקאָלאָוו, האָט זיך געוואָנדן אין דער הויפּט־פּאַרוואַלטונג פאַר פרעסע־ענינים, מיט אַ השתדלות צו דער־לויבן אים אַרויסצוגעבן אין דער זעלביקער שטאָט, מיט דער דערלויבעניש פון דער פאַר־צענזור, אונטער זיין רעדאַקציע, זעקס מאָל אין דער וואָך, אַ צייטונג אין יידישן זשאַרגאָן, אונטערן נאָמען „דער טעלעגראַף", לויט דער בייגעלייגטער פּראָגראַם אין אָפּשריפט (קאָ־פּיע). צוליב דעם האָט די הויפּט־פּאַרוואַלטונג פאַר פרעסע־ענינים דעם כבוד געהאָרכזאַם צו בעטן אייער עקסעלענץ צו באַערן מיט אייער מיינונג וועגן דער אויבנדערמאָנטער השתדלות. שעף פון דער הויפּט־פּאַרוואַלטונג פאַר פרעסע־ענינים (אונטערשריפט), גע־שעפטס־פירער פון דער הויפּט פּאַרוואַלטונג פאַר פרעסע־ענינים (אונטערשריפט)".

פּלאַן פון דער צייטונג אויף דער יידישער שפּראַך
מיטן נאָמען „דער טעלעגראַף":

1) באַשלוסן און באַפעלן פון דער רעגירונג. 2) כראָניק. אַרטיקע, אַלגעמיין־רוסישע און אויסלענדישע נייעס. 3) אַרטיקלען איבער פּאָליטיק, נאַטור־וויסנשאַפט, ליטע־ראַטור, קונסט, געשיכטע און געזעלשאַפטלעך־עקאָנאָמישע פראַגן. 4) בעלעטריסטיק. 5) געריכט־כראָניק. 6) אילוסטראַציעס צו די וויסנשאַפטלעכע און היסטאָרישע אַרטיקלען, ווי אויך צו די אַקטועלע געשעענישן. 7) פאַרשיידנס. 8) טעאַטער און מוזיק. 9) ספּאָרט. 10) בערזע, פינאַנציעלע און מסחר־כראָניק. 11) נעקראָלאָגן און אַנאָנסן. 12) עקסטרע פּראָבלעמען אין פאַל פון וויכטיקע צייט־געשעענישן. דערשיינט זעקס מאָל אין וואָך. אַבאָנאַמענטס־פרייז: אַ יאָר, צוזאַמען מיט איבערשיקן, 8 רובל"[8].

---

8) אַרכיוו פון ווג"ג, נומער 103.214, ערשטע געשעפטספירונג, ערשטער טיש, נומער 77 פון יאָר 1905 „וועגן דער השתדלות פון נחום סאָקאָלאָוו אויף דערלויבן אים אַרויס־צוגעבן אין וואַרשע די צייטונג „דער טעלעגראַף", אויף 8 האַלבע בויגנס".

אין פאַרגלייך מיט די פריערדיקע פּראָגראַמען, צייכנט זיך אויס נחום סאָקאָלאָווס פּראָגראַם דערמיט, וואָס ער שטרייכט אונטער די נאַטור־וויסנ־שאַפטלעכע אַרטיקלען, ספּאָרט און מסחר־פראַגן, וועלכע ווערן אין די פריער־דיקע פּראָגראַמען אינגאַנצן נישט דערמאָנט. און דאָס איז ניט קיין צופעל־ליקייט. פראַגן פון נאַטור־וויסנשאַפט איז באַזונדערס נאָענט געווען נחום סאָקאָלאָוון. ספּאָרט — אויף דער נויטווענדיקייט פון ספּאָרט ביי יידן, כדי צו שטאַרקן דעם יידישן גוף — האָט נחום סאָקאָלאָוו געווידמעט פיל זייטן אין זיין בוך „למרנן ורבנן". דעם שטעמפּל פון דער צייט, טראָגט דער פּונקט „עקסטרע פּראָבלעמען אין פאַל פון וויכטיקע צייט־געשעענישן". עס איז נאָכן 9טן יאַנואַר, נאָך דער גאַפּאָן־דעמאָנסטראַציע. רוסלאַנד קאָכט, ווי אַ קעסל. מען פילט שוין די רעוואָלוציאָנערע וואולקאַן־אויסברוכן. דער „טעלעגראַף" אַרויסגעבער וויל זיך זיכערן פריער הענט אויפן פאַל פון „וויכטיקע צייט־געשעענישן". ער פאַררוקט, אמת דעם פּונקט אויפן צוועלפטן אָרט, דאָס איז אַ הנחה דער מאַכט, אָבער אַ רמז אויף דעם איז דאָס געווען. נחום סאָקאָלאָווס פּראָגראַם איז אַ דאָקומענט פון שטורעם־יאָר 1905 אין רוסלאַנד, און טראָגט זיין בולטן חותם, הגם פאַרשטעלט און פאַרטושירט.

דעם 7טן יוני 1905, נומער 278, שיקט איבער דער גענעראַל־גובער־נאַטאָר אַ געהיימע אָנפראַגע אין וואַרשעווער צענזור־קאָמיטעט, אין וועלכן עס ווערט איבערגעחזרט דער בריוו פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פאַר פּרעסע־ענינים און בעט דעם צענזור־קאָמיטעט אַרויסזאָגן זיך וועגן דער עצם השתדלות. דעם 18טן יולי 1905, אונטערן נומער 48, שיקט דער וואַרשעווער צענזור־קאָמיטעט אַרויס זיין ענטפער:

„אין דער קאַנצעלאַריע פון וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר. געהיים. צוליבן צושריפט פון 7 יולי ד. י. אונטערן נומען 728 וועגן דער השתדלות פונעם רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער פון דער טעגלעכער צייטונג „הצפירה", וואָס דערשיינט אין וואַרשע אויף העברעאיש, נחום סאָקאָלאָוו, וועגן דערלויבן אים אַרויסצוגעבן אין וואַרשע אונטער זיין רעדאַקציע זעקס אַמאָל אין דער וואָך אַ צייטונג אויף יידישן זשאַרגאָן אונטערן נאָמען „דער טעלעגראַף", האָט דער וואַרשעווער צענזור־קאָמיטעט דעם כבוד צו מעלדן דער קאַנצעלאַ־ריע, אַז דער ביטע־געבער איז גוט באַקאַנט דעם קאָמיטעט, ווי אַ לאַנגיאָריקער און ערנסטער רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער פון „הצפירה" און ווי אַן אויפריכטיקער פּובליציסט, וואָס יאָגט זיך ניט נאָך סענסאַציעס. וואָס איז שייך דער ליטעראַרישער טעטיקייט פון נחום סאָקאָ־לאָוו, קען מען וועגן איר משפּטן לויט דעם דאָ בייגעלייגטן ראַפּאָרט פון דעם צענזאָר פון יידישע שריפטן ביים קאָמיטעט.

צוליב דעם אַלץ געזאָגטן, וואָלט דער קאָמיטעט פון זיין זייט געהאַלטן, אַז מען דאַרף סאָקאָלאָווס השתדלות באַפרידיקן. די קאָפּיע פון דעם פּראָגראַם און דער ראַפּאָרט פונעם צענזאָר פון יידישע שריפטן ווערן דאָ בייגעלייגט. אונטערגעשריבן — פאָרזיצער און סעקרעטאַר. אַ רעזאָלוציע: „אויסדריקן הסכם".

כאַדאַקס שריפט וועגן נחום סאָקאָלאָוו:

„זיין עקסעלענץ, דעם הער פאָרזיצער פון צענזור־קאָמיטעט. פון צענזאָר פון יידישע שריפטן ס. כאַדאַק.

א ר א פ א ר ט.

„אויפן פאָרשלאַג פון אייער עקסעלענץ, האָב איך דעם כבוד אַכטונגספול צו ראַ־פאָרטירן, אַז הער נחום סאָקאָלאָוו, לאַנג־יאָריקער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג „הצפירה", מחבר פון אַ סך ווערק אויף דער העברעאישער שפּראַך, באַרימט מיט זיין פאַרשיידנאַרטיקער פובליציסטישער טעטיקייט, ווי אויך מיט זיינע אַרבעטן אין פיל אייראָפּעאישע שפּראַכן, רעכנט זיך מיט רעכט פאַרן שעפער פון דער היינטצייטיקער יידישער פובליציסטיק.

„די ערשטע אַרבעטן פון נחום סאָקאָלאָוו האָבן זיך באַוויזן אין די יאָרן 1876־1877 אין „הצפירה", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורכן באַוואוסטן מאַטעמאַטיק, דעם ערן־בירגער ח. ז. סלאָנימסקי. די „הצפירה" האָט דאַן געטראָגן אַ פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכן כאַראַקטער, און אָט־צו־דעם געביט קאָן מען אויך צורעכענען די ערשטע אַרטיקלען פון הער נחום סאָקאָלאָוו. אין 1878 איז דערשינען די פּאָפּולער־באַאַרבעטע דורך נחום סאָ־קאָלאָוו פיזישע געאָגראַפיע אונטערן קעפּל „מצוקי ארץ".

„אָט־די פּאָפּולאַריזאַטאָרישע טעטיקייט האָט אָן ספק געווירקט גוט אויף אויפקלערן די יידן, באַקענענדיק זיי אין אַ צוטרעטלעכער פאָרמע פאַר זיי מיט די דערפאָלגן פון דער וויסנשאַפט און קונסט.

„איינצייטיק האָט סאָקאָלאָוו געדרוקט הונדערטער אַרטיקלען אין פאַרשיידענע אַנדע־רע יידישע פעריאָדישע אויסגאַבן, ווי אין „המגיד", „הקול" און אַנדערע. אין די אַלע אַרטיקלען האָט ער גערופן זיינע גלויבנס־גענאָסן שטרענג אָפּצוהיטן די ריין־ביבלישע אידעאַלן, רעפאָרמירן די יידישע דערציאונג און פאַרנעמען זיך מיט אָרנטלעכער, פּראָדוק־טיווער אַרבעט.

„אין 1880 איז ער אַריינגעטראָטן אין דער רעדאַקציע פון דער „הצפירה", פון וועל־כער ער איז נאָך פריער געווען דער הויפּט־מיטאַרבעטער.

„פון יענער צייט אַנטוויקלט סאָקאָלאָוו אַן אויסערגעוויינלעך פרוכטבאַרע טעטיקייט. ער פאַרברייטערט שטאַרק די פובליציסטישע טייל פון דער „הצפירה", ווי אויך אַלע אַנדערע אָפּטיילונגען אירע און די צייטונג „הצפירה", וועלכע איז ביז דעמאָלט אַרויס אין זייער ענגע ראַמען, האָט זיך ביסלעכוויז אַנטוויקלט און זיך פונאַנדערגעוואַקסן, ביז זי איז גע־וואָרן אַ גרויסער און שטאַרקער ערנסטער פרעסע־אָרגאַן.

„דער פאַקטישער רעדאַקטאָר פון דער „הצפירה" איז סאָקאָלאָוו שוין געווען נאָך אין סוף פון די 70ער יאָרן. איר אָפּיציעלער רעדאַקטאָר איז ער אָבער געוואָרן אין יאָר 1885. נישט באַשרענקענדיק זיין ליטעראַרישע טעטיקייט מיט דער „הצפירה", האָט סאָקאָ־לאָוו אָנגעשריבן גאַנץ־ערנסטע און סאָלידע ביכער וועגן געשיכטע און געזעלשאַפטלעכע וויסנשאַפטן, וועלכע זיינען אַרויס אַלס באַזונדערע שריפטן.

„אין 1882טן יאָר איז אַרויס זיין בוך „שנאת עולם לעם עולם", וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַן עטיוד איבער דער געשיכטע פון דער סלאַווישער געזעצגעבונג איבער יידן.

„אָבער אויף אַ באַזונדער בולטן און פרוכטבאַרן אופן האָט זיך נחום סאָקאָלאָווס ליטעראַרישע טעטיקייט אויסגעדריקט אין אַן אויסגאַבע, וועלכע האָט געהאַט אַ מעכטיקן איינפלוס אויפן גאַנצן גאַנג פון דער יידישער ליטעראַטור. אין 1886טן יאָר, האָט ער בעגרינדעט אַן אויסגאַבע, די ערשטע אין זיין מין אין דער יידישער ליטעראַטור, דאָס איז געווען די אויסגאַבע פון די וויסנשאַפטלעך־געזעלשאַפטלעכע יאָר־ביכער אונטערן נאָמען „האָסיף". פון דידאָזיקע „יאָרביכער" זיינען דערשינען זעקס גרויסע בענדער. אין דידאָ־זיקע בענדער געפינען זיך אַ סך ליטעראַריש־וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן פון נחום סאָקאָ־לאָוו, ווי אויך פון אַנדערע באַרימטע יידישע געלערנטע. די ריכטונג פון די „יאָרביכער" איז געווען אַ וויסנשאַפטלעך־אויפקלעריש, דער טאָן זייערער אַ מעסיקער, אַ רואיקער,

דער קאַמף מיטן נאַציאָנאַל־שאָוויניזם איז געווען אַ דעצידירטער, אָבער אָן דראַסטישער עקסטרעמקייט.

„אין 1900 יאָר הויבט סאָקאָלאָוו אָן אַרויסצוגעבן אַ נייע סעריע פון „יאָרביכער" אונטערן נאָמען „ספר השנה", אין וועלכע עס געפינען זיך מאַסן־אַרבעטן סאָקאָלאָווס פון ריין בעלעטריסטישן כאַראַקטער.

„פון די ביכער, וואָס זיינען דורך אים אַליין אַרויסגעגעבן געוואָרן, פאַרדינט אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקייט דאָס בוך „למרנן ורבנן" (צו אונדזערע געלערנטע און רבנים — כאַדאַקס איבערזעצונג — ש. ל.). דאָס בוך האָט באַזונדערס רעליעף אויסגעדריקט סאָקאָלאָווס ריכטונג און דאָרט דערקלערט ער אַ מלחמה אַלע פאַרעלטערטע און אָפּגעלעבטע פאַראורטיילן פון די היינטצייטיקע יידישע רבנים.

„פון 1890 ביז 1900, ד. ה., אין משך פון צען יאָר, האָט סאָקאָלאָוו רעדאַקטירט דאָס וואָכנבלאַט „איזראַעליטאַ", וואָס דערשיינט אין וואַרשע אויף פויליש.

„אין 1891 האָט סאָקאָלאָוו אַרויסגעלאָזט אַ בראָשור אין פויליש אונטערן קעפּל: „די אויפגאַבן פון דער יידישער אינטעליגענץ" („זאַדאַניאַ אינטעליגענציאי"), אין וועלכער ער טרעט אַרויס אַלס אַפּאָסטאָל פון עטיק, יושר און רעפאָרמיזם אינעם יידנטום. די בראָשור איז איבערזעצט געוואָרן אין דייטש דורכן הויפּט־דירעקטאָר פון דער יידישער שול אין לעמבערג, ה' ליאַנדוס.

„אין 1903 איז דערשינען אַ היסטאָרישער ראָמאַן, אָנגעשריבן דורך נחום סאָקאָלאָוו אונטערן נאָמען: „נעורי הנשר". דערדאָזיקער ראָמאַן איז מיט באַגייסטערונג אויפגענומען געוואָרן דורך דער גאַנצער יידישער קריטיק.

„פונדעסטוועגן, קאָנצענטרירט זיך די הויפּט־טעטיקייט פון נחום סאָקאָלאָוו אין דער פובליציסטיק. עס איז נישטאָ קיין איין פראַגע פון איצטיקן לעבן, וועלכע זאָל נישט אונטערגעוואָרפן ווערן צו אַ גענויער באַאַרבעטונג און אָן אַלזייטיקער באַטראַכטונג מצד נחום סאָקאָלאָוו. קיין וואונדער נישט, וואָס ער האָט זיך דערוואָרבן די סאַמע ברייטסטע פּאָפּולאַריטעט צווישן אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין רוסלאַנד.

„אין די 90ער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט האָט נחום סאָקאָלאָוו געהערט צו די ערשטע איניציאַטאָרן צו בויען נאַכט־אַזילן און הייזער פאַר אַרבעטנדיקע אין וואַרשע. אַלס איינער פון די הויפּט־מיטאַרבעטער פונעם געוועזענעם אָבער־פּאָליצמייסטער גענעראַל קלייגעלס אויף איינצואָרדנען אָט־די אַנשטאַלטן, האָט ער אין 1892 אַרויסגעגעבן אַ בראָשור אונטערן קעפּל „חקים נעים (? — ש. ל.) אל בתי־המקלט" (די מאַכט־איניציאַטיוו אין ענינים פון באַרעמהאַרציקייט — כאַדאַקס איבערזעצונג — ש. ל.), פאַרוואָס ער האָט באַקומען דעם טיטול ערן־בירגער.

„צו דעם מין געהערט אויך זיין טעטיקייט אויף פאַרשפּרייטן מלאכה און בילדונג צווישן יידן. אין ביידע יידישע פאַך־שולן אין וואַרשע נעמט ער אַ לעבעדיקן אָנטייל, און אין איינער פון זיי, איז ער אַ לאַנגע צייט געווען ערן־סעקרעטאַר.

„אַלס רוסיש־יידישער טוער איז נחום סאָקאָלאָוו אַ מיטגליד־קאָרעספּאָנדענט פון דער „חברה מפיצי־השכלה" („אָפּע").

„אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, וואָס האָט אין דער לעצטער צייט אַרומגעכאַפּט אַ באַדייטנדיקן טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין רוסלאַנד, האַלט זיך סאָקאָלאָוו ביי דער קולטורעלער ריכטונג, וואָס באַזירט זיך אויפן געדאַנק פון פאַרשפּרייטן צווישן פאָלק די פּרינציפּן פון העכערער מאָראַל, פּראָדוקטיווער אַרבעט און אָנשליסן די יידן אָן דער אַלמענטשלעכער ציוויליזאַציע. זיין בראָשור אין דער פראַגע איז איבערזעצט אויף דער רוסישער שפּראַך (כאַרקאָוו, 1903).

„אין דער לעצטער צייט האָט נחום סאָקאָלאָוו גענומען זיך פאַר אַ קאָלאָסאַלער ליטעראַרישער אַרבעט, און נעמלעך, צו דער איבערזעצונג פון דער עלף־בענדיקער „געשיכטע פון יידן" פון פּראָפעסאָר גרעץ. מיטן איבערזעצן די ערשטע צוויי בענדער, וואָס זיינען שוין אַרויס פון דרוק, האָט זיך סאָקאָלאָוו אַוועקגעשטעלט אויפן פּעדיסטאַל פונעם ערשטן העברעאישן סטיליסט.

„אין פאַרגאַנגענעם יאָר האָט נחום סאָקאָלאָוו געפייערט זיין 25 יעריקן יובילי פון ליטעראַרישער טעטיקייט (זיין ערשט בוך איז אַרויס פון דרוק אין יאָר 1878). אין שייכות דערמיט האָט אַ קרייז פון יידישע געלערנטע אַרויסגעגעבן אַ ליטעראַרישן זאַמלבוך, וועלכער אַנטהאַלט וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן פון ערשטקלאַסיקע יידישע געלערנטע און אַ זאַמלונג פון סאָקאָלאָווס ווערק. אין פאַרשיידענע צייטונגען אין רוסלאַנד און אין אויסלאַנד האָבן זיך באַוויזן דעמאָלט זייער שמייכלענדיקע אָפּרופן וועגן יובילאַר מיט אַ גענויער כאַראַקטע־ריסטיק פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט.

„נחום סאָקאָלאָוו, ווי אַ פּאָפּולערער שרייבער, ווי אַ לאַנגיאָריקער רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער, ווי אַ באַוועגעוודיקער טוער אויפן געביט פון געזעלשאַפטלעכער פילאַנטראָ־פּיע, ווי אַן ענערגישער פאַרשפּרייטער פון בילדונג און האַנטווערקערישער אַרבעט, וואָלט געקאָנט אויסאיבן אַ פיל־פּרוכטבאַרערן איינפלוס אויף דער יידישער מאַסע, ווען ער וואָלט געשריבן אויף אַ מער־צוטרעטלעכער און פאַרשטענדלעכער פאַר איר שפּראַך, ד. ה. אויפן גערעדטן יידישן לשון.

„אָט־די זעלביקע טעטיקייט פון נחום סאָקאָלאָוו איבער דער פּאָפּולאַריזירונג פון דער וויסנשאַפט און אויפקלערונג פון דער מאַסע, וועלכע ער האָט אַרויסגעוויזן אויף דער העב־רעאישער שפּראַך. אָט־דעם קאַמף, וועלכן ער האָט דערקלערט דעם יידישן פאַנאַטיזם אין אַ גאַנצער ריי אויסגעצייכנטע אַרטיקלען אונטער דעם אַלגעמיינעם קאָפּ „לכו נא ונתוכחה" און אַנדערע, וואָלטן געהאַט אַ סך אַ גרעסערע פּעולה אויף דער יידישער פאָלקסמאַסע, ווען נחום סאָקאָלאָוו וואָלט דערגענצט זיין ליטעראַרישע טעטיקייט נאָך מיט איין אויסגאַבע אויף יידישן זשאַרגאָן.

„אַ מענטש מיט אַזאַ פּרעכטיקער ליטעראַרישער פאַרגאַנגענהייט און מיט אַזאַ פעסט־איינגעשטעלטער רעדאַקטאָרישער פירמע, וואָלט געקאָנט אַ סך קעגנווירקן פאַרשיידענע נישט־געוואונטשענע און שעדלעכע טענדענצן, ווען ער וואָלט נאָר זיינע אידייען און איבער־צייגונגען אַרויסגעזאָגט אין דער צוטרעטלעכער שפּראַך פאַר דער ברייטער מאַסע פון יידנטום".

„דער צענזאָר פון יידישע ווערק (—) ס. כאַדאַק".

„וואַרשע, 8טער יולי 1905־טן יאָר".

אויסער דעם, וואָס דערדאָזיקער דאָקומענט איז אינטערעסאַנט, ווי אַ גענויע, אַלזייטיקע און אויסשעפּנדיקע כאַראַקטעריסטיק פון נחום סאָקאָלאָוו, וואַרפט ער אויך אַ שיין אויפן צענזאָר גופא, ס. כאַדאַק. מיר האָבן דאָ פאַר זיך אַן אויסגעשפּראָכענעם טיפּ פון אַ „געלערנטן יידן" פון אַלטן רוסישן „חדר", וואָס וויל העלפן די רוסישן יידן דורך „פּראָדוקטיוויזאַציע", דורך הויבן זייער גייסטיקן ניוואָ און אַריינציען זיי אין איינפלוס־קרייז פון דער אַל־מענטשלעכער ציוויליזאַציע. כאַדאַק איז ניט קיין אַסימילאַטאָר, און דאָס איז דאָס נייע, וואָס טיילט אים אויס פון דער גאַנצער שורה „געלערנטע יידן" אין רוסלאַנד. ער איז אַן אויפקלערער. צו יידיש איז זיין באַציאונג אַ פּאָזיטיווע. ער רופט זי נישט זשאַרגאָן, נאָר גערעדטע יידישע שפּראַך, אין קעגנזאַץ צו דער אַלט־יידישער שפּראַך, — העברעאיש. ער איז אַ ראַציאָנאַליסט: יידיש איז אַ גוט־מיטל אויפצוקלערן די יידישע מאַסן, דאַרף מען דעריבער אונטער־האַלטן יעדע איניציאַטיוו, וואָס מיינט דורך יידיש הויבן דעם גייסטיקן ניוואָ פון דער יידישער מאַסע. סאָקאָלאָווס טענדענץ און געדאַנקען־וועלט איז אים

גאָענט און טייער. ער זעט אין סאָקאָלאָווס געדאַנקען אַ מזל־ברכה פאַר די יידישע מאַסן. ער האַלט אונטער סאָקאָלאָווס איניציאַטיוו מיטן גאַנצן כוח און וואָג פון זיין אויטאָריטעט און צוטרוי, וואָס ער געניסט. אין אָט־דער שריפט כּאַדאַקס פּילט זיך אַ שנאה צו יידישן פאַנאַטיזם, וואָס איז נישט קלענער פון כּאַדאַקס ליבע און באַגייסטערונג פאַר נחום סאָקאָלאָוו. דאָס איינציקע מאָל, ווען כּאַדאַק באַנוצט דאָס וואָרט יידיש־זשאַרגאָן איז אין פאַל, ווען ער דאַרף רעדן קאָנקרעט וועגן סאָקאָלאָווס אויסגאַבע, וואו ער מוז זיך באַנוצן מיט דער אָנגענומענער טערמינאָלאָגיע אין דער רוסישער אַדמיניסטראַטיווער קאַנצעלאַריע. די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג דערמאָנט כּאַדאַק מיט אַ רמז, ער וויל נישט שיטן, ווי מען זאָגט, קיין „זאַלץ אויף די וואונדן" און וויל אויך ניט פאַרמסרן יידן, אַז זיי זיינען רעוואָלוציאָנערן. ער פּטרט זיך אָפּ מיט אַ דערמאָנונג בלויז, „ודי לחכימא ברמיזא".

דער צענזור־קאָמיטעט האָט דידאָזיקע שריפט בייגעלייגט צו זיין בריוו. דערמיט האָט דער קאָמיטעט געוויזן, אַז ער מיינט אונטערצוהאַלטן און אונטערשטיצן סאָקאָלאָווס ביטע. כּאַדאַקס שריפט האָט אונטערגעוואָרעמט און דער וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר שיקט אָפּ אַ תשובה אין דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פאַר פּרעסע־ענינים, רעדאַגירט אויף אַזאַ אופן, וואָס נאָר סאָקאָלאָוו האָט „דערצו זוכה געווען":

„וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר, לויט דער ערשטער געשעפטס־פירונג, 30טער יולי 1905, נומער 5937.

„אין אינערן־מיניסטעריום, צו דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פאַר פּרעסע־ענינים.

„וועגן דער השתדלות פון רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער פון דער צייטונג „הצפירה", וואָס דערשיינט אין וואַרשע, נחום סאָקאָלאָוו, וועגן דערלויבן אים אַרויסצוגעבן אין דערזעלביקער שטאָט, אונטער זיין רעדאַקציע און מיט דער דערלויבעניש פון דער פאָרצענזור, זעקס טעג אין דער וואָך, אַ צייטונג אין יידישן זשאַרגאָן אונטערן נאָמען „דער טעלעגראַף", מעלד איך אייער עקסעלענץ, אַז צוליב דעם, וואָס איך האָב באַקומען גוטע אָפּרופן און ידיעות וועגן דער פּערזאָן פון ביטע־געבער און זיין לאַנגיאָריקער ליטעראַרישער און פּובליציסטישער טעטיקייט, באַגעגן איך נישט קיין מניעות צו באַפרידיקן די אויבנדערמאָנטע השתדלות.

„גענעראַל־אַדיוטאַנט מאַקסימאָוויטש, פאַרן דירעקטאָר ל. סאָלאָוויעוו".

די ענדערונג אין דער שטעלונג פון וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר צום ענין יידישע פּרעסע קומט אויך צום אויסדרוק אין דער דערלויבעניש, וואָס איז געגעבן געוואָרן שלום־הירש פּרילוצקין אַריבערצוטראָגן זיין צייטונג „דער וועג" פון פּעטערבורג קיין וואַרשע. אמת, אַריבערצוטראָגן אַ צייטונג, וואָס האָט שוין באַקומען אַ דערלויבעניש צו דערשיינען אין פּעטערבורג, איז געווען פיל לייכטער, ווי באַקומען אַ דערלויבעניש אויף גרינדן אַ נייע צייטונג אין וואַרשע. מיר האָבן עס געזען אויפןביישפּיל פון ראַבינאָוויטשן. דער צענזור־קאָמיטעט איז איינגעגאַנגען, מען זאָל דעם „טאָג" אַרי־

בערטראָגן קיין וואַרשע. דער גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט געהאַט אין דעם ענין זיינע מאָטיוון פאַרן אָפּזאָג, ווי מיר האָבן דאָס אויבן גענוי באַהאַנדלט. אָבער אין ענין פרילוצקי האָט דער וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר גע־האַנדלט אויף אַ מאָדנעם אופן; אַן אופן, וואָס איז ביז־איצט געווען אומבאַ־קאַנט אין דער פּראַקטיק פון דער העכסטער צאַרישער מאַכט אין פוילן. דער וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט געגעבן זיין הסכם, נאָך איידער ער איז אָנגעפרעגט געוואָרן פון פעטערבורג. בימי טשערטקאָוו וואָלט אַזאַ זאַך נישט געקאָנט געמאָלט זיין. צי האָט געווירקט די אַלגעמיינע רעוואָלוציאָ־נערע שטימונג אין לאַנד, אָדער דאָ זיינען געווען פערזענלעכע פאַרבינדונגען און עס האָבן געווירקט כאָדאַקס השפעות — איז שווער פעסטצושטעלן. צי אַזוי, צי אַזוי, צי אפשר גאָר אַנדערש, פרילוצקיס ביטע איז געגאַנגען מיט אַ פאַרקערטן וועג. דעם וועג, וואָס גאָלובאָוו האָט געפּרואווט נוצן, און איז דורכגעפאַלן, אין יאָר 1902, האָט פרילוצקי איצט גענוצט, אין יאָר 1905 און האָט מצליח געווען. פרילוצקיס ביטע איז דערלאַנגט געוואָרן צום וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר. ער האָט געגעבן זיין הסכם און האָט אָפּגעשיקט די ביטע מיט זיין פּאָזיטיווער שטעלונג צום ענין, צו דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פאַר פרעסע־ענינים. דאָס איז געווען אַ קירצערער וועג, אָבער דערפאַר אַ סכנות־פולער וועג. פרילוצקי האָט זיך געלאָזן אויף אָט־דעם גליטשיקן וועג, ער האָט מסתמא געוואוסט, אַז ער וועט זיך אויף דעם וועג ניט אויס־גליטשן. מאַקסימאָוויטש האָט זיין הסכם געגעבן. און היות ווי דער ענין פרילוצקיס „וועג", איז געגאַנגען פון דער קאַנצעלאַריע פון ווג"ג צו דער הויפּט־פאַרוואַלטונג, זיינען אין די אַקטן פון ווג"ג נישט געבליבן קיין סך אינפאָרמאַציע וועגן דעם ענין, אָבער דאָס וואָס איז יאָ פאַרבליבן, איז ביז־גאָר אינטערעסאַנט און פאַרדינט פאַרעפנטלעכט צו ווערן.

„וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר, 31 יוני 1935, נומער 707. קאָנפידענציאָנעל. אין מיניסטעריום פאַר אינערלעכע ענינים, צו דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פאַר פרעסע־ענינים.

„באַקומענדיק אַ דערלויבעניש אויף אַרויסצוגעבן אין סאַנקט־פעטערבורג אַ טעג־לעכע צייטונג אין דער יידישער גערעדטער שפּראַך אונטערן נאָמען „דער וועג", האָט זיך שלום־הערש פרילוצקא־פרילוצקי געוואָנדן צו מיר מיט אַ ביטע וועגן דערלויבן אים אַריבערצוטראָגן דיזאָזיקע אויסגאַבע קיין וואַרשע. נעמענדיק אין אַכט, אַז אין ס. פּעטער־בורג איז נישטאָ קיין גענוגנדיקע צאָל יידישע זעצער און עס פעלן פּריוואַטע דרוקערייען, וואָס זאָלן זיין צוגעפּאַסט צו דרוקן צייטונגען אויף דער יידישער שפּראַך, איז דאָס אַרויסגעבן דעם אויבנדערמאָנטן אָרגאַן זייער באַשווערט. אויפן גרונט פון דעם אַרטיקל 118 פונעם סטאַטוט וועגן צענזור און דרוק, איבערשיקנדיק דערביי די ביטע פון פרילוצקא־פרילוצקי אויפן וווילאייגזען פון אייער עקסעלענץ, האַלט איך פאַר אַ חוב צוצוגעבן, אַז צוליב דעם, וואָס איך האָב באַקומען גוטע אינפאָרמאַציעס וועגן דער פערזאָן פון דעם ביטע־געבער, באַגעגן איך נישט קיין מניעות צו באַפרידיקן דיזאָזיקע השתדלות.

אונטערגעשריבן: „גענעראַל אַדיוטאַנט מאַקסימאָוויטש, שטעל־פאַרגעמער פון דעם דירעקטאָר יאַטשקאָווסקי״ [9].

די וויטערדיקע לייזונג פון דער פראַגע וועגן אַריבערטראָגן דעם „וועג״ קיין וואַרשע איז פאָרגעקומען אין פּעטערבורג. אָבער אַזויווי דער גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט נישט געהאַט דאַקעגן, אַז די צייטונג זאָל אין וואַרשע דערשיינען, איז שוין די וויטערדיקע דערלויבעניש פון אינערן־מיניטעריום, מסתמא, געווען ניט מער, ווי אַ פאָרמאַליטעט.

אָבער דער פּרילוצקי־ענין פאַרענדיקט זיך ניט מיט דעם. באַקומענדיק די דערלויבעניש, וויל פּרילוצקי איינאָרדנען אַן אַנאָנסן־ביוראָ און אַ פאַר־שפּרייט־שטעלע פאַרן איינצל־פאַרקויף פון זיין צייטונג אין שעדלעץ. ער ווענדט זיך וועגן דעם צום סעדליצער גובערנאַטאָר און בעט אַ דערלויבעניש. דער סעדליצער גובערנאַטאָר ווייסט אָבער ניט ווי צו האַנדלען. ער האָט מורא, אַז פּרילוצקי זאָל אים, חס וחלילה, ניט אַריינפירן קיין רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור אויפן שטח פון זיין גובערניע. שרייבט דער סעדלעצער גובער־נאַטאָר דעם 11טן אויגוסט 1905, נומער 5815, אין זיין געהיימען בריוו:

„צום וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר. געהיים.

„דער רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער פון דער יידישער צייטונג „דער וועג״, פּרילוצקי, האָט זיך געוואָנדן צו מיר מיט אַ השתדלות וועגן דערלויבן אים צו באַשטימען אַגענטן אויף אָנצונעמען אַבאָנענטן און אַנאָנסן און איינצל־פאַרקויף פון באַזונדערע נומערן פון זיין צייטונג אין די שטעט פון דער מיר אָנגעטרויטער גובערניע.

„וועלנדיק, צוליב דער שטאַרק־אומרואיקער צייט, אָפּוואַרפן די אויבנדערמאָנטע השתדלות, וואָרום אונטערן מאַנטל פון אָט־די אַגענטן, קענען צוגעשיקט ווערן וועלכע עס איז אַגיטאַטאָרן, נאָך ווענענס טעטיקייט עס וועט שווער זיין נאָכצושפּירן צוליב דעם, וואָס די פּאָליציי־טשינען קענען ניט קיין יידיש, שטעל איך צו, איידער נאָך איך האָב אָפּגעגעבן אינסטרוקציעס וועגן דעם ענין, די ביטע, וועלכע ווערט דאָ בייגעלייגט, אויפן וואוילאייגזען פון אייער עקסעלענץ״.

„שטעל־פאַרנעמער פון גובערנאַטאָר, פונעם הויף פון זיין האָהייט קאַמערהער (—) (אונטערשריפט), אָנפירער מיט דער קאַנצעלאַריע — כוועשטשענקאָ״.

דעם 26טן מערץ 1905, נומער 17.489, שיקט די קאַנצעלאַריע פון וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר אַרויס פאָלגנדיקע תשובה:

„באַטראַכטנדיק אייער בריוו אונטערן נומער 5815 וועגן דער השתדלות פונעם רע־דאַקטאָר־אַרויסגעבער פון דער צייטונג אויפן יידישן זשאַרגאָן אונטערן נאָמען „דער וועג״ שלום הערש פּרילוצקי וועגן דערלויבן אים צו באַשטימען אַגענטן אויף אָנצונעמען אַבאָנענטן, אַנאָנסן און איינצל־פאַרקויף פון באַזונדערע נומערן פון דער דערמאָנטער צייטונג אין די שטעט פון סעדלעצער גובערניע, האָט דער הויפּט־שעף פון געגנט נישט באַגעגנט קיין מניעות צו באַפרידיקן די אויבנדערמאָנטע השתדלות.

---

9) אַרכיוו פון ווג״ג נומער 103.201, ערשטע געשעפטספירונג, ערשטער טיש, נומער 64 פון יאָר 1905. „וועגן דער השתדלות פון שלום־הערש פּרילוצקי אויף דערלויבן אים איבערצופירן קיין וואַרשע דאָס אַרויסגעבן די צייטונג „דער וועג״. אָנגעהויבן דעם 24טן מאַי, געענדיקט דעם 14טן אָקטאָבער.

„וועגן דעם מעלדעט די קאַנצעלאַריע פון וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר אייער עקסעלענץ, כדי צו מאַכן די געהעריקע פאַראָרדנונגען.

שטעל־פאַרנעמער פון דירעקטאָר יאַטשקאָווסקי, געשעפטספירער: סאָלאָוויעוו“.

אין מאַי 1905 האָט אויך דערלאַנגט אַ ביטע וועגן אַרויסגעבן אַ צייטונג אין יידיש אונטערן נאָמען „דער טעלעגראַף“ און שפּעטער פאַרביטן געוואָרן אויף דעם נאָמען „דאָס ליכט“ דער קאַזיאָנער רב, ד״ר פילאָסאָפיע משה אייזנשטאַט. אייזנשטאַט האָט זיך געקענט פערזענלעך מיט מאַקסימאָוויטשן. מאַקסימאָוויטש, זעט אויס, איז געווען גובערנאַטאָר פון ראָסטאָוו ביים דאָן און אייזנשטאַט איז דאָרט געווען אַ „רב מטעם“. אייזנשטאַט איז אויך געווען דער לערער פון רעליגיע אין דער גימנאַזיע פון דער „מענטשן־ליבנדיקער געזעל־שאַפט“ אין פעטערבורג, אין יאָר 1896. אַלס ציל פאַר זיין צייטונג האָט זיך אייזנשטאַט געשטעלט צו געבן: „אַן אמתע ריכטונג אין רעליגיעז־עטישן גייסט“. אָבער ניט געקוקט אויף דעם אַלעמען, ענטפערט אים די קאַנצע־לאַריע פון וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר, אַז ער דאַרף זיך ווענדן אין דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פאַר פרעסע־ענינים, און ווען דעם 23טן יוני 1905 שיקט אַרויס די הויפּט־פאַרוואַלטונג אַן אָנפראַגע (נומער 6918), וואָס ווערט איבערגעשיקט דעם וואַרשעווער צענזור־קאָמיטעט אויף איינזען (בריוו פון 1טן יולי 1905, נומער 833), ענטפערט דער וואַרשעווער צענזור־קאָמיטעט, אַז אייזנשטאַט איז אים אומבאַקאַנט און מען דאַרף זיין ווענדונג אָפּוואַרפן. פון לכתחילה לייגט אַוועק די קאַנצעלאַריע די גוט־באַקאַנטע רעזאָלוציע: „אָפּוואַרפן“ און שרייבט אָן אַ תשובה מיט אַן אָפּזאָג. ביים אונטערשריפט ווערט אָט־דער נוסח אָפּגעוואָרפן, און אַ באַמערקונג געפינט זיך „זיין עקסע־לענץ האָט געבעטן מיט אים איבערצורעדן“. ס׳ווערט דערנאָך אויסגעאַרבעט אַ טעקסט, וועלכער קלינגט „צוליב באַקומענע גוטע ידיעות, האָב איך ניט דאַקעגן“. דער טעקסט ווערט אויך אָפּגעוואָרפן, ווען ער ווערט צוגעשטעלט צום אונטערשריפט. עס ווערט אויסגעאַרבעט אַ דריטער, וועלכער ווערט שוין, מיט מזל, אָפּגעשיקט. דער לעצטער טעקסט קלינגט:

„קענענדיק פערזענלעך דעם שתדלן, ווי אַ מענטש, אויף וועלכן מען קען זיך פאַרלאָזן אין אַלע הינזיכטן, טרעף איך נישט אַן קיין מניעות צו באַפרידיקן די אויבנ־דערמאָנטע השתדלות (בריוו פון 15טן אויגוסט 1905, נומער 1044 [10]).

מאַכן אָבער אַן אויספיר, אַז אין יאָר 1905, זיינען לייכט געגעבן געוואָרן דערלויבענישן אויף אַרויסצוגעבן יידישע צייטונגען, וואָלט געווען נישט ריכ־

10) אַרכיוו פון ווג״ג נומער 103.195, ערשטע געשעפטספירונג, ערשטער טיש, נומער 57 פון 1905, „וועגן דער השתדלות פון אייזנשטאַט אויף דערלויבן אים אַרויסצוגעבן אין וואַרשע אַ צייטונג אויף יידיש „דער טעלעגראַף“.

טיק. די רוסישע אַדמיניסטראַציע האָט אין 1905 אויך געטאָן, וואָס נאָר זי האָט געקענט, כדי צו האַמעווען די אַנטוויקלונג פון דער יידישער פרעסע. זייער באַלערנדיק אין דעם זין איז דער גורל פון דער פּראָיעקטירטער צייטונג „נייע צייט".

נישט נאָר, וואָס דערדאָזיקער ענין וואַרפט אַ שיין אויף די שטרויכלונגען און מניעות, וואָס די יידישע פרעסע אין פּוילן האָט באַגעגנט אונטער דער הערשאַפט פון דער צאַרישער אַדמיניסטראַציע, נאָר ער דעקט אויך אויף דעם אינעווייניקסטן מעכאַניזם, די סתירות און רייבונגען צווישן אונטערשטן און אויבערשטן רעגירונגס־אַפּאַראַט. דער דאָזיקער ענין גיט אויך אַ בילד וועגן דעם, אַז אַ יידישע צייטונג האָט געשיינט צו זיין אַ גוט געשעפט, אַנדערש וואָלט געוועזן אומפאַרשטענדלעך, וואָס אַ סוחר פון קאַלדרעס זאָל אַוועקוואַרפן זיינע געשעפטן, זיין האַנדל און זאָל זיך נעמען פאַר אַרויסגעבן אַ יידישע צייטונג. צוליב די אַלע מאָטיוון לוינט זיך צו פאַרהאַלטן אויף דעם ענין.

דער אַקט עפנט זיך מיט אַ קאָנפידענציעלן בריוו פון אינערן־מיניסטעריום צום וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר און קלינגט אַזוי:

אינערן־מיניסטעריום, הויפּט־פאַרוואַלטונג פאַר פרעסע־ענינים, 9טער מערץ, 1905, נומער 2243.

„דער סוחר אדריעל־מאיר שמחהס ברוידע, וואוינט אין ביאַליסטאָק, אין רובינשטיינס הויז, אויף סאָפּייער גאַס, איז זיך משתדל וועגן אַרויסגעבן אים אַ דערלויבעניש אויף אַ טעגלעכער צייטונג אין דער שטאָט וואַרשע, מיט אונטערוואַרפן זי דער פאַר־צענזור און אונטער זיין רעדאַקציע אין יידישן זשאַרגאָן לויט דער פּראָגראַם, וואָס ווערט דאָ בייגעלייגט. דעריבער האָב איך דעם כבוד געהאָרכזאַם צו בעטן אייער עקסעלענץ צו באַערן מיך מיט אייער מיינונג וועגן אָט־דער השתדלות" (—) אונטערגעשריבן דער וויצע־מיניסטער [11]).

באַקומענדיק אָט־דעם בריוו, ווענדעט זיך דער וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר צום גראָדנער גובערנאַטאָר און בעט ביי אים אויסקונפטן וועגן דער פּערזאָן פון אדריעל־מאיר ברוידע. ער באַקומט אַ געהיימען צושריפט, אַז דער סוחר פון דער צווייטער גילדע ברוידע וואוינט שוין אין ביאַליסטאָק 5 יאָר, קיינמאָל נישט געווען געמשפּט, מען קען אים גאָרנישט פאָרוואַרפן ניט אין זיטלעכן און ניט אין פּאָליטישן הינזיכט. ביז־איצט האָט ער געהאַט אַ מאַגאַזין פון קאָלדרעס. מיט קיין ליטעראַטור־טעטיקייט האָט ער זיך פריער ניט פאַרנומען. איצט איז ער אָן אַ באַשטימטער באַשעפטיקונג (בריוו פון 7טן מאַי 105, נומער 3242).

---

11) אַרכיוו פון ווג"ג 103.794, ערשטע געשעפטספירונג, ערשטער טיש, נומער 57 פון יאָר 1905, „וועגן דער השתדלות פון אדריעל מאיר ברוידע וועגן דערלויבן אים אַרויסצוגעבן אין וואַרשע אויף יידישן זשאַרגאָן די צייטונג „די נייע צייט", אָנגעהויבן דעם 9 מערץ 1905, געענדיקט דעם 2 אַפּריל 1905, אויף זיבן האַלבע בויגנס".

אין דער זעלביקער צייט גייט אַוועק אַ בריוו צום צענזור־קאָמיטעט און מען בעט אים זיך אַרויסזאָגן, „צי ברוידע פאַרדינט, לויט זיין מאָראַליש־קייט און געזעלשאַפטלעכער לאַגע״, אַז מען זאָל אים דערלויבן אַרויסצוגעבן „די נייע צייט״. (בריוו פון 12 מערץ 105, נומער 344).

אַן אָנפראַגע וועגן דער „מאָראַלער און פּאָליטישער כשרות״ פון סוחר ברוידע, ווערט אויך געמאַכטביים וואַרשאַווער גובערנאַטאָר. דעם 27 מערץ 1905, אונטערן נומער 7, קומט שוין אָן דער ענטפער פון וואַרשעווער צענזור־קאָמיטעט ׃

„אין דער קאַנצעלאַריע פון וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר. צוליב אייער בריוו פון 12 ד. מ. אונטערן נומער 343 וועגן דער השתדלות פון דעם ביאַליסטאָקער סוחר אדריעל־מאיר שמחהס ברוידע צו דערלויבן אים אַרויסצוגעבן אין וואַרשע, מיט דורכגיין אַ פאָר־צענזור, אונטער זיין רעדאַקציע, אַ טעגלעכע צייטונג אויפן יידישן זשאַרגאָן אונטערן נאָמען „די נייע צייט״, האָט דער וואַרשעווער צענזור־קאָמיטעט דעם כבוד צו מעלדן די קאַנצעלאַריע פון וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר, אַז היות די פּערזאָן פון דעם שתדלן איז אומבאַקאַנט דעם קאָמיטעט און היות אַזעלכע השתדלותן וועגן זשאַרגאָן־אויסגאַבעס זיינען שוין נישט איינמאָל אָפּגעוואָרפן געוואָרן, איז דעריבער האַלט נישט דער קאָמיטעט פאַר מעגלעך צו באַפרידיקן דידאָזיקע השתדלות״. אונטערשריפטן פון פּאָרזיצער און סעק.

די מאָטיווירונג פון צענזור־קאָמיטעט איז אַ טראַדיציאָנעלע. ברוידען קען זי ניט, ער האָט זיך קיינמאָל מיט ליטעראַטור ניט פאַרנומען. אַ דערלויבעניש אויף אַ צייטונג איז אַ ספּעציעלע פּריווילעגיע, און לאו כל אדם זוכה. דערצו האָט מען דאָך פריער, בימי טשערטקאָוו, גאַנץ אָפט אָפּגעזאָגט אין דערלויבענישן אויף אַרויסגעבן יידישן צייטונגען, איז על כן, דאַרף מען אין דעם פאַל אויך אָפּוואַרפן און יוצא. איז דאָך דאָס אָבער געווען אין יאָר 1905, אַ צייט פון גרויסע ענדערונגען אויף די העכסטע צאַרישע אַמטן : בוליגין, וויטע, דורנאָוואָ, סוויאַטאָפּאָלק־מירסקי האָבן זיך געביטן אַלס „פּרעמיערן״ אין גאָר אַ קורצער צייט, דאָס האָט מען גערופן „גיין אויף פשרות מיט דער געזעלשאַפט״. דער העכסטער צאַרישער מלוכה־אַפּאַראַט איז, ממילא, געווען פּראָגרעסיווער, אָדער נאָכגעבערישער, ווי דער אונטערשטער. דער אונטערשטער אַפּאַראַט האָט ניט דורכגעמאַכט אַזאַ ענדערונג, ווי די אויבערשטע שפּיצן פון דער צאַרישער אַדמיניסטראַציע. וואָס נידעריקער עס איז געווען דער אונטערשטער אַפּאַראַט, אַלץ מער האָט דאָרט געאַרבעט די רוטינע, די אַלטע מעטאָדן און אַלטער שטייגער. און היות ווידערשפּעניקן די העכערע מאַכט האָט די נידעריקע אַדמיניסטראַציע ניט געקענט, האָט זי געפונען אַן אויסוועג אין סאַבאָטאַזש, אָדער אָפּנאַרן די העכערע מאַכט. אַזוי וועלן מיר עס זען ביים ענין פון דער לעגאַליזאַציע פון לאָדזשער „הזמיר״, אַז די ביטע איז אָפּגעלעגן 15 מאָנאַטן ביים לאָדזשער פּאָליצמייסטער, כדי צו שטערן די לעגאַ־

ליזאַציע. דאָס איז געווען דער סאַבאָטאַזש־מעטאָד, באַגראָבן אין טיש־קעסטל. אין ענין „נייע צייט" פאַרדעקט דער וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר זיין כוונה דורך באַנוצן דעם מעטאָד פון „מיר האָבן ניט גענוג צענזאָרן".

2טער אַפּריל 1905, נומער 446. דעם אינערן מיניסטער, לויט דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פאַר פּרעסע־ענינים. וועגן דער השתדלות פון ברוידע אויף דערלויבן אַרויס־צוגעבן אין וואַרשע אַ צייטונג „די נייע צייט".

„צוליבן בריוו נומער 2243 וועגן דער השתדלות פון ביאַליסטאָקער איינוואוינער, סוחר אדריעל־מאיר שמחהס ברוידע וועגן דערלויבן אים אַרויסצוגעבן אין וואַרשע, אונטער דער אויפזיכט פון דער צענזור און זיין רעדאַקציע, אַ טעגלעכע צייטונג אויפן יידישן זשאַרגאָן אונטערן נאָמען „די נייע צייט", האָב איך דעם כבוד מודיע צו זיין אייער עקסע־לענץ, אַז צוליב דער באַדייטנדיקער אַנטוויקלונג אין וואַרשע פון דער יידישער פּרעסע, איז דאָס אויפזיכט איבער איר מצד דעם אָרטיקן צענזור־קאָמיטעט שטאַרק באַשווערט, ווייל ער האָט נאָר איין יידישן צענזאָר, דערפאַר וואָלט איך געהאַלטן, אַז מען דאַרף אָפּוואַרפן די השתדלות פון דעם ביטע־געבער.

פאַרן גענעראַל־גובערנאַטאָר, זיין געהילף פּאָדגאָראָדניקאָוו, פאַרן דירעקטאָר סאָלאָוו־יעוו"

אַז דאָס פעלן פון אַ צענזאָר איז געווען אַ פוילער תירוץ, ווייסן מיר שוין. והראיה, אַז ווען מען האָט געוואָלט האָט מען אַ דערלויבעניש געגעבן. אָבער וואָס מען דאַרף שוין אָנקומען צו אָט־דעם תירוץ אפילו ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַ סתם־מענטשן, דערווייזט, אַז עפּעס האָט זיך געענדערט אין דער רוסישער רעגירונג.

* * *

אין 1905 איז די יידישע טאָג־צייטונג אין וואַרשע געגרינדעט געוואָרן. און שוין נאָך עטלעכע חדשים עקזיסטענץ איז איר אויסגעקומען זיך צו שטעלן אין די רייען פון די קעמפער פאַר פרייהייט פון וואָרט. דעם 17טן אָקטאָבער 1905 האָט דער צאַר ניקאָלאַי דער צווייטער אַרויסגעגעבן דעם באַרימטן קאָנ־סטיטוציאָנעלן מאַניפעסט, וועלכער האָט געקלונגען אַזוי:

„מיר לייגן אַרויף אַ פליכט אויף דער רעגירונג אויסצופילן אונדזער אומבויגזאַמען ווילן: 1) צו שענקען דער באַפעלקערונג אומוואַקלענדיקע יסודות פון בירגערלעכער פרייהייט אויף די גרונטן פוןווירקלעכער פּערזענלעכער נישט־באַרירלעכקייט, פרייהייט פון געוויסן, וואָרט, פאַרזאַמלונגען און פאַראייניגען" [12]).

אויפן גרונט פון דעם ערשטן פּונקט האָט די פּרעסע באַקומען אַ צוזאָג פון קענען פריי אַרויסזאָגן אירע מיינונגען. לויט דער פאָרמולירונג פונעם מאַניפעסט איז עס געווען אַן אָנווייזונג דער רעגירונג, זי זאָל עס דורכפירן אין לעבן. עס איז דאָ געגעבן געוואָרן אַן אַלגעמיינע דירעקטיוו, אַ ריכט־ליניע, וועמענס אויספירונג און באַאַרבעטונג ס'ווערט אַרויפגעלייגט אויף דער

12) אַרכיוו פון ווג"ג 103.820, ערשטע געשעפטספירונג, צווייטער טיש, נומער 85 פון 1905, „אַלערהעכסטער מאַניפעסט פון 17 אָקטאָבער 1905", בויגן 2.

רעגירונג, ווי אַן אויפגאַבע פאַר איר צו רעגלאַמענטירן און פאַרווירקלעכן אירע פרינציפן און געדאַנקען. יורידיש איז דער מאַניפעסט געווען נאָר אַ פייערלעכע הבטחה, אַן פראַקטישע אויספירן, וויבאַלד עס איז אַלץ איבערגעלאָזן געוואָרן אויפן גוטן ווילן פון דער רעגירונג, וועלכע האָט געדאַרפט זיך נעמען פאַר אויסאַרבעטן געזעץ־פראָיעקטן, וואָס זאָל דעם צאַרס הבטחות פאַרוואַנדלען אין אַ יורידישער ווירקלעכקייט. די צאַרישע אַדמיניסטראַציע האָט טאַקע אַזוי דעם מאַניפעסט אויסגעטייטשט. „דער מאַניפעסט האָט אָנגעזאָגט פרייהייט פון וואָרט, נאָר דערמיט אַליין האָט ער נאָך נישט אָפגעשאַפט די עקזיסטירנדיקע געזעצן" — טעלעגראַפירט דער אינערן־מיניסטער בוליגין דעם וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר. די פּאָליטישע לאַגע אין לאַנד איז אָבער אַן אָנגעלאָדענע, די סיטואַציע איז אַ רעוואָלוציאָנערע. עס איז גענוג אַ שיינבאַרקייט פון געזעצלעכקייט, כדי די באַפעלקערונג זאָל נעמען מיט כוח, מיט געוואַלד דאָס, וואָס עס איז נאָר אַ הבטחה, אַ צוזאָג בלויז. די יורידישע פיקציע האָט אָפגעטראָטן איר אָרט פאַר דער רעוואָלוציאָנערער ווירקלעכקייט. די גאַנצע וואַרשעווער פרעסע, סיי אין דער פוילישער שפּראַך, סיי אין יידיש און העברעאיש, אומאָפהענגיק פון טענדענץ און ריכטונג, רעוואָלטירט קעגן די פרעסע־קייטן, קעגן דער פאָר־צענזור. דעם 18טן אָקטאָבער 1905, דערלאַנגט די גאַנצע וואַרשעווער פרעסע, פאָלגנדיקע פעטיציע, געשריבן, ווי עס זעט אויס, אין פויליש (מיר האָבן אין אונדזער רשות נאָר די רוסישע איבערזעצונג פון דער פעטיציע, געשריבן מיט מאַשינקע־שריפט אויף אַ בלאַנק פון פאָרזיצער פון וואַרשעווער צענזור קאָמיטעט, אָן דאַטע און נומער. ס'געפינט זיך אַ שטעמפּל פון די אַריינגייענדיקע פאַפירן פון דער קאַנצעלאַריע פון ווג"ג, נומער 2779, ערשטע געשעפטספירונג, ערשטער טיש. אויבן געפינט זיך אַן אויבערשריפט, געשריבן מיט בלייפעדער; „איבערזעצונג פון דער מעלדונג פונעם אָריגינאַל, וואָס ביים פאָרזיצער פון צענזור־קאָמיטעט, אַלס ענטפער אויף זיין פאָרשלאַג, לויט דער אָנווייזונג פונעם גענעראַל־גובערנאַטאָר"). דאַן קומט די דערקלערונג:

„דער קוואַל פון רעכט איז דער ווילן פון מאָנאַרך. דער קייזער האָט אין זיין קאָנסטיטוציאָנעלן מאַניפעסט אויסגעדריקט זיין אומבויגזאַמען ווילן, אַז די באַפעלקערונג פון דער מלוכה זאָל געניסן פון וואָרט־פרייהייט. אָט־דער ווילן פון מאָנאַרך איז פאַר אונדז אַ געזעץ. פון דער צווייטער זייט, איז די פולשטענדיקע פאַרלייקענונג פון וואָרט־פרייהייט די צענזור. אַזוי אַרום, טראַכטנדיק לאָגיש, באַזייטיקט דער קאָנסטיטוציאָנעלער מאַניפעסט די צענזור.

„ביי אַזאַ זאַך־לאַגע האָבן די רעדאַקטאָרן פון פעריאָדישע אויסגאַבעס צוויי וועגן אויסצוקלייבן:

„א) אָדער שיקן אָפצוגן פון די אַרטיקלען דעם צענזאָר און נישט רעכענען זיך מיט

זיינע אויסמעקונגען, ווארום אויספירן זיינע פאדערונגען וואלט געווען אין סתירה מיט דער געשענקטער דורכן מאניפעסט ווארט־פרייהייט.

„ב) אדער ארויסגיין אן דער צענזור און אויף אזא אופן דערשלאגן זיך פאקטיש ווארט־פרייהייט, וואס זיינען געשענקט געווארן דורכן מאניפעסט.

„לויט אונדזער מיינונג קענען די רעדאקטארן אויסקלייבן נאר די צווייטע אלטער־נאטיווע. טענהן, אז מיטן ארומגיין די צענזור שטעלט זיך די פרעסע אויסער די ראמען פון געזעץ, וואלט געווען אן עוולה. יעדע מעגלעכע און ווערנטלעכע איבערשטרייטונג פונעם רעכט מצד דער פרעסע זיינען פאראויסגעזען דורכן שטראף־קאדעקס, וועלכער באשטימט קלאר די פאראנטווארטלעכקייט פאר באליידיקן די פערזענלעכקייטן פון דער אימפעראטארישער משפחה, פאר העצן איין טייל פון דער באפעלקערונג קעגן דער צווייטער, פאר פארברעכנס, וואס זיינען שייך דאס באליידיקן די רעליגיע, פאר העצן צו גוואלד־אקטן און דאס גלייכן.

„מיר דארפן נאך צוגעבן, אז ווען, נישט געקוקט אויף דער אויסגעדריקטער אין מאניפעסט ווילן פונעם מאנארך, דאס ווארט זאל זיין פריי, וואלטען די צייטונגען און דער טעאטער אונטערגעווארפן געווארן א צענזור, וואלט אונדזער פאלק געזען אין דעם א בא־רעכטיקטע סיבה צו נישט טרויען דעם אקט, וואס האט זיי געשענקט בירגערלעכע פרייהייטן. פארקנעכטונג. און דאס וואלט נישט געקאנט מיטווירקן אויף בארואיקן די געמיטער, וואס דאס פאלק וואלט נישט געקענט צונויפבינדן פרייהייט פון ווארט מיט זיין פאקטישער דער קאנסטיטוציאנעלער מאניפעסט האט בעצם אין זינען.

„ווארשע, 1טער נאוועמבער (נ. ס. — ש. ל.) 1905.״

אונטערגעשריבן זיינען: „גאדאמסקי („גאזעטא פאלסקא״), קעמפנער („גאזעטא האנדלאווא״), סטראשעוויטש („קוריער פאלסקי״), לוטאסלאווסקי („גאניעץ״), בערמאן („הצפירה״), פרילוצקי („דער וועג״), לעשנאווסקי („גאזעטא ווארשאווסקא״), גראדעצקי („קוריער צאדזיענני״), יעלינסקי („דזיענניק דלא ווסיסטקיך״).

מען דארף באמערקן, אז עס האט זיך געפאדערט א סך בירגערלעכער מוט, אז די יונגע אידישע צייטונג „דער וועג״ זאל זיך באטייליקן אין אלגע־מיינעם פראטעסט. בלויז מיט דער רעוואלוציאנערער שטימונג, וואס האט פארכאפט אפילו אזא סופרא־רעאקציאנער ווי לוטאסלאווסקין פון „גאניעץ״ לאזט זיך דערדאזיקער מוטיקער אקט פון צבי פרילוצקי צו דערקלערן.

דער ווארשעווער גענעראל־גובערנאטאר ווענדט זיך דאן מיט פאלגנ־דיקער טעלעגראמע קיין פעטערבורג:

„דעם מיניסטער פאר אינערלעכע ענינים. — נעכטן און היינט האבן די רעדאקציעס פון אייניקע פוילישע צייטונגען ארויסגעלאזן ווילקירלעך זייערע אויסגאבן אן דער איינ־געשטעלטער צענזור, פאררופנדיק זיך אויפן פונקט 1 פונעם אלערהעכסטן מאניפעסט פון 17טן אקטאבער. איך האב פארגעשלאגן די רעדאקטארן זיך צו האלטן ביים נישט־אפגע־שאפטן געזעץ. איך בעט נישט אפצוזאגן און מודיע צו זיין מיר טעלעגראפיש, ווי שנעל ווערט פארגעזען דאס אפשאפן די פאר־צענזור פאר די ארטיקע פעריאדישע אויסגאבן. 19 אקטאבער 1905. גענעראל־אדיוטאנט (אויף דער קאפיע געפינט זיך ניט קיין אונטערשריפט).

אויף מארגן, דעם 20טן אקטאבער, קומט אן א טעלעגראפישער ענט־פער פון פאלגנדיקן אינהאלט:

„א געזעץ־פראיעקט וועגן פרעסע, וואס זעט פאר דאס אפשאפן די פאר־צענזור ווערט אויסגעארבעט און די טעג קען מען דערווארטן זיין באשטעטיקונג. דער אלערהעכסטער

מאַניפעסט האָט פאַראויסגעזאָגט וואָרט־פרייהייט, אָבער דערמיט אַליין האָט ער נאָך־ניט אָפגעשאַפט די עקזיסטירנדיקע געזעצן, וועלכע דאַרפן טאַקע אָפגעשאַפט ווערן צוליבן מאַניפעסט, אָבער אומבאַדינגט אויפן איינגעשטעלטן געזעצלעכן וועג. דער אַלערהעכסטער ווילן, וואָס איז אויסגעדריקט אינעם מאַניפעסט דאַרף דינען, ווי אַ דירעקטיוו פאַר דער טעטיקייט פון דער צענזור, אָבער ער גיט נישט קיין רעכט די צייטונגען צו ברעכן דאָס געזעץ. פאַר אַקטן, וואָס זיינען בולט פאַרברעכעריש, דאַרף מען אומגעזאַמט צוגעצויגן ווערן צו געריכטליכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט — אינערן מיניסטער בוליגין".

בוליגין שטעלט זיך אויף אַ פאָרמעל־יורידישן שטאַנדפונקט. ער איז אָבער אַ סך וויכער, ווי עס זיינען ביז־איצט געוועזן די מאַכט־האָבער אין רוסלאַנד. ער רעקאָמענדירט ניט פאַרמאַכן, אָדער באַשטראָפן אַדמיניסטראַטיוו, נאָר צוציען צו געריכטלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. די אָרטיקע העכסטע מאַכט שטייט פנים־אל־פנים מיט דער רעוואָלוציאָנער סיטואַציע. צוציען צו „געריכטלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט" איז אַ צו־לאַנגע פראָצעדור. עס הערשט איצט אין וואַרשע סקאַלאָן. ער האָט באַקומען ספּעציעלע, אויסעראָרדנטלעכע פולמאַכטן. אין פוילן איז דערקלערט געוואָרן קריגס־צושטאַנד. סקאַלאָן נוצט אויס זיינע פולמאַכטן און פאַרמאַכט די ווידערשפּעניקע צייטונגען. אָבער עס קומט ניט קיין באַרואיקונג. אין אַ פאָר טעג אַרום שיקט סקאַלאָן אַרויס אַ לאַנגע טעלעגראַמע קיין פעטערבורג מיט פאָלגנדיקן אינהאַלט:

„פעטערבורג, דעם אָנפירער פון אינערן־מיניסטעריום, דעם סענאַטאָר דורנאָוואָ.

„נישט געקוקט אויף דער אויפקלערונג פון מיניסטעריום, אַז די פרעסע מוז זיך אונטערוואַרפן די עקזיסטירנדיקע כללים, אַזש ביז עס וועט אויסגעאַרבעט ווערן דער נייער פרעסע־געזעץ, האָבן אַלע פוילישע צייטונגען, האַנדלענדיק סאָלידאַר, ווילקירלעך גענומען אַרויסגיין אָן אַ פאָר־צענזור. כדי צווינגען אויסצופירן די פאַראָרדנונגען פונעם מיניסטעריום, האָב איך, אויפן סמך פון קריג צושטאַנד, אָפּגעשטעלט אָט־די אַלע צייטונגען, ביז זיי וועלן זיך נישט אונטערוואַרפן דער צענזור. די צייטונגען האָבן פאַרשטרייקט. די אַרבעטער אין די דרוקערייען האָבן אויף אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג (סכאָדקא) באַשלאָסן ניט צוטרעטן צו דער אַרבעט, ביז די פאָר־צענזור וועט נישט אָפגעשאַפט ווערן. דאָס פובליקום, וואָס דורשט איצט נאָך אַ געדרוקטן וואָרט, לייענט צעכאַפנדיק בלויז די אומלעגאַלע בלעטלעך און פראָקלאַמאַציעס, מיט וואָס עס באַנוצן זיך מיט גרויס דערפאָלג די רעוואָלוציאָנערע און עקסטרעמע פאַרטייען. די מעסיקערע פרעסע־אָרגאַנען זיינען געצוואונגען צו שווייגן. איך בעט זייער אייער עקסעלענץ צו באַציען זיך צו דערדאָזיקער ערנסטער פראַגע מיט אַ ברייטן בליק, וואָס איז אים אַזוי אייגנטלעך און דערלויבן אַלס צייטווייליק מאָס־מיטל אַרויסצוגעבן די אָרטיקע צייטונגען אָן אַ פאָר־צענזור, ד. ה. אויף דיזעלביקע יסודות, וועלכע ווערן לאַנג אָנגעווענדט צו דער פרעסע פון דער הויפט־שטאָט. איך וואָלט געבעטען וועגן אַ באַלדיקן ענטפער. — גענעראַל־אַדיוטאַנט סקאַלאָן."

דעם 5טן אָקטאָבער ענטפערט דורנאָוואָ:

„דעם וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר. דאָס לייזן די אויפגעוועקטע דורך אייך פראַגע וועגן די צייטונגען, לאָז איך איבער אינגאַנצן אויף דעם איינזען פון אייער עקסעלענץ. — דער אָנפירער פון אינערן־מיניסטעריום — פ. דורנאָוואָ".

אויף דער טעלעגראַמע ליגט מיט אַ דיקן בלויען בלייפעדער־שריפט פאָלגנדיקע רעזאָלוציע:

„דערלויבן מיטן באַדינג, אַז מען זאָל צושיקן די צייטונגען אין צענזור־קאָמיטעט".

אונטן מיט געוויינלעכער בלייפעדער און אַ צווייטער האַנטשריפט:

„אויסגעפירט, נומער 21.387, 25 אָקטאָבער 1905".

אונטער דעם נומער און דאַטע איז אַוועק פאָלגנדיקער בריוו צום צענזור־קאָמיטעט:

„צו זיין עקסעלענץ כ. וו. עמאיסקי. גנעדיקער הער כריסטאָף וולאַדימיראָוויטש.

„דער הויפּט־שעף פון געגנט האָט זיך געוואָנדן מיט אַ השתדלות צום אַנפירער פונעם אינערן־מיניסטעריום וועגן דערלויבן תיכף אַרויסצולאָזן די אָרטיקע היינטצייטיקע אויסגאַבן אָן אַ פאָר־צענזור, אויף די זעלביקע יסודות, וועלכע ווערן שוין פון לאַנג אָנגעוואָנדן אין באַצוג צו דער פּרעסע אין דער הויפּט־שטאָט.

דער סענאַטאָר דורנאָוואָ האָט היינט געענטפערט מיט אַ טעלעגראַמע, אַז .לייזן דאָס פּראָבלעם לאָזט ער איבערלאַזן איבער אויפן איינזען פון גענעראַל־גובערנאַטאָר.

צוליב דעם האָט דער גענעראַל־אַדיוטאַנט מיר אָנגעזאָגט צו מעלדן אייער עקסעלענץ, כדי באַלד מודיע צו זיין די רעדאַקטאָרן און אַרויסגעבער פון אַלע אָרטיקע צענזור־פּליכטיקע צייטונגען (אויסער די אָפּגעשטעלטע „קוריער צאַדזיעני" און „קוריער נאַראָדאָווי"), אַז זיי מעגן אַרויסגיין אָן אַ פאָר־צענזור, אָבער מיט דער פאַרפליכטונג צוצושטעלן די אַרויסגעלאָזטע נומערן צו די אָרגאַנען פון דער אָרטיקער צענזור. די קוריער „צאַדזיעני" און „נאַראָדאָווי" בלייבן, ווי פריער, אָפּגעשטעלט." — מ. יאַטשקאָווסקי.

זעקסטער קאַפּיטל

די לעגאַליזאַציע פון לאָדזשער „הזמיר"

די לעגאַליזאַציע פון לאָדזשער „הזמיר" האָט געדויערט 6 יאָר (פון 1901 ביז 1906).

אַז איך האָב געלייענט דעם אַקט „וועגן גרינדן אין לאָדזש אַ געזעלשאַפט פאַר סצענישער קונסט, מוזיק און געזאַנג אונטערן נאָמען „הזמיר" [1], האָב איך געהאַט אַ געפיל, ווי איך זאָל לייענען די מעשה מיט שלום־עליכמס „טעפּל": ראשית, האָב איך ניט געבאָרגט, והשנית איז עס געווען צעבראָכן והשלישית — האָב איך דיר אים שוין לאַנג אומגעקערט. די רוסישע קאַנצעלאַריע האַנדלט פּונקט אויף אַזאַ אופן: ערשטנס, טויג ניט דער סטאַטוט, מען דאַרף קאָאָרדינירן דעם פּאַראַגראַף מיט דעם אַנדערן, והשנית, קענען דאָך יידן געהערן צו די פּוילישע, אָדער דייטשע געזאַנג־פאַראיינען, והשלישית דאַרף מען בכלל יידן נישט דערלויבן צו אָרגאַניזירן קיין קולטור־געזעלשאַפטן, ווייל . . . זיי זיינע רעוואָלוציאָנערן.

דעם 11טן אויגוסט 1901 שיקט איבער דער פּעטריקאָווער גובערנאַטאָר אונטערן נומער 6323 אַ ביטע וועגן גרינדן אין לאָדזש אַ געזאַנג־פאַראיין אונטערן נאָמען „הזמיר". צוזאַמען מיט דער ביטע ווערט אויך איבערגעשיקט אַ סטאַטוט־פּראָיעקט פון דער געזעלשאַפט. אויף דער ביטע זיינען אונטערגעשריבן 15 מענטשן, דאָס רוב פאַרמעגלעכע (סוחרים פון דער ערשטער און צווייטער גילדע, הויז־באַזיצער, פאַבריקאַנטן און אַ פּאָר דאָקטוירים. אַלס ערשטע דריי פיגורירן: ב. מ. שאַפּיראָ, ד"ר פאַלק און ד"ר גערמאַן ליטווין. ד"ר ליטווין איז גרייט צו געבן 300 רובל, אַ צושטייער אויף די ערשטע הוצאות. דער פּעטריקאָווער גובערנאַטאָר שרייבט־צו פון זיין זייט, אַז ער זעט נישט קיין מניעות צו דערלויבן דידאָזיקע גרופּע צו עפענען אַ געזאַנגפאַראיין, וואו מען זאָל לערנען שפּילן און זינגען אויף רוסיש, דייטש און העברעאיש (מיין קוריסוו — ש. ל.). אַ געניט אויג, דערזעט באַלד, די געזעלשאַפטלעכע איינשטעלונג פון די גרינדער. דריי שפּראַכן זיינען דאָ אויסגערעכנט, ס'פעלן אי יידיש, אי פּויליש. דאָ האָבן מיר צו טאָן מיט אַ געמיש פון אַסימילאַטאָרן מיט אַ טענדענץ פון רוסיפיקאַציע, געפּאָרט מיט רעשטן פון אַלטן משכיליזם. דייטש איז געווען אין דער משכלישער טראַדיציע, און

1) אַרכיוו פון ווג"ג נומער 100.172, ווי אויך נומער 103.113, ערשטע געשעפטספירונג, צווייטער טיש, נומער 265 פון יאָר 1904.

דייטש האָט געשפּילט אַן אָנגעזעענע ראָל אין לאָדזש. עס איז דורכאויס אַ כשרע, עטוואָס ציוניסטיש־באַפאַרבטע געזעלשאַפט.

פונדעסטוועגן, שמעקט עס נישט דעם וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר. צוליב וואָס זיך פאַרדרייען אַ קאָפּ מיט אַ ספּעציעלער יידישער קולטור־געזעלשאַפט, מעג זי האָבן רוסיפיקאַטאָריש־נאַציאָנאַלע צילן. פריער ווערן אָנגעקליבן אינפאָרמאַציעס און יורידישע אויפקלערונגען, כדי נאָך דעם אָנצושרייבן אַ רעזאָלוציע: „אָפּוואַרפן, ווייל יידן קענען אַריינטרעטן, אויב זיי ווילן, אין די עקזיסטירנדיקע געזאַנג־פאַראיינען (געזעלשאַפטן) אין לאָדזש“. די דאַטע אויף דער רעזאָלוציע איז פון 9 נאָוועמבער 1909. אינטערעסאַנט דערביי איז, וואָס דידאָזיקע רעזאָלוציע איז אַוועקגעלייגט געוואָרן אויף דעם באַגלייט־בריוו פון פּעטריקאָווער גובערנאַטאָר, וועלכער שרייבט בפירוש, אַז נישט דער פּוילישער געזאַנג־פאַראיין „לוטניא“ און נישט דער דייטשער „מענער־געזאַנג־פאַראיין“ ווילן קיין יידן נישט אָננעמען. דער וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט על־כן גוט געוואוסט, אַז דאָס איז נאָר אַן אויס־רייד, אַ שיקאַנע, כדי ניט צו דערלאָזן צו קיין יידישן געזאַנג־פאַראיין, אָדער סצענישער קונסט־געזעלשאַפט.

דער פּעטריקאָווער גובערנאַטאָר האָט באַקומען אַן אָנווייזונג צו האַנד־לען אין גייסט פון דעם גענעראַל־גובערנאַטאָרס רעזאָלוציע. די פאַרבינדונגען צווישן די „שתדלנים“ מיטן פּעטריקאָווער גובערנאַטאָר זיינען געווען גענוג־נאָענטע, ווייל דער גובערנאַטאָר שיקט זיי צו דעם אָפּזאָג און זיין מאָטיווירונג.

די איניציאַטאָרן, באַזונדערס ניסן שאַפּיראָ און ד"ר לודוויק פאַלק, ווילן זיך ניט אונטערגעבן. זיי דערלאַנגען אַ רעקורס, דירעקט אויפן נאָמען פון וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר. אין רעקורס שרייבן זיי וועגן די מאָטיוון, וואָס האָט זיי באַוואויגן צו אָרגאַניזירן די געזעלשאַפט און די צילן, וואָס זיי האָבן זיך געשטעלט מיטן גרינדן אָט־דעם פאַראיין, בזה הלשון:

„1) מיר שטרעבן צו געבן אַ מעגלעכקייט די יידישע אַרבעטנדיקע יוגנט, הויפּט־זעכלעך פונעם נישט פאַרמעגלעכן שיכט, אָנגענעם און נוצלעך צו פאַרברייגגען זייער פריי־צייט, זייערע אָפּרו־שעהן, אויספילנדיק געזאַנג און טעאַטער־פאָרשטעלונג און אָפּציען זיי פון גיין אין די ביליקע פאַרוויילונג־ערטער און פלעצער פון אויסגעלאַסנקייט.

„די אָרטיקע מאַכט־אָרגאַנען האָבן איינגעפונען, אַז די פּראָיעקטירטע געזעלשאַפט שטעלט מיט זיך פאָר דעם בעסטן דונער־אָפּוואַר אויף אָפּציען די יוגנעלייט, וואָס ווערן לייכט אַריינגעשלעפּט, צוליב זייער אומדערפאַרנקייט, אין דער שעדלעכער פּאָליטישער פּראָפּאַגאַנדע, פון די פאַלשע לערעס און טאָריעס. און דעריבער, אָנערקענענדיק די גאַנצע לעגאַלקייט פון אונדזערע באַשטרעבונגען און צילן, האָבן זיי (די אָרטיקע מאַכט אָרגאַנען — ש. ל.) פולשטענדיק גוט־געהייסן און באַשטעטיקט דעם סטאַטוטן־פּראָיעקט פון אָט־דער געזעלשאַפט.

„2) יידן איז אוממעגלעך אַריינצוטרעטן אין די עקזיסטירנדיקע געזעלשאַפטן, ווייל ערשטנס דערפאַר, וואָס דידאָזיקע געזעלשאַפטען, הגם אין זייערע סטאַטוטן געפינט זיך נישט קיין פונקט, וועגן באַגרעניצן אָנצונעמען יידן אַלס מיטגלידער, זיינען כמעט פאַר יידן געשלאָסן, אָדער דער אַריינטריט איז פאַר יידן אין דעם העכסטן גראַד באַשווערט, לויט דער איינגעשטעלטער שוין טראַדיציע, אָדער פאַראורטיילן.

„די יידישע יוגנט קומט פון מערב־געגנט, וואו זי איז דערצויגן געוואָרן אויף רוסיש, צוליב וואָס־זשע זאָלן זיי זיך לערנען פוילישע, אָדער דייטשע לידער. דערצו וועלן זיי מוזן דורכמאַכן פאַרשיידענע באַליידיקונגען ביים אָנשטויסן זיך מיט די פאָרשטייער פון פאַרשיידענע פעלקערשאַפטען, וואָס יעדע וויל אים אָנבינדן איר נאַציאָנאַלע קולטור און אירע נאַציאָנאַלע טענדענצן".

די „שתדלנים ווייזן אויך אָן, אַז יידן מאַכן אויס אַ העלפט פון דער לאָדזשער באַפעלקערונג. פון די 4 געזאַנג־פאַראיינען, וואָס עקזיסטירן אין לאָדזש, נעמען צוויי אינגאַנצן קיין יידן נישט אָן, די אַנדערע צוויי דערלויבן אויסנאַם־ווייז יידן, אָבער זיי מאַכן דערביי שיקאַנעס און פאָדערן אַ הויכן מיטגלידס־אָפּצאָל, נישט ווייניקער פון 4 רובל אַ יאָר. „הזמיר" וויל אָבער אַריינציען די ברייטסטע און אָרעמסטע שיכטן פון דער לאָדזשער יידישער באַפעלקערונג, און האָט איינגעשטעלט זייער אַ נידעריקן מיטגלידס־אָפּצאָל. דערפאַר בעטן זיי, אַז דער גענעראַל־גובערנאַטאָר זאָל באַוויליקן און איבער־שיקן זייער השתדלות צום אינערן־מיניסטער אויף באַשטעטיקונג. אַ דער־לויבעניש אויף עפענען אַ געזעלשאַפט האָט געקענט אַרויסגעבן נאָר דער אינערן־מיניסטער. די לאָדזשער האָבן אָנגעהויבן דורכן גובערנאַטאָר, כדי עס זאָל דורכגיין אין אַ שנעלערן טעמפּאָ, ווי בעת די ביטע וואָלט געגאַנגען דירעקט צום אינערן־מיניסטער און פון דאָרט, פון קאַנצעלאַריע צו קאַנצע־לאַריע, ביז אַ תשובה. די אָרטיקע מאַכט איז געווען אוממעגלעך אַרומצוגיין. אַזאַ מעטאָד האָט געפּרואווט באַנוצן, ווי מיר האָבן דאָס געזען, נאַטאַן גאָלובאָוו און איז דורכגעפאַלן, דעם מעטאָד האָט באַנוצט צבי פּרילוצקי און האָט געהאַט דערפאָלג. דאָס איז געווען דער קירצסטער וועג, בפרט נאָך, אַז די לאָדזשער איניציאַטאָרן פון „הזמיר" האָבן געהאַט די שטיצע פון פּעטריקאָווער גובער־נאַטאָר.

עס איז ניט קיין וואונדער, וואָס די מחברים פאַררופן זיך אויף דעם, אַז דער „הזמיר" וועט אָפּציען די יידישע יוגנט פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. דאָס איז געווען דעמאָלט אַ גאַנגבאַרער מעטאָד צווישן די ציוניס־טישע ביטע־שרייבער צו דער רוסישער מאַכט אין פּוילן, ווי מיר האָבן עס געזען אין פאַל פון דער ביטע יאַסינאָווסקי־פּאָדלישעווסקי.

נאָכן באַקומען דעם רעקורס הויבט ווידער אָן די קאַנצעלאַריע פון וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר צו זאַמלען אינפאָרמאַציע. אין דעם בייגע־

ליגטן אינפאָרמאַציע־צושריפט ווערן אויסגערעכנט אַלע סטאַטוטלעכע אומ־פּינקטלעכקייטן אין די פּאַראַגראַפן, עס ווערט אָנגעוויזן אויף דער מיינונג פון פּעטריקאָווער גובערנאַטאָר, אַז ער האָט גאָרנישט קעגן לאָזן עפענען דעם „הזמיר”, אויף דער רעזאָלוציע פון וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר און איר מאָטיווירונג. נאָך דעם אַלעמען שטייט אויפן רעקורס אַ בלייפעדער־רעזאָלוציע פון אייך־און־איינציקן וואָרט „אָפּוואַרפן”. די קאַנצעלאַריע שיקט אַרויס אַ מעלדונג אין לאָדזש, אַז „דער נאַטשאַלניק פון געגנט האָט באַוויליקט לאָזן אייער צווייטע ווענדונג אָן רעזולטאַטן”. מיט דעם ענדיקט זיך דער ערשטער פּעריאָד אין דער פראַגע פון „לעגאַליזירן דעם לאָדזשער הזמיר”.

אין יאָר 1904, עפנט זיך דער ענין „לאָדזשער הזמיר” ווידער אויף. די איניציאַטאָרן פון לאָדזשער „הזמיר” ווענדן זיך שוין איצט מיט אַ ביטע דירעקט צום אינערן־מיניסטעריום. עס קומט אָן אין דער קאַנצעלאַריע פון וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר, אַ בריוו פון אינערן מיניסטעריום פון 17טן נאָוועמבער 104, נומער 12.863. איבערשיקנדיק די ביטע וועגן באַ־שטעטיקן דעם סטאַטוט פאַרן „הזמיר” אין לאָדזש, בעט דאָס אינערן מיניס־טעריום, אַז דער ווג"ג זאָל זיך אַרויסזאָגן און צושיקן זיין „קאָנקלוזיע”.

דער מיניסטאָרן בריוו צוזאַמען מיט דער ביטע ווערט איבערגעשיקט צום פּעטריקאָווער גובערנאַטאָר, ער זאָל זיך אַרויסזאָגן וועגן דעם ענין.

אָבער אין דער קאַנצעלאַריע פון פּעטריקאָווער גובערנאַטאָר איז דער ענין באַגראָבן געוואָרן, געבליבן ליגן, ווי אַ שטיין. דעם 19 מערץ 1905, אונטער דעם נומער 5649 דערמאָנט וועגן ענין די קאַנצעלאַריע פון וואַרשעווער גע־נעראַל־גובערנאַטאָר דעם פּעטריקאָווער גובערנאַטאָר און בעט אים צואיילן זיך מיט אַן ענטפער. אָבער אָן דערפאָלג. דעם 27 יולי 1905 (נומער 15.954) ווערט די דערמאָנונג איבערגעחזרט, אָבער אָן רעזולטאַט. דעם 20טן דע־צעמבער 1905 (נומער 20.039) קומט שוין אָן אַן אָנפראַגע פון אינערן־מיניס־טעריום, וואָס איז געוואָרן מיט דער ביטע. דעמאָלט שיקט אַרויס דער גע־נעראַל־גובערנאַטאָר דעם 8טן יאַנואַר 1906 (נומער 331) אַן אויפפאָדערונג „צו געבען וויטערדיקן גאַנג” דעם ענין און צושיקן די ביטע צוזאַמען מיט דער מיינונג פון פּעטריקאָווער גובערנאַטאָר.

ערשט איצט דערוויסן מיר זיך, אַז בסך־הכל האָט דעם ענין באַגראָבן דער לאָדזשער פּאָליצמייסטער. וואָס דאַרף ער אַרויסזאָגן זיין מיינונג, און די העכערע מאַכט זאָל האָבן אַ מעגלעכקייט, זיך מיט זיין מיינונג יאָ רעכענען אָדער נישט רעכענען. ער האָט פאַרבאַהאַלטן דעם ענין אין זיין שרייב־טיש און, ממילא, וועט עס זיך פון אָרט נישט רירן . . .

מעלדעט טאַקע דער פּעטריקאָווער גובערנאַטאָר אין זיין בריוו פון 14טן יאַנואַר 1906, אונטערן נומער 331, אַז ער האָט געבעטן אויסקונפטן ביים לאָדזשער פּאָליצמייסטער און יענער האָט נאָך אַלץ אויף דער ווענדונג נישט געענטפערט. דער גובערנאַטאָר האָט שוין אָבער דאָס מאָל שטאַרק אָנגע־דריקט אויפן קנעפּל, געשיקט אַזש אַ טעלעגראַפישע אויפפאָדערונג צום פּאָ־ליצמייסטער פון לאָדזש, אַרויסצוזאָגן זיך וועגן דעם ענין און דער גובערנאַ־טאָר דריקט אויס זיין האָפענונג, אַז ער וועט אינגיכן קענען געבן אַ תשובה. עס האָט דערשמעקט מיט אַ פּאַפּירל פון אינערן־מיניסטעריום, האָט זיך עס אַ באַוועג געטאָן אין דער גובערניאַלער קאַנצעלאַריע.

און ווירקלעך, דעם 4טן פעבורואַר 1906 אונטערן נומער 946, קומט צוריק די ביטע, דער סטאַטוט און אַ באַגלייט בריוו פון פּעטריקאָווער גובער־נאַטאָר. און דאָ הויבט זיך אָן די מעשה מיטן טעפּל. ראשית, זאָגן די „שתדלנים", אַז זיי האָבן זייער סטאַטוט געבויט לויטן מוסטער פון אַ סטאַטוט פון אַ געזאַנג געזעלשאַפט, וואָס עקזיסטירט אין לאָדזש. אָבער דאָס אינערן־מיניסטעריום האָט נישט געפונען פאַר נויטיק, יענעם סטאַטוט איבערצושיקן. על־כן איז שווער צו ענטפערן אויף דער פראַגע, צי די צוויי סטאַטוטן שטימען. והשנית, זעט דער און דער פּאַראַגראַף פאַר אַזוינס וואָס עס איז נישטאָ אין דעם אָדער יענעם פּאַראַגראַף, על־כן דאַרף מען זיי ביידן ברענגען אין הסכם. קען מען דאָך מיינען, אַז באַם די ביידע מניעות וועלן באַזייטיקט ווערן, וועט אַלץ זיין כשר וישר און דער סטאַטוט וועט באַשטעטיקט ווערן, — הויבט עס זיך אפילו נישט אָן. ערשט נאָך גרויסער חקירה ודרישה, גייט דער גובער־נאַטאָר אַרויס מיט אַזאַ מין והשלישית, וואָס מאַכט צו נישט די ערשטע צוויי:

„וועגן דער פראַגע, אויף וויפל די דערוועקטע השתדלות דאַרף בכלל (אונטערגע־שטראָכן אין טעקסט), באַפרידיקט ווערן, האָט זיך דער פּאָליצמייסטער פון דער שטאָט לאָדזש אַרויסגעזאָגט, אַז אין די אינטערעסן (אינעם בריוו שטייט אפילו געשריבן „וו'דע־לאַך", וואָס דאָס וואָלט הייסן אין די ענינים, כ'מיין עס איז אַ גרייז, און מען דאַרף עס לייענען „וו'צעליאַך" — אין די אינטערעסן — ש. ל.) פון געזעלשאַפטלעכער רו איז דאָס אַנטשטיין פון יעדער מין געזעלשאַפט מיט אַ נאַציאָנאַליסטישער שאַטירונג, בפרט נאָך אַ יידישער, שטאַרק ניט געוואונטשן. און ווי אַ באַשטעטיקונג צו זיין מיינונג, פאַררופט זיך דער פּאָליצמייסטער אויף דער באַדייטנדיקער ראָל, וואָס דאָס יידנטום האָט אָפּגעשפּילט אין אָרגאַניזירן די איצטיקע רעוואָלוציע און אין איר אַנטוויקלונג. אויסער דעם, לויט דער מיינונג פון פּאָליצמייסטער פון דער שטאָט לאָדזש, וועקט ניט קיין צוטרוי די עצם־פּראָיעקטירטע געזעלשאַפט, לויטן צוזאַמענשטעל פון אירע גרינדער, ווייל אין דער שפּיץ פון דער געזעלשאַפט שטייט ניסן שאַפּיראָ, אַן איבערצייגטער און פאַנאַטישער ציוניסט.

„טיילנדיק פולשטענדיק די מיינונג פון פּאָליצמייסטער פון דער שטאָט לאָדזש אין באַצוג צו דער נישט־געוואונטשנקייט פון געבוירן ווערן אין דער שטאָט לאָדזש פון אַ יידישן געזאַנג־פאַראיין „הזמיר", וואָלט איך, פון מיין זייט, געהאַלטן, אַז מען דאַרף

אָנערקענען די השתדלות, די דערוועקטע אין דעם ענין, אַלס אַזאַ, וואָס פאַרדינט אָפּגעוואָרפן צו ווערן״.

אַזוי האָט די ביטע געוואַנדערט צוויי יאָר און איז געשטאַנען אויפן וועג, ממש אויפן ראַנד פון פאַרבאָט. און איצט גראָד צוליב דער מיינונג פון פעטריקאָווער גובערנאַטאָר, וואָס מיט אַ פינף יאָר פריער איז ער געווען פאַר דערלויבן דעם „הזמיר״ צו לעבן. אָבער פאַר די עטלעכע יאָר איז עפּעס פאַרגעקומען אין רוסלאַנד. עס איז געווען נאָך דער רעוואָלוציע פון די יאָרן 1903—1906. אמת, די רעוואָלוציע איז שוין געווען באַזיגט. די רעאַקציע האָט שוין אָנגעהויבן צו בושעווען. אָבער רעשטן זיינען נאָך געבליבן. צו די פרייהייטס־רעשטן האָט געהערט דער נאָמענטלעכער אוקאַז „וועגן ציטווייליקע כללים פאַר געזעלשאַפטן און פאַראיינען״, לויט וועלכן זייער לעגאַלע עקזיסטענץ ווערט דערמעגלעכט. אַזוי אַז דעם 10טן אַפּריל 1906, נומער 7063, ווערט אַוועקגעשיקט אַ בריוו צום פעטריקאָווער גובערנאַטאָר, ער זאָל דעמדאַזיקן נאָמענטלעכן אוקאַז פון 4טן מערץ 1906 אָנווענדן אין באַצוג צום „הזמיר״. און אויפן גרונט פון אָט־די פרייהייט־רעשטלאָך איז דער לאָדזשער „הזמיר״ לעגאַליזירט געוואָרן.

אין דער געשיכטע פון דער לעגאַליזאַציע פון לאָדזשער „הזמיר״ באַקומען מיר אַ פּאַראַדאָקסאַלע דערשיינונג: די אָרגאַניזאַטאָרן האָבן געוואָלט פאַרדינען רעכט אויף עקזיסטענץ, ווי אַ קעגן־כוח צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד, באַקומען האָבן זיי זייער לעגאַליזאַציע גראָד אַ דאַנק דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און די קליינע דערגרייכונגען פון דער ערשטער פאַרשפּילטער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד.

פאַרן דערנער־וועג פון יידישע קולטור־אינסטיטוציעס אין רוסלאַנד איז די געשיכטע פון אַ כשרן, ווייט־נישט קיין פּראָגרעסיוון יידישן קולטור־פאַראיין, ריכטיקער אַ געזאַנג־פאַראיין, ביז־גאָר באַלערנדיק. פולשטענדיקער אָבסקוראַנטיזם — דאָס איז געווען דער רוסישער צאַרישער אַדמיניסטראַציע־מעטאָד אין באַצוג צו די יידישע מאַסן.

זעקס יאָר האָט די צאַרישע אַדמיניסטראַציע אין פוילן נישט געוואָלט לעגאַליזירן אַ יידישן געזאַנג־פאַראיין. מיט פאַרשיידענע תירוצים איז דערגרייכט געוואָרן דער זעלביקער ציל: פאַרפינצטערונג פון די יידישע מאַסן. ערשט די רעוואָלוציע פון 1903—1906 האָט דאָ דורכגעזעצט אַ שפּאַלט, אַ שמאָלע שפּאַרע, דורך וואַנען דער לאָדזשער „הזמיר״ האָט זיך אַדורכגעשטופּט נאָך זעקס יאָר „השתדלותן״.

ביבליאָגראַפיע:

אַרכיוו פון וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר פאַר די יאָרן 1897—1903.
געפינט זיך אין „אַרכיוואום אַקט דאַוניך״, וואַרשע, יעזואיצקא 1.

אחד־העם — „על פרשת דרכים״ הוצאת „יודישער פערלאַג״ (הוצאה חדשה), בערלין, תרפ״א.
„אגרות אחד־העם״, תל־אביב, א״י, תרפ״ו.

„אמת וצדק״ — לייט־אַרטיקל, „המליץ״ נומער 8, 10 יאַנואַר 1897.

ש. (ס.) אַגורסקי — „די סאָציאַליסטישע ליטעראַטור אויף יידיש״ (1875—1897), פאַרלאַג פון דער ווייסרוסישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע, מינסק 1935.

נ. בוכבינדער — „געשיכטע פון דער ידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד״, ידיש ד. רויכל, פאַרלאַג „טאָמאַר״, ווילנע 1931.

אָטטאָ בויער — „די נאַציאָנאַליטעטן־פראַגע און די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע״, מאַרקס שטודיען צווייטער באַנד, וויען 1924, צווייטע אויפלאַגע (דייטש).

וו. א. געסען — „יידן אין רוסלאַנד״, פעטערבורג, 1906 (רוסיש).

הענריק גראָסמאַן — „דער פראָלעטאַריאַט און די יידן־פראַגע״, קראַקאָוו, 1905 (פויליש).

שאול גינצבורג — „היסטאָרישע ווערק״, ניו־יאָרק, תרצ״ז.

ש. דובנאָוו —„די נייעסטע געשיכטע פון יידישן פאָלק״, פאַרלאַג „קולטור־ליגע״, וואַרשע 1930.

ש. דובנאָוו — „פראָצעסן פון הומאַניזאַציע און נאַציאָנאַליזאַציע אין דער נייעסטער געשיכטע פון יידן״, „יעוורעיסקי מיר״, 1909.

ס. דובנאָוו־ערליך — „בערשטער בונד״ און „גאַרבער־בונד״, וואַרשע 1937.
העברעאישע טאָג־פרעסע, ווי „הצפירה״, „המליץ״, ווי אויך די פעריאָדישע אויסגאַבעס, ווי „השלח״, „האסיף״ אד״ג.

טעאָדאָר הערצל — „ציוניסטישע שריפטן״, „יודישער פאַרלאַג״, בערלין 1904 (דייטש).

ד״ר חיים דוב הורוויץ — „שאלת הכלכלה ומקומה בתנועתנו הלאומית״, „השלח״, כרך ט׳, חוב׳ א׳, יאַנואַר 1902.

„הכנסיה הגדולה במינסק", — „הצפירה" פון 1902.

ש. טשרנוביץ — „עם שחר", הוצאת „המדפיס", ירושלים, תרפ"ז.

לעגאַלע און אומלעגאַלע בונדישע פּרעסע, ד. ה. דערשינענע אין אויסלאַנד אָדער אין רוסלאַנד גופא, ווי „דער יידישער אַרבעטער", „אַרבע־טער־שטימע", „וועקער" אד"ג פאַר די יאָרן 1897—1903.

א. ליטוואַק — „זשאַרגאָנאָווע קאָמיטעטן" אין „וואָס געווען",ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין, ווילנע, 1925.

ליטאי — „יידן און יידישקייט אין ליטע", „השלח", כרך ב', 1897.

אבא לעוו — „זכרונות", אין „סאָציאַליסטישע ליטעראַטור אויף יידיש".

יעקב לעשטשינסקי — „דאָס יידישע פאָלק אין ציפערן", כלל־פאַרלאַג, בערלין 1922.

יעקב לעשטשינסקי — „די אַנטוויקלונג פון יידישן פאָלק פאַר די לעצטע 100 יאָר", אין „שריפטן פאַר עקאָנאָמיק און סטאַטיסטיק", בערלין 1928.

ל. מאַרטאָוו־צעדערבוים — „דער ווענדע־פונקט אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג", „אַרבעטער לוח", פאַרלאַג „די וועלט", וואַרשע, 1922.

ל. מאַרטאָוו — „זכרונות פון אַ סאָציאַל דעמאָקראַט", פאַרלאַג „וואָסטאָק", בערלין 1923.

ל. מאַרטאָוו — „אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע און די אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד פון 1893 ביז 1903", אין גראַנאַטס „גע־שיכטע פון רוסלאַנד אין נײַנצטן יאָרהונדערט", סט. פּעטערבורג, (יאָר ניט אָנגעגעבן).

„מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פון פוילן", אונטער דער רעדאַקציע פון קראַסני, ערשטער באַנד, פעלקער־פאַרלאַג, מאָסקווע 1927, (פויליש).

וו. מעדעם — „זכרונות און אַרטיקלען", פאַרלאַג „יידיש", וואַרשע, 1917.

וו. מעדעם — „די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און די נאַציאָנאַלע פראַגע" (רוסיש), סט. פּעטערבורג, 1906, (יידיש), האלמנה והאחים ראָם, ווילנע 1906.

וולאַדימיר מעדעם — „פון מיין לעבן", אַרויסגעגעבן פון וולאַדימיר מעדעם קאָמיטע, ניו־יאָרק 1923.

מ. אי. מיש — „האַנטבוך פאַר דער רוסישער געזעצגעבונג וועגן יידן‟, סט. פעטערבורג 1890 (רוסיש).

ב. מיכאַלעוויטש — „געהיימע דרוקערייען‟, אַרבעטער לוח, 1922.

„מאַטעריאַלן זאַמלונג פון דער עקאָנאָמישער לאַגע פון יידן אין רוסלאַנד‟, אויסגאַבע פון ייק"א, סט. פעטערבורג, 1904 (רוסיש).

דזשאָן מילל — „די געבורט פון בונד‟, „נייע פאָלקסצייטונג‟ יובל־נומער צו 40 יאָר בונד, וואַרשע 1937.

ד"ר ב. ניימאַרק — „הציונות והעם‟, „השלח‟, כרך ה׳, חוב׳ ב׳, 1899.

ד"ר ב. ניימארק — „הציונות החדשה‟, „השלח‟, כרך ט׳, חוב׳ ב׳.

ניר (ד"ר ראַפאַלקעס) — „צו דער אָפּשטאַמונג פון פועלי־ציון‟, אַרבעטער פנקס, פאַרלאַג „נייע קולטור‟, וואַרשע 1927.

ד"ר ל. סאָלאָווייטשיק — „אַ פאַרגעסענער, אַ ניט־פאַרשטאַנענער פּראָלע־טעריאַט‟ („ען פּראָלעטאַריאַ מעקאָני‟), אַ פאָרשונג וועגן דער עקאָ־נאָמישער און סאָציאַלער לאַגע פון די יידישע אַרבעטער, (פראַנצויזיש), פאַרלאַג ה. לאַמאַרטין, ברוסעל, 1898.

נחום סאָקאָלאָוו — „די פּראָגראַם פון דער יידישער נאַציאָנאַלער קולטור און ציוניזם‟, וואַרשע 1901 (רוסיש).

נחום סאָקאָלאָוו — „למרנן ורבנן‟, ספר כולל שיטה מסודרת וברורה על־דבר עבודת האומה והציונות השלימה, הוצאת „בני ציון‟, וואַרשע 1901.

שאַרל סעניאָבאָס — „געשיכטע פון דער דריטער רעפּובליק‟ אין לאַוויס׳ אויסגאַבע „געשיכטע פון פראַנקרייך‟ (פראַנצויזיש).

ערשטער מאי 1892‟ („פיר רעדעס פון יידישע אַרבעטער‟), דרוק. סאָציאַל־דעמאָקראַטישע ביבליאָטעק, 1893, ייד. איבערזעצונג פון ש. (ס) אַגורסקי, „סאָצ. ליטעראַטור אויף יידיש‟, מינסק 1935.

„ערב דער דערוואַכונג‟, זאַמלבוך, פעטערבורג 1906 (רוסיש).

ב. פרומקין — „עטיודן צו דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג (1885—1897)‟, אין „יעוו. סטארינא‟, באַנד 4, 1913.

ב. נ. פרומקין — „אַנטוויקלונג פון דער פאַבריק־אינדוסטריע אין רוסלאַנד‟, אין „מאַטעריאַלן זאַמלונג וועגן דער עקאָנאָמישער לאַגע פון יידן אין רוסלאַנד‟, באַנד 2, סט. פעטערבורג, 1904.

לעוו פינסקער — „אויטאָעמאַנסיפּאַציע“, אַ רוף פון אַ רוסישן יידן צו זיינע מיטיידן, איבערזעצט געסען, פּעטערבורג 1898 (רוסיש). פאַראַן כמעט אין אַלע אייראָפּעאישע שפּראַכן, איך גלויב, אַז די לעצטע אויסגאַבע איז פון דער „הוצאת אמנות“, תל־אביב תרצ״ה, אונטער קעפּל „יהודה ליב פינסקר — אוטואמנציפציה“.

פּאָליאַנסקי — „צו דער יידן־פראַגע אין פּוילן“, מאָסקווע 1915.

ש. י. ציטראָן — „תולדות חבת ציון“, הוצאת ועד חובבי ציון באודיסה, אָדעס, דפוס „מוריה“, תרע״ד.

ד״ר י. קלויזנער — „וועגן זשאַרגאָן“ „השלח“, באַנד 11, העפט 4, 1903.

י. קלויזנער — „גייסטיקער ציוניזם“, פּעטערבורג 1900 (רוסיש).

צמח קאַפּלזאָן־טימאָפעי — „די ערשטע שפּראַצונגען“, אַרב. לוח, 1922.

אַרקאַדי קרעמער — „די גרינדונג פון בונד“, אַרבעטער לוח, 1922.

מ. קולישער, — „רוסישע געזעצגעבונג וועגן יידן, אין פאַרבינדונג מיט אויפמאַנען שטייערן און אויספילן פליכטן“, „יעוו. סטאַרינאַ“, 1910.

א. קירזשניץ — „דער אידישער אַרבעטער“ (כרעסטאָמאַטיע צו דער געשיכטע פון דער אידישער אַרבעטער, רעוואָלוציאָנערער און סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין רוסלאַנד), אונטער דער רעדאַקציע פון מ. ראַפעס, פאַרלאַג „שול און בוך“, מאָסקווע, 1927 (3 בענדער).

רוסיש־יידישע פּעריאָדישע אויסגאַבן, ווי „וואָסכאָד“, „יעוו. מיר“ „יעוו. סטאַרינאַ“ אד״ג.

מ. ב. ראַטנער — „פּראָיעקטן פאַר דער יידישער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע“, „יעוו. מיר“, יאַנואַר 1909.

מ. ראַפעס — קאַפּיטלען געשיכטע פון בונד“, קאָאָפּעראַטיווער פאַרלאַג קולטור־ליגע, קיעוו 1929.

מ. ראַפעס — „עטיודן צו דער געשיכטע פון בונד“, „מאָסקווער אַרבעטער“, מאָסקווע 1923.

ד״ר א. רופין — „המבנה הסוציאלי של היהודים“, הוצאת י. שטיבל, תל־אביב, תרצ״א.

ד״ר אַרטור רופּין — „די יידן פון דער קעגנוואַרט“, בערלין 1904 (דייטש).

מ. מ. ראָזענבאַום — „ערינערונגען פון אַ סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער“, ד״ר ח. זשיטלאָווסקי־פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1921.

י. ח. רבניצקי — „חבת ציון וציונות“, „השלח“, כרך ג׳, חוברת ב׳.

רודאָלף שפּרינגער (קאַרל רענער) — „דער קאַמף פון די עסטרייכישע נאַציאָנאַליטעטן פאַר דער מלוכה־מאַכט“, וויען 1902 (דייטש).